ש. ראזענפעלד

אידישע געשיכטע

ערשטער טייל

אידישע געשיכטע
אין מאָנאָגראַפיעס

ערשטער טייל

ש. ראָזענפעלד

אידישע געשיכטע

(אין מאָנאָגראַפיעס)

ערשטער טייל

ארויסגעגעבן פון
„טאָג", ניו יאָרק.
1927

Copyright, 1927

by

S. ROSENFELD

פינסקי־מזל פרעס, אינק.

84 בויערי, ניו יארק

אינהאַלט:

	זייט
דער אָנהויב	11
שאול המלך	20
דוד המלך	31
שלמה המלך	42
רחבעם	50
עקזיסטענץ און אונטערגאַנג פון מלכות ישראל	58
נבואה און נביאים	68
אליהו הנביא	76
סוף פון מלכות יהודה — חורבן בית המקדש	86
ירמיהו הנביא	96
עזרא און נחמיה	106
די חשמונאים	117
פאַרטייען בעת'ן צווייטן בית המקדש:	
א) די פרושים	127
ב) די צדוקים	136
ג) די איסיים	145
די סנהדרין	155
הלל, שמאי און זייערע תלמידים	165
דער מלך הורדוס	175
יעזוס קריסטוס	188
חורבן פון צווייטן בית המקדש	199
בר־כוכבא	213
רבי יהודא הנשיא	223

אַנהויב פון אידישן גלות 232
בבל — ס׳צווייטע אידישע פּאַטערלאַנד 242
די קאַראַאימען 252
רבי סעדיה גאון 261
עמנואל הרומי 272
אידן אין שפּאַניען 282
רבי יהודא הלוי 293

הקדמה

דאָס איז ניט די אידישע געשיכטע, אויסגענומען און אויסגעשעפּט אינגאַנצן. נאָר א י ד י ש ע ג ע ־ ש י כ ט ע איז דאָס. איינציגע, באַזונדערע קאַפּיטלאַך פון דער אידישער געשיכטע. יעדער קאַפּיטל אן אָבגעשלאָ־ סענע זאַך — הגם בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן. אָן דער שווערער משא פון בפּרטרט'דיגע פאַקטן און אָן בפּרטרט'דיגע דאַטן. קאַפּיטל צו קאַפּיטל איז ניט איינג צוגעבונדן; פאַראַן צווישן זיי פלאַץ פאַר גאַנצע קאַפּיטלאַך, וואָס זענען נ י ט געשריבן געוואָרן. נאָר געאָרדנט זענען זיי אַזוי, אַז פריער און שפּעטער זאָל ניט פאַרביטן ווערן.

דאָס אייגענע איז מיט די כאַראַקטעריסטיקעס פון די היסטאָרישע פּערזענלאכקייטן, וואָס קומען דאָ. ווייט ניט אַלע אַזוינע פּערזענלאכקייטן זענען דאָ כאַראַקטעריזירט. ניט אַלע, וואָס פון זיי א י ז דאָ די רייד, זענען תמיד געניגענד און אַלזייטיג געשילדערט. דער פלאַץ — די ט אָ ג־צייטונג, וואו זיי זיינען צוערשט געדרוקט געוועזן — און די פאָרם — א צ י י ט ו נ ג ס ־ אַ ר ט י ק ל, ווי זיי זענען לכתחילה גע־ שריבן געוואָרן — האָבן אָפּט געבראַכט דערצו.

און בנוגע דער אָרדנונג: נאָך יעדער אַרטיקל, וואָס באַ־ האַנדלט די געשיכטע פון אידן אין אַ באַשטימטן לאַנד, קומט די כאַראַקטעריסטיק פון אַ באַרימטער פּערזענלאכקייט, — אָדער באַרימטע פּערזענלאכקייטן, — וואָס זענען אויסגעַ־ וואקסן אין די דאָזיקע לענדער. אַזוי, למשל, נאָך דער געשיכטע פון די אידן אין דער געוועזענער רוימישער מלוכה, קומט די

כאראקטעריסטיק פונ'ם בארימטן אידישן דיכטער: „עמנואל הרומי", הגם ער איז ניט פארבונדן מיט דער אלטער רוימי־שער מ ל ו כ ה, נאר מיט דער שטאט רוים אין מיטל־אלטער; נאך דער געשיכטע פון די אידן אין ענגלאנד — די כאראקטעריסטיק פון משה מאנטיפיארע א. ד. ג. דערפאר קומט עס, אז נאך אזא ארטיקל, וואס איז פארבונדן מיט א באשטימטן לאנד, קומט אן ארטיקל וועגן א צווייטער פערזאן, וואס האט אין אן אנדער לאנד געלעבט און געווירקט פארן ערשטן.

פון אָנהויב
ביז'ן רמב"ם

דער אָנהויב

קיין פאָלק איז ניט אימשטאַנד אָנצוגעבן קיין גענויע פאַקטן און דאַטן בנוגע זיין אויפקומען און זיינע ערשטע טריט. דער אָנהויב פון פעלקער געהערט צו יענעם אורעלטן „גרויען פאַר־באַגינען“ פון דער געשיכטע, ווען מען קאָן נאָך ניט אונטער־שיידן קיין ווירקלאַכקייט פון פאַנטאַזיע־בילדער. צו יענע צייטן געהערט אויך דער אָנהויב און דאָס ערשטע אויפקומען פון אידישן פאָלק.

אין יענעם נעבעלדיגן, פאַר־היסטאָרישן מאָרגן, איז פון די טיפענישן פון די ווייטע אַראַבישע סטעפּעס אַרויסגעטראָטן אַ גרופּע איינהייטלאַכע סעמעטישע שבטים. אַלע זיינען זיי געווען ענלאַך צו אַנאַנדער. אַלע האָבן זיי געהאַט איין און דעמזעלבן קערפּער־געשטאַלט, איין און דיזעלבע שפּראַך, איינע און דיזעלבע זיטן און שטייגער לעבן. נאָר די נעמען זייערע: עמון, מואב, אדום, י ש ר א ל — האָבן זיי אָפּגעשיידט איינע פון די אַנדערע.

און אַרויסגעקומען זיינען זיי מיט זייערע הערדן, שאָף און ציגן, און האָבן זיך באַזעצט אויף דער סיני האַלב־אינזל, אין דרום־ווינקל פון דער מזרח־זייט פון טייך ירדן — אַ געגנד, וואָס איז ווילד און גאָר ווייניג פּרוכטבאַר. און דאָ האָבן זיי אומגעוואַנדערט צו זוכן גינסטיגע פּאַשע־פּלעצער פאַר זייער פיך. האָבן זיי אַזאַ פּונקט געפונען, האָבן זיי דאָ אויפגעשטעלט זייערע פּאַלאַטקעס, ס׳רוב אונטער אַ פּאַלמען־בוים, ביים ברעג פון אַ לויפענדיגן וואַסער, און אויף דעם פּלאַץ געבליבן לעבן אַ לענגערע צייט. אַמאָל אויך לאַנגע יאָרן — ווי־לאַנג ס׳האָט געקלעקט גראָז און וואַסער פאַר די הערדן. איז דער פּונקט געווען שוין אַרומגעגעסן, און האָט שוין מער קיין פיטער ניט געגעבן, אָדער דאָס וואַסער איז אויסגע־טריקנט — האָט מען זיך אויפגעהויבן מיט ווייבער און קינדער, מיט שאָף און רינדער און געגאַנגען זוכן אַן אַנדער פּלאַץ.

זענען אָבער אין דער געגנט ניט געווען נענוג פּרוכטבאַרע פּלעצער (אַ אַז ן הייסן זיי), וואָס זאָלן קלעקן פאַר אַלעמען. האָט עס אָפט געמוזט קומען צו סכסוכים צווישן די דאָזיגע וואַנדער־שבטים, פאַר אַ שטיקל פּאַשע באָדן, פאַר אַ זיכערן וואַסער־קוואַל. דערפאַר האָט זיך דער שבטים־קנויל ביסלאַכווייז אָנגעהויבן פאַנאַנ־דערצוואָוויקלען — טיילן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּשיידן פון דער גרופּע און אַוועקוואַנדערן אין פאַרשיידענע זייטן, וואו זיי האָבן געהאָפט ניט צו באַגעגענען קיין שטאַרקע פרעטענדענטן אויף גראָז און וואַסער. דערפאַר האָבן עס אַנדערע געפּרואווט אַריבערצו־וואַנדערן פון דרום קיין צפון פון דער געגנט אָדער פון מזרח זייט פון ירדן אויף זיין מערב־זייט, קיין פּאַלעסטינע — וואו דער באָדן איז געווען רייכער, פעטער. די, וואָס האָבן געלעבט אין מערב־זייט פון ירדן, פלעגן רופן יענע, פון מזרח־זייט מיט׳ן נאָמען ע ב ר י ם, וואָס איז דער טייטש „יענזייטיגע". דער דאָזיגער נאָמען איז חל געווען אויף א ל ע שבטים פון דער גרופּע, און אויך אויף זייערע פאַרוואַנדטע: די ישמעאלים, מדינים, עמלקים — וואָס האָבן אויך דורות אויף אומגעוואַנדערט אין דער געגנט צווישן אַראַביע און פּאַלעסטינע.

און אָן ערך אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר, פאַר דער קריסטלאַכער צייט־רעכנונג, אין אַ צייט פון טרוקעניש, הונגער און אַ געדראַנג פון אַנדערע וואַנדערנדיגע שבטים, האָבן גרויסע טיילן פון די ע ב ר י ם, דערהויפּט פון שטאַם ישראל, אַוועקגעוואָרפן זייערע איינגעזעסענע פּלעצער, און אין מזרח פון ירדן געוואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ, ביז זיי זיינען געקומען קיין ג ו ש ן — עגפּט־מצרימשער באָדן. ער הייסט עגפּט־מצרימשער — ווייל דעמאָלט האָבן די מצרים געהאַט די אויבערהערשאַפט אויך איבער די לענדער, וואָס אַרום ירדן. דאָס, וואָס סעמיטישע וואַנדער־שטאַמען („נאָ־מאַדן" הייסן אַזוינע), זענען אַריינגעקומען אין זייער פרוכטבאַרן לאַנד, האָט די מצריים ניט איבעראַשט. ניט איינמאָל האָט שוין אַזוינס געטראָפן. די מצרימשע רעגירונג איז אפילו צופרידן געווען דערמיט, וואָס גרויסע סעמיטישע שטאַמען ווענדן זיך צו איר, צום

„מוטערלאַנד“, ווען עס ווערט זיי ענג באַ זיך אין דער היים. און בפרט ווען זיי קומען מיט פרידלאַכע כוונות — זיך צו פאַרנעמען מיט פרוכטבאַרע אַרבעט.

די עברים, פון וועלכע ס'האָט זיך נאָכדעם אויס־געבילדעט דאָס פאָלק ישראל, זענען געבליבן אין גשן דאָס, וואָס זיי זענען געווען: הירטן פון שאָף און רינדער. און אַ גוטע צייט האָבן זיי דאָ פאַרבראַכט. מיט פיטער פאַר הערדן זענען זיי געווען פאַרזאָרגט — דאָס לאַנד איז זייער פרוכטבאַר געווען. פון די מצריים, וואָס זענען שוין דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ הויכער קולטור־שטופע, האָבן זיי פיל געלערנט. עס האָבן זיך צווישן זיי גופא, דערהויפּט אין גרויסן שטאַם ישראל, אויסגעבילדעט געלערנטע, וואָס האָבן זייער ויסן פאַרשפּרייט צווישן די עברים בכלל און צווישן דעם שטאַם ישראל בפרט. אָבער דער גליקלאַכער צושטאַנד דויערט נאָר אַזוי לאַנג, ווילאַנג די מצרים זענען געווען פאַרנומען מיט מלחמות אין סיריע און פּאַלעסטינע. דערהויפּט — מיט די חתים. אָבער נאָכ־דעם ווי די גרויסע מלחמה מיט די חתים האָט זיך אויסגעלאָזט בלויז מיט אַ פרידנס־אָפּמאַך, אָבער ניט מיט קיין פולשטענדיגן נצחון איבער'ן שונא, און מ'האָט געדאַרפט מורא האָבן פאַר נייע מלחמות; נאָכדעם ווי אין די מלחמות איז די מצרים אויסגעקומען צו טרעפן צווישן די שונאים אויך פריינט און פאַרוואַנדטע פון די עברים, וואָס אין גושן, — איז קומענדיג צוריק, האָבן די מצרים אָנגעהויבן צו „רעגולירן די פרעמדען־פראַגן“. מ'איז פאַראינטערעסירט דאַרין, אויסצוראָטן די אייגנאַרטיקייט פון די עברים, זיי מאַכן פאַרגעסן זייערע טראַדיציעס, שפּראַך און אָפּגעזונדערטקייט פון דער איבע־ריגער באַפעלקערונג. דאָס גלויבט מען צו קאָנען דערגרייכן דורכ־דעם, וואָס מ'וועט אויף זיי אַרויפלייגן שווערן דינסט־שטייער. און אַזוי געשעעט עס. זענען אָבער די עברים — די פרייע קינדער פון דער מדבר, וואָס קאָנען ניט קיין יאָך און טראָגן ניט אַריבער קיין שקלאַפעריי. אומצופרידן זענען זיי מיט די שווערע לאַסטן, וואָס מ'לייגט אויף זיי אַרויף. זיי האַלטן עס פאַר אַ באַליידיגונג און פאַר אומדערטרעגלאַך צו קנעטן ליים, מאַכן ציגל און בויען פּאַלאַצן

פאַר וועלכע עס איז בעלי־בתים. עס ווערט באַ זיי געבוירן דער דראַנג צו באַפרייאונג. אין גרעסטן שבט, אין ישראל — אַם שטאַרקסטן. ווען „דער נייער רעזשים“, די מיאוס׳ע קנעכט־שאַפט איז פאַרהאַסט, דער שטייט־צו צו דער „פרייהייטס־באַוועגונג“, פאַרבינדט זיך מיט אירע אָנפירער, מיט ישראל, ווי מיר וואָלטן איצט זאָגן: מיט אידן. און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער ווערט באַ זיי דאָס שטרעבן זיך אַרויסצורייסן פון דער קנעכטשאַפט און זיך אומקערן צוריק צו זייערע פרייע ברידער, און די פרייע סטעפּעס, און צו זייער גאָט וואָס לעבט און הערשט אויפ׳ן באַרג סיני. די באַוועגונג באַקומט אַ באַגייסטערטן פירער: משה. ער שטייט שוין פון פריער אָן אין פאַרבינדונג מיט יענע פרייע ברידער. ער פאַרקערט מיט די מדינים, לערנט פון זיי ווי מאַסן צו אָרגאַניזירן און ער זוכט זייער פריינטשאַפט.

און ווילן ניט די מצרים זיי אַרויסלאָזן מיט גוטן, וואַרט מען אָפּ אַ גינסטיגן מאָמענט. און וואַרטנדיג — שמעלצט מען צונויף אַלץ פעסטער אַלע יענע באַליידיגטע און אומצופרידענע וואָס ליגן אונטער׳ן פּרעס פון אונטערדריקער. און דער מאָמענט איז געקומען. אין לאַנד ברעכן אויס קראַנקייטן. זיי ברענגען צו אויפשטאַנדן. מלוכה איז פאַרנומען מיט באַרואיגן דאָס לאַנד און פאַרטיליגן די קראַנקייטן. מיט דער לאַגע באַנוצן זיך די „עברים“. אונטער דער אָנפירונג פון ישראל, אָדער פון די אידן, ווי מיר וועלן זיי פון איצט אָן רופן, פאַרלאָזן זיי מצרים און קערן זיך אום אין דער פרייער מדבר, אויף דער סיני האַלב־אינזל, פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעקומען.

אָבער קומענדיג צוריק, טרעפן זיי שוין גאָר אַנדערע באַדינגונגען, ווי זיי האָבן איבערגעלאָזט. פיל פון זייערע ברידער האָבן שוין אויפגעגעבן דאָס וואַנדער־לעבן און זענען געוואָרן אײַנגעזעסענע אויף זייערע ערטער. און דער לעבנס־שטייגער זייערער איז אַן אַנדערער ווי געווען. געטער און געטער־דינסט געענדערט. און אַן אומצופרידנקייט, מיט זייער דערנעענטערן זיך, מערקן זיי אין זייערע ברידער. אָבער אויך זיי אַליין — די באַ־

פרייטע — זענען אַנדערש געוואָרן. דאָס שטענדיגע וואַנדערלעבן באַפרידיגט זיי ניט מער. די מצרים׳שע קולטור האָט איבערגע־שמאָלצן זייערע אַלטע באַגריפן, אָנשויאונגען און געשאַפן באַ זיי נייע פאַרלאַנגען. די זיכערקייט פון דער שטאָט, די אָנגעהויפטע גיטער דאָרט, וואָס די מדבר ווייסט פון זיי ניט, רייצן זייערע געלוסטן. און מיט דער גרעסטער גוואַלט באַפאַלן זיי יענע געגנטן, וואו די פרוכטבאַרע פעלדער ברענגען זאַטקייט און גליק זייערע איינוואוינער. ווי ליב און טייער די פרייע מדבר מיט אירע ווייט־קייטן, פרייען לעבן און וואַגן און שטרייטן איז זיי אויך געווען, — וואַקסט דאָך אין זיי פון איצט אָן אומאונטערבראָכן דאָס שטרעבן צום קולטיווירטן, בליענדיגן כנען, וואָס צו מערב פון ירדן. און עס איז געווען נאָך וואָס צו־שטרעבן.

וואָרים די כנענים זענען דעמאָלט שוין געשטאַנען אויף זייער א הויכער אַנטוויקלונגס־שטופע. אויף איין אָרט זענען זיי געזעסן און זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, פיך־צוכט, גאָרטן און וויין־קולטור, מלאכה און האַנדל. אין אָפענע דערפער האָבן זיי געלעבט — און אין באַפעסטיגטע שטעט, וועלכע זיי האָבן מייסטערהאַפט געקאָנט פאַרטיידיגן. זיי האָבן אויך פאַרמאָגט אייגענע. הויך־אַנט־וויקלטע פאַכן און קונסטן, ווי: טעפּעריי און וועבעריי. זיי באַ־אַרבעטן שוין בראָנז, און צו מלחמה־צוועקן — אויך אייזן. די כנענים רעדן זייער אייגענע שפּראַך, אָבער קולטורעל שטייען זיי אונטער׳ן איינפלוס פון בבל — דער אַלט־פּאַרצייטיגער הערשערין פון דעם לאַנד, און אונטער׳ן איינפלוס פון זייער איצטיגער הער־שערין — מצרים. שטאַרקע שטעט פאַרמאָגן די כנענים אויפ׳ן ברעג ים, און שוין פרי אַנטוויקלען זיי דעם אינוועניגסטן, און אויך דעם ים־האַנדל. דאָס האָט זיי אַריינגעבראַכט גרויסע פאַרדינסטן. און זיי זענען רייך געווען אין גאָלד, אין זילבער און אין עדלשטיי־נער. אָבער אויך זייער רעליגיעז לעבן איז אינטערעסאַנט, פאַר־שטענדלאָך און רעגולירט. מ׳דינט די געטער — ווייל זיי מאַכן פרוכטבאַר דעם באָדן, ווייל זיי מאַכן פרוכטבאַר דעם מענטשן. מען דינט דעם מענלאַכן גאָט: ב ע ל — ווייל ער שיצט די פרוכט־

בארקייט פונ׳ם מאן. מ׳דינט דער ווייבלאכער געטין: א ש ר ה — ווייל זי שיצט די פרוכטבארקייט פון דער פרוי. מ׳דינט זיי אויף מזבחות, אויף מצבות — ווי מיר קענען דאָס פון תנ״ך. מ׳דינט זיי אונטער׳ן פרייען הימל, אויף הויכקייטן — וואָס זענען געווענדט צו דער זון און צום הימל. ס׳רוב — אָן טעמפלען, און, ווי עס שיינט, אָן „גאָט׳ס־בילדער". און גע׳משפט איז די באפעלקערונג געוואָרן אין גייסט פון גערעכטע בבל׳שע געזעצן פונ׳ם קלוגן מלך האמוראפי.

זאָל ניט אזא רייך, אנטוויקלט און וואויל־געאָרדנט לאנד צוציען די גיריקייט פון וואנדערלינגען, קריגערישע און לאנד־זוכנ־דיגע שטאמען? זאָל ניט א ז א לאנד אויסזען אין זייערע אויגן, ווי א לאנד — וואו עס רינט ממש מילך און האָניג? געווים שטרעבן זיי ארייננצודרינגען אין דעם לאנד אריין, און דאָס איז, דוכט זיך, ניט שווער. וואָרים לויט דער קאָנסטיטוציע פון די כנענים, זענען זיי רעגירט געוואָרן פון זייערע שטאָט־ און געשלעכטס־פירשטן, און די זענען שטענדיג געווען צעקריגט צווישן זיך, שטענ־דיג זיך באקלאָגט פאר דער מצרימשער רעגירונג, און גע׳מסר׳ט איינער אויפ׳ן אנדערן. און אין מצרים איז מען געווען צופרידן מיט אזא לאגע אין די אונטערגעוואָרפענע לענדער, און מ׳האָט, נאטיר־לאך, גאָרניט אונטערגענומען געגן דעם.

דער וועג איז, אלזאָ, געווען אָפן.

אָבער ערשט נאָך אזא לאנגער, שווערער קנעכטשאפט; האָבנ־דיג דערצו געגויע ידיעות וועגן די כנענימשע קריגס־רייטוועגן און שטארקע פעסטונגען, וואָס האָבן אויף זיי אנגעוואָרפן אן אימה — האָבן זיי ניט געוואגט אָנצוגרייפן דירעקט די כנענים. וואָרים וואָס האָבן דען די אידן געקענט זיי אנטקעגן שטעלן? דאָס איינ־ציגע, וואָס האָט זיי געמאכט קאמפס־פייאיג נעגן זייערע שטארקע נעגנער, איז געווען די נאָך אומפארברויכטע, יוגנטלאכע ענערגיע פון אן אור־פאָלק, און דער אייזערנער ווילן פון מענשן, וואָס זענען אויסגעוואקסן אין דער פרייער מדבר, און ערצויגן געוואָרן צו אויס־דויער, צו הארטע שטרייטן און געפערלאכע וואגן. דאָס איז פיל.

דאָס געניגט, כדי אויף קליינע פעלקער און שטעט, אָדער מלוכות, אַ שרעק אָנצוּוואַרפן. אָבער די גרויסע, שטאַרקע כנענים, און דערהויפּט נאָך די פלשתים!...

איז מען פאָרזיכטיג. נעמט מען איין און מען נעמט־צו דער־ווייל די אמורי׳שע מלוכה, די בשנ׳שע מלוכה און מען באַזעצט דאָרט אַ פּאָר שבטים (ראובן, גד און אַ האַלבן שבט מנשה). פּאַר אַלע איז דאָרט סיי־ווי קיין פּלאַץ ניט געווען. די עברים׳שע מלוכות: מואב און אדום, רירט מען ניט אָן. ברידער, קרובים אונזערע. אָבער דאָס געבענשטע לאַנד, אויף מערב־זייט פון ירדן, לאָזט מען פון אויג ניט אַרויס.

צענדליגער און צענדליגער יאָרן גייען פאַרביי, ביז וואַנען די אידן פילן זיך שטאַרק גענוג און ערלויבן זיך אַריבערצוגיין דעם ירדן און אָנגרייפן די כנענים און זייערע נאָענטע שכנים. דער פאַקט מאַכט שטענדיג אומרואיג די קליינע פעלקער אויף יענער זייט ירדן. מען האָט לעצטנס געפונען בריוו פון די פירשטן אין סיריע און פּאַלעסטינע צו די קעניגען פון מצרים, וואו זיי באַקלאָגן זיך אויף זייער שווערן צושטאַנד, מחמת דעם אָנגריף פון די אַריינדרינגענדע עברים (אָדער חבירים).

אָבער דער שרעק, זאָגט מען, האָט גרויסע אויגן. יענע פעלקער האָבן מורא געהאַט פאַר אויסראָטונג, אָבער די אידן זענען ניט אימשטאַנד געווען דורכצוזעצן זייער גאַנצן ווילן. און בפרט אַז אויך זיי זענען ניט אַלע אינאיינעם אויפגעטראָטן געגן די אַלטגע־זעסענע אין לאַנד. יעדער אידישער שבט פאַר זיך, העכסטנס צ ו ו י י שבטים זיינען אויפגעטראָטן אינאיינעם, כדי זייער חלק איינצונעמען.

איז עס געקומען דערצו, אַז די כנענים׳שע האַפּן־שטעט האָט מען אפילו ניט געפּרואווט אָנצוגרייפן. די באַפעסטיגטע שטעט אין מיטן לאַנד האָט מען יאָ געפּרואווט אָנגרייפן, אָבער אָן ערפאָלג. דאָס איינענע איז אויך פאָרגעקומען מיט די שטעט פון די פלשתים. לאַנגע יאָרן האָבן אידן געקעמפט מיט די אַרומיגע פעלקער אין לאַנד כנען. זיי האָבן אויך עטלאַכע נצחונות אָפּגעהאַלטן, אָבער

עטלאכע שבטים בלויז — יהודה, שמעון, בנימין און אפרים — האָבן עראָבערט חלקים לאנד, וואו זיי האָבן געקאָנט פירן א זעלבסט־שטענדיג לעבן. אלע איבעריגע שבטים האָבן זיך געמוזט באנוגענען דערמיט, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפט די מעגלאכקייט אויך צו לעבן, אינאיינעם מיט דער אלטגעזעסענער באפעלקערונג. וואו די אידן זענען געווען די שטארקערע, האָבן זיי בילאכווייז זיך באַפרייט פון דער שכנות. וואו יענע זענען שטארקער געווען — האָבן זיי די אידן אָנגעטאָן כל׳ערליי נגישות. זיי איבערגעפאלן, בארויבט, אוועקגעפירט האָב און גוטס, ווייב און קינד. איז אמאָל, אז די נויט איז שוין געווען ניט אריבערצוטראָגן, אויפגעשטאנען א העלד — ווי גדעון, ברק, יפתח, שמשון — וואָס האָט באגייסטערט זיין שבט, און אמאָל אויך די דערבייאיגע שבטים, און מיט געמיינזאמע כחות האָט מען דעם שונא פארטריבן. אין אזא פאל איז נאָכדעם דער העלד געוואָרן א שופט איבער זיין שבט. אָבער ניט אלע מאָל האָט זיך אזא העלד געפונען. און ניט אלע שבטים האָבן געקאָנט קומען צו הילף די באדראָטע שבטים — ווייל זיי זענען געווען אָפגעטיילט איינע פון די אנדערע דורך גרויסע שטרעקעס, וואָס זענען באזעצט געווען מיט ניט־אידישע שטאמען. דער צושטאנד איז געווען א געפאר פאר דער פיזישער עקזיסטענץ פון די צעוואָרפענע שבטים.

אָבער ניט בלויז די געפאר פון פיזישן אונטערגאנג האָט געדראָט די צעוואָרפענע און פאראייניצלטע אידישע שבטים. אויך גייסטיגע פארקימערונג האָט זיי ערווארטעט. וואָרים לעבענדיג לאנגע יאָרן צווישן די איינגעזעסענע אין לאנד, וואָס האָבן שוין זייער גוט געוואוסט ווי אומצוגיין מיט די לאָקאלע געטער, פון וועלכע עס איז אָפהענגיג לעבן און גליק אין לאנד — גיט מען זיך בילאכווייז אונטער, און בפרט אז יענע זענען די שטארקערע. מען נעמט איבער זייער לעבנס־שטייגער, זייער ארבעט־שטייגער און זייער געטער־דינסט — אפילו מיט קינדער קרבנות. אינאיינעם מיט׳ן דינען דעם אלטן אידישן גאָט, וואָס האָט זיך געוויזן פון בארג סיני, דעם האר פון דער וועלט און פון זיינע בני־ישראל, דינען

די אידן אויך די לאָקאַלע געטער — בעל און אשתרות. פּראָווען אינאיינעם מיט דער ניט־אידישער באַפעלקערונג אַלע נאַציאָנאַלע ימים־טובים. מאַכן־מיט אַלע ניט־צניעות'דיגע פייערלאַכקייטן אין די אָנגענומענע יאָר־צייטן. דאָס ברענגט צו התקרבות, צו אינטימען צוזאַמענלעבן, צו געמישטע חתונות. און אזא צושטאַנד איז אַ געפאַר ניט בלויז פאַר דער עקזיסטענץ פון דער רעליגיעזער טראַדיציע, נאָר אויך פאַר דער גאַנצקייט און אייגנאַרט פון די אידישע שבטים.

און וואָס ווייטער אַלץ ערגער, אַלץ געפערלאַכער איז געוואָרן דער צושטאַנד. די אידישע פיינט, דערהויפּט די פּלשתים, האָבן געפירט אַן אומאויפהערלאַכן אויסראָטונגס־קאַמף מיט די אידן. און וואָס מער די אידן האָבן געליטן, אַלץ מער איז געוואַקסן און צייטיג געוואָרן דער געדאַנק: ווייטער קאָן עס אַזוי ניט זיין! זאָל אַמאָל פאַרווירקלאַכט ווערן דער ווילן: „איין פאָלק און איין לאַנד“ — מוז דאָס גאַנצע לאַנד זיין אין אידישע הענט. אָבער דאָס וועט מעגלאַך זיין צו דערגרייכן בלויז דורך אַ צענטראַלער מאַכט, וואָס זאָל אַלע שבטים פאַראייניגן. דאָס איז איצט געווען די לעבנס־פראַגע פאַר אידן. די פראַגע: „זיין אָדער ניט זיין?“ און דער ענטפער איז געווען:

— זיין!

פון דעם מאָמענט אָן קומט־אויף אַ פאָלק ישראל אין דער וועלט־געשיכטע.

שאול המלך

„און די פלשתים זענען אויפגעגאנגען אויף מלחמה מיט אידן“; „און די פלשתים האבן זיך צונויפגעזאמלט, כדי מיט די אידן מלחמה צו האלטן“ — דאס זענען, אין א משך פון הונדערטער יארן, געווען די שטענדיגע שרעקנס־טענער, וואס האבן פארפאלגט די אידן, וועלכע זענען ארייננעדרונגען אין לאנד כנען. דער גרעס־טער שונא איז ער געווען; א הארטער, שטארקער, קריגערישער שונא. א פרעמדער דא. ניט קיין סעמיטישער שטאם אפילו. פון ווייטע גריכישע אינזלען איז ער דא אערגעקומען, מיט א גאנצער, אייגנארטיגער קולטור, און באזעצט זיך אין כנען. שפראך און אמונה נעמט ער, מיט דער צייט, איבער פון דער ארטיגער בא־פעלקערונג, אבער אין איבעריגן בלייבט ער זיך טריי. ער פארנעמט זיך מיט ערד־ארבעט און מיט האנדל און מיט מלחמה. קודם כל מלחמה מיט יענע, וואס זענען אויסן בא אים עפעס אפצורייסן — מיט די אידן. און דאס האלט אן לאנגע דורות. אידן ליידן פון די פלשתים אומגעהויער פיל. אבער די מלחמות מיט די פלשתים זענען אויך געווען דאס פייער, וואו די אידישע מלוכה און דער־הויפט דאס קעניגטום איז געשמידט געווארן.

איז עס איין מאל געקומען צו אן אונגליקליכן צוזאמענשטויס צווישן די אידן און די פלשתים. שמואל הנביא אליין האט געהאלפן רופן צו מלחמה. פון רעליגיעזן צענטער אוים, פון שילה, האט מען אויפ׳ן קריגס־פלאץ מיטגענומען דעם ארון — דעם טראן פונ׳ם אידישן גאט, לויט די דעמאלדיגע באגריפן, — און ממילא האט עס געהייסן: גאט אליין באטייליגט זיך אין קריג. און דאך האבן די אידן געליטן א שרעקליכע מפלה. נאכמער: די פלשתים האבן דעם ארון אויך אוועקגענומען אין געפאנגנשאפט. דאס האט געהייסן: ד ג ו ן, דער גאט פון די פלשתים, האט מנצח געווען י א ה ו ו ע ן, דעם גאט פון די אידן. א פולשטענדיגער חורבן:

דאָס פאָלק איז געשלאָגן. דער רעליגיעזער צענטער איז חרב. דער כהן גדול, עלי, געשטאָרבן. גאָט — אין געפאַנגנשאַפט... איין טריט צו פאַרצווייפלונג און פאַריאָכונג.

קומען אָבער אין יענער צייט אויף, צום ערשטן מאָל, גאַנצע גרופן און פאַראייניגונגען פון עקזאַלטירטע, פייערלאַך־געשטימטע, באַגייסטערטע יונגעלייט. גערופן האָט מען זיי „יונגע נביאים". געלערנט האָבן זיי אין ספּעציעלע שולן, וואָס שמואל האָט געהאַט געגרינדעט. זינגענדיק און שפּילנדיק און טאַנצנדיק ציען זיי צע־פלאַמטע און באַגייסטערטע איבער׳ן לאַנד, פון אָרט צו אָרט, און באַגייסטערן דאָס פאָלק פאַר פרייהייט. זיי דערמונטערן עס. וועקן דעם מוט. שטאַרקן דעם גייסט. רופן צו טאַט פאַר גאָט און פאַר׳ן לאַנד, וואָרים דאַמאָלט איז די אידישע רעליגיע, ווי אַלע דעמאָל־טיגע רעליגיעס, לויט די דעמאָלטיגע באַגריפן, ענג פאַרבונדן געווען מיט׳ן באַזיץ פון לאַנד. רעליגיע איז געווען פּאַטריאָטיזם. וויל מען האָבן דעם אייגענעם גאָט, מוז מען עראָבערן זיין לאַנד. אָבער אַזאַ עראָבערונג פאָדערט פאַראייניגטע כחות. פאַראייניגונג איז אָבער אוממעגליך אָן אַ צענטראַלער מאַכט, אָן אַ מלך.

„לעבן זאָל אַ מלך" — דער געדאַנק האָט פון איצט אָן געלעבט אין יעדנס האַרץ, געלעגן אויף יעדנס צונג.

מאַכט זיך כמעט אַ טאָג־טעגליכע ערשיינונג: די עמונים באַפאַלן די אידישע באַפעלקערונג פון יבש־גלעד. דערשרעקן זיך די אידן. לייגן זיי פאָר די עמונים: „אונטערטעניג וועלן מיר אייך זיין, דינען וועלן מיר אייך, אבי לאָזט אונז לעבן בשלום". שטעלן נאָך אָבער די עמונים אַ תנאי: „בא יעדן אידן זיין רעכט אויג אויסצו־שטעכן". אויף אַזאַ באַליידיגונג קאָנען די אידן ניט איינגיין. זיי בעטן זיך אָפּ בא די עמונים אויף זיבן טעג. אין דער צייט שיקן זיי פאַנאַנדער שליחים צו אַלע אַרומיגע אידישע שבטים צו בעטן הילף. אַז די שליחים זענען געקומען קיין גבעה, האָבן זיי דאָרט באַגעגנט אַ מאַן מיט׳ן נאָמען שאול, בעת ער האָט זיך אומגעקערט פון פעלד מיט די אָקסן זיינע.

דער מאַן איז געווען אַ שטימונגסמענש. אַ גבר, אָבער

גענייגט צו די עקזאלטירטע יונגעלייט. ער האט עס ליב גע־האט זיך צוצוהערן צו זייערע רייד. זעלטן־אמאל פלעגט ער אליין אויך מיטמאכן זייערע שטיק און לאזן הערן באגייסטערטע רייד. דערהערט די שלעכטע בשורה פון די שלוחים, און זעענדיג, ווי דער גאנצער עולם אידן ארום וויינט אויף א הויך קול, פאלט ער אריין אין א גוואלדיגן עקסטאז. ער כאפט זיינע אקסן, צעהאקט זיי אויף שטיקער און שיקט זיי פאנאנדער צו אלע אידישע שבטים מיט דער ווארנונג:

— ווער ס'וועט ניט קומען העלפן די אידן אין יבש, זאל זיך ריכטן, אז מיט זיין פיך וועט געטאן ווערן דא אייגענע, וואס איך האב דא מיט מיינע אקסן געטאן!

דאס פאלק, וואס האט געווארט אויף א מוטיגן רוף צו אן אלגע־מיינעם פארטיידיגונגס־קאמף, הערט דעם רוף פון שאול און קומט זיך צונויף. די עמונים ווערן „צעריבן אין שטויב". די אידישע בא־פעלקערונג פון יבש איז געראטעוועט. די צופרידנקייט מיט'ן נצחון איז אזוי גרויס, אז שוין דא, אופ'ן ארט, ערקלערט מען שאול'ן פאר א מלך אויף די אידן. די באגייסטערונג האט קיין גרעניץ ניט. און טאמער ערלויבט זיך עמיצער א שלעכט ווארט געגן שאול'ן אלס מלך, איז מען גרייט יענעם צו הרג'נען.

אבער צווישן די געגנער, ניט פון שאול'ן פערזענליך, נאר פון מלך בכלל, ווער עס זאל אויך זיין, זענען געווען אויך יענע גרופעס „יונגע נביאים", וואס האבן באגייסטערט דאס פאלק פאר פרייהייט. יא, אן אייגענע, שטארקע מלוכה, אבער געוועלטיגן זאלן די כהנים, אין נאמען פון גאט — דעם איינציגן, אמת'ן מ ל ך! דאס איז אויך געווען דער שטאנדפונקט פונ'ם אלטן שופט און נביא: שמואל. אבער אין ד ע ם מאמענט שווייגט ער. זיין פארשלאג איז נאר, מ'זאל זיך אינגיכן צונויפקומען קיין גלגל — א פונקט, וואו ס'איז אמאל געווען א גרויסער רעליגיעזער צענטער — און דארט, פאר גאט, וועט מען מיט פאראד זאלבן דעם נייעם מלך. זייער א לאיאלער פארשלאג. ער ווערט אנגענומען. אבער אז מ'איז זיך דארט צונויפ־געקומען, האט שמואל אנגעהויבן צו באווייזן דעם פאלק, וואס פאר א

פאַרברעכן ס׳ווערט באַגאַנגען געגן גאָט דערמיט, וואָס אָנשטאָט גאָט — אַ מלך, ווייל מען מאַכן אַ בשר־ודם פאַר אַ מלך; וואָס פאַר אַן אומגליק אַן אַליינהערשער איז פאַר אַ פאָלק — ער פירט אַ גרויסן שטאַט, אַ הויף, פאַרברענגט אַ סך און דאָס פאָלק מוז אים אַלץ צושטעלן. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געווירקט. שמואל גיט־נאָך דעם ווילן פון פאָלק. שאול ווערט געזאַלבט פאַר אַ מלך.

אָבער שמואל׳ס גוטער ווילן איז ניט געווען דערביי: שאול איז אים ניט ליב געווען. שוין פון די ערשטע טעג אָן זוכט ער עם אָנצו־דייטן, אַז אַ מלך איז נאָך כלל ניט קיין ערבות פאַר נצחונות און ערפאָלג. ניט קוקנדיג דערויף, וואָס שאול איז כמעט קינדיש צו־טרויליך צום אַלטן שופט און נביא, קוקט אויף אים, ווי אויפ׳ן פאַרמיטלער צווישן א י ם און גאָט, הערט־צו יעדן וואָרט זיינס, בלייבט דאָך שמואל ניט באַפרידיגט.

צוויי יאָר צייט פאַרנעמט זיך שאול מיט אָרגאַניזירן אַ שטענ־דיג אָדער שטייענדיג חיל, פון עטליכע טויזנט מאַן — דעם קערן פון אַ קריגס־אַרמיי. צו דעם קערן זאָלן, בעת אַ קריג, צושטיין אַלע דערוואַקסענע מענער פון פאָלק. איצט וואַרט ניט שאול ביז די פלשתים וועלן אָנפאַלן. ער באַמיט זיך אַליין א ר ו י ס צ ו ר ו פ ן דעם קריג. זיינע לייט הרג׳נען דעם אָנפירער פונ׳ם פלשתים׳שן גאַרניזאָן, וואָס שטייט אין גבעה. דאָס מ ו ז ברענגען און ברענגט צו אַ מלחמה. די פלשתים זאַמלען זיך צונויף אין מכמש, וואָס ליגט איבער אַ טאָל, אַנטקעגנאיבער גבעה. אָבער שאול איז פעסט בא זיך. ער איז אין גלגל, לאָזט אָנזאַמלען דאָס פאָלק און נעמט אויך שמואל׳ס ברכה. שמואל הייסט אים נאָר אָפּוואַרטן זיבן טעג — דאַן וועט ער, שמואל, קומען קיין גלגל, וועט מקריב זיין דעם נויטיגן קרבן צו גאָט, נאָכדעם וועט מען אָנהויבן די מלחמה. די פלשתים וואַרפן אָן אַן אימה מיט זייער באַוואָפנונג, מיט זייער אָרגאַניזירט־קייט, מיט זייער קריגערישן אויסזען. די אידן, כמעט אומבאַ־וואָפנטע, זאַמלען זיך צונויף פון אַלע עקן לאַנד, אַלץ איז גרייט צום קאַמף. אָבער דער קאַמף הויבט זיך ניט אָן. אפנים, זאָגט מען

זיך, שאול איז ניט אנטשלאָסן צום קאמף. דער עולם הויבט זיך אָן וואקלען. ס'פאלט דער מוט. מ'הויבט אָן זיך אַפּצורוקן און זיך באהאלטן, וואו איינער האלט פאר זיכערער. אָבער שאול קאן ניט אָנהויבן דעם קריג — ווי טרעט מען דען צו צו א קריג אָן א קרבן און תפלה צו גאט? און דערויף האָט ער דאָך צוגעזאָגט שמואל'ן צו ווארטן גאנצע זיבן טעג! א מאַן — א ווארט: ער זאָט די זיבן טעג אָפּגעווארט. פון זיין גאנצן חיל איז קוים געבליבן עטליכע הונדערט מענשן. אָבער שמואל איז אלץ ניט געקומען. מער האָט ער שוין ניט געקאָנט ליידן און ווארטן, האָט ער אליין געבראכט דעם קרבן. וואָס־זשע, מלכים פון אנדערע פעלקער פירן דען ניט אליין אויס די פונקציעס פונ'ם ערשטן כהן? און בפרט איצט: די געפאר איז גרויס, די פלשתים דרינגען־צו, און שמואל האָט דאָך ניט געהאלטן קיין וואָרט!...

אָבער קוים האָט ער נאָר געענדיגט ברענגען דעם קרבן — און שמואל האָט זיך באוויזן. שאול איז ארויס אים אנטקעגן. ער האָט זיך ענטשולדיגט און ערקלערט די לאגע — אז ער האָט געמוזט ברענגען דעם קרבן, כאָטש דאָס לעצטע ביסל מענשן אויפצוהאלטן. אָבער שמואל נעמט קיין זאך ניט אין אכט. ער האָט שוין א פאר־טיגן פסק:

— האָסט זיך באנאַרישט, — זאָגט ער צו שאול'ן: — האָסט ניט געפאָלגט גאט'ס געבאט. דיין מלוכה וועט קיין קיום ניט האָבן. אַן אנדערן האָט זיך גאט אויסגעוועלט אויף דיין אָרט...

שאול האָט דאָס אויסגעהערט. דאָס מאָל האָט שמואל'ס ווער־טער זיין מוט ניט געבראָכן. ער קערט זיך אום קיין גבעה, שלאָגט די פלשתים און פאריאָגט זיי אין פארשידענע זייטן. פיל פון זיי הרג'עט ער אוים. דער נצחון איז א פולשטענדיגער. די פלשתים גארניזאָנען אנטלויפן פון לאנד. אידן ווערן באפרייט פון פרעמדן יאָך. דאָס פאָלק איז צופרידן. דער טראָן — געפעסטיגט. און דער גרויסער נצחון ווערט באגלייט פון קלענערע, אָפטע נצחונות: מיט ערפאָלג פירט שאול פארטיידיגונגס־מלחמות מיט עמון, מואב, אדום א. ד. ג. דאָס פאָלק זעט אין אים א שטארקן

שוץ און ניט קיין סימן פון אַלע יענע גוואַלטטאַטן, וואָס שמואל האָט פאָראויסגעזאָגט וועגן אַ מלך.

און אַז שמואל קומט צו שאול'ן און זאָגט אים: „גאָט האָט געהייסן, דו זאלסט גיין און אויסראַטן עמלק'ן, דעם אידישן שונא, נאָר קיין רויב זאָלסטו ניט נעמען“ — פאָלגט שאול. ער נעמט צו־נויף אַ פאָר טויזנט מאַן, באַפאַלט עמלק'ן, און טוט מיט אים, ווי גאָט האָט געבאָטן — פונקט אַזוי, ווי עמלק פלעגט פריער אַמאָל טאָן מיט אידן: אַלץ אויסגעראָטן! נאָר אגג'ן, דעם קעניג פון די עמלקים, האָט שמואל לעבן געלאָזט. און דאָס פאָלק האָט לעבעדיג גענומען דאָס שיינע פיך, וואָס עמלק האָט פאַרמאָגט, און האָט עס ניט אומגעבראַכט.

שאול איז צופרידן מיט עמלק'ס מפלה. אָן אויפגעלייגטער באַ־געגנט ער שמואל'ן און זאָגט אים: נו, „געבענשט זיי צו גאָט, גאָט'ס וואָרט איז ערפילט“. אָבער שמואל ענטפערט אים: „און וואָס הער איך עפּעס קולות פון שאָף און רינדער דערביי?“ שאול דערציילט אים, אַז בלויז אגג איז געבליבן אַ לעבעדיגער. און בלויז דאָס בעסטע פיך האָט דאָס פאָלק גענומען, כדי עס מקריב צו זיין פאַר גאָט. אָבער שמואל שרייט אויס אין צאָרן:

— גאָט'ס וואָרט איז דיר מאוס געוואָרן, און דו ביסט גאָט מאוס געוואָרן. פאָלגן, וואָס גאָט הייסט, איז טייערער ווי קרבנות!

אָפּגעשריען — און שוין זיך אומגעקערט, געוואָלט אַוועקגיין. שאול האָט זיך פאַרלאָרן. ער האָט זיך ניט געריכט אויף אַזאַ באַגע־געניש. ער פאַלט־צו צו שמואל'ן, גיט־צו זיין זינד, ער בעט אָבער שמואל'ן, ער זאָל אים קיין בזיונות ניט מאַכן, און זאָל מיט אים אינאיינעם אַרויסקומען צום פאָלק. שמואל איז איינגע'עקשנ'ט, לאָזט זיך גיין ווייטער — און זאָל טאַקע דאָס פאָלק וויסן, אַז גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון שאול'ן!... אין גרויסער פאַרצווייפלונג און גאַנץ אויסער־זיך, וואַרפט זיך שאול צו שמואל'ן, כאַפּט אים אָן פאַר'ן פאָלע — כדי אים צו פאַרהאַלטן, און, — אָ, געטער! ער רייסט אים אַ שטיק פאָלע אַוועק... שמואל ווערט נאָך מער אין כעס און ערקלערט:

— אַט אַזוי האָט גאָט אַרויסגעריסן די אידישע מלוכה פון דיין האַנט, און האָט זי באַשטימט פאַר אַ בעסערן ווי דו ביסט!

איצט טוט ער צוליב שאול'ן — קומט מיט אים אַרוים צום פאָלק. שאול איז זיך מתודה פאַר גאָט. שמואל דער'הרג'עט אגג'ן. און שמואל מיט שאול'ן גייען זיך פאַנאַנדער. אויף אייביג. מער האָבן זיי זיך שוין ניט באַגעגנט.

אָבער די דאָזיגע אינצידענטן מאַכן אויף דעם שטימונגס־מענשן, אויף שאול'ן, אַן ערשיטערנדיגן איינדרוק. ער איז אין פאַר־צווייפלונג. ער באַגרייפט ניט זיינע „חטאים". ער באַגרייפט ניט די קליינינקייטן, פאַרוואָס שמואל איז אים געוואָרן אַ שונא אויפ'ן לעבן. און שמואל'ס וואָרט איז דאָך גאָט'ס וואָרט! הייסט עס: עס איז שוין אוים מיט אים! ער נעמט זיך די לאַנגע שטאַרק צום האַרצן און אינגיכן פאַלט ער אַריין אין אַ מרה־שחורה... אים הויבט זיך אָן דאַכטן, אַז מ'פאַרפאָלגט אים. אַז מ'וויל אים אומ־ברענגען. אין יעדן איינעם זעט ער יענעם „בעסערן", וועמען מ'וויל איבערגעבן די מלוכה. אַלע אַרומיגע מענשן, מיינט ער, זענען מקנא אים. אַלע שבטים זענען מקנא זיין קליינעם שבט: בנימין, וואָס האָט זוכה געווען אַרויסצוגעבן דעם ערשטן אידישן מלך. דערהויבט איז ער חושד, אין שלעכטע כונות, די שטאַרקסטע צוויי שבטים: אפרים — צו וועלכן שמואל האָט אָנגעערט, און יהודה — זיין נאָענטסטן שכן. אפילו זיין אייגע־נער זון, יהונתן, איז ניט אויסער חשד... און שפּעטער ווערט זיין אידעע־פיקס קאָנצענטרירט אויף דעם העלדישן יונגנמאַן דוד, פון שבט יהודה. אַ דיכטער און אַ זינגער און אַ שפּילער. דעם מלך'ס פריינט האָבן אים אַריינגעבראַכט אין הויף אַריין, כדי מיט זיין שפּילט פאַרטרייבן די מרה שחורה פון מלך. גרינגער מאַכן זיין שווער געמיט. און דאָס פּלעגט אויך דוד'ן געלינגען. אָבער אויך אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס דוד פלעגט אונטערנעמען, פלעגן אים גע־לינגען. ער ווערט דער ליבלינג פון הויף. דעם מלך'ס טאָכטער, מיכל, איז פאַרליבט אין אים. דעם מלך'ס עלטסטער זון, דער נאָבע־לער יהונתן, לעבט מיט אים ווי צוויי ברידער. אָבער גראָד טאַקע

דער גרויסער ערפֿאָלג, וואָס דוד האָט אומעטום, שרעקט שאול'ן: ס'באַווייזט דאָך, אַז ער שטייגט צום טראָן!...

שיקט ער דוד'ן אַפּצויאָגן קליינע אָנפאַלן פֿון פּלשתים, אָדער אַז ער זאָל אויף זיי אָנפאַלן ערגעץ אין אַ פּונקט, — געשעעט עס מיט דער גרעסטער געשיקטקייט. מאַכט זיך אַמאָל אַן ערנסטער קאַמף מיט די פּלשתים. שאול זיצט אַ צעשראָקענער, אַ קראַנקער, הערט די לעסטערונגען פֿון די פּלשתים, וואָס זיי לעסטערן דעם אידישן גאָט און דאָס אידישע פֿאָלק, און קאָן ניט העלפֿן. עס איז א ו י ס מיט אים! ער גלויבט ניט מער אין זיין כח און ניט אין גאָט'ס הילף צו אים. דאַן שפּרינגט אַרויס דוד, אַ יונגער, אַ באַגייסטערטער, אַ שטאַרקער, און ראַטעוועט די לאַגע, ברענגט די פּלשתים צו אַנטלויפֿן. און דעם קאָפּ פֿון'ם שונא'ס אָנפֿירער, גלית, ברייגנט ער צום מלך. איין מאָל און נאָך אַמאָל — און גאַנצע לעגענדעס הויבען־אָן זיך צו וועבן אַרום אים, אַרום זיינע העלדן־טאַטן. אין לידער הויבט דוד אָן באַזונגען צו ווערן. ער ווערט פּאָפּולער ווייט אין פֿאָלק. מ'הויבט אָן צו פֿאַרגלייכן: „שאול האָט גע'הרג'עט (פּלשתים) אין די טויזנטער, דוד — אין די צענדליגער טויזנטער". דוד ווערט דער באַוואונדערטסטער מאַן אין פֿאָלק! שאול ווייסט דאָס. און דאָס מאַכט זיין גייסטן־צושטאַנד נאָך שווערער.

און וואָס קראַנקער ער איז, אַלץ מער שפּילט דוד פֿאַר אים. און וואָס מער ער זעט דוד'ן פֿאַר זיך, אַלץ טיפֿער קאָנצענטרירט זיך אויף אים שאול'ס פיקסע אידעע... און ער הויבט אָן טראַכטן, ווי אַזוי דוד'ן אַפּצורוימען פֿון זיין וועג...

„צום וואַנט וועל איך אים צושלאָגן" — טראַכט זיך שאול אַמאָל, בעת דוד שטייט גאַנץ צוטרוילאַך און שפּילט פֿאַר אים. געטראַכט און געטאָן: שאול וואַרפֿט אין אים דעם קינזשאַל, וואָס ער האַלט גראַד אין האַנט. ער טרעפֿט אָבער ניט אין ציל. דער קינזשאַל בלייבט שטעקן אין וואַנט, אָבער דוד בלייבט ניט גע־רירט. איז דאָס פֿאַר שאול'ן נאָך אַ סימן, אַז גאָט איז טאַקע מיט דוד'ן, און פֿון אים, פֿון שאול'ן, האָט ער אָפּגעקערט. „א ו י ס

איז עס מיט מיר!" —. מוז זיך דער קראנקער זאגן. און זיין מעלאנכאליע שטארקט זיך. זיין געמיט ווערט אלץ שווערער, און לאָזט זיך מער ניט היילן.

און ווידער האט דוד ערפאלג נאָך ערפאלג אויפ'ן שלאכט־פעלד, און ווידער וועקט ער דערמיט שאול'ס אייפערזוכט, און ווידער שפילט ער פאר שאול'ן און שאול פרואווט עס אים צוצו־טשוועקלען צום וואנט. און ווידער פארפעלט ער. און אזוי עטלאכע מאָל. און פאר יעדן מיסערפאָלג, אלץ אין א טיפערער מעלאנכאָליע פאלט שאול אריין...

איצט באגרייפט אויך דוד, אז זיין לאגע אין הויף איז א געפערליכע: אז וואס ביים קראנקן אויף דער צונג איז ביים גע־זונטן אויף דער לונג. דוד אנטלויפט פון הויף און פון שטאט און וואנדערט ארום אין דער מדבר. אָבער דאס בארוהיגט ניט שאול'ן. שמואל, זיין ערשטער שונא, שטארבט. אָבער אויך דאס בארו־היגט אים ניט. שאול בלייבט ביי זיינעם: „ווי לאנג דוד לעבט, איז זיין טראן ניט זיכער". שאול און זיינע אויסדערוועלטע לויפן נאָך דוד'ן. זוכן אים אום. קאנען אים אָבער ניט כאפן. טרעפן רואיגע מאָמענטן, ווען עס גיט זיך איין צו איבערצייגן שאול'ן, אז דוד איז ניט זיין שונא. אזוינע מאמענטן קומען אָבער זייער זעלטן. און אויסער די זעלטענע מאמענטן, איז דער מלך קראנק. און ווער ס'האט נאר די קלענסטע באציהונג מיט דוד'ן, איז פאר־משפט צום טויט. אזוי לאזט שאול אומברייננגען דאס גאנצע כהנים־שטעטל נוב דערפאר, וואָס בעת דוד איז אנטלאָפן זיך צו באהאלטן פון שאול'ן, האָט זייער עלטסטער, — זייענדיג אי־בערצייגט, אז דוד גייט אין מלך'ס שליחות — אויפגענומען דוד'ן פריינדליך. דאס גאנצע לאנד ווערט באזעצט מיט שפיאנען — אויסצוגעפינען דוד'ן. דאָס צווינגט דעם לעצטן דאָס לאנד אינ־גאנצן צו פארלאזן. ער זוכט זיך אויסצובאהאלטן אין די שכנים'שע, אידען־פיינדליכע לענדער — פלשתים ניט אויס־געשלאסן — אבי זיך צו ראטעווען פון שאול'ס הענט. דאס גע־לינגט אים אויך. אָבער שאול'ן ווערט דערפון ניט גרינגער.

און די צוזאמענשטויסן מיט די פלשתים חזר'ן זיך איבער אלץ אָפּטער. די פלשתים האָבן גוט געוואוסט, וואָס פאר א קאמפּס־קראפט שאול האט פארלארן דורכדעם, וואס ער האט ניט מער דוד'ן אין זיין חיל. שאול האָט דעמאָלט שוין געהאַט אפילו גע־ניטע קריגס־פירער, אָבער צו דוד'ן קומען זיי ניט. און שאול אליין — ער איז ניט אימשטאנד דוד'ן ארויסצולאזן פון זינען...

און נאָך איינער, דער לעצטער נסיון!

די פלשתים טרעטן ארויס צו אַן ענטגילטיגן קאמף מיט די אידן. דער קאמפּס־פּלאַץ — די גלבוע־בערג. א טויט־שרעק באַ־פאלט שאול'ן, אז ער דערזעט פון ווייטן די פלשתים'שע מחנות. און ווי הויבט מען אָן אזא קאמף, ניט פרעגנדיג פריער בא גאט? און ווי פרעגט מען דען ביי גאט, אז גאט האט זיך אָפּגעקערט פון אים? ווייסט ער עס דען נאָך ניט? ער פּרובט עפּעס געוואר צו ווערן דורך חלומות — ווי דער שטייגער איז דעמאלט געווען — אָבער צו חלום קומען אים נאָר די ווייס־געקליידעטע און מיט בלוט באפלעקטע כהנים פון נוב, וואס ער האט געלאזט אויס־הרג'נען... ער ווענדט זיך צו די יונגע נביאים נאָך גאט'ס ווארט — אָבער די נעריינקען זייער לערער'ס „אָפּגעריסנע פּאלע", וואס באטייט: אָפּגעריסן איז פון שאול'ן די מלוכה איבער אידן... ער זוכט אָפּ א מכשפה, ז. י. דורך איר קונסט, זאל אים געוואָר ווערן דעם אויסגאנג פון דער שלאכט. אָבער אויך פון איר באַ־קומט ער ניט קיין גוט ווארט צו הערן. אריינקומענדיג אין טיפן עקסטאז, הערט ער ווי שמואל זאגט צו אים:

— מארגן, וועסטו און דיין זון זיין אינאיינעם מיט מיר!...

אויף מארגן האט זיך די מלחמה אָנגעהויבן. די ערשטע קרבנות זיינען געפאלן שאול'ס זין. די פלשתים, דערהויפּט די בוינגן־שיסער האבן זיך געווארפן אויף שאול'ן. א דערשראקענער, טאָמער פאלט ער אריין א לעבעדיגער אין שונא'ס הענט, בעט ער זיין געווער־טרעגער, ער זאל אים דער'הרג'נען. און אז יענער

האט מורא אויפצוהויבן זיין האנט אויף זיין מלך, ווארפט זיך שאול ארויף אויף זיין שווערד און פאלט א טויטער.

אזוי שען איז דער ערשטער אידישער מלך ארויף אויף זיין טראָן, אזוי אומגליקליך איז ער אראָפּ פון אים און פון דער וועלט אוועק.

דוד המלך

דוד המלך — דאס איז די ריזענהאפטיגסטע פערזענ־ליכקייט אין דער אידישער געשיכטע. די געניאלסטע און די מעכ־טיגסטע. די פאפולערסטע און געהייליגטסטע. דער סימבאָל פון גבורה און דער סימבאָל פון פרומקייט. די תנ"ך־שרייבער האבן אים געשילדערט ווי א געוויינליכן מענשן: מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות. און דאָך שטייט ער פאר דער וועלט־גע־שיכטע טורם־הויך איבער די געוויינלאכע געשטאלטן אין זיין צייט און אין אלע צייטן, — סאי אלס מענש, סאי אלס רעליגיע־זער כאראקטער. אלס מענש איז ער פול מיט עכטער נשמה־גרויסקייט, קלאגט ער אין שניידיגע טענער, מיט אומבאפוצטן צער אויפ'ן טויט פון זיין ערגסטן שונא (שאול); בלייבט ער רי־טערליך טריי דעם פריינט זיינעם (יהונתן) און זיינע קינדער, אפילו שוין נאָך יענעמס טויט. און אויפריכטיג איז ער זיך פאר'ן נביא מודה אין זיין זינד. און אלס רעליגיעזער כאראקטער שטייט ער פאר אונז ווי א פולזאפטיגע, שטארק־בלוטיגע נאטור. וואס ער טוט אין דעם פרט, איז דער אויסדרוק פון א שטארקער, עכטער, טיף אין אים לעבעדיגער פרומקייט. הגם א מלך, בויגט ער זיך פאר יאהוועס שטראף־ווארט. יאהוועס כבוד איז אים טייערער אפילו פון זיין אייגענעם כבוד. כדי גאט'ס עהרע, איר רעכט צו טאָן, איז דאס ערשטע וואס דער מלך דוד טוט: יאהוועס ארון, וואס שאול האט אים געלאזט שטיין ערגעץ אין א פארוואָרפענעם ווינקל פון לאנד — ברענגט ער אין זיין הויפט־שטאָט. נאָכמער: זיין אייגענע הויפטשטאָט לאָזט ער מאכן פאר'ן פאָרנעמסטן וואוין־אָרט פון זיין גאָט... דוד איז געניאל אין דער דיכטער־קונסט — ווי דאס באווייזן די פאָעזיע־מוסטערן, וואָס אָנגעהערן זיכער צו אים — ווי אין דער קריגס־קונסט. אין זיין פאליטיק ווי אין זיין דיפלאמאטיע. דוד איז פאָפולער

אלס שאפער פון דעם אידישן פאָלק (אין פּאָליטיש־נאַציאָנאַלן זין) און אלס זאמלער פון אידישן לאַנד. און געהייליגט איז ער ווי דער אידישער דערלייזער פאר אלע צייטן און פאר אלע דורות. באהויפּטעט דאך די פאלקס־פאנטאזיע אויך איצט נאך, אז „דוד, דער מלך פון ישראל, לעבט און עקזיסטירט,“ און אז ס'וועט קומען דער טאָג, וועט ער זיין קעניגרייך ווידער אויפ־ריכטן...

און אָפן ליגט פאר אונז דער לעבנס־וועג זיינער. פאר אונ־זערע אויגן וואקסט אויס דער יוגנדליכער צום מאן, דער מאן צום קריגער, דער קריגער צום מלך און דער מלך צום שאפער פון ווערטן מיט וועלט־היסטארישער באדייטונג. זיין לעבנסוועג הויבט זיך אָן פונ'ם נידעריגן הירטן־בערגל, ארום וועלכן עס פיטערן זיך זיינע הערדן. ער שפּילט דארט אין די פוסטע פעלדער אריין, און זינגט דארט פאר זיין שטומען פיך. אָבער זיין שם אלס דיכטער פון גאָט'ס גנאָדן גרייכט צום קעניגלאכן הויף. און אינגיכן ווערט ער אהינגערופן צו שפּילן פאר'ן קראנקן קעניג שאול און צו זינגען פאר די גרעסטע אין ישראל. ער הויבט אָן זיין קריגערישע טעטיגקייט אין זיינע קאמפן מיט די ווילדע חיות אין דער מדבר — פארטיידיגנדיג זיינע הערדן. אָבער פון קעניגליכן הויף אויס האָט ער אינגיכן די געלעגנהייט צו פירן העלדישע קאמפן מיט די העלדישסטע שונאים פון זיין לאנד און פון זיין מלך, פארטיידיגנדיג זיין פאלק. און אין קעניגליכן הויף ווי אויפ'ן שלאכטפעלד, מיט דער הארפע צי מיט'ן שווערד — אומעטום האָט ער דעם גלענצענדסטען ערפאָלג. ער ציט אויף זיך די אויפ־מערקזאמקייט פון פאָלק, פון הויף און פון דעם קעניג'ס טאָכטער, וועלכע ווערט שפּעטער זיין פרוי. אָבער אינאיינעם דערמיט ציט ער אויף זיך די אייפערזוכט פונ'ם קראנקן קעניג און זיין אומ־צוטרוי. ער מוז אנטלויפן פון הויף און פון שטאדט, און שפּעטער אויך פון לאנד. די ערשטע צייט באהאלט ער זיך אויס אין מדבר יהודה. ער דולדעט אלע שווערינקייטן וואס זיינען פארבונדן מיט'ן מדבר־לעבן. אָבער דאָ ווערט ער אויך געהארטעוועט און געשטאָלט

און געוואוינט בייצושטיין יעדן נסיון. און אפילו אין דער מדבר בלייבט ער אויך ניט אליין. גיך זאַמלען זיך אַרום אים, דעם באַרימטן קריגס־העלד, אַ סך אומצופרידענע, פאַרפאַלגטע און געהעצטע אין זייער היים און בילדן איין פאַרבאַנד (ריכטי־גער: אַ באַנדע) אונטער דוד׳ס אָנפירונג. צו זיין פאַרבאַנד גע־הערן ניט נאָר אידן. דאָ געפינען זיך אויך: פלשתים, חתים, אדומים און אַנדערע. מען דערנערט זיך — פון וואָס גאָט ניט: אַ ביסל פון רויב, אַ ביסל פון קריגס־געווין — וואָרים פון צייט צו צייט באַפאַלט מען ווען עס איז פון די קליינע וואַנדער־פעלקער, אין דער מדבר, וואָס האָבן אמאָל אידן שלעכטס גע־טאָן, ווי עמלק א. ד. ג., — און אַ ביסל „פאַרדינט" מען דורך פריינדשאַפטליכע באַציהונגען מיט דער דינערשאַפט פון רייכע אינהאַבער, פון גרויסע הערדן, אין דער מדבר. פון דעם פאַר־באַנד בילדעט זיך אויס די באַרימטע לייב־גוואַרדיע דוד׳ס, וואָס איז אים שפעטער בייגעשטאַנען אין אַלע זיינע נויטן. די דאָזיגע גוואַרדיע איז עס אויך געווען דער מעכטיגער קערן פון דוד׳ס אומבאַזיגבאַרער קריגס־אַרמיי. ווי לאַנג דוד האָט אַזוי אַרומגע־וואַנדערט אין דער מדבר איז ניט פעסטגעשטעלט. אָבער נאָכדעם ווי שאול און זיינע דריי זין זענען געפאַלן אין אַן אומגליקלי־כער מלחמה מיט די פלשתים, איז עס געווען אַ זעלבסטפאַר־שטענדליכע זאַך, אַז ד ו ד, און ניט קיין אַנדערער, דאַרף ווערן דער מלך פון ישראל. לכתחילה האָט ער אַ שוואַכע געג־נערשאַפט. אַ גרויסער טייל פון פאָלק זאַלבט שאול׳ס זון, איש־בושת, פאַר אַ מלך. זיבן יאָר האַלט אָן די געגנערשאַפט. אָבער אין משך פון דער צייט פאַרשווינדט שאול׳ס דינאַסטיע אינ־גאַנצן. און אַ ל ע א י ד ן אַנערקענען דוד׳ן פאַר זייער מלך.

איצט הויבט דוד אָן צו דערווייטערן און צו פאַרברייטערן די גרעניצן פון דער אידישער מלוכה. ער מאַכט אַ לעצטן סוף צו די פלשתים — די אַלטע אידישע שונאים — און צו זייערע אָנפאַלן אויף אידישן באַזיץ. ער פאַרטרייבט אין אַ ווייטן ווינקל אַרום טויטן־ים די מואבים. ער נעמט איין אדום, און ירש׳נט

זייערע שטעט. דאָס אייגענע טוט ער מיט די עמונים און מיט אַלע אַנדערע אידישע שכנים וואָס ווילן ניט פרייוויליג אונטערגעבן זיך, אָדער שליסן אַ בונד מיט די אידן.

איינגיכן קומט עס דערצו, אַז גאַנץ דרום־ און מיטל־סיריע ליגט אין איין האַנט. אין דוד׳ס. יעדנפאַל, האָבן דאָרט אידן די גאַנצע דעה, און פאַקטיש זיינען זיי דאָרט די רעגירער. און אויב דאָס, וואָס דוד האָט צונויפגעזאַמלט און צונויפגעשמאָלצן, קאָן אַפילו ניט אָנגערופן ווערן קיין וועלט־מלוכה ווי בבל אָדער מצרים, איז עס דאָך, פאַר די דעמאָלסטיגע פאַרהעלטנישן, אַ גרויסע מלוכה. און דער עיקר איז געווען דערביי, וואָס דער באַזיצער פון׳ם גרעסטן טייל דרום־ און מיטל־סיריע — און דאָס איז דוד געווען! — איז ביי אַלע אומשטענדן געווען אַ וויכטיגער, און אין פיל פאַלן דער איינציגער פאַקטאָר פון׳ם פּאָליטישן לעבן פון׳ם פאָדערשטן מזרח. דערין האָט קיין שום ספק ניט געקענט זיין — נעמענדיג אין אַכט די העכסט־וויכטיגע לאַגע פון פּאַלעסטינא, וואָס דינט ווי אַ בריק צווישן מצרים און דעם איבעריגן מזרח.

אָבער ניט בלויז דוד׳ס בריה׳שקייט אַליין איז אים ביגע־שטאַנען ביים שאַפן אַזאַ גרויסע מלוכה. די שוואַכקייט פון די אַרומיגע גרויסע מלוכות, ווי מצרים און אשור, האָט אויך רעכט היבש ביי־געטראָגן דערצו. וואָרים מצרים וואָלט אייגנטלאַך געדאַרפט זיין די ערשטע, וואָס זאָל ניט צולאָזן אַזאַ ברייטע אַנטוויקלונג פון דער נייער מלוכה. שוין די עקזיסטענץ אַליין פון אַ געאייניגטער אידישער מלוכה, וואָס פאַרנעמט אין סיריע אַזאַ שטעלונג, ווי דוד האָט געשאַפן, איז געווען אַ גרויסע געפאַר פאַר איר איינפלוס אין סיריע. און וואָלט זיך אָט די נייע מלוכה ווייטער אַנטוויקלט אין דערזעלבער ריכטונג, וואָלט זי מיט דער צייט געקענט ווערן געפערליך פאַר די אַנדערע מלוכות, אויך אין די גרעניצן פון זייערע היימלענדער. דאָס איי־גענע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן אשור, וואָס ירש׳נענדיג דאָס

אַלטע בבל, האָט זי אויך מיטגעירש׳נט די אַלטע בבל׳שע תביעה אויף סיריע...

דאָס האָט זיי טאַקע געאַרט, אָבער טאָן עפּעס געגן דעם האבן זיי ניט געקענט. און דאס איז געווען אי דוד׳ס גליק, אי דאס גליק פון אידישן פאלק. און דאס האט געהאט אַ וועלט־געשיכטליכע באדייטונג. ווארים וואלט מצרים דעמאלט געווען ביי פולער מאכט — און אפילו נאך א גרעסערער מיליטערישער פירער, און נאָך אַ געניאַלערער הערשער, ווי דוד איז געווען, וואלט ניט געקענט אויפנעמען קיין מלחמה מיט מצרים, ווען עס וואלט געקומען צו א צוזאמענשטויס. איז עס אָבער צו אזא צוזאמענשטויס ניט געקומען. די באדינגונגען זיינען געווען גינסטיג פאר דוד׳ן. ער פארפעסטיגט די מלוכה־גרעניצן געגן אויסן. די שכנ׳ישע וועלט האט מורא פאר אים, האט זי אַכטונג פאַר אים און אויך אמת׳ע פריינט און פארבינדעטע האָט ער צווישן זיינע שכנים. איצט הויבט זיך אָן די באפעסטיגונג אינע־ווייניג. א שטארקער און הייליגער צענטר מוז געשאפן ווערן פון וואנען־אויס דאס פאלק זאל רעגירט ווערן, און וואוהין־צו דאס פאלק זאל זיין צוגעבונדן. און דאס דערגרייכט ער דורך דעם, וואס ער נעמט איין די באפעסטיגטע שטאט ירושלים, און ער מאכט זי פאר זיין רעזידענץ.

פון זינט־אָן די אידן האבן אָנגעהויבן איינצונעמען דאס לאנד כנען, זיינען עטליכע פּרובען געמאכט געווארן איינצו־נעמען די אַלטע פעסטונג־שטאָט ירושלים, און עס האָט זיך ניט איינגעגעבן. דערהויפּט איז ניט געווען צוצוטרעטן צו דער אויי־בערשטער שטאט, וואס איז געווען געשיצט פון א מעכטיגער פעלזען־פעסטונג, גערופן ציון. אָט די דאזיגע אומצוגענג־ליכע פעסטונג וואס אירע באזיצער, די יבוסים, זיינען געווען זיכער, אַז אפילו בלויז בלינדע און הינקענדיגע זענען גענוג כדי זי צו פארטיידיגן, — איז דאָך געפאלן אונטער׳ן דרוק פון דוד׳ס חיל. פון זיין חיל בלויז — ווייל דוד אליין איז אפילו דער־ביי ניט געווען, אזוי זיכער איז ער געווען אין נצחון פון זיינע

קריגס פירער. פון איצט אָן הייסט די פעסטונג: „דוד'ס פעס־טונג." די אַלטע שטאָט ווערט באַנייט, איבערגעבויט — ווי עס פּאַסט פאַר אַ רעזידענץ. פון באַפריינדעטן צור לאָזט מען אַהער־ברייננגען צעדער־בוימער און אויך געניטע בויער און מויערער, און אויף'ן בארג ציון בויט מען פאַר דוד'ן אַ רייכן קעניגליכן פּאַלאַץ פון צעדער־האָלץ. דאָס פאָלק שטאָלצירט מיט דער פּראַכט פון זיין קעניגליכער רעזידענץ. די לייבגוואַרדיע ווערט באַזעצט אַרום דעם פּאַלאַץ. ירושלים ווערט דערקלערט פאַר דער הויפּט־שטאָט. און דאָס האָט אַ קאָלאָסאַלן היסטאָרישן ווערט פאַר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער אידישער מלוכה.

אָבער דערמיט באַגנייגט זיך נאָך דוד ניט. ס'איז ניט גע־נוג צו קאָנצענטרירן דאָס פאָלק אַרום אַ וואָכעדיגן, פּאָליטישן צענטער. די קאָנצענטראַציע האָט אַ ווערט בלויז דאַן, ווען אין צענטער זיצט פעסט אַ רעליגיעז הייליגטום. ירושלים זאָל ווערן די הייליגע שטאָט פאַר'ן גאַנצן פאָלק. דערמיט וועט אויך זיין קעניגטום געהייליגט ווערן. און דוד ברייננגט אַראָפּ אויפ'ן בארג ציון דעם הייליגן ארון, גאָט'ס טראָן, אָן וועלכן ס'פאָלק האָט שוין כמעט אינגאַנצן געהאַט פאַרגעסן. דאָס דאָזיגע אַלטע פאָלקס־הייליגטום, אַרומגעוועבט מיט אַזוי פיל אַכטונג און פאַרגעטע־רונג, נעמט דוד ווידער אויף. ער ברייננגט עס אַריין קיין ירושלים מיט'ן גרעסטן פּאַראַד, מיט געזאַנג און מיט טענץ. און דער קעניג, אינאיינעם מיט'ן פּשוט'ן פאָלק, פייערן דעם גרויסן יום־טוב פון אומקערן דאָס אַלטע הייליגטום צו זיין פאָלק און דאָס פאָלק צו זיין הייליגטום. אַ נאַציאָנאַל־היסטאָריש געשייעניש, וואָס זיין וויכטיקייט האָבן ניט אַלע געקענט אָפּשאַצן. און אַז דוד'ס פרוי מיכל, שאול'ס טאָכטער, מאַכט דוד'ן אַ פאָר־וואורף, פאַרוואָס ער האָט זיך עס אַזוי פאַנאַנדערגעגאַרטלט, צע־טאַנצט און צעזונגען אינאיינעם מיט'ן פּראָסטן פאָלק, ענטפערט איר דוד גראָב: ער דערמאָנט איר, איר פאָטער'ס מלוכה און זיין אויסדערוויילטקייט... אָבער די גראָבקייט נעמט זיך ניט בלויז פון זיין מאָמענטאַנעם ענטוזיאַזם, נאָר אויך דערפון, וואָס

מיכל האט מיט דוד'ן קיין קינדער ניט געהאט. דער טראָן־יורש איז געבוירן געוואָרן פון אן אנדער פרוי. איר אַמאָליגער גלאַנץ און זיין אמאָליגע ליבע איז דארום אינגאנצן פארשוואונדן...

פון איצט אָן ווערן אלע יאר יום־טובים געפייערט אויפ'ן בארג ציון מיט גרויס פראכט, און קעניגליכע מאיעסטעטישקייט שוועבט איבער אלץ. פונקט ווי אמאָל האט דער ארון פאראייניגט און באגייסטערט דאס גאנצע פאלק פאר קריג, אזוי האט ער אויך איצט געזאָלט דינען ווי דער סימבאָל פון נאציאָנאלער איי־ניגונג אויך אין צייטען פון שלום. דערמיט זיינען ניט בטל גע־וואָרן די אַנדערע, לאָקאלע אָדער שבטים'שע, הייליגטימער, וואָס האבן ביי אידן עקזיסטירט אויף יאהוועס נאָמען. אָבער דאס הייליגטום אויפ'ן בארג ציון איז אָנערקענט פון אלע שבטים גלייך — אלס דער חשוב'סטער, וויכטיגסטער און אָנגעזייענסטער; האבן דאך אים באדינט די מיוחס'דיגסטע כהנים און די גע־שיקטסטע לויים! עס וואקסט דארום די שטרעבונג, אז דאס זאל אויך ווערן דאס איינציגע הייליגטום ביים פאלק ישראל. און דערהויפט איצט, נאָכדעם ווי מיט'ן איינעמען דאס לאנד, זיינען אויך איינגענומען די לאָקאלע כנענים'שע גאָטהייטען, און יאהווע איז איצט אויך דער איינציגער לאָקאל־גאָט פון לאנד כנען!

אינאיינעם מיט'ן באוואוסטזיין פון דער נאציאָנאלער איי־ניקייט אין דער געגנוואָרט, קומט אויף דער פארלאנג, די דאָ־זיגע איינהייט אריבערצופלאנצן אויך אין דער פארגאנגענהייט, און די ווירקונגען פון דער צוזאמענגעהעריגקייט אין דער געגנ־וואָרט באשרייבן און פארשרייבן פאר דער צוקונפט... און אין דוד'ס הויף באווייזט זיך דער סופר, דער כראָניקער וואָס פארשרייבט אלע וויכטיגע געשייענישן פון זיין צייט. און זאמעל־ביכער באווייזן זיך, וואו עס ווערן באשריבן די מלחמות וואָס אידן האָבן געפירט, און עס ווערן באזונגען די העלדנ־טאַטן וואָס די גבורים האָבן באוויזן אין די דאָזיגע מלחמות.

און אויך פאר רעכט און גערעכטיקייט ווערט געזאָרגט. א געריכט ווערט געשאפן און א פארוואלטונג אָרגאניזירט. דער מלך איז די העכסטע געריכטס־אינסטאנץ, וואס שטייט איבער אלע אָרטיגע געריכטן פון די עלטסטע. די פארוואלטונג באשטייט פון פארשיידענע געזעלשאפטלאכע פונקציעס. דאָס אָנפירן מיט יעדן טייל פון דער פארוואלטונג איז איבערגעגעבן אין רשות פון איינעם פון קעניג'ס פארטרויאונגס־מענשן. צו פרעמד־פעלקער־דיגע און פרעמד־גלויביגע וואס וואוינען צווישן אידן ווערט אָנגעווענדט פולשטענדיגע טאָלעראנץ.

וואָס נאָך, אייגענטליך, פעלט דאָ צום פולשטענדיגן גליק?

אָבער איידער נאָך דוד און דאס פאלק האבן גענוג צייט געהאט זיך צו זעטיגן מיט'ן גליק, האט זיך שוין אונטערגערוקט דאס אומגליק. אונטער דעם רוהיגן אויבערפלאך האט עם לאנג שוין שטיל געברויזט געגן דער שווערער האנט פון דוד'ס הערשאפט. ס'האָט ניט אויסגעבראָכן — ווי לאנג ס'איז ניט געווען קיין גינסטיגער צופאל דערצו. האָט אָבער דוד אליין דעם צופאל געשאפן.

עס איז געווען בעת מלחמה. דאס חיל איז געווען אויפ'ן מלחמה־פלאץ. דוד דערזייט צופעליג די פרוי פון איינעם פון זיינע סאלדאטן און פארליבט זיך אין איר. ער שיקט זאגן דעם פעלדמארשאל, אז ער זאָל דעם סאָלדאט (אוריה) שטעלן אנט־קעגן ערשטן פייער, ער זאָל דער'הרג'עט ווערן. דאָס געשייט. און דוד נעמט צו זיין פרוי, בת־שבע, צו זיך. די ליבע צו איר איז אזוי גרוים, אז ער זאָגט איר צו, דאָס דעם זון, וואָס זי וועט געבוירן, וועט ער איבערגעבן זיין קרוין... דאָס איז גע־נוג געווען, אז עס זאל זיך אָנהויבן וועבן אַן אינטריגע אין הויף — ווארים אויסער דעם געזעצליכן טראָן־יורש, אמנון, דוד'ס ערשט־געבוירענער, זיינען געווען נאָך צוויי פרעטענדענטן אויף דוד'ס קרוין: אבשלום און אדוניה. מעגליך, אז אין היץ פון ליבע, האט ער אויך ז י י ע ר ע מוטערס געזאגט, דאס זייערע זין וועלן ירש'נען דעם טראָן. און דא איז אונטערגעקומען גאָר א פ ע ר ט ע ר

מיט א וועקסל אויפ'ן טראַן!... און פון וואנען שטאמט ער? פון א סאַלדאטקע! און ווי העסליך דוד האָט געהאנדלט דערביי!... אין וואָס פאר א צייט, אין וואָס פאר א לאנד, בא וואָס פאר א פאָלק, וואלט אזא געשייעניש ניט אויסגענוצט געווארן ווי ברען־שטאָף פאר א הויף־אינטריגע?... איז געקומען דער נביא, נתן, מאכט דוד'ן א שווערן פארוואורף דערפאר, „וואָס ע ר, דער רייכסטער אין לאנד, האט ביים אָרימען אָפּגענומען זיין איינציג שעפעלע, וואס ער פארמאגט, כדי צו באפרידיגן זיינע גלוסטן"... דוד ווערט פארשעמט. וויינט פאר גאט. איז זיך מתודה אויף זיין זינד. גאט איז אים מוחל. אָבער מ ע נ ש ן קענען אים ניט מוחל זיין. די מאוס'ע געשיכטע וואס דוד האט אָפּגעטאָן, שאפט אויפרעגונג אין לאנד. די נביאים'שע געזעלן באמיען זיך שוין, מסתמא, וועגן דעם. דוד ווערט בא זיך געפאלן. זיין שטארקע האנט — אראָפּגע־לאזן. און אין הויף הויבט זיך אָן אָפענע הפקרות:

דעם קעניג'ס ערשט־געבוירענער, אמנון, פארגוואלדיגט זיין שטיף־שוועסטער תמר, און וויל נאכדעם מיט איר ניט חתונה האבן. א י ר ברודער, אבשלום, פארנארט צו זיך אמנונ'ען, דער'הרג'עט אים, און אליין אנטלויפט ער צום מלך פון גשור און ווארט דארט אָפּ גאנצע דריי יאר. און אז עס געלינגט אים שוין צו באקומען אן ערלויבניש זיך אומצוקערן, און ער קערט זיך אום, לאזט אים דוד זיצן גאנצע צוויי יאר און וויל אים ניט אָנקוקן. ערשט נאָך די צוויי יאר פועל'ט ער אויס א צוזאמענטרעפן מיט דעם פאטער זיינעם, מיט דוד'ן, און זיי בעטן זיך איבער. נוצט אָבער אבשלום אויס זיין גוט־פריינטשאפט מיט'ן פאָטער און זיין פרייהייט צו ארגאניזירן אן אויפשטאנד נעגן פאטער זיינעם. ער האט זיך צו־גע'חנפ'ט צום פשוט'ן פאלק, אָנגערעט פאר אים אויפ'ן מלך, מיט פארשיידענע מיטלען צוגעצויגן דאס פאלק צו זיך. דאן איז ער אוועק קיין חברון און זיך געלאזט זאלבן פאר א מלך. אז דוד האט דאָס דערהערט, איז ער מיט די זייניגע אנטלאָפן פון דער שטאט: „באָרפיס, מיט א בלויזן קאָפּ איז ער געגאנגען און געוויינט, און די מענשן, וואס מיט אים, האבן אויך דאס איינענע געטאָן."

דערביי זיינען פון אלע לעבער ארויסגעקראכן די אומצופרידענע, האבן זיי דוד'ן געשאלטן, געווארפן שטיינער אויף אים. און ער, דער העלד, איז געווען צוזאמענגעבראכן פון ווייטאג און בזיון...

פארבינדט זיך אבער א קריג צווישן אבשלום'ס חיל און צווישן דוד'ס, און אבשלום ווערט דערהרג'עט — כאטש דוד האט גע־בעטן, מ'זאל אים ניט הרג'נען. און דוד קערט זיך אום צוריק קיין ירושלים, אין זיין פעסטונג, אויף זיין טראן.

א צעבראכענער, א באליידיגטער קערט ער זיך אום. אבשלום'ס טויט פארשאפט אים גרויס צער און ברייננגט צו א שארפן קאנפליקט צווישן אים און זיין פעלד־מארשאל יואב — אן אייזערנער מענש, זייער אייפערזיכטיג אויף זיין הויכער שטע־לונג, און יעדן, אין וועמען ער גלויבט צו זייען א שאטן פון א קאנ־קורענט, ראמט ער אפ פון וועג, אפילו געגן ווילן פון קעניג. דוד זעט עס, זאגט עס און ליידט דערפון. ער קען זיך אבער ניט העלפן. און איצט, אויף די עלטערע יארן, געווים ניט.

אבער נאך האט זיך דאס לאנד ניט בארואיגט נאכ'ן אויפ־שטאנד פון אבשלומ'ן, און שוין איז עס געקומען צו א צווייטן אויפשטאנד. עפעס איינער אן אינטריגאנט פון שבט בנימין, וואס האט זיך אלץ נאך ניט געקאנט בארואיגן נאך שאול'ס פאלן (שאול איז געווען פון שבט בנימין), האט אויפגעהויבן די פאן פון אויפ־שטאנד: „וואס גייט אונז אן דוד און וואס האבן מיר צו טאן מיט'ן זון פון ישי? אידן, אהיים!" איז דאס גאנצע פאלק אוועק מיט דעם אינטריגאנט. נאר דער איינער שבט יהודה איז טריי געבליבן דעם מלך דוד. אבער אויך דער אויפשטאנד ווערט גיך דערשטיקט, נאכדעם ווי דער אנהויבער פון אויפשטאנד, שבע בן בכרי, איז דער'הרג'עט געווארן.

און נאך האט דוד געקעמפט מיט די פלשתים. און נאך האט ער געקעמפט מיט אנדערע פיינט ארום. אבער קיין גרויסן ווערט האבן מער שוין די נצחונות ניט געהאט. און פון אמת'ר רו האט דוד מער שוין ניט געוואוסט. מיד איז ער געווען. אלט און קראנק און פון געלעגער ניט אראפ. און דא האט דער דריטער זון דוד'ס,

אדוניה — אבשלום׳ס א יונגערער ברודער — געמאכט א פאר־שווערונג און זיך געלאזט זאלבן פאר א מלך. און דער באַרימטער העלד יואב, דוד׳ס רעכטע האנט אין אלע מלחמות, איז אויך גע־ווען מיט אדוניה׳ן. אז דוד איז געוואר געווארן וואס אדוניה האט אָפּגעטאָן, האט ער נאָך דעמזעלבן טאָג צונויפגערופן די גרעסטע ווירדן־טרעגער פון דער מלוכה, און האט געלאזט זאלבן פאר א מלך שלמה׳ן, דעם זון פון זיין געליבטער בת־שבע. ער האָט אים אויך געלאזט אויפשטייגן אויפ׳ן טראָן. ער האט אָנגענומען גליקווינשונגען צו שלמה׳ס אַרויפקומען אויפ׳ן טראָן, ליגנדיג א קראנקער צו בעט. דער אויפטו אדוניה׳ס איז געווארן צו־נישט; אלע זייניגע זיינען זיך צעלאפן. אין גיכן איז דוד געשטארבן מיט דעם רואיגן באוואוסטזיין, אז די מלוכה, פון אים געשאפן, האָט ער איבערגעלאזט אין די הענט פון דעם זון זיינעם, וואס ער האט געוואָלט. צי זענען דאָס אויך טאקע געווען די ריכטיגע הענט — ווענן דעם האָט די וויטערדיגע געשיכטע געהאַט צו ענטשיידן.

שלמה המלך

אויף שלמה המלך געהערט צו די באַרימטע אידישע מלכים מיט וועלט־היסטארישער פּאָפּולאַריטעט. אויב דוד איז באַרימט מיט זיין גבורה, דיכטונג און פרומקייט, איז זיין זון, שלמה, באַרימט מיט זיין חכמה, פרייען גייסט און ליבשאַפט צו רו און צו פרידן. ניט בלויז לעגענדעס, וואס דערציילן פון אויסערגעוויינליכער, מענשליכער קליגשאַפט, האט מען ארום זיין קאָפּ געוועבט, נאָר אויך שפּעטער ספרים גאַנצע האָט מען אים צוגעשריבן. דאָס פּאָעטישסטע, דאָס טיפסטע און דאָס קליגסטע, וואָס די אַלטע אידישע ליטעראטור פּארמאגט, לאזט מען שטאמען פון שלמה'ן: די פּאָעזיע פון שיר־השירים, די פילאזאפיע פון קהלת און די לעבענס־קלוגשאפט פון משלי — ווער וואלט עס דען געקאנט שאפן, אויב ניט שלמה — דער קליגסטער פון אַלע מענשן? און ווער האָט דען נאָך, ווי ער, געהאַט די מעגלאַכקייט צו וויסן אַלץ, צו קאָנען אַלץ? איז ער דען ניט געווען גליקלאַכער, ווי ביידע אידישע מלכים פאר אים און אַלע אנדערע מלכים נאָך אים? ער האָט ניט געקענט די שרעקן פון קאמפן מיט פיינט פון אויסן, ער האָט אויך ניט געהערט קיין שטים פון ווידערווילן געגן אים פון אינוויינינג. ער איז „אין ארקאריען געבוירן". אלס צו־קינפטיגער מלך איז ער שוין צו דער וועלט געקומען. אַלץ, וואָס עס איז נויטיג צו א גליקליך, פרידליך לעבן, האבן שוין די מלכים פאר אים אָפּגעטאָן. ער האט שוין אַלע רעכט צו קוקן אויף זיך, ווי אויף א קעניג „פון גאָט'ס גנאָדן". נאָר פון גאָט'ס. דאָס פאָלק האט מען, וועגן זיין קעניג, ניט אָנגעפרעגט און דאס פאלק האט זיין רעגירן אָנגענומען ווי א זעלבסטפארשטענדליכע זאך. אי גאט האט אים ליב געהאט, אי די נביאים האבן אים טייער געהאלטן. קיינער פון אינוויינינג האָט דאָס־פרידלאַכע לעבן ניט געשטערט. קיינער פון אויסן האט וועגן מלחמה מיט אידן ניט געטראַכט. על

כל פנים — נ י ט ג ע ו ו א ג ט צו טראכטן. ווארים די אידן זיי־נען אין צאָל פיל גרעסער געווען, ווי וועלכעס עס איז פאלק פון די שכנים. און זיין ארמיי איז די שטארקסטע געווען. און זיין מלוכה — די רייכסטע. דערצו האט שלמה זיך באמיהט צו לעבן אין שלום מיט די ארומיגע פעלקער און הויפן. זיך באמיהט — אויפ׳ן זעלביגן שטייגער, ווי אנדערע מלכים אין זיין צייט — און נאָך שפעטער — פלעגן טאָן: ער האט די טעכטער פון אנ־דערע מלכים אין זיין הארעם אריינגענומען. אפילו א טאָכטער פונ׳ם גרויסן קעניג פון מצרים האָט ער געהאט צווישן זיינע פרויען. און דאס האט געזיכערט דעם שלום. דאס האט אויך גע־זיכערט דאס גליק פון פאלק. און ניט בלויז דאס אידישע פאלק האָט עס איינגעזען, אויך די כנענים האָבן אינגיכן איינגעזעען, אז עס איז א גליק פאר זיי, זיך נאציאָנאל צו פארשמעלצן מיט די אידן. דאָס זעען אויך איין טיילן פון מדין, פון עמלק און אפילו פון די פלשתים. און האנדלען לויט זייער איינזעען. און די פון די פעלקער, וואָס האָבן עס נ י ט איינגעזעען, האָט שלמה, מיט א לייכטער האנט, אונטערטעניג געמאכט, און זיי האָבן געצאָלט קאָפ־שטייער מיט געלט אָדער מיט לייב־דינסט, ווי דאס איז דער רעגירונג געווען וואויל געפעלן.

„און די אידן זיינען זיך געזעסן יעדער אונטער זיין וויינ־שטאָק און יעדער אונטער זיין פייגנבוים, פון דן ביז באר־שבע, די אלע יארן, וואס שלמה האט געלעבט.“

אָבער ניט ווי עס דערציילט זיך, לעבט זיך. פאר דער פריד־ליכקייט, אין וועלכער דאס פאלק האט געלעבט, האט עס געהאט טייער צו צאָלן. הויכע טעקסעס האָט דאָס פאָלק געהאט צו ברענגען כדי אויסצוהאלטן דעם קעניגליכן הויף און אלע זיינע באדערפ־נישן. און די באדערפנישן זיינען אלץ מער געוואקסן. שלמה, ווי אנדערע מזרח־פירשטן, האט געהאט א גרויסע ליבע צו לוקסוס, פוץ און גלאנץ. און דערהויפט צו פרעכטיגע בנינים. אים ווערט אינגיכן ענג אין פאטער׳ס פעסטונג. ער וויל בויען א „הויז פאר גאט“, א בית־המקדש. און אויך פאר זיך האט ער נויטיג א שע־

נערן פאלאץ, ווי דער, וואס דער פאטער האט פאר זיך אויסגע־בויט. די בנינים דארפן אָפּקאסטן אומגעהויערע סומען. אָבער וואָס פאר אַ קעניג האָט זיך דען ווען־עס־איז אָפּגעשטעלט פאר אַ יקרות — וואו עס האָט זיך געהאנדלט דעם אייגענעם ווילן דורכ־צוזעצן? און שלמה נעמט עס אונטער אויסצובויען גאָט׳ס הויז און אַ פאלאץ פאר זיך, וואס דויערט גאנצע צוואנציג יאָר.

אָבער איידער מ׳טרעט־צו צום בויען, ווענדט זיך שלמה צום מלך פון צור, חירם, מיט דער ביטע: ער זאָל אים צושטעלן די נויטיגע צאָל צעדער־האָלץ פון לבנון, בוי־קינסטלער און מע־טאָלגיסער. דערפאר נעמט זיך שלמה אָן יערלאָך צוצושטעלן חירמ׳ען: 15 טויזנט פוד תבואה און טויזנט פינף־הונדערט פוד בוימאייל. דאָס אלץ האָט דאָס פאָלק געמוזט צושטעלן. און אוי־סער מיטלען, האט דאס פאלק געדארפט צושטעלן אויך לע־בעדיגע נפשות, וואס זיינען נויטיג געווען צו דער ארבייט. 30 טויזנט מענשן זענען שטענדיג באַשעפטיגט געווען ביים ברייג־נען דאָס האָלץ פון וואלד לבנון, האקן שטיינער צום פונדאמענט פון די בנינים און טאָן די בוי־ארבעט אונטער דער אויפזיכט פון די בוי־קינסטלער פון צור.

און אויסער דעם בית־המקדש און דעם קעניגלאכן פאלאץ האט מען אויך נאָך געבויט פארשיידענע פעסטונגען צו שיצן דאס לאנד. און אויסער די פעסטונגען האָט מען אויך נאָך געבויט פראכט־פאלאצן און פראכט־טעמפלען פאר שלמה׳ס מיוחס׳דיגע ווייבער און פאר זייערע געטער. און אויך האנדלס־שיפן האט מען געבויט, וואס פלעגן אינאיינעם מיט חירמ׳ס שיפן שווימען אי־בער ווייטע וואסערן און ברייגגען פון דארט גאלד און זילבער און קרעלן. אָבער פון דעם דאזיגן עשירות האט דאס פאלק ניט גע־נאָסן. פונקט ווי ס׳האט ניט גענאסן פון די פארשיידענע רייכטי־מער, וואָס פארשיידענע מלכים פלעגן שלמה׳ן צושיקן אלס מתנות, כדי צו קויפן זיין פריינדשאפט. דאס דאזיגע גאלד און זילבער איז געבליבן אין הויף, און דאס פאלק האט זיינע שטייי־

ערן געמוזט צושטעלן. און דאס איז אים געווען א שווערע לאסט. מ'האט אָבער געליטן און געשוויגן —

ווייל פאר לייטן איז מען שטאלץ געווען מיט דער פראכט, וואָס שלמה האָט באַדעקט ירושלים. געלאָדענע פאַנצערם פאַר לייב־גווארדיע, א שטול פון עלפאַנד־ביין מיט גאלד באַדעקט. גאלדענע כלים צום טרינקען — ווייל זילבער האט שוין קיין שום ווערט ניט געהאט. היינט די גלענצענדע רייטוועגן, די טייערע פערד פון מצרים געבראַכט. און די חשוב'ע געסט — מ ל כ י ם דורכאוים, וואס פלעגן קומען צו באזוכן דעם אידישן מלך, יעדער מיט גאַנ־צע אוצרות פון די פארשיידנסטע ווערט־זאכן, וואס זיי האבן שלמה'ן מתנות געבראַכט. א פאלק, און בפרט אין יענע צייטן, פילט זיך געשמייכלט פון קעניגליכער פּאָפּולאַריטעט, פון קעניג־ליכן גלאַנץ. און דעם קעניג'ס כבוד שפּירט ער אויך אויף זיך... און בפרט, אז אויך יעדער איד פאר זיך, וואס איז אויף די יאָר־ימים־טובים אריינגעקומען קיין ירושלים, איז גאַנץ אנטציקט געווען פון דעם מאַיעסטעטישן אויסזען פון זיין קעניג'ס רעזידענץ און פון דער רעזידענץ פון זיין גאָט.

אָבער מיט דעם גאָט איז עפּעס אומהיימלאכס געשען. די אַלטע הייליגטימער אין גלגל, אין שילה און באר־שבע און דער־גלייכן, זענען דעם פאָלק געווען נאָענטער. יעדער האָט געקענט נאָענט צוקומען צו זיי, זיך גייסטיג צונויפגיסן מיט זיי. אָבער צום אָרון, וואס איז איצט געשטאַנען אין קדשי־קדשים, אונטער די פליגלען פון די כרובים, פון איילבערט בוימער מיט גאלד באַ־דעקט, אין שטענדיגן טונקל — האט דאס פאלק ניט געקאָנט צו־קומען. ווי פארפרעמט האָט זיך דאָס פאָלק געפילט אַרום אים. און בפרט, אז מ'האָט געזעען, דאָס דער מלך אליין באַנוגנט זיך ניט נאר מיט'ן דינען יאהווע, דעם אידישן גאָט; אז ער אליין איז דערביי, ווי זיינע געצנדינערישע פרויען טוען דעם דינסט פון זייערע געצן. דאס גיט שטאָף צו אינטריגירן געגן שלמה'ן פון פאַרשיידענע זייטן. די גאָטספורכטיגע זעען דערין, וואָס שלמה דולדעט דעם פרעמדן געצנדינסט אין זיין הויף, א ראיה, אז ער האָט

אָפּגעקערט פון גליכן וועג, האט פארגעסן אין גאט'ס געבאט און זיין הארץ איז געניגט צו פרעמדע געטער. יענע, וואָס האָבן אין דער שטיל אַלץ נאָך געבענקט נאָך די כנענים'שע, פריילאַכע געטער און געטער־דינסט, האָבן אין שלמה'ס דולדן דאָס געצנדינסט געזען א בארעכטיגונג פאר זייער בייגקען. אָבער אויב זיי זענען גערעכט, פארוואָס איז דאָס ניט אָפן אָנערקענט? פארוואָס זאָל ניט אויך דעם פאָלק פארגינט זיין, וואס דעם מלך איז ערלויבט?

און ביידע זענען געווען אומגערעכט. ניט האָט שלמה אָפּגע־קערט פון גאט'ס וועג, און ניט האט ער אנערקענט די פרעמדע געטער. שלמה איז בלויז זיך טריי געבליבן, און טריי דעם גייסט פון טאָלעראנץ, וואס ער האט אזוי ערהאבען אויסגעדריקט אין זיין תפלה בעת'ן חנוכת־הבית פונ'ם בית־המקדש. ער ווייסט, אז גאט לאזט זיך ניט אראפּ צו וואוינען אויף דר'ערד — ווארים אפילו אין די הימלען איז ניטאָ גענוג פּלאץ פאר אים. די פונקטן, וואָס ווערן באשטימט פאר אים, זענען באשטימט בלויז דערצו: צוצוציען גאט'ס אויפמערקזאמקייט צו זיי, ער זאָל צוהערן דאָס געבעט, וואס דער מענש בעט צו אים פון די דאזיגע פונקטן אויס. קיין חילוק ניט, ווער דער בעטער איז. און יעדעס פאָלק האָט דאס רעכט צו באשטימען זיינע געבעט־פונקטן און זיינע געבעט־פארמען — ווי זיינע געטער טוט וואויל־געפעלן. און דאס זעלביגע רעכט געניסן אויך די פרעמדע פרינצעסינס, שלמה'ס ווייבער. נאָכמער: די פּלעצער, וואו זייערע געטער האָבן זיך געפונען און די תפלות זענען אָפּגעריכט געוואָרן, האָבן גענאָסן פון דעם רעכט, וואָס מיר רופן איצט: „עקסטעריטאָריאַליזם". ד. ה. אז דער פּלאץ, וואס איינער פארנעמט אין א פרעמד לאַנד, ווערט באַ־טראכט, ווי זיין אייגענע, היימישע טעריטאריע, און די הערשער פון לאנד האָבן איבער דעם פּלאץ קיין שליטה ניט. יעדער אמבאַ־סאדאָר פון וועלכן עס איז לאַנד, אין א וועלכער עס איז הויפּט־שטאָט, געניסט איצט פונ'ם זעלביגן רעכט. און אין דעם וואס די חשוב'סטע ווייבער שלמה'ס האָבן אָפּגעריכט זייער גאָטעסדינסט אויף דעם שטייגער, ווי זיי זענען עס געוואוינט געווען אין דער

היים, האט ניט געשטעקט די געפאר. און שוין זיכער ניט די אב־זיכט, אראפצופירן די אידן פון וועג און זיי אפציען פון זייער גאט.

אָבער דער אומצופרידנקייט פעלט עס קיינמאָל ניט אין נארונגס־שטאָף. און די אומצופרידנקייט מיט די שווערע לאסטן, וואס דאס פאלק האט געטראגן אויף זיך; די אומצופרידנקייט מיט דער ברוטאליטעט, וואס איז אָנגעווענט געווארן ביים איינמאָנען די שווערע שטייערן; די אומצופרידקייט מיט דעם באהאלטענעם גאָט, וואס דער קעניג האט אים ווי צוגענומען פאר זיך — איז געלעגן אויפ'ן האנט. דערמיט האבן זיך פארשיידענע באנוצט אין זייער העצע געגן שלמה'ן. עס האבן זיך באנוצט דערמיט די גאטס־פארכטיגע נביאים, וואס האבן ניט געליטן שלמה'ס טאָלעראנץ; עס האָבן זיך באנוצט דערמיט די, וואָס האָבן געבענקט נאָך די כנענים'שע גאָטהייטן; עס האָבן זיך באנוצט דערמיט אויך די אלטע שונאים דוד'ס, — דער שבט אפרים, וואס האט מקנא גע־ווען דעם שבט יהודה, וואס פון אים האט דוד'ס דינאסטיע גע־שטאָמט, און אויך די נאָענטסטע און ווייטע שכנים האָבן אָנגעהויבן אויסצונוצן די אומצופרידנקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן אידן.

אין משך פון די צענדליגער יארן, וואס דוד האט געקיניגט, און נאך אים שלמה, האט זיך די אינעווענינגסטע לאגע אין מצרים געענדערט צו בעסערן. האט מצרים ווידער אָנגעהויבן צו טראכטן וועגן איר אויבערהערשאפט אין פאלעסטינא. מען האט זיך אָנ־געהויבן אינטערעסירן מיט דער לאגע אין דער אידישער מלוכה. און זעענדיג די גרויסע אומצופרידנקייט אין לאנד, האָט מצרים אָנגעהויבן צו העצן די אומצופרידענע און זיי צוזאָגן איר שטיצע.

דער ערשטער שכן, וואס האט זיך ערלויבט מורד צו זיין אין שלמה'ן, איז געווען א ד ו ם. א מיטגליד פון דער אדום'שער קעניגליכער פאמיליע, מיט'ן נאמען ה ד ד, איז אנטלאפן קיין מצרים, נאָך בעת דוד האט געהאט איינגענומען דאס לאנד אדום און די באפעלקערונג זיך אונטערטעניג געמאכט. ווי לאנג די אי־

דישע מלוכה אין פאלעסטינא איז געווען ביי איר שטארקייט און איינינקייט, און ווי לאנג מצרים איז געווען גלייכגילטיג צו דעם, וואס אין ארץ ישראל קומט פאר, איז אויך הדד שטיל געזעסן און זיך פון אָרט ניט גערירט. אָבער אַז די צייטן האבן זיך געענדערט: אין אידישן קעניגרייך האט אָנגעהויבן הערשן אומצופרידנקייט; מצרים איז געווארן אויפמערקזאם צו דעם, וואס דארט קומט פאר און זוכט צו אינטריגירן צווישן די דארטיגע פעלקער — איצט גלויבט הדד, אַז זיין צייט איז געקומען. ער קערט זיך אום צוריק אהיים, זאמלט ארום זיך גרעסערע באנדעס פאטריאָטיש געשטימטע לאנדסלייט, רייסט אפילו אָפּ א שטיקל לאנד פון שלמה׳ס מלוכה און באנוגנט זיך דערמיט, וואס ער באפאלט אָפט אידישע גרעניץ־ישובים.

און נאָך אדום קומט אפרים. ריכטיגער: איינער פון אפרים: ירבעם בן נבט. א מענש מיט פיל ענערגיע. באקאַנט מיט׳ן הויף לעבן. זייער אָנגעזעען בא שלמה׳ן, אלס אויפזייער פון די עפנטליכע בנינים אין דער רעזידענץ. שפעטער — דער פארוואלטער איבער די קעניגליכע שטייערן פון מנשה און אפרים. און זיין הויכע שטעלונג האט ער אויסגענוצט געגן שלמה׳ן. ער ציהט אויך צו צו זיך דעם נביא אחיה, פון שילה, וואס איז אויך, ווי אלע זיינע חברים, געווען אומצופרידן מיט שלמה׳ס הנהגה, בנוגע דער געצנדינסט פון זיינע פרויען. אינאיינעם האט מען עס פאנאנדערגעבלאָזן די אומצופרידנקייט פון פאָלק. ירבעם האָט געמיינט, אַז ס׳וועט אים געלינגען צו ברייננגען צו אן אויפשטאנד אין אפרים, על כל פנים, און ער וועט קומען צו מאכט. אזוי איז עס אָבער ניט געווען. מ׳איז געוואָר געוואָרן פון דער געפּלאנטער מרידה און געוואלט ירבעמ׳ען הרג׳נען. כדי זיך צו ראטעווען, אנטלויפט ער קיין מצרים, וואו ער געפינט שוץ אין קעניגליכן הויף. און דארט בלייבט ער ביז אין שלמה׳ס טויט אריין.

און נאָך א שונא, אַן אויסערליכער, האט זיך דערהויבן געגן שלמה׳ן. א גענעראל, פון א געשלאגענער — דורך דוד׳ן — אראַ־

מייאישער אַרמעע, האט צונויפגענומען אַרום זיך אַ היבשע באַנ־דע פּאַטריאָטיש געשטימטע מורדים, און איבערגעפאלן די אַלטע שטאט דמשק, און זי ערקלערט פאַר זיין הויפּט־שטאט. און שלמה איז ניט אימשטאַנד צוריק אָפּצונעמען די שטאט — וואו ס׳איז פון איצט אָן געוואַקסן אַ שטאַרקער געגנער פון דער אידישער מלוכה אין דער צוקונפט.

און אפילו דער אַלטער אידישער פריינט, חירם פון צור, נעמט אָפּ, פאַר חובות, צוואַנציג אידישע שטעט, און שלמה מוז עס זען און שווייגן. אָבער דאָס אַלץ איז שוין געווען בעת שלמה׳ס עלטער.

אַ גליקליכער איז שלמה צו דער וועלט געקומען. אַ יונג, אויפ־שטייגענדיג פאָלק האָט געוואַרט אויף אים. אַ פעסטער טראָן איז געווען גרייט פאַר אים. אַכטונג און פריינדשאַפט האט אים אַרומ־גערינגלט. אַ גוטער שם איז אים געגאַנגען פאָראויס. און אַ גאַנץ לעבן באַמיהט ער זיך אום גליק און גלאַנץ פון זיין לאַנד און זיין פאָלק —

און אוועקגייענדיג פון דער וועלט, פילט ער ווי שווערע וואָלקנס דריקן די לופט איבער זיין קאָפּ; שפירט ער דעם שטורם ווי ער קומט איבער זיין לאַנד; הערט ער ווי די פאַראייניגונג פון זיין פאָלק האַלט אין קראַכן, און זעט דעם מלאך־המות זיך דער־נעענטערן צו די גאָלד־געשטימטע טויערן פון זיין קעניגרייך.

אויב ער זאָל מיט אַן אמת האָבן געשריבן „קהלת", און אויב פון אים זאָל שטאַמען דער זאַץ: „הבל הבלים, הכל הבל" — איז ער געווען פולשטענדיג באַרעכטיגט דערצו...

רחבעם

געדיינקענדיג נאָך דוד׳ס שטענדיגע מלחמות, אומצופרידן פון שלמה׳ס אומגעהויערער פארשווענדרישקייט און אויפגעהעצט דורך די מאכט־גלוסטיגע פונ׳ם אייפערזיכטיגן שבט אפרים, — פרואווט די גרויסע מערהייט פון אידישן פאלק אויסצונוצן די געלעגנהייט, וואָס אַ נייער מלך (רחבעם, דער זון פון שלמה) שטייגט ארויף אויפ׳ן טראָן און זיי פארלאַנגען געוויסע הנחות. דער מלך ווייסט דערפון און מאכט זיך ניטוויסנדיג. ער לאזט זיך קרוינען בלויז פון זיין שבט, יהודה, און פון דעם דערבייאיגן שבט בנימין, און האָפט, אז די איבריגע שבטים וועלן אין גיכן אויך צו אים קומען. האט דען ניט אזוינס שוין געטראפן מיט שאול׳ן? האָט עס דען ניט געטראָפן אויך מיט דוד׳ן? אָבער זעענדיג, אז יענע איילן זיך ניט צו אים, איז ער געגאנגען צום פאָלק. ער איז געקומען קיין שכם, וואס אין שבט אפרים, וואוהין עס זענען זיך אויך צונויפגעקומען די עלטסטע פון פאלק און זייער פיל פונ׳ם פאָלק גופא. דאָרט האָט ער אויסגעהערט די איינציגע פאדערונג: „גרינגער צו מאַכן זיין פאָטער׳ס הארטע אַרבעט און דעם שווערן יאָך, וואס ער האט אויף זיי ארויפגעלייגט.“ ניט זייענדיג אזא העלד ווי זיין זיידע און ניט אַזאַ חכם ווי זיין פאָטער, זעט ער אין דער פאדערונג אַ באליידיגונג פאר זיין קעניגליכער מאיעס־טעט. און ער לאזט ענטפערן די עלטסטע פון פאלק: „מיין קליין פינגערל איז דיקער ווי דער דיך פון מיין פאטער. האט ער אויף אייך ארויפגעלייגט אַ שווערן יאָך, וועל איך אים נאָך שווערער מאכן; האט ער אייך געשמיסן מיט ריטער, וועל איך אייך שמייסן מיט שטעכיגע דערנער.“ אינ׳ם פירער פון דער „דעלעגאציע“ — ווי עס וואָלט איצט געהייסן — דערקענט ער דעם אַלטן העצער ירבעם בן נבט, וואס האט נאך אין שלמה׳ס צייטן גע־פרואווט אראָפּצוזעצן דוד׳ס דינאסטיע. ער האט ניט באגריפן,

אז דאָ זענען ניט אַזוי וויכטיג די אַזוי־גערופענע „עקאָנאָמישע פאָדערונגען", ווי די פּאָליטישע צילן, וואָס שטעקט הינטער זיי, און אַז די איינציגע אויפגאַבע פון דעם מאָמענט איז — אַרויס־צונעמען דעם ווינט פון ירבעמ'ס זעגלען: נאָכגעבן דעם פאָלק, און דאָס מאַכן גלייכגילטיג צו דער אַגיטאַציע נעגן דוד'ס הויז. ער האָט דאָס אַלץ ניט פאַרשטאַנען. אָבער וואָס ער האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, דאָס האָט מען אים באַלד נעגעבן צו פאַרשטיין. דאָס באַליידיגטע פאָלק האָט באַלד אויפ'ן אָרט דערקלערט:

„וואָס געהערן מיר זיך אָן מיט דוד'ן און וואָס גייט אונז אָן דער זון פון ישי? אהיים, אידן!"

און אַ מהומה איז געוואָרן. האָט רחבעם אַרויסגעשיקט דעם אויבער־פאַרוואַלטער איבער די שטייערן, זיך דורכצורעדן מיט די עלטסטע פון פאָלק. עס האָט זיך דאָרט געהאַנדלט וועגן פאַרקלענערן די שטייערן. אָבער אַנשטאָט צו רעדן מיט אים, האָט אים דאָס פאָלק פאַרוואָרפן מיט שטיינער. דער מלך האָט זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן אהיים קיין ירושלים. אינגיכן קרוינען די איבעריגע צען שבטים, אָדער „בני ישראל", ירבעמ'ן פאַר אַ מלך איבער זיך. זיין רעזידענץ איז שכם — דער צענטער פון שבט אפרים. פון דער איינער, פעסטער אידישער מלוכה, איז געוואָרן צוויי. איינע מיט'ן נאָמען „מלכות יהודה", די צווייטע — „מלכות ישראל".

די לאַנגאָניגע אינטריגע פון שבט אפרים האָט געזיגט. איז נאָך דעם זיג וועמען עס איז בעסער געוואָרן? איז דער יאָך פונ'ם שטייערצאָלער גרינגער געוואָרן? האָט דאָס פאָלק גערוהט פון מלחמות? האָט עס געהאַט דאָס אָנזען, וואָס אין דוד'ס צייטן, דעם רוהם און דעם גלאַנץ, וואָס אין די צייטן פון שלמה? איז די רעליגיע ריינער געוואָרן? איז דער באָדן אונטער זייערע פיס פעסטער געוואָרן?

די שטייערן ווערן פון איצט־אָן גרעסער און שווערער ווי פריער. צוליב דעם, וואָס די אידישע מלכים — דערהויפּט אין ישראל — פילן זיך ניט גענוג זיכער מיט'ן צוטרוי פון זייערע אונטערטאַנען און ניט מיט דער פעסטקייט פונ'ם פרידן מיט די

ארומיגע שכנים, מוזן זיי זייער פארזיכטיג און נאכגיביג זיין מיט זייערע הויפט־לייט, אדער ווי זיי הייסן אין תנ״ך „גבורי החיל.“ זיי זענען די מיוחסים, די פריצים אדער די אריסטאקראטן אין לאנד. זיי האבן די אמת׳ע דעה ניט בלויז אין לאנד, נאר אויך ביים קעניג. די בעסערע פעלדער און וויינגערטנער שענקט דער קעניג די דאזיגע העלדן זיינע. דאס פויערים־פאלק, וואס לעבט אויף דעם באדן און באארבייט אים, מוז טיילן זיינע פראדוקטן אי מיט׳ן קעניג אי מיט׳ן האר פונ׳ם באדן. און וואס שוואכער דער קעניג, אלץ שטארקער זיין קאמארילע און אירע קרובים. איז אזא איינער אומצופרידן דערמיט וואס קומט אים אויף זיין חלק, רייסט ער מיט גוואלד ארויס פון פויער׳ס האנט וואס אים טוט וואויל־געפעלן. ווארים אויף זיי איז ניט געווען קיין געריכט אין ניט קיין ריכטער. ווייסט מען דאך פון א פאקט, ווען אפילו א מלך אין ישראל ערלויבט זיך אמאל אנצושטעלן פאלשע עדות און געשטיצט אויף זייער עדות־זאגן לאזן אן ארימען מענשן פאר־משפט׳ן צום טויט פאר פאררעטעריי, כדי צו קאנען קאנפיסקירן יע־נעמ׳ס שיינעם וויינגארטן... דאס פאלק קרעכצט אונטער׳ן יאך פון די פריצים. און זיי, די פריצים, לאזן זיך וואוילגיין, זיי פארשווענדן פארמעגנס אויף פאלאצן, קליידונג, צירונג — גאנץ לויט דער דעמאלסטיגער מאדע אין צור, צידון, אדער גאר אין בבל. זייער לוקסוס שטייגט איבער אלץ, וואס דאס פאלק האט דערפון געזען. נאר ווייניג פונ׳ם פויערים־פאלק קאנען פון דער ערד ארויסבאקומען אזוי פיל, וויפיל עס ווערט פון אים געפא־דערט. פיל ווארפן אוועק דאס דארף, דאס לאנד און די ערד־אר־בייט און ציען אריין אין שטאט.

אבער די מלחמות האבן אויך ניט אויפגעהערט. קודם־כל: צווישן דעם מלך־ישראל און דעם מלך־יהודה. דער לעצטער האט ניט אנדערש געוואלט זיך אפרעכענען מיט זיין געגנער, דעם מלך פון ישראל, און צוריק אפנעמען דאס לאנד און די באפעל־קערונג וואס האט אנגעהערט זיין פאטער און זיין זיידן. דאס גיט זיך אים אבער ניט איין. יענעם קען ער ניט איינגעמען. ער ווערט

אָבער אויך ניט אזוי שטארק געשלאָגן, אז עס זאָל זיך אים מער ניט וועלן קיין מלחמה. ציען זיך די מלחמות אָן א סוף. איינמאָל גאָר געלינגט עס דעם מלך פון יהודה צו פאריאָגן דעם מלך ישראל פון שכם. יענער מוז זיך אריבערכאפּן דעם ירדן און איינאָרדנען זיין רעזידענץ אין דער שטאט פּנואל. און אז דער מלך פון יהודה לאָזט אים אלץ ניט רוען, ווענדט ער זיך נאָך הילף צו זיין אלטן פריינט, דעם מלך פון מצרים, ששק (עגיפּטיש: שעשאָנק). און יענער, הגם ניט קיין גרויסער קריגסמאן און מיט קיין שום נצחונות ניט בארימט, לאָזט זיך ניט לאנג בעטן און נעמט אונטער א רויב־צוג אין לאנד כנען, וואָס איז דאָך פון קדמונים־אָן געהאט געשטאנען אונטער דער אויבערהערשאפט פון מצרים. עס קומט אָן ניט שווער אריינצוקומען קיין ירושלים. ער רויבט אויס דעם בית־המקדש. רויבט אויס די ארסענאלן, דערהויפּט געפעלן אים די גאָלדענע פּאנצערס, וואָס שלמה האָט געלאָזט מאכן, און קוים אריין אין אזארט, שאנעוועט ער שוין פאר איינס ישראל אויך ניט. קומט אהין, רויבט אויס וויפיל ער קען און פירט עס אוועק קיין מצרים. זיין „גרויסן נצחון" לאָזט ער פארשרייבן אויף א וואנט פון'ם גרויסן הויף ביים טעמפּל פון זיין גאָט אמון, וואָס אין קאר־נאק (מיטל־עגיפּטן). בארויבט האָט ערביידן, אָבער געהאָלפן האָט ער קיינעם ניט. די אייגענע געשיכטע חזר'ט זיך איבער שפּעטער ביי די יורשים פון רחבעם און ירבעם. בעשא, דער מלך פון ישראל, גייט אויף מלחמה צו האלטן מיט יהודה. כדי זיך צו פארזיכערן פון אן אָנפאל, בעת ער וועט זיין פארנומען אויפ'ן קריגס־פּלאץ, שליסט ער א בונד מיט ארמים, גיט זיי הנחות בנוגע זייער צוקומען צום ים דורכ'ן לאנד ישראל. ער האלט מלחמה מיט יהודה און האָט ערפאָלג. ער נעמט איין די שטאָט רמה, ניט ווייט פון ירושלים, באפעסטיגט זי און שניידט אָפּ דעם האנדלס־וועג פון יהודה צו צפון־צו. נעמט דער קעניג פון יהודה, אסא האָט ער גע־הייסן, זייער פיל גאָלד און זילבער פון די אוצרות פון בית המקדש און שיקט עס אוועק צו די ארמים, אזוי צו זאָגן: „צעשטער דיין בונד מיט'ן קעניג בעשא פון ישראל, און זאָל ער אָפּטרעטן פון מיר".

לאָזן זיך די ארמים איבעררעדן, פאָלן אריין אין מלכות ישראל, נעמען צו עטליכע שטעט, און דאָס צווינגט בעשא'ן מוחל צו זיין דעם נצחון זיינעם אין יהודה און לויפן ראטעווען זיין אייגן לאנד.

און די שכנים ארום? זעלבסטפארשטענדליך, אז נאָכ'ן צעפאלן פון דער אידישער מלוכה, און בפרט בעת זייער מלחמה־האלטן צווישן זיך, האָבן אלע שכנ'ישע פעלקער אויפגעהויבן די קעפּ. וועגן מצרים האָבן מיר שוין געררעדט. ביי א געאייניגטן פאָלק ישראל וואָלט זיך אזא ששק ניט ערלויבט אזוי גיך אונטער־צונעמען אזא רויב־צוג אין כנען. און וואָלט ער אים יא אונטער־גענומען, וואָלט ער אים ניט אָפּגעגאנגען אזוי גרינג. און צי נאָר מצרים? אָט איז אפילו ארם. אין דוד'ס צייטן האָט ער זיך שוין געלאָזט מערקן מיט זיין הויפטשטאָט דמשק, אָבער קיין וועזן איז ניט געווען פון אים צו מאכן. איצט איז ארם געווען דאָס געזי־כערטע פאָלק פוןביידע אידישע מלוכות, יעדע זוכט אים צו געווינען אויף איר זייט געגן דעם ברודער, דעם שונא... און ארם לאָזט זיך שטענדיג געווינען פון דעם, וואָס גיט א העכערן פרייז. גענערט פון דער אידישער אוממעכטיקייט, איז ארם גרויס געוואקסן צו אן ערנסטן און געפערליכן שונא פאר אידן. און ניט בלויז ארם. אונזערע אלטע באקאנטע פלשתים, וואָס דוד נאָך האָט זיי געהאט צעשלאָגן און אונטערטעניג געמאכט, האָבן זיך ווידער באוויזן אויפ'ן מלחמה־פלאץ אין קאמף מיט'ן מלך פון ישראל, און אפילו מואב האָט זיך אויך איצט געמעלדעט צום קאמף. דוד האָט זיי געהאט איינגענומען, מס־פליכטיג געמאכט, און לאנגע דורות האָבן זיי רואיג געלעבט אין זייער ווינקל — צו מזרח פון יריחו און פונ'ם טויטן ים. דערשפירט די אידישע שוואכקייט, שטארקט זיך מואב און ריכט אויף אן אייגענע מלוכה מיט דער שטאָט דיבון אלס הויפטשטאָט. די שטאָט — דרך אגב באמערקט — עקזיסטירט נאָך ביז'ן היינטיגן טאָג.

און אויך די רעליגיע, וואָס פון אירטוועגן האָבן די נביאים מיטגעהאָלפן ירבעמ'ען, איז ניט אויפגעריכט געוואָרן נאָך דער שפאלטונג ביי אידן.

ווארים ניט האַבנדיג קיין שום אַנדערע פייאיגקייטן, מ׳ט וואָס זיך צו מאכן פאַרדינט און באַליבט ביים פאָלק, לאָזט זיך ירבעם אריין אין חנפ׳ענען די רעליגיעזע ראָמאַנטיק פון פּראָסטן המון. ער ווייזט ארויס סימפּאַטיע צו די אַלטע רעליגיעזע געוואוינ־הייטן און ווייטע עראינערונגען, וואָס לעבן געהיים אין פאָלק, און זוכט צו באַפרידיגן זייער שטיל־בענקען נאָך די אַלט־פּאַרצייטיגע היילינגטימער — לאָקאַלע, און מיט באַזונדערע שבטים פאַרבונדענע, סולטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער מענש פון המון האָט ליב צו האָבן זיין רעליגיעז היילינגטום נאָענט ביים האַנט, און עס זאָל טאַקע זיין וואָס מיט׳ן האַנט צו טאַפּן, וואָס מיט׳ן אויג צו זען אויך. מעג זיין אַ ווילדער פעלד־שטיין, אַ פּשוט׳ע מצבה — אַלץ בעסער ווי נאָרניט... אגב האָט ער אויך געהאַט גענוג גרונד מורא צו האָבן, אַז אויב די רעליגיע וועט אויך ווייטער פאַראייניגן ישראל מיט יהודה, דער צענטער פון דער רעליגיע וועט בלייבן ירושלים און דער בית המקדש, און אידן וועלן אויך ווייטער גיין פייערן די יאָר־יום־טובים קיין ירושלים, ווי פריער, וועלן זיי מיט דער צייט אויך פּאָ־ליטיש איבערגיין צום מלך פון יהודה. כדי עס זאָל דערצו ניט קומען, לאָזט ער באַנייען צוויי אַלטע, היסטאָריש־באַרימטע רעלי־גיעזע היילינגטימער: ב ת ־ א ל און ד ן. דאָס ערשטע איז אין אפרים, אין דרום פון מלכות־ישראל — אַ היילינגטום — אַ באַרימטע מצבה און מיט אַ יחוס ביז יעקב אבינו. און דאָס צווייטע איז אויך נאָך אין דער צייט פון די שופטים באַוואוסט געווען מיט איר אָראַקל אויף יאהווע׳ס נאָמען. אין די צוויי היילינגע פּלעצער לאָזט ירבעם אויסבויען צוויי טעמפּלען. שטעלט דאָרט אַוועק צוויי גאָלדענע קעלבער און באַפוילט: „דאָס זיינען ד י י נ ע געטער, ישראל, און זיי זאָלסטו דינען. מיט ירושלים האָסטו מער קיין שום מגע ומשא ניט — ווייל אָט די געטער, וואָס דו זעסט פאַר זיך, האָבן עס דיך אויך פון מצרים ארויסגעפירט...“ אַלזא — אַן א י י נ ע נ ע ר גאָט. „דער גאָט פון ישראל“, נאָר אַ גע׳כּנענ׳יזירטער, — אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן.

און דאָס איז געווען אַ פאַרברעכן, ניט בלויז געגן דער ריינקייט

פון דער אידישער רעליגיע, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך איינצוואָרצ־לען בא אידן פון שמואל׳ס צייטן אָן, ניט נאָר געגן דער אָנער־קענונג פון בית המקדש אלס רעליגיעז־נאַציאָנאַלער צענטער, נאָר אויך געגן דעם קיום פון דער נאַציאָן בכלל. ווארים די גאַנצע טעטיקייט פון די אידן און זייערע אָנפירער אין כנען איז באַשטאַנען — אין קאַמף געגן דער השפעה פון די כנענים, סיי פּאָליטיש, סיי רעליגיעז. און זייער פיל איז די ביז איצטיגע מלכים געלונגען אין דעם פּרט. ירבעם קערט אָבער ווידער אום די אידן צו דעם צו־שטאַנד, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען אין דער צייט פון די שופטים. כנענ׳יזירן די רעליגיע — דאָס איז פון איצט אָן די מלוכה־פּאָליטיק אין ישראל. און נאָך איינס: אין דעם באַזונדערן, נאַציאָנאַל־רעליגיעזן באַוואוסטזיין איז באַשטאַנען די זעלבסט־באַהויפּטונג פון די אידן געגן די כנענים. אָן דעם דאָזיגן באַ־וואוסטזיין האָבן זיי אויך פּאָליטיש־נאַציאָנאַל געמוזט אונטערגיין. דאָס האָבן ריכטיג איינגעזען די נביאים, וואָס האָבן אליין מיט־געהאָלפן ירבעמ׳ען אין זיין נצחון. אינגיכן שוין איז פאַר זיי קיין פּלאַץ ניט געווען אין ישראל. מ׳האָט זיי פאַרפאָלגט און זיי האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אָדער אַנטלויפן קיין יהודה. אמת, אין יהודה האָט מען אויך צייטנווייז אַנערקענט פרעמדן גאָטעס־דינסט, אָבער צייטנווייז האָט זיך דער איינער אָדער אַנדערער מלך באַגייסטערט און די געצענדינערייַ אויסגערוימט. אין ישראל אָבער איז די געצענדינסט געווען, אַזוי צו זאָגן, די ה ע ר ש נ ד ע, אָדער די מלוכה־רעליגיע.

און א חוץ דעם אַלעם. די בני ישראל זיינען לאַנגע יאָרן געזעסן ווי אויף א וואולקאַן. ניט געקוקט דאַרויף, וואָס ירבעם האָט אַזוי געשטרעבט צו מאַכט, האָט ער דאָך די מאַכט ניט געקענט אָנווענדן צו גונסטן פון פאָלק און ניט צו גונסטן פון זיין דינאַסטיע. ניט האָט ער געקענט פאַראייניגן די צען שבטים אין א שטאַרקן פאַרבאַנד, און ניט האָט ער פאַרמאָגט די גרויסע אידעע, וואָס מיט איר קראַפט זאָל ע ר דאָס קאָנען טאָן. שוין ירבעמ׳ס זון קומט אום פון דינאַסטישע מהומות. און די דאָזיגע מהומות ציען זיך

יאָרן אויף יאָרן, ביז עס קומט צו אַ מיליטערישער דיקטאַטור. פון אַזוינע מהומות האָט מען דאָך אין יהודה ניט געוואוסט. דאָרט איז די דינאַסטיע געווען פעסט. בעסערע אָדער ערגערע מלכים, נאָר פון קיין הויף־רעוואָלוציעס ווייס מען דאָרט ניט. אָבער די מיליטערישע דיקטאַטור אין ארץ ישראל האָט איר געדינט צום גוטן. זי גרינדעט אַ נייע דינאַסטיע, וואָס האַלט זיך אויפ'ן טראָן אַ לענגערע צייט און מיט איר הויבט זיך אויך אָן אַ נייע תקופה אין דער אידישער געשיכטע.

עקזיסטענץ און אונטערגאַנג פון מלכות ישראל

„און עס איז געווען בעת א מלחמה צווישן די אידן און די פלשתים" —

אויפ'ן מלחמה־פלאַץ איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז אין דערהיים, אין דער רעזידענץ, איז שטאַרק אומרואיג. א סאָלדאַט מיט'ן נאָמען זמרי האָט דער'הרג'עט דעם קעניג אלה, א קעניג א שכור, און האָט זיך אליין ערקלערט פאַר מלך. אויפ'ן פראָנט איז מען אומצופרעדן פון אזא לאַגע; ער וויל א ו י ך האָבן א דעה אין באַשטימען א קעניג. האָט דאָס חיל, וואָס אויפ'ן פראָנט, גענומען זיין פעלדמאַרשאַל, א מוטיגער קריגסמאַן, א קלוגער און פאָליטיקער און אים ערקלערט פאַר א מלך. אַז ער איז געקומען אין דער הויפּטשטאָט, האָט ער שוין געפונען פון דעם קעניג זמרי בלויז א בערגל אַש. ווארים הערנדיג, אַז עמרי איז געקרוינט פאַר קעניג און ער קומט אין שטאָט, האָט זמרי אונטערגעצונדן דעם קעניג־לאַכן פּאַלאַץ, און אינאיינעם מיט אים איז אויך ער אליין פאַר־ברענט געוואָרן.

מיט ע מ ר י הויבט זיך אָן א נייע דינאַסטיע אין ארץ ישראל, וואָס האַלט אָן קנאַפּע הונדערט יאָר, און אויף דער צייט ווערן איינגעשטילט די אינווייניגסטע דינאַסטיע־מהומות אין לאַנד. ער בויט אויף א נייע רעזידענץ, אין א פּלאַץ, וואָס איז ארומגע־רינגלט מיט בערג, און רופט זי מיט'ן נאָמען ש ו מ ר ו ן. פון איצט אָן איז די מלוכה פון די צען שבטים באוואוסט אין דער אויסן־וועלט ווי: „עמרי'ס הויז", און צווישן אידן, ווי: „מלכות שומרון". אויסער די דאָזיגע צוויי אויפטועז — גרינדן א דינאַסטיע און בויען א רעזידענץ — וואָס האָבן געדינט צו גונסטן זיין מלוכה, פירט ער אויך מלחמה מיט מואב. עמרי נעמט איין מואב, פאַררוקט אים העט־ווייט צו דרום, נעמט אָפּ בא אים פיל שטעט און לאָזט זיך צאָלן יאָר־שטייער פון אים. אָבער ניט בלויז

אויפ'ן שלאַכט־פעלד איז ער טעטיג, ער פאַרשטייט אויך דעם פרידן אויסצונוצן צו אייגענע גונסטן. ברענגט ער צו אַ שלום צווישן די צוויי ברידער־מלוכות: ישראל און יהודה. די לעצטע האָט ענדליך אַמאָל אנערקענט דעם פאַקט, אַז עס עקזיסטירט אַ זעלבסטשטענ־דיגע אידישע מלוכה, וואָס וויל ניט און ו ו ע ט מער ניט אָנקערן צו אַן אַנדער קעניגרייך, מעג עס אפילו זיין יהודה. אנשטאָט זיך צו רייסן צווישן זיך, טראַכט מען איצטער בעסער ווי זיך צו פאַרבינדן, כדי בייצושטיין געגן די פאַרשיידענע פיינד פון אויסן. עמרי איז זיך אויך מקרב צו די שכנ'ישע צורים (פעניציער). די פריינדשאַפט מיט צור גייט אַזוי ווייט, אַז עמרי האָט אפילו די עהרע אריינצוקריגן דעם צורישן קעניג'ס טאָכטער פאַר אַ ווייב צו זיין זון און קרוין־יורש א ח א ב.

נאָר אין איין פונקט איז עמרי אומגליקליך געווען: דאָס איז בנוגע די ארמים. אומאויפהערליכע צרות האָט עמרי פון זיי, פונקט ווי אידן האָבן אַמאָל געהאַט פון די פלשתים. ניט געווען זיך אָפּ־צושלאָגן פון זיי. און אַז בן־הדד, דער קעניג פון ארם, פאַלט אָן אויף ישראל, איז עמרי געצוואונגען אונטערצושרייבן אַזאַ שלום־אָפּמאַך, וואָס גיט די אַראַמייאישע קאַראַוואַנען פרייען דורכגאַנג דורכ'ן לאַנד ישראל, און אין דער הויפּט־שטאָט שומרון ווערן אָפּגעטיילט באַשטימטע דיסטריקטן, וואו עס וואוינען ארמים און פירן זייערע געשעפטן.

אָט ד ע ם שונא, ארם, מיט דער הויפּטשטאָט ד מ ש ק, לאָזט עמרי איבער צו זיין קרוין־יורש. ער זאָל זיך מיט אים אָפּ־רעכענען. און נאָך אַ געפערליכען שונא לאָזט ער אים איבער — דאָס איז זיין, אחאב'ס, ווייב, איזבל, די טאָכטער פונ'ם צור'ישן קעניג. ווי פרעה'ס טאָכטער אין שלמה'ס הויף, אַזוי קומט אויך איזבל אין אחאב'ס הויף מיט איר גאָט, מיט איר קולט און מיט איר כהן־גדול. איר צוליב, בויט אחאב אין שומרון אַ טעמפּל לכבוד דעם בעל פון צור; דאָרט געפינט זיך אויך אַ הייליגער בוים — דער סימבאָל פון דער געטין אַסטאַרטע (עשתרת). ביים קולט פונ'ם בעל זיינען פאַרנומען געווען 450 כהנים און בא אַסטאַרטע'ס קולט

— 4000. דער גאָטעס־דינסט קומט פאַר אויף א געצענדינערישן שטייגער: אומזיטליכע האנדלונגען, מעסער־שניטן ביז בלוט, וואָס איז געווען אין שאַרפן געגנזאַץ צום גאָט־דינען, וואָס איז ביים יאַהווישן קולט געווען גילטיג. וואָלט עס נאָך אפשר אזא שטאַרקע ווירקונג ניט געהאַט אויף די ארומיגע. איז אָבער איזבל ניט געגליכן צו פרעה'ס טאָכטער. איזבל איז געווען א העפטיגע נאַטור, אן ענערגישע און א הערשזיכטיגע. זי האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט, וואָס זי האָט פריי איר גאָט און איר קולט צו איר געברויך, ווי דאָס איז געווען מיט פרעה'ס טאָכטער אין שלמה'ס הויף. זי נעמט זיך עס אונטער צו זיין א צור'ישע קולטור טרעגערן צווישן אידן. איר רעליגיע זאָל גילטן ווי די אָפיציעלע מלוכה־רעליגיע. אירע „נביאים" זאָלן אנערקענט ווערן ווי די אמת'ע, און די יאַהוויישע רעליגיע, און יאַהווישע נביאים ווערן פאַרפאָלגט. ווערן אפילו אויסגע'הרג'עט. זייער אָטעם ווערט ניט גערולדעט. יאַהוועס נאָמען טאָר אין איר געגנוואַרט ניט דערמאָנט ווערן. זי ערלויבט זיך דאָס — ווייל זי קען איר מאַן, דעם קעניג. בטבע אפשר אן עהרליכער מאַן, ווען מ'לאָזט אים פריי פון זייטיגע השפעות וואָלט ער, לויט זיינע אינווייניגסטע נייגונגען, געהאַנדעלט זייער עהרל'ך: צום אידישן גאָט יאַהווע וואָלט ער געדינט; קיין דעספּאָטישע גרויזאַמקייטן וואָלט ער זיך ניט ערלויבט און מיט די יאַהווישע נביאים וואָלט ער זיך געפריינדלט און זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. אָבער אונטער דער השפעה פון אזא דעספּאָטישן פאַנאַטיקער ווי איזבל פון איין זייט, און אונטער דער השפעה פון אזא פלאַם־פייערדיגן רעליגיעזן פאַנאַטיקער ווי אליהו הנביא פון דער אנדערער זייט, פאַרלירט זיך אחאב אינגאַנצן. „שפּרינגט ער פון צווייג צו צווייג" — ווי עס ווערט אין תנ"ך אויסגעדריקט. אָט טוט ער אלדאָס בייז און אָט האָט ער חרטה; אָט טוט ער אלדאָס גוטס און אָט האָט ער ווידער חרטה; אָט סטראַשעט ער די נביאים מיט'ן טויט, און אָט שיקט ער זיי רופן און ווי א געהאָרכזאַמער תלמיד הערט ער זיך אונטערטעניג צו צו יעדן וואָרט זייערן. און אָט לאָזט ער זיך נביאות־זאָגן פון די נביאים פון בעל.

און ווי דער קעניג אזוי דאָס פאָלק. ער שפּרינגט פון צווייג צו צווייג, און דאָס פאָלק נאָך אים. דער רוב פון פאָלק זוכט יוצא צו זיין פאר אַלע געטער. אי פאר'ן אידישן, פאר יאהווע'ן, אי פאר'ן צור'ישן, פאר בעל. און גאָר אַ קליינע מינדערהייט איז א י נ ג א נ צ ן איבערגעגעבן דעם געצענדינסט, און אַן אנדער מינדערהייט איז א י נ ג א נ צ ן איבערגעגעבן צו יאהווע, און גייט אין דעם וועג, וואָס יאהווע'ס נביאים הייסן אים גיין. אזוי קומט עס אין לאַנד צו אַן אמת'ער רעליגיעזער וואַקכאַנאַליע. עס בילדן זיך פארשיידענע רעליגיעזע גרופּן אָדער פּאַרטייען. די נביאים שיטן פעך און שוועבל אויפ'ן צור'ישן בעל און אויף זיינע אנהענגער, און די אנהענגער פון בעל ברענען די טריט פון די אנהענגער פון יאהווע. די יאַהווע'שע נביאים פאָדערן ריינקייט אין קולט און קלאָרקייט פון געדאַנקען: אָדער גאָט יאהווע, אָדער בעל! עס קומט צו קאַמפן, עס קומט צו בלוטפארגיסן. דאָס פאָלק ווערט צעריסן אינעווייניג אויף שטיקער, עס וואַקסט די אומצופרידנקייט מיט דער לאַגע, און איזבל האַנדעלט אליין און רעדט אָן איר כאַראַקטערלאָזן מאַן צו האַנדלען אזוי, אז די אומצופרידנקייט זאָל נאָך מער וואַקסן. און דאָס שוין ניט אויפ'ן געביט פון רעליגיע, נאָר אויך אויפ'ן געביט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

דערפאר האָט אחאָב מער מזל אין זיין אויסווערטיגער פּאָליטיק. צוויי גליקליכע מלחמות פירט ער מיט ארם. ער נעמט אָפּ צוריק די שטעט, וואָס ארם האָט געהאַט צוגענומען פון אחאב'ס פאָטער עמרי. און אין דמשק ווערט אידן אָפּגעגעבן אזאַ האַנדעלס־קוואַר־טאַל, ווי די ארמים האָבן פון לאַנג־אָן געהאַט אין שומרון. ער האָט ווייטער אָנגעפירט דעם פאָטער'ס פרידליכע פאָליטיק מיט דער ברודער־מלוכה יהודה. אחאָב'ס טאָכטער, עתליה, ווערט אַ שנור אין הויף פון יהודה. וואָלט אַלץ גוט געווען, איז אָבער בן־הדד, דער קעניג פון ארם, ניט געווען קיין וואָרטס־מאַן. די שלום־אָפּ־מאַכן מיט אחאב'ן האָט ער ניט געהאַלטן — ניט קוקנדיג דאָרויף, וואָס בלויז אחאב'ס פּחדנות, אָדער גוטסקייט, האָט אים, בן־הדד'ן, אַ געפאַנגענעם, געשאָנקען דאָס לעבן. איז, אז עס איז אוועקגע־

גאנגען דריי יאָר צייט, האָט זיך אחאב פארבונדן מיט'ן קעניג פון יהודה, יהושפט, און ביידע זיינען ארויסגעטראָטן קעגן ארם. אין דער מלחמה איז אחאב דער'הרג'עט געוואָרן.

זיין טויט ענדערט כמעט גאָרנישט אין לעבן פון דער מלוכה. זיינע קרוין־יורשים — פריער אחזיהו, און אז דער שטארבט, יורם — גייען אויפ'ן געביט פון רעליגיע און אין אינערלאכן מלוכה־לעבן אין דעם וועג פון זייער מוטער איזבל, און אין דער אויסערער פאָ־ליטיק — אין וועג פון זייער פאָטער אחאב. נאָר מיט וויניגער מזל. אויך אחזיהו שטייט אין פארבינדונג מיט'ן מלך פון יהודה, ביידע טרעטן ארויס געגן מואב, וואָס האָט זיך שוין ווידער ערקלערט פאר אומאפהענגיג. דעם קריג פארשפילן זיי אָבער. און אין א מלחמה מיט אים ווערט יורם שטארק פארוואונדעט. די מפלות שטארקן אין פאָלק די אויפרעגונג געגן דער דינאַסטיע פון עמרי. עס בילדעט זיך א שטארקע אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע ווערט געשטארקט דורך דער אגיטאציע פון דעם גרעסטן נביא פון יענער צייט, א ל י ש ע. און ער ברענגט דערצו, אז דאָס חיל אויפ'ן פראָנט קרוינט זיין אָנפירער, יהוא בן נמשי, פאר א קעניג. ער ברענגט אום די גאנצע קעניגליכע משפחה פון עמרי'ס דינאסטיע, פון דער אלטער קעניגין איזבל ביז דעם אינגסטן זון פון יורם. ער פארפאָלגט און ראָט אויס אויך די געצען און זייערע דינער אין די טויזנטער. נאָר די קעלבער אין בית־אל און אין דן, וואָס ירבעם האָט אוועקגעשטעלט, לאָזט ער איבער, כדי ניט צופיל צו דערצאָרנען דאָס „גלויביגע" פאָלק. אָבער ניט קוקנדיג אויף זיין דרך ארץ פאר די גאָלדענע קעלבער און ניט קוקנדיג אויף די טייכן בלוט, וואָס ער האָט פאר־גאָסן, פילט ער זיך דאָך ניט גאנץ זיכער אויפ'ן טראָן. די בעל־דינער זיינען אויפגערעגט דערפאר, וואָס ער האָט אויסגעראָט דעם צור'ישן בעל און אומגעבראכט אזויפיל פון זייערע „גלויבענס־גענאָסן". די יאהווע־טרייע זיינען אויפגערעגט דערפאר, וואָס ער האָט דאָך איבערגעלאָזט די ירבעם'שע קעלבער. די פריינדשאפט פון די צורים וואָס איז געווען פארבונדן מיט „עמרי'ס הויז", האָט איצט אויפגעהערט — ווייל אלץ, וואָס איז געווען פארבונדן מיט

עמרי׳ס נאמען, איז דאך געווארן אויסגעווארצלט. און דעם קריג מיט ארם האט מען דאך געמוזט ווייטער פירן, כדי דאס לאנד צו פארטיידיגן. א שווערע לאגע! דערצו איז יהוא געווען זייער א האסטיגער, אן אימפולסיווע נאטור און א „שטיק־משוגע׳נער“, ווי עס שטייט אין תנ״ך. נוצט ער אויס א געלעגנהייט, וואס איז געווען דער אנהויב פון סוף פון דער שומרונ׳ישער מלוכה. גראד אין יענער, פאר יהוא׳ן קריטישער צייט מאכט דער מלך פון אשור, שלמנאסר דער דריטער, א קריגס־צוג קיין סיריע. שיקט צו אים יהוא זיינע שליחים, אדער באמיט זיך אליין צו אים, און ערקלערט זיך אונטערטעניג צו אשור. ער האפט, אז האבנדיג דעם גרויסן קעניג פאר א פריינט, וועט ער גיכער קאנען בייקומען די אינוועניגע שוועריקייטן, פאר וועלכע די בלוטיגע רעוואלוציע האט אים גע־שטעלט. און אונטערטעניקייט גייט אינאיינעם מיט מתנות. גע־פינט מען טאקע אויפ׳ן באוואוסטן א ב ע ל י ס ק פון ש ל מ נ א ס ר די אויפשריפט: „מס פון יהוא, פונ׳ם הויז עמרי (געמיינט ישראל), זילבער, גאלד״ א. אז. וו. דאס איז געווען דער ערשטער אידישער קעניג, וואס האט געצאלט קאנטריבוציע, און פון אייגענעם ווילן, דעם מלך פון אשור.

ווער אזוינס איז געווען די גרויזאמע אשור?

דאס איז געווען א קרובה׳שער שבט פון די בבלים. לכתחילה זיינען זיי געווען בארג־איינגנטימער, ארום דעם אויבערשטן טייל פון די טייכן גיחון און פרת. שפעטער לאזן זיי זיך אראפ פון די בערג אין טאל אריין, ארום מיטלסטן לויף פון די צוויי גרויסע טייכן. דארט בויען זיי א שטאט פאר זיך מיט׳ן נאמען נינוה, און זיצן א קורצע צייט רואיג. אבער אינגיכן ווערן זיי אומרואיג. עס ווערט זיי ענג. און ווי א לאווע האבן זיי זיך א גאס געטאן אויפ׳ן גאט געבענשטן בבל. שוין דער ערשטער קוק אויף זיי ווארפט אן אימה. לאנג־בערדיגע, קופערנע קאסקעס, לאנגע פיקעס, און ווי א שטורם בא־וועגן זיי זיך. דער נביא ישעיה כאראקטעריזירט זיי אם שענסטן: „דער אסירישער קריגס־מאן — זאגט ישעיה — גייט געשווינד און

גרינג. ער ווערט ניט מיד און ווערט ניט שוואַך. ער שלאָפט ניט און ער דרימלט ניט. דעם גאַרטל פון זיינע לענדן נעמט ער קיינמאָל ניט אראָפּ, דאָס שנירל פון זיינע שיך בינדט ער קיינמאָל ניט אויף. שטענדיג זענען זיינע פיילן געשאַרפט, זיין בויגן אָנגע־צויגן. די קאָפּיטעס פון זיינע פערד זיינען פייער־שטיינער, זיינע רייטוועגן — שטורמווינט. אַ געשריי טוט ער ווי אַ לייב. ער ברומט, כאַפּט זיין רויב, אַנטלויפט מיט אים און קיינער קאָן דאָ ניט ראַטעווען". איינגענומען בבל רוקט זיך אשור ווייטער, אויף דמשק. ער וויל איינשלינגען ארם, און פון דאָרט וואַרפט ער אַן אויג אויף מצרים. און אויב ישראל האָט ניט געוואַרט אויף מלחמה און איז אליין געקומען, מיט פולע הענט, און זיך אונטערגעגעבן, איז שלמנאסר אודאי צופרידן — קימערט זיך אָבער זייער ווייניג וועגן יהוא'ס לאַגע. און די לאַגע איז אַ טרויעריגע. ארם לאָזט ניט רוען. בן־הדד'ס זון, פּזאל, איז נאָך מער אָנשיקעניש און פיל ענערגישער ווי זיין פאָטער איז געווען. דערצו פאַרבינדט ער זיך נאָך מיט די רעשטלאַך פון עמון, פון מואב, פון אדום און זיי לאָזן ניט דער מלוכה פון ישראל קיין חיי־שעה. ערשט יהוא'ס אייניקל, יהואש, צעשלאָגט די ארמים און נעמט אָפּ צוריק אַלע יענע שטעט, וואָס ארם האָט פריער געהאַט צוגענומען פון די אידן. און דאָס גע־לינגט אים דערפאַר, וואָס אשור האט אָנגעהויבן אָפּט אריינפאלן אין ארם. דערפון איז ארם געוואָרן עקאָנאָמיש און מיליטעריש זייער אָפּגעשוואַכט. און מיט אַ שוואַכער ארם האָט זיך אַ מלך פון ישראל אויך געקאָנט אַן עצה געבן...

דער דאָזיגער צושטאַנד מאַכט עס אויך מעגלאַך דעם פאַר־לעצטן קעניג פון יהוא'ס דינאַסטיע, „ירבעם דעם צווייטן", ענד־גילטיג אונטערטעניג צו מאַכן ארם אויף אַ געוויסער צייט. אָבער אָט דער ירבעם איז עס אויך דער לעצטער ליכטיגער שטראַל אויפ'ן האָריזאָנט פון דער שומרונ'ישער מלוכה. ער האט אויך די מואבים צוריק פאַרוקט אין זייער ווינקל, אַרום טויטן ים, און זיי געצוואונגן צו שטילשטאַנד און צו שטייער צאָלן. דאָס איי־גענע טוט ער אויך מיט אַנדערע, קלענערע שבטים, וואָס האבן

ישראל באאומרוהיגט. אין זיין צייט (ער האט געקעניגט קנאפּע זעכציג יאר) איז דאס קעניגרייך ישראל געווען אויסגעשפּרייט פון בארג לבנון ביז צום טויטן ים. אָבער פון אים אָן הויבט זיך שוין אָן די גסיסה פון דעם קעניגרייך. ירבעם'ס זון קעניגט אַ האלב יאר און ווערט דער'הרג'עט. און דער וואס האט אים דער'הרג'עט, קעניגט א חודש און ווערט אויך דער'הרג'עט פון א מיליטערישן הויפּטמאַן מיט'ן נאָמען מנחם. ווי יהוא, פּרואווט אויך ער צו באפעסטיגן זיין טראָן דורך רציחות. און ווי יהוא, זייענדיג אומזיכער אינוועניג, זוכט ער שטיצע פון אויסן. און אויך ביים מלך פון אשור. אין דער צייט האט דער אשור'שער מלך פול (פארקירצט פון תגלת־פלאסר) געמאכט א רויב־צוג דורך ישראל. מנחם נוצט אוים די געלעגנהייט, וואס דער גרויסער קע־ניג פון אשור געפינט זיך אין זיין לאנד. גיט אים מנחם טויזנט ככר זילבער און בעט אים צו מאכן אָרדנונג אין לאנד. פול איז צופרידן מיט דער „מתנה", און קערט זיך אום אַהיים, מיט־נעמענדיג א גרויסן שטח לאנד פון ישראל און פאראייניגנדיג דאָס מיט אשור. אָבער שוין מנחמ'ען איז געווען שווער צו צאָלן יערליך דעם שטייער פון דעם מלך אשור. אין פאלק הויבט זיך אָן א געהרונג און אן אומצופרידנקייט מיט אשור'ס עול.

צען יאר האט געקעניגט מנחם און צוויי יאר האט געקעניגט זיין זון. אָבער דער זון שטארבט שוין ניט „מיט זיין טויט". דעם קעניג'ס אדיוטאנט, פקח בן רמליהו, הרג'עט אים און ווערט אליין אַ קעניג. דער נייער קעניג קומט מיט א נייער פּאליטיק: א ר אָפּ־וואַרפן דעם יאָך פון אשור! ארום דעם לאזונג פאראייניגן זיך אויך אלע אַנדערע, קליינע אונטערדריקטע פעל־קער, ווי ארם, צור און זייער גליכן. נאָר יהודה וויל נישט צו־שטיין צו דעם אנטי־אשור בונד. פארדריסט עס די פארבינדעטע. פאראייניגט זיך ארם מיט ישראל און זיי גייען ביידע אַנלערנען יהודה פאר איר נייטראליטעט. אז די פארבינדעטע זענען שוין געווען נאָענט צו ירושלים, שיקט דער מלך פון יהודה צו אשור און לאזט אים זאגן: „דיין קנעכט בין איך און דיין זון בין איך.

קום און ראטעווע מיר פון די הענט פון קעניג פון ישראל און פון קעניג פון ארם, וואס פיהרן מלחמה געגן מיר". דערצו, נאַטירלאַך, צוגעלייגט אַ שיינע מתנה. איז די פיינקייט פון מלך יהודה, וואָס איז ניט צוגעשטאַנען צו די מורדים, זייער געפעלן געוואָרן דעם מלך פון אשור. לאָזט ער לאַנג ניט וואַרטן אויף זיך. ער קומט, נעהמט צו דמשק און מאַכט עס פאַר אַן אשור'שער פּראָווינץ. פון ישראל נעמט ער אויך כמעט אַ העלפט לאַנד, און קערט זיך אום צוריק אַהיים. אָבער דאָס מאָל ניט אויף לאַנג.

און הושע בן אלה הרג'עט דעם קעניג פקח בן רמליהו און מיט דער הילף פון אשור ווערט ער אַ קעניג איבער ישראל. ער פאַרפליכטעט זיך טריי צו דינען אשור און פּינקטליך צו צאָלן די קאָנטריבוציע. דאָס איז אָבער אַ שווערער עול פאַר דעם קליינעם לאַנד ישראל. און אַז תגלת פלאסר שטאַרבט, וואַכט ווידער אויף די האָפנונג פון די פעלקער אויף באַפרייאונג. זיי גלויבן דאָס מאָל אין דער שטיצע פון מצרים. און הושע הערט אויף צו שיקן דעם יערלאַכן צינז צו אשור. אַזאַ חוצפה קאָן אשור ניט דערלאָזן. שלמנאסר, דער מלך פון אשור, איז געקומען קיין ישראל — נאָך דמשק'ס אונטערגאַנג איז ישראל און אשור געוועזן אַ גרעניץ בײַ אַ גרעניץ — איינגענומען שטאָט נאָך שטאָט, פּראָווינץ נאָך פּראָווינץ, און די באַפעלקערונג פאַרטריבן אין ווייטע אשור'שע קאָלאָניעס. נאָר די שטאָט שומרון האָט זיך דריי יאָר פאַרטיידיגט. אָבער איר באַשערטן גורל האָט זי ניט געקאָנט אויסמיידן. אויך שומרון איז געפאַלן. איר לעצטער קעניג איז אוועק אין געפאַנגנשאַפט. און די מענטשן, וואָס זיינען אין לאַנד נאָך געבליבן, ניט האָבנדיג קיין איינהייטליכן קולט, ניט זייענדיג צונויפגעשמידט דורך איין העכער ענטוויקלטן רעליגיעזן געדאַנק, גייען־אונטער מיט דער צייט. שומרון ווערט אַ בבלי־אשור'שע שטאָט. און די איבערגעבליבענע, ניט זייענדיג אויך נאַציאָנאַל פאַראייניגט מיט די אידן אין ארץ־ישראל, מישן זיך אויס מיט דער פאַרשיידנאַרטיגער באַפעלקערונג, וואָס די פאַרשיידענע אשור'שע מלכים האָבן אין פאַרשיידענע צייטן פאַר־

שיקט אין געוועזענעם לאַנד ישראל. אינגיכן ווערט אויך שומרון בלויז אַ פּראָווינץ אין דעם קעניגרייך אשור.

די מלוכה פון צען שבטים, אינאיינעם מיט די שבטים, ווערט אָפּגעווישט פון דער וועלט, נאָכדעם ווי זי האט עקזיסטירט דריטהאַלבן הונדערט יאָר. מער קען זיי ניט די געשיכטע, ניט די אידישע ניט די אַלוועלטליכע.

נבואה און נביאים.

נבואה און נביאים — דאס איז אזא קולטור־היסטארישע ערשיינונג אין דער אידישער געשיכטע, פאר וועל־כער די גאנצע קולטור־וועלט שטייט מיט באוואונדערונג. פעלקער און צייטן אין אוראַלטערטום, ווי אין היסטארישן אַלטערטום, האָבן אָנצואווייזן אויף עטוואָס עהנליכן אויך בא זיך. אָבער ווייטער פון שוואכער אויסערליכקייט, לאזט זיך די ענליכקייט ניט פירן. די אידישע נביאים שטייען איינצעלן אין דער וועלט געשיכטע.

ווען הויבן זיי אָן זיך צו באווייזן?

...און עס איז געווען אין יענער פינסטערער צייט, ווען די פּלשתים האבן געשלאגן די אידן און זיי זיך אונטערטעניג געמאכט. ווען דער אידישער גאָט, דער גאָט פון מלחמה, האָט די מלחמה פארשפילט און ניט געקאנט — לויט די דעמאלטדיגע באגריפן —ביישטיין געגן דעם פלשתימשן גאט. ווען דער רע־ליגיעזר צענטר אין שילה איז געווען וויסט. דער ארון אין גע־פאנגנשאפט. און דאס אידישע פאלק האט אָנגעהויבן צו צווייפ־לען אין דער אלמעכטיקייט פון זיין גאט — ווייל דעם קריג פארלארן, הייסט אלץ פארלארן און פארדינט ניט מער, אז זיין פאלק זאל אים דינען און טריי בלייבן —

אָט אין יענער צייט הויבן זיך אָן צו באווייזן צווישן אידן קלענערע און גרעסערע גרופּעס מענשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט א טאָפּעלטן ציל: צו שטארקן דעם רעליגיעזן צו־בונד פון אידן צו זייער גאט, און צו דערהויבן זייער מוט און זייער ווילן זיך צו באפרייען פונ'ם יאָך פון דעם אונטער־דריקער.

באגייסטערטע, צעפלאמטע און זינגנדיגע, מיט פויקן און טרו־מייטן, מארשירן די דאָזיגע גרופּעס דורכ'ן לאנד, און זאמלען ארום

זיך די געוויסנסוואכע אין פאלק און ציען זיי צו צו זיך. זיי זענען איבערצייגט, אז ניט גאט איז שולדיג אין דער מפלה פון די אידן, נאר די אידן אליין, דערמיט וואס זיי האבן זיך פאר־זינדיגט נעגן גאט. ניט ווייל גאט האט ניט געקאנט ראַ־טעווען זיין פאלק האבן די פלשתים מנצח געווען, נאר ווייל ער האט ניט געוואלט... ווי גיט מען אבער איבער די אייגענע איבערצייגונג אויך צו אנדערע?

דורך פארשיידענע אָנשטרענגונגען ברענגען זיי זיך אריין אין אזא גייסטסצושטאנד, וואו זיי פארלירן זייער וואָכנדיג באַ־וואוסטזיין, און נאר א העכערער גייסט רעט אומקלאר פון זיי ארויס. דאס אומקלארע ווערט אויסגעטייטשט און אָנגענומען ווי גאט'ס ווארט. און די וואס ברייננען דאס דאזיגע ווארט, רופט מען: „נביאים" (נביא איז טייטש בריינגען), און גאט'ס ווארט ווירקט שטארק אויף די אויסדערוויילטע אין פאלק. דאס ווירקט אָבער צייטווייליג אויך אויף ברייטערע פאלקס־שיכטן, וואס זיינען נאך ניט גאנץ פארזונקען אין פרעמדן געצנדינסט.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די נבואה. אָבער מיט דער צייט ענדערט זי זיך. עס הערן אויף די אויסערליך־ווילדע מעשים פון די וואס מ'רופט אָן, און וואס רופן זיך אליין אָן: נביאים. זיי ווערן דערהויבן. זייער באוואוסטזיין — גע־לייטערט. אויב פריער האבן זיי געמוזט זיך אָנשטרענגען כדי ארויסצורופן גאט'ס ווארט, קאסט זיי איצט די גרעסטע אָנ־שטרענגונג איינצוהאלטן אין זיך און ניט ארויסגעבן גאט'ס ווארט. אָבער קיין אָנשטרענגונג העלפט זיי ניט דערביי. און זיי דערהויבן זיך גייסטיג און מאָראליש צו אזא הויך, אז פאר איי־ביגע דורות און פאר דער גאנצער קולטור־מענשהייט בלייבן זיי אן אָביעקט פון באוואונדערונג און פארגעטערונג.

אין א משך פון הונדערטער יארן קומען כסדר אויף נייע און נייע פארטרעטער אירע. מיט'ן פארשריט פון דער צייט ענדערט זיך אויך די ארט, דער אופן פון זייער אויפטרעטן. פון די מחנות

נע־ונד׳ניקעס ווערן פאראיינען, וואו דער רעליגיעזער און נאציאָ־
נאַלער געדאַנק ווערט גענעהרט דורך אַ לערער, און דאָ ווערט
אויך געלערנט און געאיבט די קונסט און פעהיגקייט געוואר
צו ווערן גאָט׳ס ווילן. רופן זיי זיך דאָך אַליין: „גאָט׳ס
מויל״, אָדער „גאט׳ס רעדנער,״ אָדערביידע איאיינעם: „גאט׳ס
מענער.״ דאָס באווייזט, אַז דער עיקר איז בא זיי די רעליגיע.
ריכטיגער: גאט אַליין. אַלס „גאט מענער,״ ווילן זיי אים האבן
ביי זיך אין הארצן. אַלס זיינע רעדנער און שליחים, ווילן
זיי אים ברייננגען און איבערגעבן אויך צו אנדערע. זיי וויקן זיין
די רעליגיעזע און זיטליכע פירער פון זייער פאלק. דאס
דורך און דורך. דאס קודם־כל. און ערשט פון דאנען אויס און
ווייטער זענען זיי מענער פון פאָלק און מענער פון פאָטערלאַנד.
דאָרט, וואו „גאָט׳ס פאָלק״ ווערט שלעכט אָנגעפירט און באַ־
האנדלט ניט לויט גאט׳ס געזעצן און גאט׳ס ווילן, דאָרט טרעטן
די נביאים אויף פאר׳ן פאָטערלאַנד און געגן זיינע אָנ־
פירער. אָבער דאָרט וואו דאס פאטערלאנד פארלאזט גאט׳ס וועגן,
וואו דאס פאלק לאזט זיך פארפירן, דאָרט שטעלן זיי זיך
נעגן דעם פאטערלאַנד. זיי גלויבן, אַז זיי זיינען מחויב
דאס צו טאָן. און טוען זיי דאס ניט, פאלט אויף זיי די פאר־
אַנטוואָרטליכקייט פאר די פאלגן, וואס קאנען ארויסקומען פון
די שלעכטע גענג וואס דאס פאלק אָדער זיינע פירער גייען. אין
זיי לעבט דאס באשטימטע באוואוסטזיין, אַז זייערע ווערטער —
סיי וואָרט אין וואָרט, סיי לויט׳ן הויפּט־געדאַנק — זיינען ניט
זייער אייגענטום, נאָר דאָס אייגענטום פון יענעם, וואָס האָט
זיי די ווערטער „אריינגעגעבן,״ וואס האט זיי באפולמעכטיגט צו
רעדן, אַלזאָ — יאהוועס, זייער גאט. דעם דאזיגן געדאנק
דריקן זיי אויך אויס קלאר און שארף. אָפט חזר׳ן עס די נביאים
איבער, אַז דער פאקט וואס זיי רעדן בכלל צום פאלק, נעמט
זיך ניט פון זייער אייגענעם ווילן, און געשייט ניט לויט זייער
באַשלוס. אַ העכערער באפויל, אַ צוואַנג פון אויבן, באַשטימט
זיי רעדן. מעג דער נביא וועלן אָדער ניט — ווען יאהוועס שטים

הויבט אָן צו קלינגען אין אים, דאַן מוז ער רעדן. ער מוז עס — כמעט מיט דער נויטווענדיגקייט פון א נאַטור געזעץ:

„א לייב ברומט — ווער מוז דען זיך ניט שרעקן?
„מיין האר, יאהווע, רעט — ווער מוז דען
ניט א נביא ווערן?"

אזוי זאגט דער נביא עמוס. און וויפל מאָל באקומען מיר צו לייענען, ווי ירמיהו ראנגלט זיך, וויל זיך באפרייען פון דער שליחות, וואס גאט שיקט אים און ער ווערט דאך באזיגט פון דעם העכערן מוז און דערפילט זיין שליחות!

פרעגט מען: ווי ווייט איז דאס דאזיגע באוואוסטזיין פון די נביאים אָביעקטיוו אמת? לאזן מיר דערווייל די פראגע וועגן אָביעקטיווערווירקליכקייט אָן א זייט. דאס איז ניט קיין היסטאָרישע פראגע. דאס איז אויך ניט קיין פראגע וועגן געגויען ווישן. סוביעקטיוו אָבער, איז דאס דאזיגע נביאים'שע באוואוסטזיין געווים אמת. אין גרויסע שטונדן פון הייליגער באַגייסטערונג האָבן די דאָזיגע מענער לעבעדיג געשפּירט אין זיך די גאָטהייט און זי געפילט ווי א קאָלאָסאַלע מאכט וואָס פאַרכאפּט דעם גאנצן מענטשן. און אָט די גרויסע איבערלעבונג וואָס אין לעצטן גרונד אירן איז זי דער סוד פון דער באַציאונג צווישן דער רעליגיעזער נשמה און איר גאט, מאכט עס יענע מענטשן פאר נביאים און פאר דינער פון זייער גאָטהייט. ווער עס פאַרמאָגט בכלל די איינגנשאפט צו אהנען די שפּורן פון א לעבעדיגן גאט אין דער וועלט; ווער עס איז אימשטאנד צו גלויבן, אז גאט ווירקט אין מענטשנ'ס לעבן און טאָן, דער וועט זיך אנדערש פאַרהאַלטן דערצו, וואס יענע געטליכע מענער האבן געשפּירט אין זיך, איידער עס פאַרהאַלטן זיך דערצו יענע אנדערע, וועמען עס זיינען לחלוטין אומבאקאנט אלע אזוינע איבערלעבונגען און ערשיינונגען.

מערערע נביאים באשרייבן אונז זייער בולט די סצענעס ווי זיי זיינען פון גאט גערופן געווארן נביאים צו זיין. זיי מאָלן פאר אונז ווי אזוי עס האט אין זיי אָנגעהויבן צו שפּראצן דאס

באוואוסטזיין, אז גאט אליין איז נאָענט צו זיי און זיינע ווערטער לייגט ער אריין זיי אין מויל אריין. א פּאָר ביישפּילן:

ישעיה געפינט זיך אמאָל אין פאדערהויז פון בית־המקדש. ער איז פארטיפט אין פרומע געדאנקען. איידער ער האט זיך ארומגעקוקט, איז ער שוין דערוויטערט פון דער אויסערער, ערדישער סביבה און פילט זיך גייסטיג אין הימעלשן היי־ליגטום. אַנשטאָט דעם ערדישן בית־המקדש און דעם ערדישן מזבח זעט ער פאר זיך דעם הימעלשן בית־המקדש און דעם הימעלשן מזבח. אנשטאט דעם גשמיות'דיגען פייער, וואס טליעט אויפ'ן מזבח, ווען דער כהן גייט אום ארום דעם, זעט ער איצט הימעלש פייער, ארום וועלכן עס גייען אום מלאכים. אנשטאט דעם, וואס אויף גאט'ס טראָן אויף דער ערד, אויפ'ן ארון, זיינען געווען בלויז די כרובים, זעט ער איצט גאָט אליין, ווי ער זיצט אויף זיין טראָן אין זיין לאנגען הערשער־מאנטל. הימלשע גייסטער שוועבן ארום אים און רופן אויס: קדוש, קדוש, קדוש. באלד הערט ער גאט אליין רעדן צו אים און אים באשטימען צו דער נבואה. צוריק אויפגעוואכט, — איז ער שוין א נביא. פון איצט אָן חזר'ן זיך איבער אין זיין לעבן אזוינע, אָדער ענלאכע איבערלעבונגען. זיי גיבן אים דאָס רעכט צו זאָגן, אז זיינע ווער־טער און זיין רעדן געערן אָן צו יאהווע'ן; אז יאהווע האָט זיי אים איינגעגעבן. עהנליכעס קומט פאר מיט עמוס, ירמיה און יחזקאל. און מסתמא אויך מיט אלע אנדערע.

און זאגט א נביא: גאט האט אים געשיקט, גאט האט אים געהייסן, איז עס ניט בלויז א דיכטערישע רעדנסארט, מיט וועלכער מ'איז אויסן צו פארמאסקירן דעם געדאנק, אז דער נביא האט מיט אמאָל באשלאסן א נביא צו ווערן. מיר זאגן דאס — ווייל א לאנגע צייט האט מען יענע נביאים'שע באהויפּטונגען ווירקלאַך אָנגענומען ווי אַ מליצה. ווי אַ לעגענ־דארישע באפוצונג פאר דעם מאמענט ווען יענע מענטשן האבן אָנגענומען דעם באשלוס איינגאנצן זיך ווידמען צו גאט. האבן אָבער אזוינע ערקלערונגען קיין שום האפט ניט. ווארים אין

אמת'ן האנדלט זיך דאָ וועגן ווירקלאַכע איבערלע־בונגען. געוויס זיינען דאָ פאַראַן אָנקניפּונגען אָן דעם ארומיגן לעבן וואָס בילדעט דעם פּסיכאָלאָגישן יסוד פאַר אַזעלכע איבער־לעבונגען. די נשמה פון נביא איידער זי לעבט איבער אַזעלכע סצענעס, איז דאָך אויך ניט קיין „אוּמבאַשריבן בלאַט פּאַפּיר". דער טיפדורכגרייפנדיגער געדאַנק וועגן דער גאָטהייט; דאָס פעסטע פּועל'ן באַ זיך: צו ווערן אַן אייביגער דינער אירער, האָט זיי מסתמא לאַנג פריער אָנגערעגט, אויפגערעגט און באַ־גייסטערט. נאָר אין אַ באַשטימטן מאָמענט דערגרייכט די אָנ־שטרענגונג פון'ם נביא'ס געמיטס־לעבן צו איר העכסטער מדרגה. ער הויבט אָן זיך צו פילן אין דירעקטער נאָענטקייט צו גאָט, הערן זיין שטים און באַקומען אַזוינע איינדריקן, וואָס באַשטימען דאָס גאַנצע צוקונפטיגע ווירקן זיינס.

און דאָס וויכטיגסטע באַ די גרויסע נביאים פון דער שפּע־טערער צייט איז דאָס, וואָס בעת זייער רעדן איז זייער גייסט פולשטענדיג קלאָר און וואַך. און דערציילן זיי אונז פון זייערע איבערלעבונגען אין אַ גוט־באַאַרבייטער, אָפט קונסט־פולער רעדע, פאַרשווינט באַם לעזער אָדער צוהערער לחלוטין דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דער נביא האָט זיך פריער געפונען אין געוויסע דעמערונגס־צושטאַנדן. אין אמת'ן וואָלט מען אַ שווערן טעות געהאַט, ווען מען וואָלט די נביאים געוואָלט פאַר־שטעלן אויסשליסלאַך ווי מענשן מיט גרויסן עקסטאַז. וואָרים אינאיינעם דערמיט זענען זיי אויך מענשן מיט קלאָרן איינזען, און אָפט — מער ווי די אָנפירער פון דער מלוכה אין זייער צייט.

די סוביעקטיווע וואָרהאַפטיגקייט פון דעם, ווי זיי שילדערן זייערע איבערלעבונגען, שטייט אויסער יעד'ן צווייפל. קומט מען און מען פרעגט: ווען עס איז אפילו אמת, אַז זיי, די נביאים אליין, געפינען זיך אין שטענדיגער באַרירונג מיט גאָט — צי איז שוין אָבער אינאיינעם דערמיט אויך אמת, אַז גאָט אליין האָט טאַקע גערעדט פון זיי ארויס? דאַרויף ענטפערט מען: אויב גאָט קאָן ניט זיין קיין געגנשטאַנד פון געניעם,

צווינגענדן וויסן, נאָר אַ געגנשטאַנד פון פּערזענלאכן איבער־לעבן און זיטלאכן באַצוואונגען זיין — די זיכערקייט פון דעם לעצטן איז ניט שוואַכער ווי די זיכערקייט פונ'ם ערשטן — דאָן איז אויך זיין ווירקן, אין איינצלנע פאַלן, גאַנץ נאַטירלאַך.

ווייסן מיר, אַז די נביאים זענען אַזוינע מענשן וואָס שפּירן אין זיך דעם באַפעל: יאַהוועס ווילן מודיע צו זיין דעם פאָלק. פרעגט מען זיך: אויף וואָס פאַר אַן אופן האָבן זיי — די פריערדיגע ווי די שפּעטערדיגע נביאים — אויסגעפירט די דאָזיגע אויפגאַבע זייערע? שוין פריער האָבן מיר געזאָגט, אַז ווי די נבואה אַליין, אַזוי האָט זיך אויך די פאָרם ווי מ'האָט די נבואה איבערגעגעבן, פון צייט צו צייט געענדערט און אַנט־וויקלט. די עלטסטע אַרט טעטיגקייט פונ'ם נביא איז געווען: דאָס קורצע וואָרט אָדער שפּרוך. און דערצו: דער צייכן, די סימבאָלישע האַנדלונג. כדי צו רייצן די אויפמערקזאַמקייט, טוט דער נביא עפּעס אויסטערלישעס וואָס ציט צו צו אים לייטישע אויגן און ברענגט זיי צום פרעגן: „פאַרוואָס עפּעס טוט ער דאָס?“ עס ווערט אויסגעקליבן אַזאַ סימבאָל, וואָס קוים ווייסט מען, אַז עס איז אַ סימבאָל, לאָזט ער זיך שוין פון זיך אַליין אויסטייטשן און פאַרשטיין. דערצו זענען כלל ניט נויטיג קיין פיל ווערטער כדי אפילו דער אומקולטור־מענש זאָל קאָנען תופס זיין דעם נביא'ס געדאַנקען. דערפאַר האָבן אפילו די נביאים פון דער שפּעטערער צייט אויך ליב געהאַט זיך צו באַנוצן מיט סימ־באָלישע האַנדלונגען באַם איבערגעבן זייערע געדאַנקען. אַ פּאָר ביישפּילן: אין דער צייט פון מלך אחאב טוט אַ נביא אָן הער־נער כדי ער זאָל קאָנען זאָגן דעם מלך: „מיט אַזעלכע וועסטו שטויסן אַרם“. ישעיה גייט אַרום אַ צייט לאַנג האַלב נאַקעט און באָרוועס ווי די געפאַנגענע פלעגן גיין, כדי אָנצוזאָגן יהודה וואָס מיט מצרים און אפשר אויך מיט יהודה וועט אין גיכן געשען. ירמיה טוט אָן אויפ'ן האַלז דאָס געשטעל פון לאַסט־רינדער (יאַרמאָ), כדי דערמיט אָנצואווייזן אויף גלות־בבל. יחזקאל באַווייזט

זיך מיט א ציגל־שטיין אויף וועלכן עס איז אויסגעמאָלט א באַלאַ־גערונג, כדי אָנצוזאָגן די באַלאַגערונג פון ירושלים א. ד. גל.

אָבער מיט דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פונ׳ם קולטור־לעבן, באַנוגנען זיך שוין די נביאים ניט מער בלויז מיט קורצע ווערטער אָדער שפּרוכן. דער צייכן, אָדער סימבאָל, פאַרבייט שוין מער ניט די אויספירליכע רעדע. פון איצט אָן ווערן די נביאים ר ע ד נ ע ר, און דער „צייכן" גילט בלויז ווי אן אָנ־רעגונג אָדער „אילוסטראַציע" צו זייערע רייד.

און פון דעם נביא דעם ר ע ד נ ע ר אנטוויקלט זיך מיט דער צייט דער נביא דער שריפטשטעלער.

וואָרים דער רעדנער, וועלכער וויל ניט, אז זיינע ווערטער זאָלן פאַרקלונגען ווערן אין דער לופט, וועלכער וויל זיך ניט באַנוגנען בלויז מיט צופעליגע צעהערער, נאָר ער וויל, אז זיינע ווערטער זאָלן פאַרשפּרייט ווערן אין ווייטערע קרייזן — דער ווערט אומבאדינגט א שריפטשטעלער — באַלד ווי דאָס ל י י ע־ נ ע ן ווערט פאַרשפּרייט אין פאָלק. נאַטירליך, הויבן די נביאים ניט אָן מיט ב י כ ע ר שרייבן. לכתחילה איז זייער שריפט־שטעלעריי באַגרעניצט מיט ווייניגער: א שפּרוך, אן איינצלנע קיר־צערע אָדער לענגערע רעדע. א פּאָר שטיקלאך פון איין אָדער אנדערן מין זיינען פאַרשריבן געוואָרן, כדי די צוהערער זאָלן האָבן די מעגליכקייט אין דערהיים אליין איבערצו׳חזר׳ן דאָס געהערטע און אויך אנדערע דאָס איבערצוגעבן. ערשט אין א צייט אַרום דערוועקט זיך דאָס באַדערפניש: די איינצלנע פאַנאַנדער־געוואָרפענע שטיקער צונויפצוזאַמלען. צוערשט באַווייזט זיך די קליינע איינצלנע זאַמלונג און ביסלאַכווייז, דורך פאַראייניגן עטליכע קליינע זאַמלונגען, קומט מען צום גרעסערן בוך.

אליהו הנביא

א מערקווירדיגע פיגור איז אליהו הנביא צווישן אידן. אפשר די מערקווירדיגסטע. ווי א ספינקס שטייט ער פאר אונז. א מאן מ'ט צוויי געשטאלטן: א געשיכטליכע און א לעגענדארע. די איינע געשטאלט זעט אויס ווי דער היפוך פונ'ם אנדערן. אָבער אין ביידע שטייט ער ווי אן איבערמענטש. אין ביידע האט ער זיין גלייכן נישט. ניטאָ נאָך אזא פיגור אין דער אידישער געשיכטע בכלל, ניט אין דער געשיכטע פון די נביאים און ניט אין דער געשיכטע פון אידישע לעגענדארע פערזענליכקייטן.

אליהו אין דער לעגענדע איז אזוי מילד, אזוי זאנפט, אזוי מוטערליך־בארמהארציג — אז ער איז ליב און טייער יעדער אידיש הארץ. וואָס פאר א היסטאָריש־לעגענדארע פערזענליכקייט איז דען נאָך דעם אידן אזוי טייער, ווי אליהו הנביא? וועלכער איד אין פאלק קען אים ניט, ווייסט ניט פון זיינע וואונדער? קיינער איז ניט אזוי אומשטערבליך ווי ער. קיינער איז ניט אומעטום אזוי צוגעגען אזוי ווי ער. ניטאָ די גרויסע אידישע פייערליכקייט, וואס אליהו זאל דערביי ניט זיין. אויף אלע אידישע סדרים האט ער זיין כוס. אויף אלע אידישע ברית'ן האט ער זיין שטול. אין אלע אידישע נויטן, קומט ער א פארשטעלטער און ברענגט הילף. קיין זאך איז אים ניט צו־שווער, קיין וועג איז אים ניט צו־ווייט. איין שפאן — און ער שפאָרט אָן פון איין עק וועלט צום אנדערן. איין באוועגונג — און ער מאכט פון טויט לעבעדיג. נאטור־געזעצן זיינען פאר אים ניט געשריבן. נאטור־סטיכיעס זיינען פאר אים ניט קיין שטער. פאנטאזיע איז פאר אים ווירקלאכקייט, און ווירקלאכקייט האָט ניט פאר אים מער האפט ווי פאנטאזיע. קיין נביא'שער נאָמען איז ניט שטענדיג אזוי פארבונדן מיט דעם צו־נאָמען: „נביא" ווי אליהו. און קיין נביא איז ניט אזוי ווייניג פארבונדן מיט נביאות

זאָגן ווי אליהו הנביא. ווארים ניטאָ פאַר אים קיין צייט־אונטער־שיידן. ער שוועבט איבער צייטן, ווי איבער ערטער. אַלע ערטער אין אַלע עקן וועלט זיינען אים איין פּונקט. אַלע צייטן — איין מאָמענט. און דער מאָמענט איז אים געגנוואַרט. דער איינציגער צייט־פּונקט. און אַז צייט און אָרט פאַראייניגן זיך — איז ער שטענדיג אומעטום. לעבעדיגערהייט רייט ער אריין אין הימל, און לעבענדיג אין הימל, וואנדערט ער אום אויף דער ערד. וואו אַ הארץ קרעכצט, וואו אַן אויג טרערט — דאָרט טרעפט מען אים; וואו אַ באַליידיגונג ברענט, וואו אומרעכט זיגט — דאָרט ברייגנט ער לינדערונג.

וואָס פאַר אַ איד קען דען ניט אליהו הנביא?...

און אליהו הנביא אין דער געשיכטע — כ׳מיין: אָט יענער נביא, וואָס צוליב זיינע געשיכטליכע מעשים האָט אים דאָס פאָלק אַזוי רייך אויסגעפּוצט מיט אַלדאָס גוטס, מיט אַלעם מילדן און האַרציגן — ווי זעט ער אויס?

פּונקט דער היפוך פון דער לעגענדע. דאָ איז ער שטרענג, בייז און ברוטאַל. פאַנאַטיש — ביז׳ן עקסטן פּונקט. האַרט — ביז׳ן זען דעם שונא׳ס בלוט; און מעג עס זיך האַנדלען אום הונדערטער געגנער אויף איין מאָל. ער שליידערט דעם אמת אין פּנים אריין, און קלייבט ניט קיין ווערטער. מעג דער אמת זיין ווי ביטער; מעג דער אַנטקעגנשטייענדיגער זיין דער קעניג אַליין. ווערטער ווי די פיילן, אפילו פאַרגיפטעטע פיילן. ער קימערט זיך ניט וועגן דעם: וועט ער געפעלן, וועט ער ניט געפעלן; וועט מען אים באַשטראָפן, וועט מען אים ניט באַשטראָפן — דאַרויף קומט אים ניט אָן. ער האָט זיי ניט ליב, די מענשן, דערהויפּט די גרויסע מענשן, וואָס אַרום אים. ער צערעמאָניעט זיך ניט מיט זיי, ווייל פון זיי ניט וויסן. ער לעבט ליבער אין דער מדבר, ווי צווישן „זיינע ברידער.״ זיין האַריגער מאַנטל מיט׳ן שטריק אויפ׳ן לייב — דאָס איז זיין קלייד. און שטענדיג דאָסזעלבע. אפילו דאָן שוין, מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ האַלב־ווילדן, אָבער אים גייט ניט אָן דער איינדרוק, וואָס ער מאַכט אויף

יענעם מיט זיין קלייד, ווי עס גייט אים ניט אָן דער איינדרוק, וואס ער מאכט אויף יענעם מיט זיין ווארט. ער קען ניט קיין שען־רעדעריי פון די שפּעטיגערע נביאים, און ניט דאס רעדן מיט א „משל״ פון די פריערדיגע. ער איז דער מאן פון זיין אייגענער שפּראך. און ער קען נאָר זיין אייגן געוויסן. און זיין שפּראך איז אזוי נאקעט און קלאָר, ווי דאס געוויסן זיינס. קיין טראָפּן מיט־געפיהל צום פארדארבענעם, שלעכטן און בייזן.

קיין שפּור פון אכטונג צום קעניג, קיין טראָפּן דרך־ארץ, אָבער אויך ניט קיין סימן פון שרעק — טאָמער וועט מען אים באשטראפן פאר מאיעסטעטס־באליידיגונג.

אזוי איז ער אליין ריקזיכטסלאז צו זיינע געגנער, אזוי איז אויך זיין גאט, דער גאט פון ישראל, וואס אין זיין נאָמען האט דאָך אליהו גערעט. בײ אליהו'ן קומט ער ארוים דער גרויי־זאמסטער גאט אויף דער וועלט. אזוינער וואס וויל בלויז נקמה פון זיינע אָפּטריניגע; וואָס פארפאָלגט, שטראָפט און ראָט אויס מיט פייער און מיט שווערד...

לאזן זיך דען אזוינע צוויי אליהו'ס פאראייניגן אין איין פּערזאן ?... מענשן זאגן, אז ניין. דערפאר האלטן עס אנדערע פאר נויטיג צו פארלייקענען איינעם פון זיי. נעמלאך : דעם גוטן, דעם לעגענדארן. עס איז א טעות, זאָגן זיי. דעם היסטאָרישן אליהו, דעם בייזן און שטרענגן האָט מען שלעכט פארשטאנען, דער־פאר האָט מען אָן אים אָנגעהאנגען אזוי פיל „בלומען־קרענץ״. אָבער דער קאָפּ פון דעם רעכט־פארשטאַנענעם אליהו דולדעט ניט אזוינע צירונגען... אין אמת'ן איז אָבער דער ווידערשפּרוך צווישן דעם אליהו פון דער געשיכטע און דעם אליהו פון דער לעגענדע ניט אזוי גרוים, אז עס זאָל זיך ניט לאָזן דערוויזן זייער געמיינזאמע אָפּ־שטאמונג. און דערוויזן קאָן עס די געשיכטע :

וועט האט אליהו געלעבט און געווירקט ?

עס איז געווען אין דער צייט, ווען די דינאסטיע פון עמרי איז געקומען צו מאכט אין ישראל (קרוב צום יאָר 900 פאר דער קריסטלאכער צייטרעכנונג). דער גרינדער פון דער דינאסטיע עמרי

— און נאָכדעם זיין זון אחאב — האָבן פאַראויסגעזען די געפאַר, וואָס שטעקט אינ'ם וואוקס פון אשור פאַר ביידע אידישע מלוכות: יהודה און ישראל. האבן זיי באצייטנס שוין געזוכט שוץ געגן דער מעגלאַכער געפאַר. דער שוץ איז מעגלאָך געוועזן, נאָר אויב די אלע קליינע מלוכות אין סיריע און אין פּאַלעסטינע וועלן זיין יד־אחת אין קריג און אין פרידן. דערצו שטרעבט עמרי און דאָס פירט אויס אחאב. מ'פאַרבינדט זיך מיט'ן רייכן און הויך־קולטורעלן צור, מען מאַכט ענדלאָך שלום מיט דער ברודער־מלוכה: יהודה. ביידע פאלן באפעסטיגט מען מיט הייראַטן. עמרי'ס זון, אחאב, נעמט אריין אין זיין פּאַלאַץ אַ טאָכטער פונ'ם מלך פון צור, איזבל, און אַ זון פונ'ם מלך פון יהודה נעמט אחאב'ס טאכטער פאַר אַ פרוי. און אז מ'לעבט בשלוה מיט די שכנים ארום, קאָן מען זיך רוהיג אָפּגעבן מיט קולטור־ארבייט בא זיך אין לאַנד.

דאָס טוט אויך דער מלך פון ישראל, אחאב. מיר און טויער ווערן אָפן פאַר „ציוויליזאַטארישע" ווירקונגען פון אויסן. ווירקונגען — דערהויפּט פון צור און בעל איר גאָט. אחאב בויט פאַר אים אַ גרויסן טעמפּל אין שומרון, מיט אלע עבודה זרה'ס וואָס דערצו געהערט. הונדערטער כהנים פּראַווען דאָרט זייער גאָטעס־דינסט מיט דער גרעסטער פּראַכט און גרעסטן גלאַנץ — „כיד המלך." איז דאָך דער בעל געוועזן דער גאָט פון דער קעניגין פון ישראל! איז ער דאָך דער הויפּט־גאָט פון דעם שכנות'דיגן לאַנד, מיט וועלכן מ'איז פאַראינטרעסירט צו לעבן בשלום. און וואָס מער כבוד מ'גיט אָפּ דעם בעל, אלץ פריינדליכער און געשמייכלטער פיהלט זיך דאָס לאַנד און די מלוכה, וואו דער בעל איז אין דער היים...

אויך פריער האָט מען געדינט דעם בעל אין ישראל. עס איז אָבער אויך נאָך געבליבן אַן אָרט פאַר יאהווע. בעל איז געדינט געוועזן אלס דער גאָט פון לאַנד, פון וועמען ס'איז אָפּהענגיג דאָס גרעטעניש פון ערד און בוים, בארג און טאָל און אין דער אייגענער צייט האָט מען אויך געדינט צו יאהווע אלס

צום גאט פון אידישן שטאם, דעם גאט פון מלחמה, א. ד. גל., הגם די פ אָ ר ם פון דער גאָטעסדינסט צו יאהווע איז גע־וען דיזעלבע וואס צום בעל: אויסגעלאסענע טענץ, פארוואר־לאָזטע מעשים, אומ'צניעות'דיגע מנהגים א. ד. גל.; איצט איז עס אנדערש געוואָרן. וואָרים וואָס מער דער בעל־קולט ווערט פארשפרייט, וואָס מער ער ווערט געשטיצט פון קעניגלאכן הויף, וואס מער צורישע סוחרים און פאלק עס קומען אריין אין לאנד אריין, אלץ שוואכער, אלץ וויינינגער אָנגעזען ווערט דער יאהווע־קולט אין ישראל. דער אידישער גאט ווערט אינגאנצן פארגעסן. דער אידישער כבוד לייט שטארק פון דער גאוה פון די צורים, וואס זיי זיינען די גייסטיגע זיגער און הערשער פון לאנד. זייער קולטור און זייער ציוויליזאציע, זייערע האנדלונגען ווי זייער באַנעמען, רופן ארויס אויפרעגונג און פאראכטונג אין די הערצער פון די וויי נ יגע, אָבער בעסערע אין פאלק. עס זאמלט זיך א שטארקע אומצופרידנקייט געגן הויף און קעניג. עס וואקסט א פראטעסט שטימונג אויך געגן דער סאציאלער אומגערעכטיגקייט, וואס גייט שטענדיג האנט בא האנט מיט דער דינסט פון פרעמדע געטער. די גאנצע אידישע געשיכטע ווייזט אויף דעם צוזאמענהאנג צווישן דעם דינען פרעמדע געטער און צווישן דעם אונטערדריקן דאָס פאָלק, דעם געמיינעם מאָן. פאר אים איז ניטאָ קיין געזעץ, ניט קיין גע־ריכט, ניט קיין ריכטער. דער שטארקער איז דער הערשער, דער שוואכער — דער קנעכט. דער אָרימער ליגט געבויגן, דער רייַ־כער — ער טרעט אויף זיין לייב. וואס דער אָרימער האט דער־ווארבן, קאָן דער רייכער אלע מאל אוועקרויבן פון אים — ער דארף נאָר קיין ליגן און קיין שווינדל ניט קארגן דערביי. האבן דען די פרעמדע געטער אליין אויך ניט געהאנדלט אזוי? האָבן זיי דען זיך ניט גערימט מיט זייער איבערלוסט, שווינדל און אָפנארעריי? און דארף דער מענש זיין בעסער פאר זיין גאט? קאָן עס דען זיין? די וויניגע, אָבער בעסערע, אין פאָלק האָבן עס איינגעזען, באגריפן און געפילט, אז געגן דעם אַלעם

מוז פּראָטעסטירט ווערן און פּראָטעסטיהט ניט בלויז געגן איינעם אָדער אַנדערן פאַקט, נאָר געגן דעם גאַנצן סיסטעם, וואָס ב ר י י נ ג ט צו אַזוינע פאַקטן. געגן דעם געצנדינסט, וואָס פ י ר ט צו אומגערעכטיגקייט אין די באַציהונגען צווישן הויף און פאָלק, האַר און קנעכט, אָרים און רייך...

אָבער ווער זאָל דעם פּראָטעסט אויסדריקן? אַזאַ אויסדרוק איז פאַרבונדן מיט לעבנס־געפאַר. ריכטיגער: מיט זיכערן טויט. ווער וועט עס רוהיג און שטאָלץ אָפּפערן זיין לעבן פאַר׳ן אמת, פאַר דער גערעכטיגקייט, פאַר יאַהוועס דעם גאָט?!

ווי פון וואָלקנס אַראָפּ, ווי פון דעם זאַמדיגן מדבר אַרויס, איז ער געקומען, דער מאַן, מיט׳ן גרויסן מוט, מיט דער פעס־טער אַנטשלאָסנקייט — צו וואַרפן דעם פּראָטעסט דעם קעניג אין פּנים אַריין. און ווערטער האָט ער פאַרמאָגט, וואָס האָבן געקלעכערט ווי שפּיזן, און אַ טעמפּעראַמענט האָט ער פאַרמאָגט, וואָס האָט געברענט ווי פייער. און זיין צאָרן און זיין האַס האָט ניט געהאַט קיין גרעניצן. נאָר איינס האָט אים געפעלט: די מורא פאַר׳ן טויט!...

און ער קומט צו פּראָטעסטירן געגן ב י י ד ע ר ל י י פאַר־ברעכן וואָס דער הויף און די נאָטאַבלען זיינען געשטרויכלט אין זיי: געגן דעם ג ע צ נ ד י נ ס ט און געגן דעם רויב און מאָרד וואָס מ׳ערלויבט זיך בנוגע דעם קליינעם מאַן. פון קיין פּשרות וויל ער מער ניט וויסן. ער וויל ניט קיין בעל א י נ א י י נ ע ם מיט יאַהווע: דאָס ל אַ נ ד — דעם בעל, דאָס פ אָ ל ק — יאַהווע. איינס פון די ביידע: אָדער אַהין, אָדער אַהער „איז בעל אַ גאָט — ד י נ ט א י ם, איז יאַהווע אַ גאָט ד י נ ט א י ם.“ הערט אָבער אויף צו שפּרינגען פון איין צווייג אויפ׳ן אַנדערן, פון איין גאָט צום צווייטן!

דאָס איז פאָרגעקומען אויפ׳ן פאָלגענדן אופן:

נאָך אַ דריי־יאָריגן הונגער. מענשן און פיך זענען אויסגע־שטאָרבן. פיל אין פאָלק באַטראַכטן עס ווי אַ שטראָף פון גאָט, פוןֹ יאַהווע, דערפאַר, וואָס מען האָט אויפגעהערט אים צו דינען.

דאַרף מען גאָט איבערבעטן. אָבער אָם בעסטן קאָן דאָס טאָן אליהו: אַ גרויסער חשוב בא גאָט. אליהו זאָגט אָבער: ביז וואַנען איר וועט אויפהערן דינען דעם בעל, אינגאַנצן אויפהערן, וועט אייך קיין שום זאַך און אפילו קיין שום אנערקענונג יאהווע׳ן ניט העלפן. און טאָמער קאָנען זיי אליין זיך ניט אנטשליסן, וועלכער פון די צוויי געטער איז דער ריכטיגער, וועט ער דאָס באַווייזן. צו דעם צוועק פאָדערט אליהו פון אחאב׳ן, ער זאָל אויפ׳ן כרמל צונויפרופן אַלע כ ה נ י ם אָדער נ ב י א י ם פון בעל, און דאָרט וועט ער שוין דעם גאַנצן פאָלק באַווייזן, ווער דער אמת׳ער גאָט איז: אַזוי איז געשען. אין אַ באַשטימטן טאָג זענען זיך אויפ׳ן כרמל צונויפגעקומען 450 כהנים געצנדינער און אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק. אליהו און אחאב זיינען אויך ארויפגעקומען. מ׳האָט אוועקגעשטעלט צוויי מזבחות, איינעם פאַר י א ה ו ו ע און דעם אנדערן פאַר׳ן ב ע ל. מען האָט געקוילעט צוויי קעלבער, איין קאַלב האָט מען ארויפגעלייגט אויפ׳ן האָלץ וואָס אויף יאהווע׳ס מזבח, און דאָס צווייטע קאַלב אויף דעם האָלץ, וואָס אויף בעל׳ס מזבח. קיין פייער האָט מען אויףביידע מזבחות ניט אוועקגעלייגט. און מ׳האָט אָפּגעמאַכט: ד ע ר גאָט וואָס וועט אַראָפּשיקן פייער אויף זיין מזבח און וועט פאַרברענגען דאָס האָלץ מיט׳ן קאַלב, דער איז דער א מ ת ׳ ע ר גאָט. איצט זאָל יעדער פון זיי בעטן בא זיין גאָט, אַז דאָס וואונדער זאָל געשען.

פון פרימאָרגן ביז האַלבן טאָג האָבן די כהנים פון בעל געמאַכט קולות: „בעל, בעל, דערהער אונז!“ אָבער קיין פייער האָט זיך ניט געוויזן. אליהו האָט חוזק געמאַכט פון זיי און געזאָגט צו זיי: „העכער שרייט צו אייער גאָט! אפשר איז ער פאַרנומען, אפשר געפינט ער זיך אונטערוועגס, אפשר שלאָפט ער! שרייט העכער, וועט ער דערהערן!“ די כהנים האָבן געשריען אַלץ העכער און העכער. ווילדע טענץ האָבן זיי געמאַנצט אַרום זייער מזבח. און אריינקומענדיג אין עקסטאַז, האָבן זיי דאָס פלייש פון זיך געריסן, מיט מעסער און מיט שווערדן האָבן

זיי זייער ליב געשטאכן ביז׳ן בלוט, אָבער קיין פייער האט זיך אַלץ ניט געוויזן. צום אָוונט־צו איז אליהו צוגעקומען צו ז י י ן מזבח, האט אָפּגעזאגט א קורצע תפילה צו גאט, און באלד האט זיך געוויזן א בליץ וואס האט פארברענט דאס קאלב וואס אויף יאהווע׳ס מזבח... דאס פאלק האט זיך איבערצייגט, אז דער קולט פון בעל איז א פאלשער, אז דער אמת׳ער גאט איז יאהווע. אויף אליהו׳ס באַפעל האָט זיך דאָס פאָלק ארויפגעוואָרפן אויף די כהנים פון בעל, זיי אלע דער׳הרג׳עט און זייערע טויטע קערפּערס ארייגעוואָרפן אין טייך קישון...

אָפּגעטאָן, אָפּגעהאלטן דעם נצחון — און אליהו איז זיך שטיל אוועק קיין יהודה, פון דאָרט אין דער מדבר, כדי זיך אויס־צובאהאלטן פאר׳ן צארן פון דער קעניגין...

אזוי ווערט אין תנ״ך געשילדערט דער „דיספּוט” צווישן אליהו׳ן מיט די כהנים פון בעל, וואס איז פארגעקומען אויפ׳ן כרמל. אין אליהו׳ס ש ט י מ ו נ ג בשעת מעשה, ווי זי ווערט דאָ געשילדערט, און אין צאָרן פון פאלק און ווי אזוי ער האט זיך אויסגעגאָסן אויף די פאַלשע נביאים איז ניטאָ קיין גרונט צו צווייפלען...

און אָט איז א צווייטער פאל:

ארום אחאב׳ס פּאלאץ אין יזרעאל געפינט זיך א שיינער וויינגארטן וואס געהערט צו א דארטיגן איינוואוינער מיט׳ן נאָ־מען נבות. ווילט זיך אחאב׳ן פלאנצן א וויינגארטן ארום זיין פּאלאץ. פארלאנגט ער, אז נבות זאָל אים פארקויפן דעם וויינגאָרטן זיינעם, אָדער ער זאָל זיך מיט אים בייטן אויף א וויינגאָרטן אין אן אנדער אָרט. האט אָבער נבות זיין וויינגארטן א ירושה פון זיינע עלטערן, און ער וויל אים ניט אָפּטרעטן. דאָס מאכט פיל פארדרוס דעם קעניג און ער ווערט דערפון קראנק. ער הערט אפילו אויף צו עסן. איזבל זיין פרוי הערט דאס און מאכט איר מאן, דעם קעניג, א פארוואורף: „אזוי רעכנסטו דאס צו פאר־ווירקלאכן דיין קעניגלאַכע מאכט אין ישראל? שטיי אויף, זעץ זיך, עס, איך וועל דיר שוין איבערגעבן נבות׳עס וויינגארטן.” און

איר ווארט האט זי געהאלטן: זי האט געדונגען צוויי מענשן, אז זיי זאלן קומען צום בית־דין און פאלש עדות זאגן, אז נבות האט געפלוכט גאט און דעם מלך. הערנדיג די עדות, האט דער בית־דין פאר׳משפט נבות׳ן צום פארשטיינען. אזוי איז נבות גע׳הרג׳עט געווארן און זיין וויינגארטן איז אַנגעקומען צו אחאב׳ן.

קוים האט אליהו דערהערט פון דעם פארברעכן, און ער באווייזט זיך צו אחאב׳ן און מאכט אים דעם ביטערן פאָרוואורף: „דו האסט גע׳הרג׳עט א מענשן און דו ווילסט אים נאָך ירשנ׳ען?!" „אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו די הינט האבן געלעקט נבות׳עס בלוט, וועלן זיי אויך ד י י ן בלוט לעקן, און דיין דינאסטיע וועט האבן דעם זעלבן סוף, וואס עס האט גע־האט די דינאסטיע פון ירבעם בן נבט און פון בעשא בן אחיה, פון וועלכע עס איז קיין זכר ניט געבליבן..."

דאָ האט איר זי, די פארשמעלצונג פוןביידע אליהו׳ס: דעם לעגענדארן און דעם געשיכטליכן, דעם אומ׳ברחמנות׳דיגן, הארטן, און „בלוטדורשטיגן," אינאיינעם מיט׳ן מיטליידענדיגן, מיטפילנדיגן מיט׳ן ארימען, באליידיגטן און ליידענדן. און פאר׳ן אָרימאַן איז זיין גאט פונקט אזוי זיך נוקם, ווי פאר זיך. ניט בלויז שטראָפט ער די, וואָס פארגעסן און פארראטן א י ם , נאָר פונקט אזוי הארט באשטראפט ער אויך יענע, וואס פארראטן און טוען בייז דעם מענשן זייער גלייכן. גאט איז אים דער גאט פון גערעכטיגקייט, וועלכער שטראפט און באגליקט. דער גאט פון אָרימען און באדריקטן. און איז זיך אליהו מוסר נפש פונ׳ם ארי־מאנ׳ס וועגן, איז ער הארט צום קעניג אוים מיטלייד צום באַ־ליידיגטן —

ווערט ער דער העלד פונ׳ם אָרימען, באדערפטיגן און באליי־דיגטן פאלק. אין זיין שטורמדיגקייט געגן די מעכטיגע, זעט מען די זאנפטקייט צו די שוואכע. דערפאר זעט אוים זיין געשיכטע ווי א לעגענדע, און אין די לעגענדעס ארום אים זעט דאָס פאָלק א שטיק געשיכטע...

און אויך א סימבאָל איז פון אים און זיין שטימונגס־צו־שטאנד געשמיט געווארן:

„און ער איז אוועקגעגאנגען אין דער מדבר א טאג־גאנג. דארט האט ער זיך אוועקגעזעצט אונטער א בוים, און האט גע־בעטן אויף זיך דעם טויט. און ער האט אזוי געזאגט: „גענוג פאר מיר! נעם צו, גאט, מיין נשמה, איך בין דאָך ניט בעסער פאַר מיינע עלטערן"... און גאָט'ס שטים האָט ער דערהערט ווי זי פרעגט בא אים:

— וואס טוסטו דאָ, אליהו?

און אליהו האט געענטפערט:

— גאט'ס קריוודע האב איך זיך אָנגענומען, ווייל די אידן האבן פארלאזט זייער בונד מיט גאט, דיינע מזבחות האבן זיי צעוואָרפן, דיינע נביאים האָבן זיי אויסגע'הרג'עט. נאָר איך איינער בין געבליבן, ווילן זיי בא מיר אויך אָפּנעמען דאָס לעבן.

האט גאט צו אים געזאגט:

— גיי, שטעל זיך אויפ'ן בארג פאר גאט. און יאהווע איז פארבייגעגאנגען. און א גרויסער, שטארקער שטורם, וואס רייסט אוים בערג און צעברעכט פעלזן, האָט דורכגעשטורמט פאר יאהווע, אָבער ניט אין שטורם איז גאט. און נאכ'ן שטורם — אַן ערד־ציטערניש. אָבער ניט אין ערדציטערניש איז גאט. און נאָך דער ערדציטערניש, א פייער. אָבער ניט אין פייער איז גאט, און נאכ'ן פייער א ווייכע, צארטע, שטימע...

אָט די „צארטע שטימע," וואס האט שטענדיג זיך געלאזט הערן אינאיינעם מיט די דונערן פון יאהווע, גיט צו דער נבואה יענעם כאראקטער פון צארן און מילדקייט, וואס אונטער זיין ווירקונג האט זיך געעפנט און איז ווייך געווארן דאס פעלזן־הארץ פונ'ם אורמענטשן.

אליהו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פארמאָגט אזא כאראקטער.

סוף פון מלכות יהודה — חורבן בית המקדש

עס איז געקומען א צייט — נאָכדעם ווי שומרון איז געפאַלן און געוואָרן אַ פּראָווינץ פון דער קעניגרייך אשור, ווען די צווייטע אידישע מלוכה איז איינע אַליין געשטאַנען קעגן דער וועלט־מאַכט אשור. דערצו איז נאָך איצט יהודה געווען אשור׳ס דירעקטער שכן.

זינט ישראל האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון יהודה, איז צווישן זיי אויך געווען געגוג רייבונגען. און אַמאָל אויך גרויסע. איינמאָל איז עס אפילו געקומען דערצו, אז דער מלך פון ישראל (יהואש) „האט איינגעבראכן די פעסטונג פון ירושלים אויף 400 איילן, האָט צוגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער און אַלע כלים פון בית המקדש, און אין דער קעניגליכער קאסע.” אָבער קיינמאָל איז ישראל ניט געווען קיין געפערליכער שונא פון יהודה. פּאַרט האָט אַ ברידערלאַך געפיל צו אַנאַנדער געלעבט אין ביידנס הערצער. און דאָס באַוואוסטזיין האָבן זיי געהאַט, אַז זיי ביידן געהערט די רעכטע דעה אין אַלע סירישע אנגעלעגנהייטן. איצט האָט דאָס זיך געענדערט. איצט האָט יעדער צוזאַמענשטויס צווישן סיריע און אשור געמוזט האָבן אַ ווירקונג אויך אויף יהודה און ירושלים. יהודה איז איצט פאַרגעשטאַנען צו טאָן איינס פון די ביידע: אָדער פרייוויליג זיך אונטערוואַרפן דעם שוץ און יאָך פון אשור, אָדער — אפשר אינאיינעם מיט מצרים — פאַר־איינינגן אַלע קליינע אונטערדריקטע פעלקערלאַך וואָס זענען נאָך געבליבן אין סיריע, און מיט פאַראייניגטע קרעפטן זיך צו שטעלן קעגן דער וועלט־מאַכט אשור.

דער מלך אחז האט אויסגעקליבן דעם ערשטן וועג. ער איז געווען נאָך פאַבסטליכער ווי דער פּויבסט. זיין אונטערטעניג־קייט צו אשור האט געגרייכט פיל ווייטער ווי אשור האט דאס פאַרלאַנגט. קיין דמשק, וואו דער קעניג האט זיך צייטווייליג אויפגעהאַלטן, איז אחז געגאַנגען, כדי פערזענליך אויסצודריקן

די אונטערטעניגקייט פאר'ן גרויסן תגלת־פלאסר פון אשור. דאָרט, אין הויף, מאכט אויף אים א גרויסן איינדרוק דער אשור'ער גאָטעס־דינסט און די צערעמאָניע דערביי. דערהויפט ווערט ער נתפעל פון דעם געצענדינערישן מזבח, אויף וועלכן דער גרוי־סער קעניג האט מקריב געווען קרבנות צו זיין גאט. באלד שיקט ער א מאָדעל פון דעם מזבח קיין ירושלים צום כהן גדול אוריה, מיט'ן באפעל, אין ירושלים אויך אויסבויען אזעלכן. דער באפעל ווערט דערפילט. דער נייער מזבח ווערט אוועקגעשטעלט אין הויף פון בית המקדש. און אז אחז קערט זיך אום צוריק קיין ירושלים, פראוועט ער אליין דאס מקריב זיין די קרבנות ווי דאס האט געטאָן דער קעניג פון אשור. ער פירט איין דעם שטערן־דינסט, ווי עס האָט געגאָלטן אין בבל. באם ארייינגאנג אין בית המקדש שטעלט מען אוועק א רייטוואָגן מיט פערד, לכבוד דעם גאט פון דער זון. דער אלטער אידישער גאָט יאהווע איז כמעט אין גאנצן פארטריבן געווארן פון בית המקדש, פון ירושלים און פון גאנצן לאנד יהודה. אָבער שוין דער אָנהויב פון שמרונ'ס אונטערגאנג מאכט א שטארקן איינדרוק אין יהודה. מען דערמאנט זיך, אז די נביאים פון יאהווע האבן ניט אויפגעהערט איינצוטענה'ן מיט די איינגעשפארטע בני ישראל, אז זיי וועלן מוזן אונטערגיין דער־פאר וואס זיי דינען פרעמדע געטער. דערפאר, וואס יאהווע איז ניט זייער איינציגער גאט. און אין דעם האט געשטעקט א גרויסער אמת. ווארים וואלט ניט ירבעם אוועקגעשטעלט די קעלבער אין בית־אל און אין דן, אז זיי זאלן פארבייטן דעם אידישן גאט וואס אין ירושלים, וואלטן אידן ווייטער עולה־רגל געווען קיין ירושלים. מיט דער צייט וואלטן זיי צוריק געווען אנערקענט דעם מלך פון ירושלים פאר'ן איינציגן מלך פון אלע אידן — ווייל אים געהערט־אָן יאהווע'ס טעמפל און יאהווע געפינט זיך אין זיינע גיטער — וואס ירבעם, וועלכער האט געבראכן די אי־דישע מלוכה, האט אויך פאראויסגעזעען. און פאראייניגט — וואָלטן זיי געווים בעסער געקאָנטביישטיין געגן זייערע שונאים. דאס איז קלאר געווען פאר יעדן פארשטענדיגן בירגער אין יהודה.

און אַ געהרונג הויבט זיך אָן אַרום דעם לאָזונג: „צוריק צו יאהווע! נידער מיט אַלע פרעמדע געטער!" די כהנים פון בית המקדש פירן אָן די באַוועגונג. די נביאים שטיצן זיי. און עס קומט אויף די אידעע פון אַ רעליגיעזער קאָנצענטראַציע אין ירושלים, איין בית המקדש, איין גאָט און איין צענטר. אַלע במות, אַלע מזבחות און סתם הייליגע פּלעצער — ווי באר־שבע, חברון, גבעה, בית־לחם — זאָלן בטל ווערן. נאָר איין פּלאַץ פאַר גאָטעס־דינסט, איין אָרט פאַר קרבנות ברייננגען — דער בית־המקדש אין ירושלים.

און אַז אחז שטאַרבט און זיין פרומער זון חזקיהו ווערט מלך, געפינט ער שוין אַ גאַנצע פאָלקס־באַוועגונג פאַר אַ גרויסער, רעליגיעזער רעפאָרם. ער נעמט זיך אויך אונטער און פירט זי דורך אויפ'ן ראַדיקאַלסטן אופן. דער פולשטענדיגער אונטער־גאַנג פון ישראל, אויפ'ן זעקסטן יאָר פון חזקיהו'ס רעגירן, שטאַרקט נאָך מער די רעפאָרם באַוועגונג. אַלע זענען פאַר איר: דער יונגער מלך, די כהנים, די נביאים און דאָס פאָלק. ירושלים און די פּראָווינץ ווערט געריינִיגט פון די פרעמדע געטער און פון זייער רעליגיעזער קולטור. ירושלים און דער בית־המקדש ווערט דער איינציגער רעליגיעזער צענטר אין יהודה. און דער קעניג־לאַכער הויף און דער קעניגלאַכער טראָן ווערט דער צענטער פון ער־לאַכן משפּט און גערעכטיגקייט. דער נביא, ישעיה, ווערט דער עצה־געבער אין הויף, און זיין ראַט אפילו אין פּאָליטישע אַנגעלעגנ־הייטן ווערט באַריקזיכטיגט.

אַזוי האָט חזקיהו געבראָכן מיט דער אינערלאַכער פּאָלי־טיק פון זיין פאָטער אחז. ער ברעכט אָבער אויך מיט זיין אויס־ערער פּאָליטיק. ניט איז חזקיהו געווען בכח צו צאָלן אשור'ן זיין יערליכע קאָנטריבוציע, ניט האָט ער געקענט אריבערטראָגן די דערנידעריגונג פון צו זיין אַן אונטערגעוואָרפענער קנעכט צום געצענדינערישן קעניג פון אשור, און ניט האָט דאָס קליינע און איינציגע יהודה געקאָנט פירן אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק בנוגע אשור. יעדע איינע פון די גרויסע ארומיגע מלוכות איז שטאַרקער פון איר און קאָן זי צווינגען צו האנדלען אַזוי, ווי פאַר יענער

איז גינסטיגער. און גלאט, ווי איז מען טויב צום ארומיגן קרעכצן פון אונטער אשור׳ס שווערן יאָך? אפילו אין אשור גופא איז ניט געווען אויסצוהאלטן פונ׳ם דעמאָלטיגן קעניג פון אשור, סרגון, און נאָכדעם ווי דער דעספּאָט איז דער׳הרג׳עט געוואָרן, האט אומיטעטום אָנגעהויבן צו טליען דער פארלאנג פריי אָפּצואָטעמען; פון אשור׳ס עול זיך באפרייען. מען האָט אויך אָנגעהויבן גלויבן אין דער מ ע ג ל א כ ק י י ט פון באפרייאונג. אן אלגע־מיינער אויפשטאנד האט זיך ווי געשפּירט אין דער לופט. און איידער דער אנטשיידענער מאמענט קומט, קוקט זיך הזקיהו אום וועגן הילף. און פון וואנען זי ווייזט זיך, איז זי חזקיהו׳ן וויל־קאָמען. און אז מרודך־בלאדן, דער קעניג פונ׳ם אונטערגעוואָר־פענעם בבל, שיקט מענשן צו חזקיהו׳ן זיך צונויפצורעדן וועגן אן אלגעמיינער אקציע געגן אשור, פרייט זיך חזקיהו. באווייזט ער זיי זיינע ארסענאלן און זיינע שאץ־קאמערן, וואָס דארף בא־ווייזן און גאראנטירן זיין פינאנציעלע און מיליטערישע זיכער־קייט. און אויך מיט מצרים פארבינט ער זיך צום אייגענעם צוועק. אָבער דאס אלץ נוצט ניט. סרגון האט איבערגעלאזט אזא יורש ווי עם פאסט פאר אים. סנחרב, סרגונ׳ס זון, צעשלאָגט בבל, האלט אָפּ א נצחון איבער מצרים, פארטיליגט די רעשטלאך פון די קליי־נע פעלקערלאך, שכנים פון יהודה: עמון, מואב, אדום א. ד. ג., ערשט איצט גייט ער אויף יהודה. חזקיהו איז גרייט זיך אונטער־צוּוואַרפן און צאָלן קאָנטריבוציע. נאָר אזוי ווי סנחרב פאר־לאנגט דוקא מ׳זאל אים איבערגעבן די הויפּטשטאט, ירושלים, קאָן עס חזקיהו ניט פּועל׳ן בא זיך. ווארים ירושלים איז דאָך ניט בלויז די רעזידענץ פון קעניג, נאָר אויך דאס וואוין־אָרט פון יאהווע! פארלאָזט זיך חזקיהו אויף גאט. און וויל סנחרב צו־נעמען די שטאט מיט געוואלד — זאל ער! אפשר וועלן נסים געשען!

און נסים ז ע נ ע ן אויך געשען. סנחרב איז געצוואונ־גען אָראָפּצונעמען די באלאגערונג פון ירושלים און אנטלויפן אהיים. פארוואס? אין תנ״ך ווערט דערציילט, אז א גרויסע עפּי־

דעמיע האט פּלוצלינג אויסגעבראכן אין אשור׳ם חיל. דער באַ־רימטער גריכישער היסטאָריקער הערָאָדאָט באשטעטיגט דאָס. און אפילו סנחרב אליין, אין זיין אויספירלאכן באריכט וועגן דער שלאכט בא ירושלים, פארדעקט בלויז, ער לייקנט אָבער ניט זיין מפּלה ביי ירושלים.

אזוי איז יהודה און ירושלים ניצל געווארן פון א גרויס אומגליק. די כהנים און די נביאים זעען זיך ווי זיגער אין לאנד. זיי פירן ווייטער אויס זייער רעליגיעזע רעפארם. חזקיהו גייט מיט. אָבער אינגיכן שטארבט ער. זיין זון מנשה — וועלכער רעגירט 52 יאר — וויל זיך ניט לאזן פירן פון די כהנים מיט די נביאים. ער פארפאלגט זיי, פירט צוריק איין דעם געצענדינסט און פירט ווידער די אונטערטעניגע אשור־פּאליטיק. ווידער באַ־קומט די פרעמדע קולטור די אויבערהאנט אין לאנד, מיט וואס דאס פאלק איז אומצופרידן. און זיין אייניקל יאשיהו, קער־ט זיך ווידער אום צו די וועגן פון זיין עלטער־זיידן, חזקיהו. אָבער אים איז שוין דאס גרינגער געווען. אין אָנהויב פון זיין רעגירן ברעכט אויס דער סקיטן־שטורם איבער פּאָדעראַזיע. די דאָזיגע גרויסע מאַסן־וואנדערער רויבן און שחט׳ן און מאכן א חורבן אין די פעלצער וואו זיי וואנדערן דורך. פון זיי באַ־קומט אשור דעם ערשטן שטויס צום צונויפברעכן. די סקיטען גייען דורך פּאלעסטינע אויך, אָבער זיי גייען הארט ביים ברעג־ים, און באזוכן ניט יהודה. בבל ווערט דערמוטיגט פון אשור׳ס מפּלה. יהודה זעט אין דעם, וואָס זי איז ניט אָנגערירט געוואָרן פון דער פעלקער־לאווע, א סימן, אז יאהווע איז מיט איר. און ווידער נעמט מען עס אונטער — און איצט שוין צום לעצטן מאָל — אויסצוראָטן דעם געצנדינסט פון לאנד. אין דער צייט נעמט מען זיך אויך צו רעמאנטירן דעם בית־המקדש. און רעמאנ־טירנדיג, געפינט דער כהן־גדול חלקיהו דעם אלטן רעגלאמענט (רעגעלן־בוך) פון דעם ירושלימער הייליגטום. ווארים דאס היי־ליגטום פון ירושלים, ווי יעדער גרעסער הייליגטום, האט פון פארצייטן אָן געהאט זיינע רעגעלן, זיינע געזעצן אָדער — ווי

מען וואלט איצט געזאגט — זיין „שלחן ערוך.‟ דארט האט זיך געפונען דאס וויכטיגסטע בנוגע קרבנות, דארטיגע מנהגים און ווי עס דארפן זיך אויפפירן יענע, וואס קומען אהין גאט בעטן. די דאזיגע רעגעלן אנטוויקלען זיך, ווערן פארגרעסערט און אמאל אין וויכטיגע צייטן אויך ניי באארבעט. אזוי איז אין חזקיהו׳ס צייטן דארט צוגעקומען די פאדערונג: „דאס הייליגטום זאל פאראייניגט אדער פאראיינהייטלאכט ווערן‟. שפעטער, דערהויפט אין די לאנגע יארן פון מנשה׳ס רעגירן, האט מען אן דעם דאָ־זיגן רעגלאמענט פארגעסן. אדער ער איז גאר פארפאלן געווארן. צוליב דעם רעמאנט האט אים חלקיהו געפונען און געבראכט צום קעניג. דער קעניג איז פון דעם ספר שטארק נתפעל געווארן. האט אים אליין געלייענט און געלאזט אים אין בית־המקדש פאר־לייענען פאר׳ן גאנצן פאלק. און פייערלאך גענומען אויף זיך צו דערפילן אלץ, וואס דארט שטייט געשריבן. און דאס ערשטע מאל, נאך לאנגע, לאנגע יארן, האט מען דעמאלט געפייערט דעם יום טוב פסח, ווי עס שטייט געשריבן אין דעם געפונענעם ספר וואס איז נאכדעם ארייננגעשמאלצן געווארן אין ספר דברים פון חומש. די רעליגיעזע רעפארם־ארבעט איז געווען גענענדיגט. עס האט געזאלט דורכדרינגען דאס גאנצע פאלק. האט אבער די וועלט־פאליטיק און וועלט־געשעענישן געשטערט דערין.

ווארים ביני־לביני איז אשור צעפאלן אויף שטיקער. בבל און מדי טיילן איין צווישן זיך חלקים פון דער ירושה. מצרים וויל אויך ווידער צוריק באקומען די אויבערהערשאפט איבער סיריע און פאלעסטינע, און קומט מיט מלחמה איינצונעמען פא־לעסטינע. יאשיהו וויל ניט איבערגיין פון האנט אין האנט און טרעט ארויס באוואפנט געגן מצרים. דער אומגליקלעכער קאמף ענדיגט זיך שלעכט פאר אידן. יאשיהו פאלט אין קריג. דאס לאנד קומט אריין אין רשות פון מצרים און דער מלך פון מצרים, פרעה נכה, ווערט דער פאקטישער הערשער פון לאנד, און לויט זיין איינזעען באשטימט ער און ווארפט אראפ מלכים אין יהודה. אבער ניט לאנג געוועלטיגט ער. אינגיכן ווערט פרעה ארויסגע־

טריבן פון גאנץ פאדעראזיע און אָפּגעשטופּט ביז'ן טייך נילוס, און פּאַלעסטינע פאלט אריין אין רשות פון בבל.

פון איצט אָן הויבט זיך אָן די גסיסה פון דער לעצטער אידישער מלוכה. אַ בלינדער קאמף קומט פאר צווישן די אינע־וויניגסטע קרעפטן און שטרעבונגען פון פאלק צו פרייהייט, און צווישן דער אויסערער מאַכט וואָס האָט די דאָזיגע שטרעבונגען אונטערדריקט. ירמיהו, דער גרויסער נביא אין דער אומגליקליכער צייט, וואס ווארנט די לייכטזיניגע פון אָנצוהויבן זיך מיט בבל, ווערט אויסגעלאַכט און פאַרהעצט פון פאָלק. און אז ס'ברעכט סוף כל סוף אויס אָן אויפשטאַנד, קומט נבוכדנצר, דער מלך פון בבל, מיט אַ גרויסער מחנה קיין ארץ ישראל. נעמט איין ירושלים, רויבט אוים אלץ וואס האט א שאץ־ווערט. און דעם קעניג, דעם הויף און צען טויזנט פון די חשוב'סטע פאמיליעס פארשיקט ער קיין בבל. אַלס קעניג לאָזט ער איבער צדקיהו'ן, דעם אינגסטן זון פונ'ם געוועזענעם קעניג יאשיהו.

גוט און פרום איז צדקיהו געווען. דעמאקראטיש געשטימט איז ער געווען. ער האט אָבער געהאט א שוואכן כאַראַקטער. ער נעמט ווייטער אונטער דורכצופירן די רעליגיעזע רעפארמען וואס זיין פאטער יאשיהו האט אָנגעהויבן. ער צווינגט אויך די רייכע אין לאַנד ארויסצולאָזן פריי זייערע אידישע קנעכט וואָס האָבן שוין אָפּגעדינט זעקס יאָר. אָבער שוין אויף מאָרגן קערן די רייכע אום צוריק זייערע קנעכט און דער קעניג פארלירט שוין דעם ווילן צו שטעלן זיך אנטקעגן זיי. ער פאלגט גערן ירמיהו'ן. ער פארשטייט אויך, אז עס איז געזינטער פאר אים און פאר'ן לאַנד צו בלייבן צו בבל אונטערטעניג און זיך פארהאלטן רואיג. אזוי האנדלט ער אין משך פון אַכט יאר צייט. אָבער אז דער הויף און די אריסטאקראטיע — געהעצט און גע־וועקט פון זייערע קרובים וואס זיינען פארשיקט געווען אין בבל, — הויבן אָן צו אגיטירן באַם קעניג זיך צו פארבינדן מיט מצרים, נ ע ג ן בבל, פאלגט ער זיי. קערט זיך אָפּ פון ירמיהו'ן. פירט דאָס דערצו, אז אינגיכן באַלאַגערט בבל נאָכאמאָל ירושלים,

בויט אויס גרויסע וואלן ארום איר און שטורמט אירע פעסטונגען. א גאנץ יאָר דויערט עס. די אידן פארטיידיקן זיך זייער מוטיג — הגם ירמיהו, וואס איז געווען פאר שלום מיט בבל, האט מיט זיינע פייערדיגע רייד אָפגעשוואַכט דעם מוט פון די קריגסלייט. די מהומה אין שטאט וואקסט פון טאג צו טאג. מ׳הויבט אָן צו שפירן הונגער. איינגיכן הויבט מען פשוט אָן צו שטארבן פון הונגער אין די גאסן פון ירושלים. די פארטיידיגונג מוז ווערן אלץ שוואכער און שוואכער. און סוף־כל־סוף געלינגט עס די בבלים איינצוברעכן די טויערן פון ירושלים. זיי רייסן זיך אריין אין שטאט. די שחיטות און די גרויזאמקייטן וואס זיי באגייען אין שטאט זיינען אומגעהויער. אפילו פרויען און קליינע קינדער ווערן ניט געשוינט. צדקיהו, זיין פאמיליע און זיין סוויטע אנטלויפן ביינאכט דורך הינטער־וועגן פון ירושלים, כדי זיך אריבערצוכאפן איבער׳ן ירדן. די בבלשע רייטער כאפן זיי אָבער. צדקיהו׳ן מיט זיינע זין פירט מען אוועק אין נבוכדנצר׳ס הויפט־קווארטיר, דעם קעניג׳ס זין לאָזט נבוכדנצר הרג׳נען פאר׳ן פאטער אין די אויגן, און נאָכדעם לאָזט ער צדקיהו׳ן אויסשטעכן די אויגן. א בלינדן, א צעבראכענעם לאזט נבוכדנצר אים שמידן אין קייטן און שיקט אים אוועק קיין בבל.

אָבער דערמיט בארואיגט זיך ניט דער גרויזאמער זיגער. „הרוב זאל ווערן ירושלים ביז׳ן גרונד!“ און ער שיקט זיין לייב־גוואַרדיע מיט איר הויפטמאן נבוזראדן צו מאכן א סוף פון ירושלים. אלע ווערט־זאכן, וואָס געפינען זיך נאָך אין שטאט און אין בית המקדש, רויבט ער אויס. דעם בית המקדש, דעם קעניגלאכן פאלאץ און אנדערע וויכטיגע בנינים לאָזט ער פארברענען. טויזנטער און טויזנטער איינוואוינער טרייבט ער אוועק אין געפאנגנשאפט. דעם כהן גדול, זיין געהילף און צענדליגער הויכע באאמטע, ברענגט מען אין דער הויפט־קווארטיר און דאָרט, פאר נבוכדנצר׳ן אין די אויגן, ווערן זיי אויסגע׳הרג׳עט. ירושלים איז וויסט. אין דער פראווינץ בלויז בלייבן נאָך פארוואגלטע שטאָטישע און דארפישע איינוואוינער וואס פארנעמען זיך דערהויפט

מיט ערד־ארבייט און וויין־גערטנעריי. נבוכדנצר ערלויבט דאס, כדי דאס לאנד זאל ניט אינגאנצן פארווילדעט ווערן און פאר א פארוואלטער איבער זיי באשטימט נבוכדנצר איינעם פון ירמיהו'ס פריינט און אָנהענגער פון זיין בבל'יש־פריינטלאכער פּאָליטיק מיט'ן נאָמען גדליה.

ביסלאכווייז הויבן זיך אָן אומקערן אין לאנד אריין די טויזנטער אידישע פאמיליעס וואָס זענען בעת די מהומות זיך צע־לאפן אין די שכנ'ישע לענדער, אָדער זיך אויסבאהאלטן אין די בערג. א סך פון די צוריקגעקומענע זענען צופרידן מיט'ן רואיגן צושטאנד, און הויבן אָן ווייטער צו אנטוויקלען א נאָרמאלן ישוב. האבן זיך אָבער צווישן די צוריקגעקומענע געפונען אויך קרובים פון קעניג און קריגעריש־געשטימטע יונגעלייט. זיי ווילן ארויס־רופן א נייע מרידה געגן בבל. זיי פּאסן אויף א געלעגנהייט, א פאלקס־יום־טוב, און הרג'נען דעם פארוואלטער גדליה, די אידן וואָס זענען דערביי געווען און אויך דעם בבלער גארניזאָן פון שטאט. זיי רויבן אוים דאס גאנצע שטעטל מצפה, וואו דער פארוואלטער האט געוואוינט, און אנטלויפן איבער'ן ירדן צו די עמונים. גדליה'ס פריינט יאגן נאָך די פאררעטער פון דעם ביסל אָרימקייט וואס נבוכדנצר האט לעבן געלאזט, אָבער די אָנפי־רער פון יענער פאררעטערישער אקציע געלינגט עס דאָך זיך אריבער־צוכאַפּן איבער'ן ירדן.

עס איז קיין ספק ניט געווען, אז נבוכדנצר קען ניט און וועט ניט פארשווייגן דעם טויט פון זיין פארוואלטער אין יהודה, און דעם איבערפאל אויף זיין גארניזאָן אין מצפה. די לאיאלע בירגער אפילו שרעקן אויך זיך פאר א הארבע שטראַף. און די מער אקטיווע צווישן דער איבערגעבליבענער באפעלקערונג אינ'ם חרוב'ן לאנד, נעמען זיך צונויף, נעמען מיט, איבערגוואלד, ירמיהו'ן אויך און אנטלויפן קיין מצרים. געבליבן זיינען אין לאנד בלויז די אומבאהאלפענע, די שוואכע און ווילנסלאָזע, אָדער שוין לחלוטין פארצווייפלטע פון די שרעקלאכע איבערלעבונגען. און אויף זיי גיסט זיך אוים דער צאָרן פונ'ם בבלשן קעניג. נאָכאמאָל

שיקט ער נבוזראדן קיין יהודה. נאָך ווייניג הריגות און רויבערייען נעמט ער צונויף נאָך עטלאַכע אידישע משפחות און פאַרשיקט זיי אויך קיין בבל.

דאס לאנד בלייבט ווי אויסגעקערט פון דעם גאנצן ישוב זיינעם. אנשטאט פאלאצן און וואוינונגען — חורבות. אנשטאט מענשן — היות ווילדע און ברומיגע און הויליגע. דער מדבר געווינט אין פארנעם — א גרויסן שטיק ישוב שלינגט ער איין. טרוקענע ביינער זענען צעוואָרפן און פארשפרייט אומעטום. די אידישע מלוכה איז נאָך א שווערער גסיסה ענדגילטיג אונטער־געגאנגען.

אָבער איבער די ביינער הויבט אָן צו שוועבן גייסט. א נייע הויט ווערט פארצויגן איבער זיי. דאָס אידיש פאָלק אין בבל'שן לאנד הויבט אָן זיך צו קריסטאליזירן, זאמלען כחות און שמידן די האָפנונג אויף א נייעם מלוכה־לעבן מיט א נייעם קולטור־אינהאלט.

און די האפנונג ווערט אין גיכן מקוים!

ירמיהו הנביא

דער איינפאכסטער, דער מענשלאכסטער און צוגעגנגלאכסטער פון אלע נביאים איז געווען דער גרויסער נביא: ירמיהו. זיינע ווערטער, זיינע סימבאלן, זיינע זעאונגען זענען אזוינע נאטירלאכע, געוויינלאכע, וואס זענען יעדן מענשן פארשטענדלאך. ער זעט בלויז פשוט'ע, ממשות'דיגע זאכן, און נאר וועגן אזוינע זאכן רעדט ער. און פשוט'סטע געשעענישן און ערפארונגען דינען אים ווי סימבאלן אין זיינע נביאימ'שע ארויסטרעטונגען.

ער איז אבער דער אומגליקלאכסטער פון אלע נביאים. דער מער־געהאסטער און מער־פארפאלגטער. קיינער פון די גרויסע נביאים האט ניט איבערגעלעבט אזוינע גרויסע לעבנס־געפארן ווי ירמיהו. קיינער פון די גרויסע נביאים האט אויך ניט גע־האט דאס ביטערע מזל: פאראויסצוזאגן אלדאסבייז זיין פאלק און נאכדעם צוזעען, ווי זיינע ווערטער ווערן מקוים און צוזאמענ־ברעכן דערפון, וואס זיינע ווערטער זענען מקוים געווארן...

שוין זיין אפשטאמונג האט געטראגן אין זיך זיין קומענדיגן פיין. ער האט געשטאמט ניט פון פראסטן פאלק, נאר פון א כהנים־משפחה. און דערצו פון א פראווינציעלער, פון דער שטעטל ענתות, אן ערך דריי מייל פון ירושלים. אין דער פאמיליע באקומט ער צו לייענען די פארשריבענע נביאות פון ישעיהו, עמוס, הושע און אנדערע נביאים. דאס מאכט אויף דעם פרומען קינד א טיפן איינדרוק.

אבער נאך גאר א יונגערמאן, טרעפט אין ירושלים דאס גרויסע געשעעניש: דער כהן־גדול, חלקיהו, רעמאנטירנדיג דעם בית־המקדש, האט דארט ערגיץ געפונען דאס געזעץ־בוך פונ'ם אלטן ירושלימער היילינגטום וואס איז/געווען פארגעסן געווארן. דאס בוך האט מען איבערגעלייענט פאר'ן פרומען מלך יאשיהו. און ער האט עס געהייסן פארלייענען פאר'ן גאנצן פאלק און

זיך אונטערגענומען צו רעפארמירן דעם גאָטעס־דינסט בא אידן לויט די פארשריפטן פונ׳ם ניי־געפונענעם געזעץ־בוך, וואס איז געווען „יאהוועס תורה.״ די פרומע און גאטספארכטיגע צווישן אידן האָבן געשטיצט דעם קעניג אין זיין וויכטיגער אונטער־נעמונג. צו די דאָזיגע פרומע און גאטספאָרכטיגע האָט אויך אָנ־געערט דער יונגער ירמיהו — כמעט אין איין עלטער מיט׳ן קעניג. אָבער דער הויפּט־פּונקט פון דער נייער רעפארם איז בא־שטאנען אין דעם, מען זאל אויסראטן די פּראווינץ־הייליגטימער מיט זייערע מזבחות, מצבות און אשרות. און קרבנות זאלן פון איצט אָן געבראַכט ווערן נאָר אין איין אָרט, אין ירושלים. די ירושלימער כהנים זיינען געווען פאר דער רעפארם. אָבער די כהנים אין דער פּראָווינץ האָבן אין דעם געזעען א „גזרה״, אן אומגליק, זיי וועלן בלייבן אָן ברויט... אין דער צייט הויבט ירמיהו אָן פארצובריינגען זיינע נביאות. און ער הויבט עס אָן אין זיין געבורטס־שטעטל אין ענתות. ער, דער זון פון כהנים, רעדט געגן די פּראָווינציעלע כהנים, וואָס אָפּפערן „צו אלע נאַ־רישקייטן,״ און איז דערפאר, אז קרבנות בריינגען זאל מען נאָר אין ירושלים! איז דאָס ניט א העזה? און גלאט עפּים, ווי קומט ער, א היימישן כהנ׳ס א זון, צו שטראפן אונז, לערנען אונז און סטראשען אונז? שוין צוויי דורות, אז די חברה נביאים איז ווי פארשוואונדן. ניט מ׳הערט זיי, ניט מ׳דארף זיי. און פּלוצלינג — איז ער דאָ, אונזער היימישער. ער איז א נביא! אים גע־פעלט קיין זאך ניט! מ׳דארף זיך אקארשט אָפּרעכענען מיט אים. און מ׳הויבט אָן צו זוכן מיטלען ווי אזוי אים דאס מויל צו פאר־שטאָפּן... ער ווערט עס געוואָר און אנטלויפט קיין ירושלים. אָבער דארט איז אים אויך ניט בעסער. די כהנים דארט, וואס זענען געווען שטארק פאראינטערעסירט אין דער רעפאָרם: בטל צו מאכן אלע פּראָווינציעלע מזבחות, זענען געווען געגן דעם, אז די פּראָווינציעלע כהנים זאָלן צוגעלאָזט ווערן צום מזבח אין ירושלים, ווי דער קעניג האָט פארלאנגט, כדי זיי זאָלן אויך האָבן צו פארדינען... דאָס איז געווען אן עולה. אן אינטערעסן־

פּאָליטיק. און ירמיהו טרעט אַרויס געגן די ירושלימער נביאים, כהנים און פאָלק. „די נביאים" טענה'ט ער, „זאָגן פאַלשע נביאות, די כהנים גייען האַנט־אין־האַנט מיט די נביאים און דעם פאָלק געפעלט עס". איז דען אַ וואונדער, אַז די ירושלימער „גרויסע" זענען אים אויך געוואָרן שונאים? און דאָס פּאָלק האָט באַווײנט די צעבראָכענע אָפּגעטער, און געמאַכט הספדים נאָכ'ן בעל און ניט געקענט מוחל זיין יאשיהו'ן זיין אונטערנעמונג און ירמיהו'ן זיינע הארטע רייד געגן זייערע פרעמדע געטער. אָבער ניט לאַנג דרייט זיך ירמיהו'ס לעבן און ווירקן אַרום דער גרויסער רעפאָרם. גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן קומען אין יענע צייטן פאָר אין נאָענטן מזרח וואָס מוזן האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויך אויף יהודה. און אָט דער גרויסער פּאָליטישער ראָד שלעפּט אויך ירמיהו'ן אריין אין דער וועלט־פּאָליטיק.

וואָס איז געשעען?

די הערשאַפט איבער'ן מזרח איז אין יענער צייט איבערגעגאַנגען פון אשור צו דער ניי־בבל'ער מאָנאַרכיע מיט נבו־פּלאַסר בראש, און אַז אשור איז געפאַלן, האָט זיך מצרים אונטערגעאיילט צו פאַרכאַפּן אַ חלק פון דער ירושה, וואָס איז געבליבן נאָך אים. האָט דער מצרים'שער קעניג נ כ ה דער צ ו ו י י ט ע ר געוואָלט צונעמען: סיריע, צור, יהודה א. א. און געטראַכט זיך פאַנאַנדערשפּרייטן ביז צום טייך פרת. אָבער דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף נבו־פּלאַסר'ס זון, אויף נבוכדנצר'ן, און דער האָט געצוואונגען דעם קעניג פון מצרים זיך אָפּצוזאָגן פון דער „גרינגער ירושה", וואָס איז אים צוגעפאַלן.

קוים איז נכה אָפּגעטראָטן צוריק צו זיין טייך נילוס, און אין יהודה הויבט אָן דער קעניג און זיינע ראַטגעבער צו גלויבן, אַז איצט זענען זיי שוין פריי, און אויף לאַנגע יאָרן; איז אָנשטאָט זיך צו באַפעסטיגן אינווייניג, געווינען אָנזען פון אויסן, האָט זיך די מלוכה פאַרנומען מיט אומקערן צוריק די גאַנצע געצנדינסט, וואָס יאשיהו האָט אויסגעראַמט; האָט מען זיך פאַרנומען מיט בויען קאָלאָסאַלע בנינים — צווינגענדיג דאָס

פאָלק צו לייסטן אַרבייט אומזיסט, ווי אַ מין קאָפּ־שמייער... די גאַנצע פּאָליטישע קאָניוקטורע פון יענער צייט איז זיי, ווייזט אויס, לחלוטין פרעמד געבליבן. זיי האָבן ניט איינגעזען, אַז די הערשענדע ראָלע אין מזרח וועט פון איצט אָן שפּילן ב ב ל, און אויב יהודה וויל עקזיסטירן מוז זי איר אויסוועדטיגע פּאָ־ליטיק אָריענטירן אויף דער נייער, מעכטיגער בבל׳שער מאָנאַרכיע. אָבער וואָס מ׳האָט אין קעניגלאַכן הויף נ י ט באַמערקט דאָס האָט זייער גוט געמערקט ירמיהו. שוין אין ערשטן יאָר פון נבוכדנצר׳ס רעגירונג שילדערט ער בבל׳ס הערשאַפט איבער די אידן. נבוכדנצר איז דאס געווער אין גאָט׳ס האנט, מיט וועלכן ער וועט די אידן שטראָפן. „איך וועל אים נעמען“ זאָגט גאָט, „און וועל אים אַראָפּברענגען אויף דעם לאַנד, אויף זיינע איינ־וואוינער און אויף אַלע פעלקער ארום. און פארוויסטן וועל איך זיי און חרב מאַכן און מיט אייביגע חרבות וועל איך זיי פול מאַכן“. אָבער יהויקים, דער קעניג פון יהודה, מאַכט זיך ניט וויסנדיג דערפון. ער פירט אַלץ נאָך אונטערהאַנדלונגען מיט׳ן קעניג פון מצרים און מיט אַנדערע, קלענערע הערשער וועגן אַ פאַראייניגטן אויפטריט געגן בבל. ירמיהו וואָרנט דערפון. ער ווייזט אָן אויף דער פאַנטאַסטישקייט און אומגליק וואָס שטעקט אין אַזאַ קינדער פּאָליטיק. ווארים, זאָגט ער, גאָט האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:

„נעם דעם גיפטיגן כּוס מיט ווין פון מיין האַנט און טרינק אָן מיט אים אַלע פעלקער וואָס איך שיק דיך צו זיי. זאָלן זיי טרינקען, זאָלן זיי אויפברויזן און זאָלן זיי משוגע ווערן דער־זעענדיג דעם שווערד וואָס איך שיק אַראָפּ אויף זיי.

„און דער שווערד וועט אַלעמען אָנגרייפן. קיינעם, אַפילו אייערע הויפשטיצע מ צ ר י ם, וועט ער ניט אויסמיידן. נאָר אָנהויבן וועל איך פון זיך, פון אייך, פון ירושלים.“

אָבער קיינער הערט ניט זיינע וואַרנונגען. און די, וואָס קומען אים יאָ הערן, האָבן דערביי דעם איינציגן צוועק: נאָכ־דעם מסר׳ן אויף אים...

און די היסטארישע נויטווענדיגקייט באווערט זיך. נאָכדעם ווי נבודכדנצר האט איינגענומען סיריע, הויבט ער אָן זיך צו דערנענטערן צו יהודה. ער פאדערט פונ'ם קעניג יהויקים, ער זאָל זיך אים אונטערווארפן — ווייל אין פּאלעסטינע זעט ער דעם שליסל צו מצרים — אויב זיין לעבן איז אים ליב, און ער וויל ניט אומקומען אינאיינעם מיט זיין פאלק און מיט זיין לאנד. אָבער אין דער אייגענער צייט האט אויך מצרים זיך געווענט צום קעניג פון יהודה מיט הבטחות און מיט איינרעדעניש. ניט צו פאלגן נבוכדנצר'ן, ניט אונטערצוגעבן זיך און מצרים וועט אים דערין באהילפיג זיין. דער קעניג און מיט אים די גאנצע רעגירונג און אפילו ס'פאלק הויבן אָן זיך צו וואקלען. ווייסן ניט ווי איז בעסער צו האנדלען. נאָר איין ירמיהו ווייסט ניט פון קיין וואקלעניש. ער האט פארשטאנען, אז דער קאמף מיט נבוכדנצר'ן איז אַ פארשפילטער. דאָס איינציגע וואָס יהויקים, דער קעניג פון יהודה, קאָן נאָך טאָן איז: אויסצומיידן אומזיסטע בלוט־פארגיסונג און באלד זיך אונטערווארפן צו בבל. זעענדיג דאס וואקלעניש ארום און ארום, גלויבט ירמיהו, אז איצט איז עס די רעכטע צייט צו באאיינפלוסן די רעגירונג און דאס פאלק און זיי ראטעווען פון אומגליק. רופט ער צו זיך זיין תלמיד און סעקרעטער, ברוך, הייסט אים איבערשרייבן זיין אמאָליגע רעדע וועגן דער זיגרייכער צוקונפט פון נבוכדנצר'ן און וועגן זיינע נצחונות איבער אלע פעלקער פון סיריע און פּאלעסטינע. און די דאזיגע רעדע הייסט ער אים איבערלייענען אין הויף פון בית־המקדש, וואו גרויסע מענשן־מאסן האבן זיך צונויפגעזאמלט. ער טוט דאס. דער איינדרוק פון דער רעדע איז אזוי שטארק, אז אלע דערזעען דעם טיפן תהום, בא וועלכן זיי שטייען, וועלכן זיי האבן אליין אויסגעגראָבן, און ביז איצט אפילו דאס ניט באמערקט. מ'ווערט אומרואיג. מ'הויבט אָן זיך צו באראטן. ס'וואקסט אן אויפרעגונג. דער צושטאנד קומט אָן אין הויף. און דער קעניג הייסט זיך ברייננען דעם מאנוסקריפּט פון ירמיהו'ס רעדע. דאָס געשייט. ער זעצט זיך ביים הייצנדיגן

קאמין און הערט פארלייענען די רעדע בלעטל נאך בלעטל. און בלעטל נאך בלעטל נעמט ער ארויס פון האנט פונ׳ם פארלעזער, צערייסט עס אוןווארפט עס אריין אין פייער אריין. די דערביי־איגע בעטן אים, ער זאל דאס ניט טאן, אבער ער הערט זיי ניט — ווייל אין הארצן איז ער געווען פאר א בונד מיט מצרים געגן בבל... אבער אויך אויף אים מאכט די רעדע א קאלא־סאלן איינדרוק. ער באפעלט, אז מ׳זאל באלד אויפזוכן ירמיהו׳ן און זיין תלמיד ברוך און ביידן הרג׳נען... נאר די עטלאכע אנהענגער וואס ירמיהו האט אין הויף, באהאלטן זיי באצייטנס און זיי ווערן געראטעוועט פון טויט. און אין א קורצע צייט ארום האט ברוך נאכאמאל אויפגעשריבן די אייגענע רעדע, צוגעגעבן צו איר נאך נייע שטיקער און ווידער פארשפרייט אין פאלק. דער קאמף צווישן דעם נביא און דעם קעניג האט זיך אויס־געלאזט מיט׳ן נצחון פון נביא. די מערהייט פון פאלק איז געווען מיט ירמיהו׳ן. א סך פון דער אריסטאקראטיע און הויפלייט זענען געווען מיט אים. אלע האבן געוואלט אויסמיידן אומזיסטע בלוט־פארגיסונג. און דער קעניג איז געווען געצוואונגען אויפצוהערן זיך פלאנטערן מיט מצרים און איינצאלן דעם נויטיגן מס (אפ־צאל) צו בבל. אבער קוים זענען פארביי דריי יאר צייט, און יהויקים פארבינט זיך מיט מצרים און צור און הערט ווידער אויף צו צאלן דעם יערלאכן מס צו נבוכדנצר׳ן. דויערט עס ניט לאנג און נבוכדנצר באלאגערט ירושלים. יהויקים שטארבט און זיין זון יהויכין ווערט מלך און האלט אן זיין פאטער׳ס פא־ליטיק: ניט צו אנערקענען די אויבערהערשאפט פון בבל. אפילו שוין נאכדעם ווי צור איז געווען געפאלן, און מצרים האט דער־ווארט דעמזעלבן שיקזאל, איז יהויכין אלץ געבליבן בא זיין הארט־נעקיגקייט. ירמיהו זעט קלאר דאס גרויסע אומגליק וואס עס דערווארט זיין פאלק פון דער קעניגליכער עקשנות. און ער הערט ניט אויף צו ווארנען דעם קעניג, און אפילו צו שווערן, אז יהויכין און זיין מלוכה וועלן אונטערגיין. „אפילו ווען דו וואלסט מיר געווען אזוי ליב און טייער ווי אן איינגעקריצטע חתימה

אויף מיין אָרעם, — זאגט גאט — וואלט איך דיך אויך אראָפּ־געריסן פון דארט און איבערגעגעבן אין די הענט פון יענע, וואס זיינען אָנגעשטאנען אויף דיין לעבן — אין די הענט פון נבוכדנצר דעם מלך פון בבל.״ און צום פאלק האט ער זיך גע־ווענדט מיט דער וואָרנונג: „לאָזט זיך ניט איינרעדן פונ׳ם קע־ניג און פון זיינע הויף־לייט, ווי פון די נביאים און די כהנים, אז גאט וועט ניט איבערגעבן די שטאט אין נבוכדנצר׳ס הענט — ווייל ער וועט דאָך שיצן ז י י ן טעמפּל, דעם בית המקדש. פארלאזט זיך ניט אויף זייערע פאלשע רייד. „גאט׳ס טעמפּל, גאט׳ס טעמפּל, גאט׳ס טעמפּל איז עס,״ וואס וועט אייך ראַ־טעווען. נארישקייט! אויב זיי וועלן ניט אויפהערן אומגערעכט צו משפּט׳ן, אויב זיי וועלן ניט אויפהערן צו אונטעדריקן דעם אָרימאַן, אויב זיי וועלן ניט אויפהערן אומזיסטיג בלוט צו פארגיסן — וועל איך, — זאָגט גאָט, — חרב מאכן ירושלים און דעם בית המקדש פונקט אזוי ווי איך האָב אין עלי׳ס צייטן חרב געמאכט שילה. און ווי זאל עס דען אנדערש זיין? יאָרן אויף יארן האט מען אייך געווארנט און איר האט ניט געוואלט פאלגן. איר האט זיך אלץ פארלאזט אויף פרעמדע פריינט. איצט וועט דער ווינט פארטראגן אלע אייערע פריינט, אייערע גע־ליבטע וועלן אוועק אין געפאנגנשאפט, נאָכדעם וועט איר זיך שעמען פאר די נידערטרעכטיגע שטיק אייערע״... סוף־כל־סוף זעט יהויכין איין, אז ער איז ניט אימשטאנד אָנצוהאלטן דעם ווידערשטאנד געגן בבל און גיט זיך אונטער. נבוכדנצר נעמט דעם קעניג, זיין מוטער, די הויפלייט און צען טויזנט מאן פון די בעסערע פון פאלק און שיקט זיי אוועק אין געפאנגנשאפט קיין בבל. אויפ׳ן לאנד לייגט ער ארויף א הויכן אָפּצאָל, און צדקיהו׳ן, יהויכינ׳ס א פעטער, באשטימט ער פאר א מלך אין ארץ ישראל. און ווייל די פריערדיגע צוויי אידישע מלכים האבן זייער ווארט ניט געהאלטן, באשווערט נבוכדנצר צדקיהו׳ן בא גאט, אז ער וועט בלייבן טריי צו בבל.

אָבער קוים פינף יאָר האָט צדקיהו געהאלטן זיין וואָרט.

און ווידער האט ירמיהו צו ווארנען דעם קעניג און דאס פאלק ניט צו לאזן זיך איינרעדן פון די ארומיגע שכנים — זיך צו שטעלן נעגן בבל, ווייל ער וועט ניט גוט אפשניידן. ער טוט אן א הילצערנע יארמא אויפ'ן האלז און קומט אזוי אין בית המקדש אריין. און אז מ'פרעגט אים: וואס באטייט דאס? ענטפערט ער: „אזוי וועט בבל ארויפלייגן זיין יאך אויפ'ן אידישן פאלק"... אבער דאס אלץ העלפט ניט. צדקיהו איז א שוואכער מענש. ער איז כסדר אין איין שרעק. א ביסל האט ער מורא פאר גאט, א ביסל שרעקט ער זיך פאר בבל, ער האט אויך דרך־ארץ פאר ירמיהו, אבער זיינע פאררעטערישע שכנים קאן ער אויך ניט אפזאגן. דערצו איז דער חשק צו זעלבסטשטענ־דינקייט גרויס; די הויפלייט אין דער בבלשער געפאנגנשאפט הערן אויך ניט אויף צי אינטריגירן דעם קעניג, וואס גיכער מאכן א סוף צו זייער לאגע, און ער לאזט זיך פארפירן פון די אויפ־שטענדיגע...

ירמיהו ווייסט דערפון. ער פרואווט זיך פון ווייטן צו ווירקן אויף די געפאנגענע אין בבל. יהויכינ'ען, דעם קעניג אין געפאנגנשאפט, לאזט ער זאגן: „פארשרייב דעם דאזיגן מאן אלס קינדערלאזן. קיינמאל אין זיין לעבן וועט ער ניט גליקליך זיין. קיינעם פון זיינע קינדער וועט עס ניט געלינגען צו זיצן אויף דוד'ס טראן און צו געוועלטיגן איבער יהודה." און צום פאלק אין בבל לאזט ער שרייבן: „טראכט נאך ניט נועגן אומקערן זיך צוריק אהיים. בויט זיך הייזער און וואוינט אין זיי. פלאנצט ווייגגערטנער און עסט זייער פרוכט. מאכט חתונה אייערע קינדער, פרוכפערט זיך דארט און מינערט זיך ניט. זארגט פאר'ן וואוילשטאנד פון דער שטאט, וואוהין איך (גאט) האב אייך פארשיקט, — ווייל אז איר וועט גוט זיין, וועט אייך אויך זיין גוט." דאס פאלק אין בבל האט מיט באפרידיגונג אנגענומען ירמיהו'ס עצה. אבער די הויף־לייט האבן געקוקט אויף אים ווי אויף א פאררעטער. און איינער פון זיי האט געשריבן קיין יהודה און זיך באקלאגט אויף דעם נביא, וואס הייסט דעם

פאלק שלום צו מאכן מיט זיין לאנע. ער ווארפט אויך פאר די רעגירער פון יהודה דאס, וואס זיי רעכענען זיך ניט אָפּ מיט אים און מיט אלע זיינע אָנהענגער. די אינטריגעס פון די „איי־נענע מענשן,“ וואס געפינען זיך אין געפאנגנשאפט; דער איינ־פלוס פון דער קריגס־פארטיי וואס האט זיך געבילדעט אין הויף און די ווירקונג פון די שכנים ארום, צווינגען צדקיהו׳ן זיך צו שטעלן אין די רייען פון בבל׳ס געגנער. און אז נבוכדנצר האָט בא־לאגערט די שטאָט איז קיינער פון די פארבינדעטע ניט געקומען יהודה׳ן צוהילף. אנדערהאלבן יאָר האָט געדויערט די באלאגערונג. ירמיהו האט ניט אויפגעהערט צו פאדערן מען זאל זיך אונטער־געבן. ווארים וואָס לייגנער די באלאגערונג וועט דויערן, אלץ מיט מער אכזריות וועט מען נאכדעם באהאנדלען די באלאגערטע בא־פעלקערונג. דער קעניג, צדקיהו, שיקט אפילו אמאָל רופן ירמיהו׳ן און עצה׳ט זיך מיט אים. אָבער פאָלגן, פאָלגט ער אים ניט. נאָך איין מאָל האט ער אים יא געפאלגט: ער האט באפוילן צו באפרייען אלע אידישע קנעכט און דינסטן וואס די רייכע האבן געהאט. און מען האָט זיי באפרייט. נאָר מ׳האָט פון זיי געשאפן לעגיאָנען צו פארטיידיגן די שטאט. קוים איז אָבער נבוכדנצר אויף א ווייל־ע אָפּגעטראטן פון שטאט (צוליב געוויסע פארוויקלונגען אין בבל), און שוין האבן די הערשנדע גרופן צוריק פארשקלאפט זייערע בא־פרייטע קנעכט. ירמיהו ווערט זייער אויפגעבראכט אויף דעם. מיט א געוואלדיגער אויפרעגונג פאלט ער אָן אויפ׳ן קעניג, אויף זיינע הויפלייט און אויף די רייכע און שטארקע. פארדעטער, רופט ער זיי, און שבועה־ברעכער, און אומפארשעמטע מענשן, וואס בא־שמוצן די מענשלאכע פרייהייט. ער וואָרנט זיי, אז צו־פרי פייערן זיי זייער פרייהייט אויף די רוקנס פון זייערע באפרייטע און ווי־דער פארשקלאפטע קנעכט. ווארים נבוכדנצר וועט באלד צוריק־קומען און וועט ברענגען פאר זיי „שווערד־פרייהייט“. ווייל פריי וועלן זיי זיין פאר׳ן שווערד זיינעם. נאָך דער רעדע פאלט ירמיהו אריין אין געפענגניש. מ׳ווענדט אָן צו אים א שטרענגן רעזשים. דער קעניג הייסט דעם רעזשים פארגרינגערן. פאלגט מען. ער בא־

קומט אפילו די מעגליכקייט צו האבן א פארקער מיט מענשן פון אויסן. נאָר אזוי ווי ירמיהו באהאלט ניט זיינע מיינונגען, באהאלט מען אים ווידער וואס ווייטער פון מענשן. אין א זומפיגן גרוב האט מען אים אריינגעווארפן. מיט הונגער האט מען אים געפייניגט. נאָר דער קעניג האט אים פון זיין בעקעריי געשיקט ברויט, אז קיינער זאָל ניט וויסן. אזוי דויערט עס ביז וואנען די בבלים רייסן זיך אריין אין שטאט אריין. אין שטאט הויבן זיך אָן גע־וואלדיגע הריגות. נאָר וויי־ניגע, און צווישן זיי ירמיהו מיט זיין שילער ברוך, ברעננט מען אין קייטן צו נבוכדנצר'ן, דאָ גיט מען ירמיהו'ן די ברירה: אָדער ער זאָל גיין מיט די איבריגע קיין בבל, אָדער ער קאן בלייבן אין יהודה. ער קלויבט אויס דאס לעצטע, נאָר באגלייטן וויל ער זיינע אומגליקליכע געפאנגענע ברי־דער ביז דער גרעניץ פון בבל. דאס איז אים ערלויבט.

צוריקקומענדיג, בלייבט ער אין מצפה אינאיינעם מיט'ן קע־ניג'ס פארטרעטער אין לאנד, ג ד ל י ה ו בן אחיקם. א באנדע קריגסלייט דעזערטירן מיט אַן אָנפירער פון אידישן קעניגלאכן הויז, הרג'נען גדליהו'ן. אויס מורא פאר נבוכדנצר'ן אנטלויפן זיי קיין מצרים און שלעפן מיט זיך ירמיהו'ן און אויך זיין שילער און תלמיד ברוך.

י ר מ י ה ו א י ן מ צ ר י ם! אין דעם לאנד וואס ער האט אזוי געהאסט, צו וועלכן ער האט קיין איינציגן טראָפּן צוטרוי ניט געהאט, פון וועלכן ער האט אין א משך פון 40 יאר ניט אויפ־געהערט צוווארנען זיין פאלק — אין ד ע ם לאנד ווערט ער פארוואָרפן, אַן אומגליקליכער, א צעבראָכענער א פארצווייפלטער פון גרויסן אומגליק וואס האט זיין פאלק און זיין לאנד געטראפן.

אין מצרים לעבט ער נאָך עטליכע יאָר און שטארבט שטיל אין פארהאסטן לאנד, צווישן פארהאסטע מענשן.

א היסטארישע טראגעדיע, א פאלקס־טראגעדיע, אָן גלייכן!

עזרא און נחמיה

די אידן וועלכע זיינען געווען אין גלות אין בבל, האבן זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו זייער לאגע. זיי האט זיך דארט גע־לעבט ניט שלעכט — סיי אין מאטריעלן זין, סיי אין גייסטיגן זין. — פונדעסטוועגן האבן זיי דאך ניט אויפגעהערט צו האָפן און צו ווארטן אויף דעם טאג, ווען זיי וועלן זיך קאנען אומקערן צוריק אהיים אין זייער פאטערלאנד. און וואס ווייטער, אלץ מער שטיצע און מער האפט האט באקומען זייער האפנונג — ווייל וואס ווייטער אלץ אויגנשיינליכער איז געווארן, אז עס דערנעענ־טערט זיך דער טאג, ווען די מעכטיגע בבלשע מלוכה וועט אונ־טערגיין: „דער פערסישער עררָאָבערער כ ו ר ש האָט געזוואָרפן אַן אויג אויף בבל און וויל זי איינגעמען!" אז בבל וועט ניט קאָ־נען ביישטיין אין קריג מיט פרס, דאס איז געווען קלאָר פון דעם פחד וואס כורש האט אָנגעיאָגט אויף די הערשער און איינוואוי־נער פון בבל. דאָ איז מען געווען שטארק אומרואיג. מ'האָט באַ־שטימט גרויסע, אַלגעמיינע גאָטעסדינסטן; די געטער האָט מען מטריח געווען פון זייערע טעמפלען און זיי אוועקגעשטעלט אינ־מיטן עפנטליכע פלעצער, כדי זיי זאלן מיט „זייערע אויגן" צו־זעען דעם טרויער און די טרערן פון זייערע אונטערטעניגע. דאס איז אויך געשען אין אלע אנדערע שטעט אין לאנד. יעדע שטאט מיט איר גאט־באשיצער, מיט אירע תפלות, קרבנות און אנדערליי גאטעס־דינסט. נאָר די אידן האבן ניט געגלויבט אין דער מאכט פון די בבלשע געטער. זיי זיינען געווען זיכער, אז כורש וועט זיך ארויסווייזן שטארקער ווי בבל. און אזוי איז דאס אויך געשיין. אין יאר 538 פאר דער קריסטליכער צייטרעכנונג איז כורש, אלס זיגער, אריינגעקומען קיין בבל. עס איז ניט צו באשרייבן מיט וואָס פאר א באגייסטערונג די אידן האָבן באגעגנט דעם נייעם וועלט־באזיגער — וועלכער האָט אין משך פון קוים צוועלף יאָר צייט

איינגענומען גאנץ פאדער־אזיע און פארפעסטיגט די וועלט־הער־שאפט פון זיין פאלק אויף גאנצע 200 יאר. און ניט אומזיסט האבן די אידן זיך געפרייט. צווישן די ערשטע וויכטיגע דעקרעטן וואס די נייע הערשער האבן ארויסגעגעבן איז אויך געווען כורש׳ס דעקלאראציע: אז ווער פון די אידן אין בבל עס וויל, קאן זיך אומ־קערן צוריק קיין ארץ ישראל, און ווידער אויפבויען דארט זייער צוזאמענלעבן. שפעטער האט ער אפילו אליין אויך מיטגעהאלפן, אז דער דעקרעט זאל פארווירקליכט ווערן. און אויך צוליב פא־ליטישע טעמים. ער האט פאראויסגעזען א מלחמה מיט מצרים, איז אים געווען וויכטיג, אז אויף דער גרעניץ מיט מצרים זאל לעבן אזא באפעלקערונג, וואס איז גוט גענייגט צו פרס, איז דורכ־נעדרונגען מיט דאנקבארקייט צו זיין דינאסטיע און מ׳קען זיך שטיצן אויף אים.

אין פרילינג 537, דאס איז געווען אין פופציג יאר נאכ׳ן חורבן פון ירושלים, האבן זיך אידן געלאזט אין וועג אריין צוריק אהיים, דאס פאטערלאנד ווידער אויפצוריכטן. אבער ניט פיל האבן זיך אומגעקערט. אינגאנצן קרוב צו 50 טויזנט נפשות. עס איז, ווייזט אויס, א סך, וואס זענען שוין אין בבל געבוירן געווארן, שווער געווען זיך אפצורייסן פון דעם געבענשטן לאנד און מיט ווייב און קינד און פארמעגן אונטערצונעמען אזא ווייטע נסיעה. און ארץ ישראל האט נאך געטראגן אויף זיך אלע סימנים פון חורבן. און פיינטלאכע שבטים האבן נאך אלץ ניט אויפגעהערט צו באאומ־רואיגן דאס לאנד. אינמיטן לאנד האבן זיך געפונען די שומרונים — א געמיש פון א ביסל אידן און זייער א סך פון פאר־שיידענע פעלקער וואס אשור האט דארט אהין פארטריבן. פון מערב האבן אריינגעדרונגען די אשדודים, פון מזרח — די עמונים. פון ווייטן נגב האבן אהער אריבערגעקוקט די אדומ׳ער — אלץ שטא־מען און פעלקער וואס האבן זיך געפרייט מיט׳ן חורבן פון ירושלים און וועלן ניט גרינג צולאזן, אז דא זאל ווידער אויפגעריכט ווערן א אידישע מלוכה — ווייל מען וואלט דאך פון זיי ווידער איינ־געמאנט יענע לאנד־שטיקער, וואס זיי האבן באלד נאכ׳ן חורבן

צוגענומען און אָפּגעירש'נט... בא אזוינע פּערספּעקטיוון האבן א סך זיך געזאגט: בעסער — ווי דער דערקרעט פון מלך האט גע־הייסן — זיצן דאָ און העלפן דעם אויפבוי פון ארץ ישראל מיט געלט, איידער אליין אהין צו גיין...

האָבן זיך אומגעקערט די פּאָרשטייער פון אלע חשוב'ע משפחות, וואס האבן זיך געפונען אין בבל, און האבן זיך געפילט ווי די פארשטייער פון גאנצן פאלק. עס האבן זיך אומגעקערט עט־ליכע טויזנט כהנים וואס זיינען אין בבל געזעסן אָן א שטאָך אר־בייט... און אויך פארשטייער פון דער הויכער אריסטאָקראטיע, ווי: זרובבל, א זון פונ'ם פארטריבענעם קעניג יהויכין, ישוע — א זון פונ'ם גע'הרג'עטן לעצטן כהן גדול אין ירושלים: יהוצדק און ששבצר — ווייזט אוים אָן עלטערער זון יהויכינ'ס — וועמען כורש האט באשטימט פאר א נציב איבער ארץ ישראל, און נאָך אנדערע. פון זיי האבן זיך אָן ערך פינף טויזנט, דער־הויפּט כהנים, באזעצט אין ירושלים, די איבעריגע אין נאָנטער שכנות צום שטאט. דערווייל האט מען אויפגעריכט דעם מזבח.

און דעם ערשטן סוכות האט מען געפייערט מיט גרויס פּא־ראַד, מיט א סך קרבנות. א סך גרויסע נדבות זענען געפאלן דעם טאָג לטובת דעם גאָטעס־דינסט און לטובת די כהנים. אָבער וועגן דעם בית המקדש בויען האט מען נאָך ניט געטראכט. א סך גרע־סערע דאגות זענען דערווייל געווען: אויפריכטן דאָס חרוב'ע לאנד, אָפּבויען ירושלים א. ד. ג., ערשט אין יאָר 520, נאָכדעם ווי ששבצר איז געשטארבן און אויף זיין אָרט איז באשטימט געווארן זרובבל, האָט מען אָנגעהויבן בויען דעם בית־המקדש, און אין 516 איז ער געווען געענדיגט. ער איז אָבער ניט געווען אזוי שיין ווי דער ערשטער בית־המקדש. יענע זקנים וואס האבן נאָך געזעען דעם ערשטן בית־המקדש, האבן זיך ניט געקאָנט זאט אָנוויינען, זעענדיג דעם אָרימען, צווייטן. נאָר דאָס יונגע פאָלק איז געווען צופרידן.

אָבער ניט אזוי גרינג ווי עס רעט זיך, בויט זיך.

ווארים אז די אידישע שונאים פון די פעלקער, וואס האבן איצט געלעבט אין דעם אמאָליגן שמרון, האבן דערהערט, אז אידן

בויען ווידער דעם בית־המקדש — א צייכן פון זעלבסטשטענדיגקייט און הערשאפט, איז זיי דאס ניט געפעלן געווען. האבן זיי געשיקט מענשן צו זרובבל'ן און אים פארגעלייגט: „מיר ווילן אויך מיט־בויען מיט אייך, ווארים פונקט ווי איר, בעטן מיר גאט, און צו אים ברענגען מיר אונזערע קרבנות, פון זינט־אָן דער מלך פון אשור האָט אונז דאָ אהער פארשיקט“. אָבער זרובבל און די אנדערע פאָרנעמע האָבן דערויף געענטפערט: „מיר קאָנען ניט בויען אינאיינעם מיט אייך; אליין וועלן מיר בויען, ווי כורש, דער מלך פון פרס האט אונז באפוילן.“ האט זיך אָנגעהויבן א פאראיבל מיט אינטריגעס, מיט מסירות, מיט פאלשע עדות־זאגן קעגן די אידן. און צום דעמאָלטיגן מלך פון פרס, דריוש, האָט מען געשריבן, אז אויב דער בית־המקדש וועט געבויט ווערן און די שטאט ירושלים וועט אויפגעריכט ווערן, וועלן די אידן אָפּפאלן פון פערסישער אונטערטעניגקייט. האט דער מלך באפוילן, מ'זאל אויפהערן צו בויען. האָט מען אויפגעהערט ביז צום צווייטן יאָר פון דריוש'ס קעניגן. אָבער אין דעם יאָר האָבן זיך די אידן געלאָזט איבעררעדן פון די כהנים און פון די נביאים חגי און זכריהו, ניט נעמאכט קיין שאלות און זיך ווידער געשטעלט בויען דעם בית־המקדש. אָבער דאָ איז געקומען תתני, דער אויבערשטער פון לאנד, ווען זרובבל איז געווען אונטערגעווארפן, און געפאדערט אן ערלויבניש אויף צו בויען. זיין רעפּארט האט ער אוועקגעשיקט קיין בבל צו דריוש'ן. נאָר דערווייל האָט ער ניט געשטערט צו בויען. און די צייט אין דער פערסישער מלוכה איז געווען אן אומרואיגע. אין לאנד האט זיך געשפּירט אן אויפשטאנדס־באוועגונג געגן דעם נייעם קעניג דריוש. פונדעסטוועגן האט דריוש געלאָזט ענטפערן צו תתני, אז נאָך פון כורש'ן האָבן אידן באקומען אן ערלויבניש דעם בית־המקדש צו בויען; „לאָז די אידן רוען און פון די קעניגלאכע גיטער שטיץ זיי אין זייער ארבעט מיט וואָס זיי וועלן נאָר נויטיג האָבן צו זייער גאָטעס־דינסט אינ'ם דאָזיגן הויז“. ערשט איצט זענען די אידן געווען אימשטאנד דעם בית־המקדש צו פארענדיגן.

אָבער באַלד נאָכדעם פאַלט דאָס פאָלק אַריין אין אַ געדריקטער שטימונג. ווארים אויפצוהאַלטן דעם בית־המקדש, זיין דינערשאַפט, די אַלע מאַסן קרבנות, איז פאַר דער קליינער געמיינדע געוועזן צו שווער. די אָפּצאָלן דער פּערסישער רעגירונג זענען אויך געוועזן צו הויך און שווער געדריקט אויף דער ניט פאַרמעגלאַכער באַפעלקערונג. די רייכע האָבן זיך צוגעשניטן גרויסע פעלדער, רייך געוואָרן און ביסלאַכווייז געמאַכט די אָרימע לייט אָפּהענגיג פון זיך און אפילו פאַרשקלאַפט בא זיך. די גאָטספאַרכטיגע האָבן אָנגעהויבן זיך אַריינצומישן אין פּריוואַט־לעבן פון אידן: מיט דעם האָב ניט חתונה, אין די און די טעג זאָלסטו ניט אַרבעטן, דאָס און דאָס איז דיר פאַרבאָטן, וואָס אַנדערע אַרום דיר איז ערלויבט; די „אידישע מלוכה“, ווי מ׳האָט געהאָפט און די נביאים האָבן צוגעזאָגט, איז ניט באַנייט געוואָרן. פאַרקערט: זרובבל און זיינע נאָכפאָלגער זענען געוועזן אונטערגעוואָרפן דעם סירישן סאַטראַפּ פון דער פּערסישער מאָנאַרכיע. צווישן זרובבל׳ן מיט׳ן כהן־גדול איז עס געקומען צו רייבונגען — דער ערשטער סימן פון פּריסטערלאַכן שטרעבן צו מאַכט — אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז מ׳איז שוין באַלד ניט גערן געוועזן דעם גאַנצן צוריקקער.

זענען אָבער די דאָזיגע אומצופרידענע געשטאַנען אין שטענדיגן פאַרקער מיט די איבערגעבליבענע אידן אין בבל. פון דאָרטן פלעגן פון צייט צו צייט צוקומען מענשן, געלט, און אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין ארץ ישראל, האָט שטאַרק אינטערעסירט די בבל׳דיגע אידן. און דאָרט, ווייל צווישן געצנדינער און ווייל אָפּגעזונדערט אין באַזונדערע קבוצים, און ווייל קיין מזבח מיט קרבנות זיינען ניט געוועזן, און גוט האָט זיך זיי געלעבט, — האָבן זיך אידן מער אָפּגעגעבן מיט ערלערנען דאָס אידנטום, און פּראַקטיש לעבן לויט די אָנווייזונגען פון אידנטום, און זיך באַמיען דאָס צו פאַרשפּרייטן צווישן אידן ווי ווייט מעגליך. דערהערנדיג וועלכע שטימונגען עס הערשן אין ארץ ישראל, האָט זיך אין בבל אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר אַ צווייטער עליה קיין ארץ־ישראל. דעם גרויסן אידנטום־געלערטן, עזרא, גיט זיך איין צו פאַר־

אינטערעסירן מיט דער לאגע אין ארץ ישראל דעם דעמאָלטיגן קעניג ארטאקסערקס. עזרא ווערט באשטימט פאר א ספעציעלן קאָמיסאר מיט אומבאגרעניצטע פולמאכטן, כדי דורכ־צופירן אין ארץ ישראל רעפארמען לויט דער אידישער תורה. און מיט גאָלד און מיט זילבער האָט ער אים אויסגעשטאַט און מיט קייזערלאכע בריוו צו אלע מאכטהאָבער אין לאנד, אז זיי זאָלן אים באהילפיג זיין אין אלץ וואָס ער וועט דארפן. מיט אים זענען מיטגעגאנגען 1,772 מענער, אויסער פרויען און קינדער. ער האָט זיך אויך מכין געווען מיט תענתים און תפלות. דעם 12טען ניסן (458 פ. ק.) איז דער קאראוואן ארויס אין וועג אריין. דעם ערשטן אָב איז ער אָנגעקומען קיין ירושלים.

באלד נאָך זיין אָנקומען האָט עזרא אויפגענומען דעם קאמף קעגן געמישטע חתונות. עס איז דעמאלט שוין קלאָר געווען, אז קוים זאָגט זיך דער איד אָפּ פון זיין נאציאָנאלער אָפּגעזונדערט־קייט און האָט חתונה מיט א ניט־אידישער טאָכטער, פירט עס דערצו, אז ער זאל זיך פון דער רעליגיע אויך אָפּזאגן. און פאר־קערט: קוים זאגט זיך דער איד אָפּ פון זיין רעליגיע, ברענגט עס אים צו אוועקוואַרפן זיין נאציאָנאליטעט אויך. עזרא רופט צונויף דאס גאנצע פאלק, האלט פאר אים א פלאמענדיגע רעדע. רייסט אראָפּ פון זיך די קליידער, רייסט די האָר פון זיין קאָפּ און זיצט אויף דר'ערד ווי אַן אבל. דאס ברייננגט אריין די פארזאמלטע אין א גרויסן עקסטאַז. און אז עזרא שטייט אויף, שוין פארנאכט, און האלט אָפּ אין געוויין און פארצווייפלונג א שטורמדיגע תפלה און א וידוי אויף דער שרעקליכער פאררארבנקייט פון פאלק — וויינט מיט אים מיט דאס גאנצע פאלק. אין דער געהויבענער שטי־מונג שווערן אלע, אז זיי וועלן זיך שיידן מיט זייערע ניט־אידישע פרויען.

נאָר אז מ'האט אָנגעהויבן די זאך דורכצופירן אין לעבן, האט מען ערשט רעכט דערפילט, ווי שווער דאס איז. דאס געשריבענע געזעץ ערלויבט אפילו זיך צו גט'ן. אָבער דאָס געזעץ אין הארצן געשריבן לאָזט ניט אזוי לייכט זיך צו שיידן מיט א געליבטער

פרוי, מיט קינדער, מיט קרובה׳שע פארבינדונגען... און אָפט איז דער איד דורך זיין ניט־אידישער פרוי געשטאַנען אין מחותנ׳־שאַפט מיט דער נעצענדינערישער אריסטאָקראַטיע, מיט פּערסישע מלוכה־לייט, א. ד. ג., אונטערנעמען אזא ריס, וואלט הייסן ארויס־רופן א האַס צו זיך בא די ארומיגע פעלקערשאַפטן. זענען טאַקע אוועקגעגאַנגען קרוב צו פינף חדשים און די זאך האט זיך ניט גע־רירט פון אָרט. דעם 20טען כסלו 458, איז אין ירושלים פארגע־קומען א גרויסע פאלקס־פארזאמלונג צו וועלכער אלע מענער האבן געמוזט קומען. און אז עזרא האט איצט נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט זיין פאדערונג: זיך צו שיידן מיט די גוי׳אישע ווייבער, האבן אלע מודה געווען, אז דאס איז זייער וויכטיג, אָבער אלע האבן אויך אָנגעוויזן מיט וועלכע שוועריגקייטן דאס איז פארבונדן. און עס ווערט אָנגענומען: שאַפן א קאמיסיע אונטער עזרא׳ס פארזיץ, וואָס זאָל קלאָר מאכן די פאקטן און באשליסן וועגן יעדן פאַל באזונדער. דעם ערשטן יאנואר 457 איז די קאָמיסיע צושטאנד געקומען. אין א משך פון דריי חדשים האט מען פעסטגעשטעלט די נעמען פון אלע יענע וואס האבן געהאט ניט־אידישע פרויען, און... דערמיט, ווייזט אויס, האט זיך די זאך געענדיגט. די אונ־טערנעמונג איז, ווייזט אויס, געווען א דורכפאַל... קיין פּראַק־טישע רעזולטאטן האט זי ניט געהאט. על כל פנים ניט אזוינע רעזולטאטן, ווי עזרא און די זייניגע האבן עס פארלאנגט. אָבער די ווייניגע פרויען וואָס זענען יאָ געשיידט געוואָרן פון זייערע מענער, אומקערנדיג זיך צוריק צו זייערע עלטערן און פעלקערשאַפטן, און די גאנצע אגיטאציע געגן דעם משדך זיין זיך מיט די ארומיגע גויים, האָט אויפגערייצט יענע פעלקער געגן די אידן. זיי האָבן אפילו אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן נקמה... און אז אין סיריע האט אויסגעבראכן אן אויפשטאנד — דער סירישער סאַטראַפּ האט זיך געוואלט אָפּרייסן פון פּרס, — האבן יענע שכנה׳שע שבטים אויסגענוצט די מהומה, באַפאלן ירושלים, פּארברענט די רעשטן פון די שטאָט־מויערן, פארברענט די טויערן פון שטאָט און ירושלים איז געוואָרן לחלוטין אָפּן און הפקר. זיינען טאַקע

געקומען אשדודים, שומרונים, און אָנגעהויבן צו באַלעבאַטעווען אין שטאָט.

איצט האבן די אידישע פּאטריאָטן אָנגעהויבן איינצוזעען, אַז כדי דאָס פאָלק זאָל קאָנען אינעווייניג, רעליגיעז זיין אָפּגעשיידט פון די ארומיגע פעלקער, מוז עס אויך אויסערליך, טעריטאָריעל, זיין פארפעסטיגט פאר זיך. „ירושלים, האט עס געהייסן, מוז ווערן א באפעסטיגטע שטאָט." זי מוז זיין ארומגערינגלט מיט מויערן. אָבער עזרא, בא זיין גאנצער טיכטיגקייט באם רעפאָרמירן די געזעלשאַפטלאכע אָרדנונג און גייסט פון דער אידישער רעליגיע, איז ניט אימשטאנד צו פארפעסטיגן די אויסנווייניגסטע לאגע פון די אידן צווישן די ארומיגע פעלקער. דערצו איז נויטיג א וועלטלאכער מענש מיט פאָליטישע און דיפּלאָמאטישע פייאיגקייטן, וואָס זאָל אויך זיין א חשוב אין קעניגליכן הויף.

און אזא מענש האָט זיך געפונען. דאָס איז געווען נחמיה, דער זון פון חכליה, א חשוב'ער מענש און א דיפּלאָמאט בא ארטאַרקסערקס'ן אין הויף. און דערצו א גוטער איד. אז ער איז געוואויר געווארן פון דער לאגע אין ארץ ישראל, באקומט ער פון קעניג אַן ערלויבעניש אָפּצופאָרן אויף א לענגערער צייט קיין ארץ ישראל מאכן אָרדנונג, אויפבויען די חרוב'ע שטאָט ירושלים און אירע פעסטונגס־מויערן. און די פערסישע סאַטראַפּן אין סיריע און פּאַלעסטינע זענען באפוילן געוואָרן צו העלפן נחמיה'ן אין זיינע אונטערנעמונגען.

אין פרילינג 445 איז נחמיה אָנגעקומען פון שושן קיין ירושלים. די ערשטע נאַכט גייט ער אום מיט א קליינער סוויטע א צעוויטאַקטער און באַטראַכט ווי גרויס דער חורבן איז אין שטאָט. נאָכדעם האָט ער איבערגעגעבן די עלטסטע פון פאָלק, וואָס זיין אויפגאַבע איז: אז ער האָט די קעניגלאכע ערלויבניש צו באַפעסטיגן די שטאָט. באלד האָט זיך געמעלדט א גאַנצע ארמיי פרייוויליגע אַרבעטער פון אַלע שיכטן און קלאַסן פון פאָלק. זיי זיינען געווארן איינגעטיילט אין גרופּן און יעדע גרופּע האט

עס גענומען אויף זיך אויפצובויען א באשטימטן טייל פון די פעסטונגס־מויערן. און די ארבייט האט זיך אָנגעהויבן. אָבער קוים האָט זיך די ארבעט אָנגעהויבן, און די אָנפירער פון די שכנה'שע פעלקער האָבן אָנגעהויבן צו אגיטירן קעגן נחמיה'ן און אים שטערן אין דער ארבעט. מ'האָט געפּרואווט חוזק מאכן פון דער גאנצער אונטערנעמונג, אויסלאכן זי; מ'האט געפּרואווט מסר'ן אין שושן, אז די אידן גרייטן זיך צו אן אויפשטאנד. נחמיה האט אָבער געמאכט צו־נישט אלע זייערע אינטריגעס. זיי האבן אפילו געפּרואווט מיט מאכט און געוואלד ניט צו דערלאזן דאס באפעסטיגן די שטאט, אָבער נחמיה האט ארויסגעשטעלט באַוואפנטע מאכט געגן באוואפנטער מאכט. אפילו די בויער האבן מיט איין האנט געבויט און אין דער צווייטער געהאלטן א שווערד... יענע האבן אונטערגעקויפט און געדונגען מענשן פשוט צו הרג'נען נחמיה'ן, איבערצורעדן זיינע נאָנטע, פּראָוואָצירן זיינע העלפער, א. ד. ג., אָבער אומזיסט. דאס גאנצע פאלק איז געווען אזוי איבערגעגעבן דעם בויען, אז ער האָט זיך אויף קיין פאל ניט געלאזט פארפירן. און אין א משך פון 250 טעג, איז די ארבעט געווען געענדיגט. ירושלים איז געוואָרן א פארפעסטיגטע, געשלאסענע שטאט און נאָר ב י י ט א ג איז זי געווען אָפן...

איצט, אז פון אויסווייניג איז די שטאט געווען געשיצט, האט נחמיה אונטערגענומען צו שאפן אן אָרגאניזירט אידנטום אינעווייניג, פאר זיך. קודם כל פארגרעסערן די באפעלקערונג אין שטאט. אויסער די פרייוויליגע וואס האבן זיך באזעצט אין שטאט, זאָל איינער פון צען אין דער פּראָווינץ מ ו ז ן זיך באזעצן, לויט דעם גורל, אין ירושלים. ער האָט אויסגענוצט זיין מאכט און געצוואונגען די רייכע, אומ'ברחמנות'דיגע מלוים, זיי זאָלן מוחל זיין אלע זייערע חובות, וואָס די אָרימע לייט זענען זיי שולדיג — כדי עס זאָל מעגלאך זיין א נאציאָנאלע פאראייניגונג צווישן אלע שיכטן און קלאסן. ער אליין, נחמיה, האט גע־דינט אלס ביישפּיל. ניט בלויז דאס וואס ער האט געהאט צעליען, האט ער מער ניט געמאנט, נאָר ער האט זיך אָפּגעזאגט אפילו

פון זיין געהאלט אלס קעניגלאכער פארוואלטער. די רייכע האָבן אויך באפרייט זייערע קנעכט, אומגעקערט צו זייערע בעלי־חובות אלע משכנות און הייזער, פעלדער, אָדער גערטנער, און מיט א שבועה האָבן זיי זיך פארפליכטעט מער די דאָזיגע חובות ניט צו מאָנען.

האבנדיג א בארואיגט פאראייניגט פאלק, האט נחמיה אויפגענומען אויך עזרא׳ס רעפארמען: באגרינדן די אינערליכע לעבנס־אָרדנונג אויפ׳ן יסוד פון דער אמונה. און ער, אינאייגעם מיט עזרא׳ן, מאכן גרויסע פאָלקס־פארזאמלונגען, אויף וועלכע מ׳לייענט עפענטלאך פאַר די תורה — וואָס דאָס ברייטע פאָלק האָט במעט ניט געקענט. די כהנים און די לויים האָבן ערקלערט און פארטייטשט און אויסגעטייטשט די תורה צו די צוהערער. עס זענען דערביי פאָרגעקומען גרויסע פאראדן און פייערלאכע צערעמאָניעס וואס האבן דאס פאלק באגייסטערט. צום סוף האבן זיך די וועלטלאכע און גייסטלאכע פאָרשטייער, פון דער ירושלים׳ער געמיינדע, אונטערגעשריבן אויף אַן אָפּמאַך, וואו זיי האָבן זיך מתחייב געווען צו היטן אלע געזעצן און געבאטן וואס גאט האט געגעבן דורך משה׳ן און וואס שטייען געשריבן אין דעם „ספר התורה,“ וואָס עזרא האָט זיי פאָרגעלייענט. דאָס איבריגע פאָלק האָט באשטעטיגט די דאָזיגע התחייבות דורך א שבועה וואָס עס האט געגעבן הויך אויפ׳ן קול.

צוועלף יאר איז נחמיה אָפּגעזעסן אין ארץ ישראל. און ניט אומזיסט. ער האט דאָך מיט ערפאלג פעסטגעשטעלט די ריכ־טונג אין וועלכער עס דארף געפירט ווערן די באפעסטיגונג פון דער נאציאָנאלער גייסטיגער אייגנארטיגקייט פון אידישן פאלק. אָבער טיף זיך איינוואָרצלען אין די הערצער, איז אין אזא קורצער צייט ניט מעגלאך געווען. און קוים איז ער נאָך אָפּגעפאָרן צו־ריק קיין פערסיע (433) און די נייע אָרדנונג וואָס ער האָט געשאפן האָט אָנגעהויבן זיך פאנאנדערצופאלן, אָן דעם „אָפּ־מאך״ האט מען אנגעהויבן צו פארגעסן. די אריסטאקראטישע פאמיליעס האבן ווידער אָנגעהויבן טאָן געמישטע שדוכים. און אן

אייניקל פון א כהן־גדול האט געגעבן דערין דעם ערשטן ביישפיל... מען האט עפנטליך מחלל שבת געווען און שבת איז געווען דער מארק־טאג; די אפצאלן פון די כהנים און דעם בית־המקדש האט מען אויפגעהערט צו צאלן פינקטלאך; די מלוים האבן ווידער בארויבט און גערריקט די ארימע... און אידישע שונאים זענען ווידער ארייגעלאזט געווארן אין שטאט און זייערע בייזע מעשים האבן זיי אפגעטאן אפילו אונטער'ן דאך פון בית־המקדש.

נחמיה ווערט עס געוואר און ווידער קערט ער זיך אום קיין ירושלים, מיט די זעלביגע פולמאכטן וואס פריער. אויף זיין באפעל ווערן די טויערן פון ירושלים געשלאסן פון פרייטאג אוונט ביז שבת־צו־נאכט. די וואס האנדלען אום שבת, ווערן שטרענג באשטראפט. די פאמיליעס, וואו צוליב די ניט־אידישע פרויען האט מען ניט גערעט העברעאיש, לאזט ער באשטראפן. דעם כהן גדול'ס אייניקל, וואס האט געהאט א פרעמדע פרוי, שליסט ער אוים פון דער דער געמיינדע. די מלוים צווינגט ער ערליך באהאנדלען זייערע בעלי־חובות. די אידישע שונאים טרייבט ער ארוים פון זייערע געשעפטס־צימערן וואס זיי האבן געהאט אין בית המקדש און ווידער באנייט ער דעם פריערינן אפמאך מיט די אידן.

ווי לאנג נחמיה איז נאכדעם געבליבן נציב אין יהודה, און וואס מיט אים איז נאכדעם פארגעקומען, ווייסן מיר ניט. די ווייטערדיגע געשיכטע ווייזט אונז אבער, אז זיין אויפגאבע האט ער דערפילט. אז אים איז געלונגען צו שאפן א נייע אידישע מלוכה אויף הונדערטער יארן און ארויפצולייגן זיין שטעמפל אויף דעם אידנטום, אויף אייביגע צייטן.

די חשמונאים

הונדערט יאהר צייט, אָן ערך, זיינען פאַרביי פון זינט אָן נחמיה איז געשטאָרבן, ביז וואַנען דער גריכישער קעניג, אַלעקסאַנדר מוקדון, איז אַריינגעדרונגען אין מזרח. די דאָזיגע גאַנצע צייט ליגט אין פולשטענדיגער טונקלקייט. און אַז די טונקלקייט ווערט דורכגעליכטן — זעהען מיר פּאַלעסטינע פּאָ־ליטיש אין אַן ערגערן צושטאַנד, ווי מיר האָבן זי איבערגעלאָזט. דאָס לאַנד איז בלויז אַ טייל פון אַ גרעסערער פּערסישער סאַ־טראַפּיע. דאָס לאַנד האָט אויך ניט מער קיין וועלטליכע הערשער — ווי זרובבל, אָדער נחמיה זיינען געווען, און דאָס איז געווען יעדער כהן־גדול אין זיין צייט. דער כהן־גדול האָט געהאַט בלויז צווייערליי צו באַפרידיגן: ערשטנס, דעם פּערסישן, קעניגליכן הויף דורך פּינקטליכן צושטעלן אַהין די אידישע שטייערן, און באַפרידיגן די פאָדערונגען פון אידישן פאָלק, בנוגע דעם גאָטעסדינסט. אין פּערסישן הויף איז מען צופרידן געווען מיט'ן דאָזיגן גאַנג פון דער אידישער אַנטוויקלונג. מען האָט דאָרט אַזוי ווייניג אַכט געלייגט אויף די אידן, אַז די פּערסער האָבן פאַר־וואַלטעט מיט פּאַלעסטינע נ י ט פון איר צענטער־אויס, פון ירושלים, נאָר פון שומרון. פּאָליטיש איז עס אפשר געווען אַ שטיקל באַליידיגונג פאַר'ן אידישן נאַציאָנאַלן שטאָלץ: די הויפּט־שטאָט פון לאַנד ווערט איגנאָרירט, ווערט ענטראָנט! מ'האָט זיך אָבער ווייניג געקימערט וועגן דעם. די אידישע פירענדע גייסטעד זיינען פאַרנומען געווען מיט בויען גייסטיגע פעסטונגען אַרום אידישן פאָלק, און דורכדעם עס האַלטן אָפּגעשייט פון דער גרוי־סער וועלט אַרום. די אידישע געלערנטע זענען פאַרנומען געווען מיט אויספאָרשן און אויפקלערן אַלע פּרטים פון דער תורה, וואָס עזרא און נחמיה האָבן אָוועקגעלייגט אַלס גרונדשטיין אינ'ם בנין פון אידנטום. זיי זענען פאַרנומען געווען מיט גייסטיגער זעלבסט-

אָרגאַניזאַציע, מיט שמידן אַ רעליגיעז־עטישע וועלט־אַנשויאונג און אַ מאָראַלישע וועלט־אויפפאַסונג פאַר זייער פאָלק. אין דער שטיל, ווייט פון זייטיגע אויגן און פון זייטיגן איינפלוס, פאַרנעמען זיי זיך רואיג און באַקוועם מיט רעדאַגירן פאַרשיידענע ספרים פון תנ״ך; מיט איינטיילן די היסטאָרישע טיילן זיינע באַזונדער, נביאים׳שע באַזונדער, פּאָעטישע באַזונדער א. ד. גל. און יעדער נביא באַזונדער פאַר־זיך. און האָט מען ניט געקאָנט אויסמיידן די ווירקונג פון דער פּ ע ר ס י ש ע ר קולטור, האָט מען די דאָזיגע ווירקונגען, וואָס זיינען ניט אַרויפגעצוואונגען געוואָרן די אידן איבערגעוואַלט, נאָר וואָס זיינען ממילא, שטילשווייגנדיג, אַריינגעקומען, זייער געשייט פאַרוועבט אין׳ם געוועב פון׳ם אידנ־טום. די תורה איז געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון׳ם אידישן פאָלק. די ה י ט ע ר פון דער תורה זענען געוואָרן זייערע פירער. דער גאַנצער שטאַט איז געוואָרן: אַ רעליגיאָנס־שטאַט, און דער כהן־גדול זיין באַפעלער.

און בעת די אידן זיינען רואיג געזעסן אונטער פּערסישן דרוק און פּערסישן שוץ, און געלערנט און געפאָרשט און אָנגע־הויפט גייסטיגע גיטער פאַר זיך, אויף אייביגע צייטן, — האָט זיך דרויסן אַ נייע וועלט־קולטור אַנטוויקלט און אַ נייער וועלט־הערשער האָט זיך פּראָקלאַמירט. אין דער אייגענער צייט, ווען אין איין ווינקל, באַם ברעג פון׳ם מיטללענדישן ים, האָבן זיך אידן פאַרנומען מיט פאַרגעטליכן דעם מענשן און פּאַרזיטליכן אים, זיינען אין אַן אַנדער ווינקל, באַם ברעג פון׳ם זעלבן ים, געזעסן די גריכן און האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרמענשליכן די געטער און זיי פאַראומזיטליכן. די ערשטע האָבן געלערנט, אַז נאָר אין דער ברכה פון גאָט ליגט די הצלחה פון מענשן, און די לעצטע האָבן געלערנט, אַז די געטער דאַרף מען נאָר בעטן, זיי זאָלן קיין בייז ניט טאָן, אָבער דאָס גוטע וועט שוין דער מענש א ל י י ן טאָן פאַר זיך. באַ אידן איז דאָס וויכ־טיגסטע געווען: צו קולטיווירן דעם גייסט, באַ די גריכן — צו קולטיווירן דעם קערפּער. באַ אידן איז דאָס העכסטע געווען:

די פרומקייט, בא די גריכן — די שיינקייט. אין ירושלים, דער אידישער הויפט־שטאט, איז געוועזן בלויז א י י ן גאט, אין אטען, דער גריכישער הויפטשטאט, פיל־געטריי. דער חילוק צווישן די צוויי קולטורן, דער אידישער און דער גריכישער, איז אזוי טיף, אזוי ווייט און ברייט פארצווייגט, אז זיי לאזן זיך ניט פאראייניגן, און ווער עס אנערקענט די איינע קולטור, מוז פארלייקענען די אנדערע.

און אין לעצטן פערטל פונ׳ם פערטן יארהונדערט, פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, איז עס געקומען צו א באגעגעניש צווישן דיביידע קולטורן. די גריכן האבן איינגענומען די פערסן. און אין יאר 382 פ. ק. איז אלעקסאנדר מוקדון אריינגעקומען קיין אזיע. ווי אזוי עס זענען פארגעקומען די ערשטע באריהרונגען צווישן אלעקסאנדר׳ן און די אידן, דערפון דערציילט בלויז די לעגענדע. עס הייסט: בעת דער כהן גדול י ד ו ע (אדער שמעון הצדיק) האט זיך איבערצייגט, אז ירושלים וועט זיך מוזן אונטערגעבן אלעקסאנדר׳ן, איז ער מיט א גרויסער סוויטע ארויס געגאנגען אים אנטקעגן. אז אלעקסאנדער האט דערזעען דעם כהן גדול איז ער אראפגעקראכן פון זיין פערד און זיך פא־בוקט פאר׳ן כהן גדול. איינער פונ׳ם קעניג׳ס באגלייטער, פארמעניאן, האט געפרעגט בא אלעקסאנדער׳ן: וואס באטייט דיין בוקן זיך, מעכטיגער קעניג, פאר א גייסטלאכן? האט אים אלעקסאנדער ערקלערט, אז דאס געשטאלט פונ׳ם דאזיגן הייליגן מאן האט געשוועבט פאר אים בא אלע זיינע פעלד־צוגן און האט אים געהאלפן אין זיינע גרויסע נצחונות. נאכדעם איז אלעקסאנדער, אינאיינעם מיט׳ן כהן-גדול, אריינגעקומען קיין ירושלים און געבראכט א קרבן אויפ׳ן מזבח פון אידישן גאט.

די לעגענדע מעג זיך בלייבן א לעגענדע. זי איז אבער געשאפן געווארן — און אין די פארשיידנסטע נוסחאות — דערפאר, וואס אלעקסאנדער מוקדון, אדער אלעקסאנדער דער גרויסער, האט זיך באמת פארהאלטן זייער פריינדליך צו אידן. ער האט זיי ניט געשטערט אויך ווייטער צו לעבן אויפ׳ן זעלביגן שטייגער,

ווי ביז איצט. נאָר די שטייערן, וואס זיי האבן פריער געצאָלט צו די פערסער, זאלן זיי פון דאן אָן צאָלן צו די מאקעדאָניער. א גרויסע ווירקונג האט דאָך אלעקסאנדער געהאט אויפ'ן ווייטערדיגן גאנג פונ'ם אידנטום. ער האט אין מצרים געגרינדעט א שטאט מיט'ן נאָמען: אלעקסאנדריע. אין גיכן ווערט זי די הויפּט־שטאט פון לאנד. זי ווערט אויך דער צענטער פון גריכישער, אָדער העלעניסטישער, קולטור אויפ'ן מזרח. די שטאט הויבט־אָן צו וואקסן, עס ציען אהין פיל מענשן מיט לעבעדיגער ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט. צווישן זיי — אויך פיל אידן. אינגיכן וואקסט דאָרט אויס א גרויסע אידישע קאָלאָניע, וואס איז רייך מאטעריעל און הויך־אנטוויקלט גייסטיג. שפּעטער איז זי א גרויסער און וויכטיגער קולטור־צענטער פאַר אלע אידן אין גריכישן און, שפּעטער, אויך אין רוימישן גלות. אָבער אויך פאַר די אידן אין ארץ־ישראל איז די אלעקסאנדריער אידישע קאָלאָניע פון גרעסטער וויכטיגקייט. זי שטיצט זייער רייכלאָך דעם בית־המקדש אין ירושלים, און האָט גרויס אינטערעס אין אלע בארערפעניישן, וואס די אידן אין ארץ ישראל האבן. א שטענדיגער בריוו־וועקסל איז אָנגעגאנגען צווישן די אידן אין מצרים. פיל קרובים און פריינד האָבן די אידן פון איין צענטער צווישן די אידן פונ'ם אנדערן צענטער. ביידע צענטערן, אי אלעקסאנדריע אי ירושלים, זיינען דארום פאראינטערעסירט געווען, אז אויך פּאָליטיש זאָלן די צוויי לענדער, מצרים און ארץ ישראל, זיין פאראייניגט אין איין האנט.

און אז אלעקסאנדער איז געשטאָרבן האָבן זיינע יורשים, נאָך לאנגע מלחמות, צעטיילט דעם מזרח אין צוויי מלוכות: מצרים און סיריע. פּאלעסטינע האט אָנגעהערט צו מצרים, אונטער דער הערשאפט פון דער דינאסטיע תלמי (פּטאָלאָמייער). אין סיריע האָט געוועלטיגט די דינאסטיע סעלייקוס. איז אונטער דער אויבערהערשאפט פון די פּטאָלאָמייער האָבן זיך די אידן אין ארץ ישראל געפילט זייער גוט. זייער ווייניג ענדערונגען האבן די פּטאָלאָמייער געמאכט אין דער

אידישער פאַרוואַלטונג. ווי פריער, האָבן די אידן געשיקט זייערע שטייערן אין הויף אריין דורכ'ן כהן גדול, און ווי פריער זיינען די אידישע פירנדע גייסטער פארנומען געווען מיט איינוואָרצלען דאס אידנטום אין אידישע הערצער, און די אידן אריינפלאַנצן אין אידנטום. נאָר לייכט און אומבאמערקט האָט זיך, ביסלאַכווייז, די גריכישע, אָדער העלעניסטישע, קולטור אריינגעקראָגן קיין ארץ ישראל. לכתחילה — אביסעלע פאראידישט, פארמיטלט, דורך אלעקסאנדריען און אירע אידן. אָבער וואס ווייטער, אלץ דירעקטער ווערט די ווירקונג, אלץ שטארקער און טיפער. דערהויפט צווישן די רייכע און די אריסטאָקראַטן. די פרומע קרייזן זיינען אויפגערעגט געגן דער גייסטיגער אסימילאציע, וואס פירט אויך צו פיזישער אסימילאציע. אין דער פראווינץ איז די אויפרעגונג געווען נאָך גרעסער ווי אין ירושלים. אָבער דערווייל האט זיך די אומצופרידנקייט בלויז אָנגעזאמלט ביז א צייט. און די צייט האט ניט לאנג געלאזט אויף זיך ווארטן.

ווארים די סעלייקוס־דינאסטיע האט די גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צו רעכענען, אז זי איז באַ'עולה'ט געוואָרן דערמיט, וואס ארץ ישראל געהערט ניט צו סיריע, נאָר צו מצרים. פון צייט צו צייט איז עס צווישן די צוויי דינאסטיעס געקומען אפילו צו מלחמות צוליב דעם. און אין יאָר 200, אן ערך, (פ. ק.) איז ארץ ישראל איבערגעגאַנגען אין די הענט פונ'ם קעניג פון סיריע. די ערשטע פינף און צוואנציג יאָר האָט מען די אידן געלאָזט רואיג לעבן. לכתחילה, האבן זיי נאָך אפילו געהאט מער פריווילעגיעס, ווי בא די פטאָלאָמייער. אָבער די ווירקונג פון דער גריכישער קולטור אויף די אידן אין ארץ־ישראל איז איצט געוואָרן שטארקער. שוין כאָטש דערפאר אליין, וואָס געאָגראפיש איז פאלעסטינע ענגער פארבונדן מיט סיריע, ווי מיט מצרים. און פון יאָר 175 (פ. ק.) אָן, ווען א מלך אין סיריע איז געוואָרן א נ ט י ו כ ס ד ע ר פ ע ר ט ע ר — גערופן האָט מען אים: אנטיוכוס ע פ י פ א נ ע ס (דער גלענצנדער) און אויך אנטיוכוס ע פ י ט א נ ע ס (דער מטורף) — וועלכן ס'איז איינגעפאלן דורכ־

צופירן, אז זיין גאנצע מלוכה זאל האבן אן איינהייטליכן קולטור־כאראקטער, האט דער העלעניזם געמאכט גרויסן פארטשריט אין ארץ־ישראל. פשוט מיט סאלדאטישער געוואלט האט מען די אידן געצוואונגען אנצונעמען און אויספירן גריכישע אָרער העלע־נישע פייערליכקייטן, שפילן, רעליגיעזע און וועלטליכע צערעמאָניעס — הגם זיי זענען געגן דעם אידישן גייסט. און אידישע מנהגים ווי שבת, מילה א. ד. גל. זענען געווען אינגאנצן פארבאָטן. דער דאָזיגער צושטאנד האט אויפגעבונדן די הענט פון די אסי־מילירטע אידן, וואס האבן אויך פריער שוין, נאָר שטילערהייט, ארויסגעשטופּט דאס אידנטום פאר'ן גריכנטום. די גריכישע שפראך, גריכישע נעמען, א גריכיש שטייגער לעבן האט געהערשט אין ירושלים. עס קומען אויף רעליגיעז־פּאָליטישע פּארטייען: העלעניסטן (גריכן טרייע) פון איין זייט, און חסידים (גאָט-טרייע) פון דער אנדערער זייט. עס קומט צו מחלוקות, צו מסירות, צו אינטריגעס און אפילו צו בלוט־פארגיסן. די חסידים הויבט מען אָן חושד צו זיין, אז פּאָליטיש זענען זיי מער גע־ניינט צו מצרים און דער פּטאָלאָמייאישער דינאסטיע. ווארים די פּטאָלאָמייער האָבן בלויז די שטייערן גענומען, אָבער אין די אינ־ווייניגסטע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטן זיך ניט געמישט. די סעלייקישע דינאסטיע אָבער נעמט צו דאָס פארמעגן, און אויך אויפ'ן גייסטיגן לעבן לייגט זי ארויף איר האנט. דאס האט זיך נעלייגט אויפ'ן שכל, און אזוי האט מען אויך, און אפשר ניט מיט אומרעכט, אין אנטיוכוס'עס הויף משער געווען. דערפאר האָט מען די שטייערן נאָך העכער, נאָך שווערער געמאכט. מ'האָט איינגעפירט א זאלץ־אָפּצאָל, א חתונה־אָפּצאָל, א דריטל פון דער תבואה אויפ'ן פעלד, א העלפט פון די פרוכטן אויף די בוימער א. ד. גל.; דער כהן־גדול האָט די דאָזיגע שווערע שטייערן איינגעמאָנט מיט דער גרעסטער שטרייננקייט. און אויך אין גייסטיגן לעבן האָבן די כהנים געהאָלפן די גריכן. איר הערט איצט אין ירושלים, ווי כהנים־גדולים רופן זיך מיט גריכישע נעמען: יאזון, מענעלאוס, אלקימוס א. ד. גל.; כדי צו געפעלן די

הערשער גרינדן זיי אליין שפּילהייזער, וואו אידישע יונגעלייט פאַרברייגען אין די אבשייליכסטע גריכישע שפּילן. יעדער פון די כהנים וויל זיך אויספּיינען פאַר די הערשער און אריבערשטייגן דעם קאָנקורענט, — באַנוצט מען זיך מיט טאַדלען איינער דעם אנדערן, מיט „מתנות", מיט אונטערקויפן הויכע באַאמטע. עס קומט אזוי ווייט, אז מען הויבט־אָן צו ק ו י פ ן די כהונה. און אפילו נ י ט קיין עכטע כהנים קאָנען קומען צום הויכן פּאָסטן פון א כהן־גדול... אין הויף הויבט מען, סוף כל סוף, אָן צו קוקן אויף די כהנים'שע אינטריגעס מיט פאַראַכטונג. און אין פאָלק רופט מען זיי פאַררעטער, גאטס־לעסטערער, רשעים און חונפים. און אויף די גריכן האט מען געקוקט ווי אויף רויב־חיות, וואס „פארצוקן זייערע קרבנות אינמיטן העלן טאָג, אויף אלע גרויסע וועגן." און איז די אומצופרידנקייט הויך אָנגעוואקסן, האט מלוכה ארייננגעשיקט מיליטער אויף צו „באַרואיגן" די אומרואיגע אידישע אונטערטאנען: אפילו צו א מיליטערישן פּאגראם איז עס אמאָל געקומען אין ירושלים. די שנאה צו די סיריער מיט זייערע אידישע העלפער איז געוואקסן אומגעהייער. דער קלענסטער צוזאמענשטויס האט איצט געקאנט ברייגען צו ערנסטע פאלגן. אָבער אין דער הויפּט־שטאט א נ ט י ו כ י ה רעכנט מען זיך ניט דערמיט. דאָרט נעמט מען עס אונטער צו שאַפן איין גרויסע סירישע אימפּעריע. פון אלע לענדער, וואס זיינען אונטערגעווארפן צו סיריע, מאכן איין לאנד, פון אלע פעלקער — איין פאלק, פון אלע שפּראכן איין שפּראך און פון אלע געטער איין גאט. און דער איינער גאט זאל עס זיין צ י י ס, דער גאט פון אָלימפּיען. און אוים זאל עס ווערן מיט'ן אידנטום, א סוף זאָל עס נעמען מיט'ן קולט פון יאהווע. שוין ווערט געשיקט מיליטער, און אין הויף פון בית־המקדש שטעלט מען אוועק א מזבח, אנשטאט יאהווע'ן צו צייס'ן, און אין בית־המקדש שטעלט מען אוועק צייס'עס סטאַטוע. און עס ווערט באַפוילן: דאָ אהער זאָלן אידן ברייגען זייערע קרבנות, און אָט ד ע ם גאט זאלן זיי דינען. ווער עס פאלגט ניט, פאַרשפּילט זיין לעבן. קאַפּיעס פון

דער תורה, וואו מ'האט זיי נאָר געפונען, האט מען פארברענט. און עס זיינען אויפגעקומען גאנצע מחנות אידן־מארטירער, וואס האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאר זייער גלויבן. און עס זענען געשאַפן געוואָרן אָן א צאָל לעגענדעס, וואס האבן די מארטי־רער פארהערליכט. דאָס פאָלק איז סוגעסטירט געוואָרן, קיינער האָט מער ניט געשטעלט זיין לעבן העכער פון דעם גלויבן. אלע רע־כענונגען פון דער מלוכה האָבן דאָ, בא די אידן, זיך ארויסגע־וויזן פאלש. אזא לוסטיג מאכן זיך איבער גאט און איבער זיין תורה האָבן אידן ניט געקאָנט פארטראָגן. און דערהויפּט נ י ט אין דער פשוט'ער, פרומער פראווינץ. אזוי איז עס געקומען דערצו, אז ניט פון ירושלים, נאָר פון דער פראווינץ אויס, און ניט פון א כהן־גדול, נאָר פון א פשוט'ן קליינעם כהן, איז ארויס־געלאָזט געוואָרן דער לאָזונג: צום אויפשטאנד געגן דער גריכישער הערשאפט!

אָבער איידער עס איז געקומען צו אן אויפשטאנד, האבן זייער פיל פון די פרומע און גאטספארכטיגע פארלאזט ירושלים און זיך פארשטעקט אין בערג און טאלן איבער'ן לאנד. די שטאט ירושלים איז געבליבן אין די הענט פון די גריכן און די אידישע העלעניסטן, וואָס האָבן געפראוועט אָרגיעס אין בית־המקדש פאר'ן בילד פון צייס. צווישן די אויסגעוואנדערטע פון שטאט געפינט זיך אויך אן אלטער כהן מ ת ת י ה ו פון אן אומבא־קאנטער פאמיליע ח ש מ ו נ א י ם. און געלעבט האָט ער אויף א בארג־שטעטל מ ו ד ע י ן, ניט ווייט פון ירושלים. מיט דער צייט (ס'איז געווען אין יאָר 168 פ. ק), האָט מען אויך דאָרט אויפגעבויט א מזבח צו צ י י ס'ן. גריכישע באאמטע האבן אכטונג געגעבן, אז מ'זאָל ברענגען קרבנות פאר'ן גאָט צייס לויט דער געהעריגער אָרדנונג. טרעפט, אז א איד קומט מיט זיין קרבן צום מזבח און דער באאמטער שטייט־צו צום אלטן מתתיהו, אז ער, אלס כהן, זאל דעם קרבן מקריב זיין. אין גרוים צאָרן הרג'עט מתתיהו אויפ'ן אָרט אי דעם אידן, אי דעם גריכישן באאמטן און אנטלויפט באלד אין די בערג אריין. מיט אים אנטלויפן אויך

זיינע פינף זין: יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר און יונתן. עס איז קלאָר געווען, אז אנטיוכוס וועט אזא אויספאַל ניט פארשווייגן. אז ניט היינט, מארגן וועלן זיך באַוויזן די גריכישע שטראף־עקספעדיציעס און מ'וועט מוזן זיך פארטיידיגן. באלד האָבן זיך אַרום דעם מוטיגן אַלטן צונויפגעקליבן טויזנטער און טויזנטער אומצופרידענע, דערהויפט פון די, וואס האבן אומגעוואנדערט אין די בערג, אַרום ירושלים. מ'האט זיך אָרגאניזירט, און גרייט געווען, הגם מיט ווייניג געווער, זיך אנטקעגנצושטעלן דעם שונא. אָבער איידער דער שונא איז געקומען האָבן זיי, פון דער מדבר אויס, אָנגעהויבן אָנפאַלן אויף אידישע שטעטלאך, וואו די גריכן האָבן געוועלטיגט. דאָרט האבן זיי צעוואָרפן די טמא מזבחות און די רשעים און פאררעטער האבן זיי אויסגעה'רג'ט. אינגיכן איז מתתיהו געשטאָרבן און זיין זון, יהודה המכבי, שטייט בראש פון די אויפשטייענדיגע. דאס חיל, וואס אנטיוכוס האט ארויסגעשיקט געגן די אויפשטייענדיגע אידן, האט יהודה לייכט צעשלאָגן. און נאָך דעם נצחון איז ער אַזוי דערמוטיגט, אז ער גייט מיט זיין חיל קיין ירושלים, כדי די שטאט אויסצורייניגן פון די גריכישע געצען און באנייען דעם בית־המקדש. די סירישע סאָלדאטן האָט ער בייגעקומען, די כהנים העלעניסטן האט ער פארטריבן פון בית־המקדש. ער האָט אויך אָפגערייניגט דעם בית־המקדש פון צ י י ם בילד און פון זיין מזבח. און דעם 25טען כסלו, אין יאר 165 פ. ק. איז דער בית־המקדש ווידער באנייט געוואָרן. פון דאן אָן איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן צו פייערן אַלע יאר אכט טאָג, און די פייערונג זאָל הייסן „ח נ ו כ ה" — באנייאונג — צום אָנדענקען פונ'ם באנייעם דעם בית־המקדש און באנייען דאָס פאָלק.

דערמיט האט זיך נאָך אָבער דער אויפשטאנד ניט געענדיגט. ביידע צדדים האבן נאָך דאס געווער ניט אוועקגעלייגט— הגם די גריכן, ווי זייערע אידישע פריינט, האבן איינגעזעען, אז עס קאן מער קיין רייד ניט זיין פון אויספירן דעם באפעל פון קעניג אנטיוכוס, — בנוגע בטל מאכן דעם אידישן קולט.

מ'האט אויך אָפּן ערקלערט, אז דער באפעל ווערט אָפּגעשאפט; אָבער פאר א כהן־גדול האָט מלוכה באשטימט אירן אן אָנהענגער: אלקימוס. און מיליטער האָט מען געשיקט מיט אים, עס זאָל אים, אויב נויטיג, באהילפיג זיין באם פארנעמען און אָנהאלטן זיין פּאָסטן. אויף דעם כהן איז יהודה ניט איינגעגאנגען. ער איז ארויסגעטראטן געגן קעניגליכן מיליטער און די סיריער האבן צע־שלאגן זיין ארמיי, ער אליין איז אין דעם קאמף דער'הרג'עט געוואָרן און אלקימוס ווערט כהן־גדול. אָבער אלקימוס'עס כהונה'־שאפט דויערט ניט לאנג. די סירישע מלוכה איז געווען פאר־וויקלט אין א קאמף מיט די רוימער, וועלכע האבן פון דער סירישער מאנארכיע אָפּגעריסן א לאנד נאָך א לאנד. דערווייל איז אנטיוכוס געשטארבן און זיין יורש דעמעטרי האט אָפּגערופן דאס גריכישע מיליטער פון ארץ־ישראל. דאן האט יהודה המכבי'ס ברודער, יהונתן, זיך געשטעלט בראש פון די אויפ־שטענדיגע. עס איז געקומען צו א בירגערקריג, און אין דעם קריג איז דער כהן־גדול אלקימוס דער'הרג'עט געוואָרן. ניט־קע־נענדיג איצט האָבן צו טאָן מיט'ן אויפשטאנד בא אידן, איז דעמעטרי געקומען צו אן אויסגלייך מיט יהונתנ'ען. אפילו די שטייערן, וואָס אידן האָבן געהאט צו צאָלן, האָט ער פארקלענערט אויף א העלפט. ביני לביני איז יהונתן געשטארבן און זיין אָרט האָט פארנומען אן אנדער ברודער יהודה'ס, מיט'ן נאָמען שמעון. דער האָט אָנגעהויבן צו בויען פעסטונגען, זאמלען געלט און אָנ־גרייטן מיליטער אויפ'ן פאל פון קריג, און אזוי ווי אין סיריע האבן זיך פלוצלינג באוויזן פיר פרעטענדענטן אויפ'ן טראָן פון אנטיוכוס, האָט שמעון געפאָדערט און פון דעמעטרי דעם צווייטן באקומען די צושטימונג, אז ארץ־ישראל ווערט א פּאָליטיש־אומאָפּהענגיגע מלוכה. די דאזיגע אומאָפּהענגיגקייט האט גע־בראכט דערצו, אז די שפּעטערדיגע מלכים פון דער דינאסטיע חשמונאים האָבן געבראכט די אידישע מלוכה צו דער גרויס, וואס זי איז געווען אין די צייטן פון דוד און שלמה.

פאַרטייען בעת'ן צווייטן בית־המקדש

א) די פרושים

מ'איז געוואוינט צו רעדן פון דריי פאַרטייען, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט, געווירקט און געקעמפט אין ארץ ישראל אין דער צייט פונ'ם צווייטן בית־המקדש: פרושים, צדוקים און אסיים. אַנדערע שטעלן זיי גאָכאַנאַנדער, אין אַן אַנדער אָרדנונג. אַנדערע שויען זיך צו רעדן פון פאַרטייען, רעדן זיי פון „אָרגאַניזאַציעס", „ריכטונגען", „סעקטן" — אָבער קיינער פון די דאָזיגע „צונעמעניש'ן", לויט ווי מיר פאַרשטייען זיי, פּאַסן ניט צו יענע גרופּירונגען. דערהויפּט לאָזט זיך ניט אָנווענדן איין צונאָמען, — פאַרטיי, סעקטע א. ד. ג. — צו אַלע. אויב פאַר די צדוקים פּאַסט אפשר דער נאָמען פאַרטיי, אויב דער נאָמען „ליגע" אָדער „אָרדן" פּאַסט זיך אפשר פאַר די אסיים, פּאַסט אָבער קיין איינציגער פון זיי ניט פאַר די פרושים.

וואָרים די „פרושים" — קיין חילוק ניט, פון וואַנען דער דאָזיגער נאָמען שטאַמט און וואָס ער באַטייט — דאָס איז די גערעכטע טייג־מאַסע, פון וועלכער פאַרשידנפאַרמיג ברויט ווערט געקנאָטן. דאָס איז — כדי פאָלקסטימליך זיך אויסצודריקן — די זיסע מילך, פון וואַנען ס'ווערט געמאַכט אי קרים, אי קעז, אי פּוטער, אי זויערמילך, געגנווייער: דאָס איז די ברייטע פאָלקס־מאַסע, פון וואַנען עס שיידן זיך אויס פאַרשידנערליי גרופּירונגען, לויט באַשטימטע סימנים, היינט אסיים, מאָרגן צדוקים, איבער־מאָרגן פרושים, נאָכדעם קנאים, שפּעטער סקריקין א. ז. וו., א. ז. וו. יעדער לויט זיין ריכטונג, וועלטאַנשויאונג און לעבנס־אויפפאַסונג. יעדער נויגט אָפּ, מער אָדער ווייניקער, רעכטס אָדער לינקס פונ'ם נאָרמאַלן, פּשוט'ן, פאָלקסטימליכן, געזונטן און פּראַקטישן לעבנס־

און גלויבנס־שטייגער. אָבער גראָד טאַקע אַט דאָס פּשוט'ע, פּראַק־טיש־געזונטע און רעליגיעז־לאָגישע — אַט דאָס איז דער קערן פון דעם פּרושים'טום און זיין פּרוכט. דאָס זיינען די מענער פון „גאָלדענעם מיטן". מענער פון סינטעז. פונ'ם אויסגלייך. פון דער פּשרה. מענער פונ'ם לעבן. פּרושים, דאָס איז ניט קיין באַזונדער ריכטונג אינ'ם אַלגעמיינעם אידנטום, נאָר דאָס איז דאָס פאַרווירקליכטע אידנטום. דאָס אידנטום אין דער פּראַקטיק. דאָס אידנטום אין לעבן און ווירקן. אַנדערש אויסגעדריקט — פּרושים — דאָס איז די איינציגע און אייביגע ריכטונג פונ'ם אידנטום... דאָס איז אויך ניט קיין באַזונדערע, רעליגיעזע סעקטע אין אידנטום. נאָר דאָס איז דאָס אידנטום אונטערוועגס — צום אידעאַל פון אַבסאָלוטער פרומקייט. צום אידעאַל פון הייליגקייט, פון גאָט. אַט דאָס אידנטום גיט אַרויס פון זיך יענע מענער, וואָס פאַרשטייען אַם בעסטן, ווי דאָס וועלטליכע לעבן פון אידן אַזוי צו פאָרמירן, אַז ווען אַלע מענשן וואָלטן געהאַנדלט לויט די דאָזיגע נאָרמען, וואָלט עס דער גרעסטער צאָל מענשן פאַרזיי־כערט די גרעסטע מאָס גליק. אַט דאָס אידנטום גיט עס אַרויס די מענער, וואָס פאַרשטייען דאָס רעליגיעזע לעבן פונ'ם אידן אַזוי צו רעגולירן, אַז עס זאָל אים אָם זיכערסטן דערנעענטערן צום דערהאָנטן אידעאַל, און דאָך פון לעבן אים ניט אָפּרייסן. וואָרים צו די פּרושים געהערט דאָס וואָרט: דער שבת איז געשאַפן גע־וואָרן פונ'ם פאָלקס וועגן, און ניט דאָס פאָלק פונ'ם שבת וועגן. די פּרושים, דאָס זיינען מענשן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פונ'ם פּשוט'ן פאָלק. און הגם זיי האָבן מיט זייער לערנען און וויסן אַריבערגעשטיגען דאָס פּשוט'ע פאָלק, האָבן זיי דאָך פון זיינטוועגן געלעבט, פאַר זיין אידישער עקזיסטענץ זייער גאַנצע אַרבעט גע־ווידמעט. בײַ זייער גאַנצער שטריינגקייט בנוגע דעם אָפּהיטן די אמונה און אַלע אירע געבאָטן, די לייכטע ווי די שווערע, פאַרגעסן זיי דאָך קיינמאָל ניט, אַז די געבאָטן זיינען געגעבן דערצו, אַז זיי זאָלן אונז העלפן צו לעבן, אָבער ניט, אַז זיי זאָלן אונז ברענ־גען צום שטאַרבן... לערנען זיי דאָס פאָלק, זאָגן זיי אים:

„אַפּן זאָל דיין הויז זיין פאַר באַדערפטיגע, און אָרימעלייט זאָלן זיין היימיש באַ דיר"; „האָב ליב די אַרבעט און האָב פיינט די פירערשאַפט"; „אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף לערנען, אויף אַרבעטן און אויף „גמילות חסד" טאָן אַן אַנדערן"... משפט'ן זיי דאָס פאָלק, באַמיען זיי זיך תמיד צו געפינען אַ זכות פאַר דעם באַשולדיגטן: באַמיען זיי זיך פאַרצושטעלען זיך אַליין אויף יענעמס אָרט און זען וואָסערע פאַרטיידיגונגס מאָטיוון זיי וואָלטן דאַמאָלסט אויסגעפונען... האָט זיי דאָס פאָלק ליב. האָט צו זיי דאָס פאָלק צוטרוי און די גרויסע מאַסן לאָזן זיך פירן פון די פרושים. וואָרים דאָס „עצם פאָלק, דאָס זיינען זיי. דעם העכסטן גראַד פון זייער לערנען און לעבן און האַנדלען דערגרייכן זיי אין הלל'ן. ער איז דאָס פאַרקערפּערטע פרושים'טום. ער און זיינגלייכן, הגם קלענערע ווי ער, זיינען עס די קלאַסיקער פון דער רעליגיעז־עטישער ענטוויקלונג פון אידנטום, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן נאָכ'ן גלות בבל און ציט זיך ביז היינטיגן טאָג.

אין נאָרמאַלע צייטן לעבט אַ פאָלק, ווי דער בוים לעבט. בלעטער וואַקסן, בליען, וועלקן, פאַלן אַראָפּ און אַנדערע קומען אויף זייער אָרט. אין אַזוינע צייטן לעבט דאָס אידישע פאָלק, אַרבעט, לערנט, ענטוויקלט זיך און איר האָרט ניט דעם נאָמען „פרושים". אַ גאַנץ פאָלק איז ניט „אָפּגעשיידט" און ניט אויסגעטיילט פאַר זיך, פון אַנדערע. קליינע גרופּן, טיילן, קאָנען זיך אויסטיילן פאַר זיך, מיט אַ באַזונדער נאָמען, אָרום באַשטימטע לאָזונגען. אָבער אַ פאָלק!.. ערשט ווען עס קומט שטורם, ווען אַ ישונא גרייפט־אָן, ווען מען זוכט דעם טיכטיגן, דעם באַגייסטערטן, דעם ווילינגן צו אָפּפערן מיט זיך פאַר דער רעטונג פון פאָלק — דעמאָלט קומט עס דאָ אויך צו דיפערענצירונגען. די טיכטיגערע אָרגאַניזירן זיך באַזונדער, אונטער אַ באַשטימטן נאָמען, אין אונזער פאַל: פרושים — ווייל זיי פאַרלאַנגען, אַז דאָס אידישע פאָלק, לויט זיין שטייגער לעבן און גלויבן, זאָל זיין אָפּגעשיידט פון אַנדערע פעלקער. ניט ענליך צו זיי. אַזוי איז געווען אין די צייטן, ווען די חשמונאים האָבן געקעמפט געגן אַנטיוכס

עפּיפּאנוס, וואָס האָט געוואָלט אויסראָטן די תורה, האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט צום קאַמף — אונטער'ן נאָמען „חסידים". און אַזוי איז עס געווען שפּעטער, ווען זיי זיינען ארויסגעטראָטן ארגאַניזירט געגן דעם חשמונאי הורקנוס, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו גיין אין פּאַלשע וועגן און אָפּגיין פון דער תורה. דאַסמאָל טרעטן זיי ארויס מיט'ן נאָמען „פּרושים". פאַרשווינדט די נויטווענדיגקייט, ווערט אויס אָרגאַניזאַציע און אירע מיטגלידער מישן זיך אויס מיט'ן פּאָלק.

אָבער איינמאָל אָרגאַניזירט באַזונדער, און ארום געוויסע פּרינציפּן און באַשטימטע לאָ...., דערקענט מען זיי שוין, דער־הויפּט די אָנגעזעענערע. און אויך די, וואָס גייען אין זייערע וועגן און אונטערשטרייכן זייער דאָזיגן גאַנג. קוקט מען שוין שטענדיג אויף זיי, ווי אויף א באַזונדער גרופּירונג מיט א באַזונדער נאָמען — אין הסכם מיט זייערע פּרינציפּן.

און די דאָזיגע פּרינציפּן און לאָזונגען לאָזן זיך מערקן אויף אַלע געביטן פון לעבן. אין לעבן פון פּרט, ווי אין לעבן פון כלל. אין דער טעאָריע, ווי אין דער פּראַקטיק. אַ נ ד ע ר ש דענקען זיי ווי אַנדערע — אָנגעזעענע און מיוחס'דיגע — דענקען.

עטליכע ביישפּילן:

שטרענג זיינען זיי אין זייערע פאָדערונגען אָפּצוהיטן די געבאָטן פון תורה. אָבער יעדער מנהג, וואָס איז אָנגענומען אין פאָלק פון פאַרצייטן, איז אויך געגליכן צו דער תורה — ווייל ניט אַלץ, וואָס איז וויכטיג און הייליג, איז אין דער תורה פאַר־שריבן. און עס איז אויך ריכטיג אַזוי. ווארים לאַנג פריער, איידער נאָך די אידן האָבן געקענט די ג ע ש ר י ב ע נ ע תורה (תורה שבכתב), האָבן זיי דאָך אויך שוין געלעבט לויט געוויסע עטישע נאָרמען, וואָס האָבן אין פאָלק געלעבט אויסנווייניג (בעל פּה). אין פיל פאַלן האָט זיך די געשריבענע תורה געשטיצט אויף די אויסווייניג באַקאַנטע נאָרמען, האָט אָנגעקניפּט אָן זיי, האָט זיי אָדער פאַרבאָטן, אָדער פאַרקערט, געשטיצט און פאַרפעסטיגט. נאָר ווייל זיי זיינען גענוג באַקאַנט געווען אין פאָלק, אָנגענומען

און געלעבט, זיינען זיי ניט דירעקט פאַרשריבן געוואָרן. אָבער זיי העלפן אָפּט צו ערקלערן די געשריבענע געבאָטן. דערפאַר איז בא די פרושים ניט געווען אָפּצוטיילן די תורה שבכתב פון דער תורה שבעל פה, בעת אז די צדוקים האָבן פון תורה שבעל פה גאָרניט געהאַלטן און זי ניט אָנערקענט.

אָדער:

די פרושים האָבן געגלויבט אז גאָט ווייסט פאָראויס, וואָס דער מענש וועט טאָן. סאַי גוטס, סאַי שלעכטס. נאָך מער: גאָט באַשטימט פאָראויס יעדע גוטע, ווי יעדע שלעכטע האַנד־לונג פונ'ם מענשן. און די פרושים האָבן אויך געגלויבט אָן א יענער וועלט. און אז אויף יענער וועלט באַקומט דער מענש שכר פאַר די גוטע מעשים, וואָס דער מענש האָט געטאָן אויף דער וועלט און עונש (שטראָף) פאַר די שלעכטע מעשים, וואָס ער האָט אויף דער וועלט געטאָן.

איז דען דאָ ניט קלאָר די סתירה צווישן די צוויי באַהויפּ־טונגען? וואָרים עס איז דאָך קלאָר: אויב גאָט ווייסט שוין פאָראויס, וואָס דער מענש וועט טאָן — גוטס צי שלעכטס — און בפרט אויב גאָט באַשטימט פאָראויס דעם מענשנס האַנדלונגען — דאַן האָט דאָך שוין דער מענש קיין ברירה ניט יאָ צו האַנדלען אָדער ניט צו האַנדלען, גוט צו טאָן, אָדער בייז צו טאָן, נאָר ער איז געצוואונגען צו האַנדלען אזוי, ווי עס איז פון גאָט באַשטימט. אָדער האַנדלען אזוי, ווי גאָט ווייסט, אז ער וועט האַנדלען. וואָרים אויב ס'וואָלט מעגליך געווען, אז דער מענש זאָל האַנדלען ניט אזוי, ווי גאָט ווייסט, אז ער וועט האַנדלען, וואָלט דאָך געהייסן, אז גאָט קאָן א טעות האָבן. נעמליך: ער מיינט, אז ער ווייסט, דאָס דער מענש וועט האַנדלען אזוי און אזוי, צום סוף קומט דער מענש און האַנדלט ניט אזוי... אָבער אזוי ווי גאט קאָן קיין טעות ניט האָבן, קומט אויס, אז דער מענש איז געצוואונגען צו האַנדלען דווקא אזוי ווי גאָט ווייסט, אז ער וועט האַנדלען. איז אָבער דער מענש געצוואונגען צו טאָן דאָס, וואָס ער טוט, און ער האָט ניט די ברירה אליין

אויסצוקלייבן, וואָס ער זאָל יאָ טאָן, אָדער ניט טאָן לויט זיין פ ר י י ע ן ו ו י ל ן , דאַן קומט אים ניט קיין לוין פאַר'ן גוטן, וואָס ער טוט, און עס קומט אים ניט קיין שטראָף פאַר'ן שלעכטן, וואָס ער טוט. וואָרים אויב ג ע צ וו אונ ג ע ן , איז ער דאָך ניט פאַר־אנטוואָרטליך פאַר זיינע האַנדלונגען. און עס קומט אים אויך ניט קיין דאַנק פאַר זיין גוטס און ניט קיין טאַדל פאַר זיין שלעכטס.

די סתירה איז קלאָר און בולט. די פרושים האָבן זי איינגעזען און זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר איר. זיי האָבן די גאַנצע פראַגע ערליידיגט אין פיר ווערטער: „הכל צפוי והרשות נתונה", „אַלץ איז פאָראויסגעזען, אָבער די פרייהייט איז געגעבן" דעם מענשן צו ווילן דאָס גוטע אָדער דאָס בייזע, לויט זיין איינזען. און קוים האָט ער יאָ די פרייע וואַל, קומט אים לוין פאַר ווילן דאָס גוטע און ס'קומט אים שטראָף פאַר ווילן דאָס בייזע.

אָבער די צדוקים האָבן ניט געגלויבט אין קיין יענער וועלט, ניט אין לוין און שטראָף דאָרט פאַר מעשים אויף ד ע ר וועלט, און דער מענש איז — לויט זייער מיינונג —פראַנק און פריי צו טאָן, וואָס זיין האַרץ גלוסט.

אָדער:

די פרושים האָבן געהאַלטן, אַז אַזוי ווי דאָס געשריבענע געזעץ קאָן ניט אויסשרייבן אַלע מעגליכע פאַלן, וואָס מען וועט דאַרפן, לויט'ן געשריבענעם געזעץ, באַשיידן, דאַרום מוז ניט דער ריכטער זיך האַלטן אָן בוכשטאַב, אָן טויטן אות פונ'ם געזעץ, נאָר יעדער באַזונדער פאַל מוז ער באַשיידן לויט'ן ג י י ס ט פונ'ם גע־שריבענעם געזעץ, און די צדוקים — די שטענדיגע געגנער פון די פרושים — האָבן זיך געהאַלטן אָן די אותיות בלויז. דאַרום, אַז עס שטייט אין דער תורה: „אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן", א. ז. וו., זאָגן די פרושים, אַז ס ' ק אָ ן נ י ט ז י י ן , די תורה זאָל האָבן געמיינט, אַז אויב איינער האָט דעם אַנדערן אויס־געשלאָגן אַן אויג, זאָל מען אים אויך אויסשלאָגן אַן אויג, ממש. נאָר וואָס דען? ג ע ל ט פאַר'ן אויג זאָל ער באַצאָלן. ג ע ל ט פאַר'ן צאָן זאָל ער באַצאָלן. בעת די צדוקים, האַלטנדיג זיך

אָן א ו ת, האָבן געלערנט, אַז פאַר אויסשלאָגן אַן אויג דאַרף מען יענעם זיין אויג ממש אויסשלאָגן...

און אַזוינעביישפּילן זיינען דאָ פיל.

און אויך אין זייער קוק אויף די אויפגאַבן פון מענשן און אויף די גייסטיגע ווערטן פאַר'ן מענשן, זיינען זיי אָפּגעשיידט פון די אַנדערע.

לויט זייער מיינונג, למשל, קאָן ניט די וועלטליכע הערשאַפט און די רעליגיעזע פירערשאַפט זיך געפינען אין איין האַנט. און דער מלך, דער וועלטליכער, אָדער פּאָליטישער פירער פון דער מלוכה, וועלכער טרעט אַרויס אויך אין מלחמה, הרג'עט מענשן, פאַרגיסט בלוט, קאָן ניט זיין אין דערזעלבער צייט אויך אַ כהן־גדול, וואָס האָט צו בעטן שלום און לעבן פאַר א ל ע מ ע נ ש ן אויף דער וועלט. די דאָזיגע צוויי אויפגאַבן שטימען ניט מיט אַן אַנדער. צענדליגע פּסוקים אין תנ"ך באַווייזן עס. די אידישע געשיכטע ביז די חשמונאים באַווייזט עס. קיינמאָל איז די קרוין פון מלך און די קרוין פון כהן־גדול ניט געלעגן אויף איין קאָפּ. אינאיינעם מיט משה'ן (הגם אפיציעל האָט ער ניט געהייסן מ ל ך) שטייט אהרן; אינאיינעם מיט יהושע'ן, דעם מיליטער־פירער, שטייט אלעזר, דער כהן־גדול; אינאיינעם מיט זרובבל'ן שטייט דער כהן יהושע; אינאיינעם מיט'ן וועלטליכען פאָרשטייער נ ח מ י ה שטייט דער רעליגיעזער פאָרשטייער — דער כהן עזרא. אַזוי איז עס שטענדיג געווען. און אין די קנאַפּע פיר הונדערט יאָר (פון אַן ערך 588 פ. ק. ביז קרוב צו 167), וואָס אידן האָבן זיך אָפּגעוויינט פון האַלטן אַ שווערד אין האַנט, האָט די קריגס־העלדישקייט פאַרלוירן בא אידן דעם חן. אַן אמת'ער ה ע ל ד איז ביים אידן געוואָרן ניט דער, וואָס זיגט אויפ'ן שלאַכטפעלד, נאָר דער, וואָס באַזיגט זיין בייזן ווילן, דעם יצר הרע. אין די לאַנגע יאָרן וואָרצלען זיך איין אין אידישן גייסט די אידעאַלן פון די נביאים: קיין פאָלק וועט מער ניט אויפהויבן קיין שווערט קעגן אַנאַנדער פאָלק; פונ'ם שווערד וועט מען מאַכן אַן אַקעראייזן. און אַ כהן־גדול, וואָס

דארף פלעגן די דאָזיגע אידעאלן, זאָל ערשיינען מיט א שווערד ביים זייט? איז דען מלחמה און בלוטפארגיסען די אויפגאבע פון א מלוכה? געווים, אין שלעכטע צייטען פאר דער אמונה — קיין חילוק צי דאָס שלעכטס קומט פון אויסן צי פון אינווענינג — מוז מען זיך נעמען צום שווערד. דערפאר מוז מען העלפן די חשמונאים אין זייער הייליגן קאמף קעגן די גריכן. און די פרושים טוען עס. אָבער נאָר אזוי לאנג, ווי דאָס איז נויטיג, כדי ווידער אויפצוריכטן דעם בית־המקדש, און די עבודה אין אים זאָל קאָנען אָנגיין אין ריינקייט און אין הייליגקייט. איז אָבער די רעליגיע געזיכערט, מוז מען דאָס אנדערע, דעם פאָליטישן יאָך, געדולדיג אריבערטראָגן, ווי א שטראָף פון גאָט פאר די אייגענע זינד. דערפאר, אז דיזעלבע געפייערטע חשמונאים הויבן אָן צו קעמפן פאר פאליטישער זעלבסט־שטענדיקייט, און בפרט ווען זיי הויבן אָן שטרעבן צו פאליטישער מאכט א ו י ס ע ר די גרעניצן פון זייער לאנד און פארנעמען זיך מיט אונטערדריקן אנדערע, קלענערע פעלקער און שבטים — דאן שיידן זיך די פרושים אָפּ פון זיי. זיי שיידן זיך אָבער ניט אָפּ פון לעבן. נאָר זיי העלפן דעם פאָלק אריבערצולייגן דאָס הויפט געוויכט פון אידנטום, דעם הויפטווערט פונ׳ם מענשנ׳ס טאָן און ווירקן, פון דער פ אָ ל י ט י ש ע ר וואָגשאָל אויף דער ר ע ל י ג י ע ז ע ר. דעמאָלט רעדט מען פון דרייערליי קרוינען: די קרוין פון מלך, די קרוין פון כהן־גדול, אָבער די קרוין פון א ג ו ט ן נ אָ מ ע ן שטייגט אריבער די ערשטע צוויי. אָדער: זאָל דיך ניט ציען צום טיש פון מלכים, ווארים ד י י ן ט י ש — פון תורה — איז גרעסער פון זייער טיש און דיין קרוין איז גרעסער פון זייער קרוין. תורה איז גרעסער פון כהונה און גרעסער פון מלכות. דאָס טייערסטע אייגנטום, וואָס אפילו גאָט אליין פאר־מאָגט, איז די תורה...

ביישפילן פון אזוינע לערן זיינען דאָ אָן א שיעור. אין יענער צייט, ווען זיי זיינען געשאפן געוואָרן, האָבן זיי אריבערגעוואויגן די לערן פון די אנדערע, און באהערשט און צוגעצויגן די הערצער

פון דעם ווייט גרעסטן רוב פון פאָלק. זיי האָבן אָבער זייער וואָג איינגעהאלטן אויך אין משך פון די ווייטע, קומענדיגע דורות, און זייער שטעמפּל געפינען מיר ארויפגעדריקט אויפ'ן אידנטום ביז'ן היינטיגן טאָג. ווארים אלץ, וואָס עס איז געוועזן און וואָס עס איז פאַראַן שאפנדיגעס אין אידנטום, שטאַמט פון ז י י, פון די פּרושים.

ב) די צדוקים

„צדוקים" — דאָס איז די איינציגע גרופּירונג אינ'ם דעמאָל־טיגן אידנטום, צו וועלכער מ'קאָן אָנווענדן דעם נאָמען „פּאַרטיי", אפילו ווי מיר פאַרשטייען אים איצט. לכתחילה האָט זיך די דאָזי־גע גרופּע אויסגעטיילט פונ'ם מאסנאידנטום צוליב חלוקי־דעות אין פאַרשידענע רעליגיעזע פראגן, און רעליגיעזער פּראַקטיק. די דאָזיגע פאַרשידנקייטן גילטן אויך שפּעטער; ווערן, מיט דער צייט, אַלץ מערער. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער ווערן די רעלי־גיעזע פּראָבלעמען אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און די הויפּט אויפמערק־זאַמקייט און אינטערעס ווידמעט די גרופּע צו פּאָליטישע פראגן און דעם וועלטליכן לעבן. ניט גרויס אין צאָל אָנהענגער איז די צדוקים־פּאַרטיי געווען. אָבער אינערליך שטאַרק און וויכטיג איז זי. זי האָט איר באַשטימטע פּאָליטישע ריכטונג, וואָס שטיצט זיך אויף פּאָליטישע פּרינציפּן. און אַ קולטור־פּראָגראַם האָט זי, וואָס זי איז צו יעדער צייט צוגעפּאַסט צו דער פּאָליטיק. און אַן אייגענע וועלט־אַנשויאונג האָט זי, וואָס שטימט שטענדיג מיט אירע פּאָליטישע פּרינציפּן. און טעטיג איז זי געווען און תמיד געשטרעבט צו פאַר־גרעסערן און צו באַפעסטיגן איר ווירקונגס־קרייז. דערהויפּט אין די העכערע ספערן פון פאָלק.

דער קערן פון דער פּאַרטיי איז געווען די הויכע גייסט־ליכקייט. די העכסטע אידישע אריסטאָקראַטיע אין יענער צייט — די כהנים. אָבער ניט אַלע כהנים האָבן אָנגעהערט אהער. כהנים־פאַמיליעס זיינען געווען פיל און מיר טרעפן זיי אין אַלע פאַרשידענע אידישע גרופּירונגען. נאָר די עלטסטע און דערפאַר חשוב'סטע כהנים־פאַמיליע איז געווען דער קערן פון דער דאָזיגער פּאַרטיי. זי האָט געשטאַמט, אָדער האָט בלויז געהאַט אַ יחוס־בריף, דאָס זי שטאַמט פון דער משפּחה צדוק, וואָס האָט געטראָגן די כהונה־קרוין נאָך אין די צייטן

פון שלמה־המלך, ביז צום חורבן פונ'ם ערשטן בית־המקדש. און פון דער צייט, פון צווייטן בית־המקדש אָן, זיינען זיי אינאיינעם דערמיט אויך די פּ אָ ל י ט י ש ע פאָרשטייער פון פאָלק געגן אויסן. דאָס פאָלק האָט הויך געשעצט דעם דאָזיגן אַלטן יחוס — הגם איינצלנע מיטגלידער פון דעם שטאַם האָבן ניט ווייניג פאַר־ראַטן דאָס אידנטום, און הגם דאָס פאָלק איז געווען דורכגעדרונגען מיט די לערן פון די פּרושים, וואָס די צדוקים האָבן ניט אַנערקענט. ווארים אפילו די ג ע ל ע ר נ ט ע פרושים זיינען אויך ניט געווען געגן דעם עצם: כ ה ו נ ה און כהנים, נאָר געגן דער ה ו י כ ע ר גייסטליכקייט און אירע זינדיגע כהנים. און — ווי שוין געזאָגט — צווישן די פרושים גופא זיינען אויך געווען כהנים. די פרושים גופא האָבן אויך אנערקענט די חשיבות פונ'ם כהנים־שטאַנד און זיינע רעכט אויף געוויסע אָפּצאָלן פון פעלד־הכנסה און פון פיך־צואוואַקס. האָבן דאָך נאָך מענשן געוואוסט און געדענקט יענע צייטן, ווען אויפ'ן כהן האָט מען געקוקט, ווי אויפ'ן טרעגער פון יעדער וויסן, און „תורה האָט מען פון זיין מויל דערוואַרט", ווייל ער איז געווען דער איינציגער ל ע ר־שטאַנד בא אידן. ערשט שפּעטער ענדערט זיך דער צושטאַנד — אין די צייטן ווען דאָס פאָלק איז געשטאַנען אונטער דער הערשאַפט פון די פּערסער און נאָכדעם פון די גריכן. און דערהויפּט אין די ל ע צ ט ע צייטן. דאַן ליגט די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט איבער'ן גאַנצן אידישן לאַנד אין די הענט פון די כהנים. און מאַכט איז א „געשמאַקער ביסן": ס'ווילט זיך ניט זי ארויסלאָזן פון האַנט. און בפרט, אז זי ברענגט אויך אָנזען, גרויסן כבוד און געוואַלטיגן רייכטום. די כהנים זיינען עס דעמאָלט די יעניגע וואָס שטייען אין פאַרקער מיט דער אויסנוועלט און מיט די גרעסטע און מעכטיגסטע פון יענער צייט. פון זיי לערנען די כהנים, און זיי זוכט מען צו געפעלן, בא זיי אויסצונעמען און פון זיי ניט אָפּצושטיין. אין קיין פּרט ניט אָפּשטיין. ווי גלייכע זאָל מען זיך באַגעגנען. מיט איינע און דיזעלבע מיינונגען, קענטשאַפטן, אָנשויאונגען און לעבנסאויפפאַ־

סונגען. זיי האָבן אפשר געגלויבט אז דער כבוד און דאָס אָנזען און דאָס גליק פון פאָלק פאָדערן עס. קלאָר איז אָבער, אז זייערע שטאַנד־אינטערעסן האָבן זיי דיקטירט אַזא האַלטן־זיך, און די מאַכט, וואָס זיי האָבן געהאַט, אינאיינעם מיט'ן רייכקייט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט — אַלס גייסטליכע און וועלטליכע הערשער — האָט זיי געגעבן די מעגלאַכקייט אויף זייערע אינטערעסן צו באַשטיין, אָנצו־ווענדן אַלע נויטיגע מיטלען דערצו.

איז די לייטזעליקייט, וואָס מ'האָט אין די אויגן פון דער פרעמדער הערשאַפט, די קוועלע און די פאַרזיכערונג פון דער איי־גענער מאַכט, — באַמיט מען זיך מיט אַלע מיטלען און מיט אַלע מעגלאַכקייטן די לייטזעליקייט אויפצוהאַלטן, צו פאַרגרע־סערן און צו פאַרשטאַרקן. איז דערצו נויטיג רייכע מתנות, גאָלד און זילבער — קאַרגט מען דאָס ניט: א פאָלק איז דאָך פאַראַן, וואָס מ'קאָן עס אַלע מאָל צווינגען, אז ס'זאָל דעם נויטיגן שאַץ צונויפברענגען, איז נויטיג דערצו, אז מ'זאָל די קולטור פונ'ם הערשנדן פאָלק פפלעגן און לאָזן בליען אויף אידישן באָדן — טוט מען דאָס אויך. די אייגענע קולטור פאַררוקט מען אין א ווינקל, מאַכט מען זיך פאַרגעסן און מיט דעם גאַנצן אייפער לאָזט מען וואַקסן און פאַרשפּרייטן די פרעמדע קול־טור אינ'ם אייגענעם לאַנד. פּאַסט מען צו דאָס לעבן צו די קולטור־פאָדערונגען פון די פרעמדע הערשער. און מעגן זיך די הערשער בייטן, די פאָדערונגען בייטן — די נאָכגעביגקייט בלייבט תמיד דיזעלבע. ד א ר ף מען — פּירט מען איין פרעמדע נאַציאָנאַלע שפּילן, אפילו ווען זיי זיינען דורכאויס ג ע ג ן די אידישע באַ־גריפן פון מאָראַל און אנשטענדיקייט; איז נ ו י ט י ג — רופט מען זיך מיט ניט־אידישע נעמען, דערלאָזט מען אינ'ם אייגענעם שטאַנד געמישטע חתונות — דאָס שטאַרקסטע מיטל צו פולשטענ־דיגער אסימילאַציע. און ווערט עס פ א ר ל א נ ג ט — פירט מען איין דעם פרעמדן ג ע ט ע ר־ד י נ ס ט אין ארץ ישראל.

אַלץ פאַר'ן וואוילגעפעלן — ווייל פאַר דער מאַכט און פאַר דער הערשאַפט!

און אז מען איז שטאַרק פאַרנומען מיט נאָכמאַכן דאָס פרעמ־דע, מיט צופּאַסן זיך און אַנדערע צו פרעמדע מנהגים, פרעמדע געוואוינהייטן און פרעמדן לעבנס־שטייגער — איז מער קיין אינטע־רעס ניטאָ צום אייגענעם. ווערט ממילא שוין פאַרנאַכלעסיגט דאָס אידנטום, די לעבנס־תורה פונ'ם אייגענעם פאָלק.

ערשיינט מען געגן אויסן געפּוצט און געפאַרבט און אין פרעמדן פאַריק. ערשיינט מען געגן אינוויינינג פאַרוועלקט און פאַר־שטאַרט און מיט'ן לאַנגן צאָפּ. איז מען געגן אויסן זייער און זייער פּאַרשריטליך. מ'קאָן און מען האַלט־אָן די לעצטע מאָדע, דאָס גייסטיגע וואָרט פון דעם העלענענטום. אָבער אינוועניג, בנוגע צו אידן און אידנטום איז מען קאָנסערוואַטיוו, אַלטמאָדיש, פאַר־שטאַרט. דאָ אנערקענט מען ניט קיין נייע מעטאָדע און ניט קיין נייע ערקלערונג. וואָס איינמאָל אָנגעשריבן, איז אויף שטענ־דיג אָנגעשריבן. וויאַזוי איינמאָל פאַרשריבן, איז אויף אַלע מאָל פאַרשריבן, פעסטגעשטעלט, און איז גילטיג אויף „לעולם ועד". קיין שום אויסוועניג געבליבענע, אויפ־געהאַלטענע און גילטיגע טראַדיציע האָט קיין שום ממשות ניט. זאָל ניט געברויכט, ניט פאַרווענדט און ניט אָנגעווענדט ווערן. נאָר דער בוכשטאַב, דאָס אות — דאָס גייסטלאָזע, איינצעלן־גענו־מענע אות — ווי עס שטייט געשריבן: נאָר דאָס וואָרט ווי עס איז געזאָגט — האָט מאַכט און האָט גילטיקייט. בנוגע דעם גע־שריבענעם אות זיינען אַלע צייטן גלייך. ניטאָ קיין איינזעעניש מיט באַדינגונגען, קיין רעכנען־זיך מיט אומשטענדן, ניטאָ אַזוינע באַדינגונגען וואו דעם מענשן זאָל דאָס פאַרבאָטענע ערלויבט זיין, און ניטאָ אַזוינע אומשטענדן, וואָס זאָלן כשר'ן דאָס טרפה. שטרענג מוז דאָס געזעץ זיין. קיינמאָל ניט נאָכגעביג. אין אַלע פאָלן גלייך. און ווי אין פסוק שטייט: „אַן אויג פאַר אַן אויג"...

רופט טאַקע דאָס פאָלק דאָס צדוקימ'ישע געזעץ־בוך „דאָס בוך פון די גזירות". וואָרים אין זייערע געריכטן איז קיין אָרט ניט געווען און קיין נויטיקייט ניט געווען צו קלערן, צו פּאַרשן און צו באַטראַכטן. איז נאָר פעסטגעשטעלט געוואָרן

דער פאַקט, אַז דער און דער האָט אָפּגעטאָן דאָס און דאָס און זיין משפט און זיין שטראָף איז געווען פּאַרטיג. אין „גזירות־בוך" איז פאַרשריבן געווען: „די ווערן פּאַרברענט, די ווערן פאַרשטיינט, די ווערן דערשטיקט" און ד. ג. משפט מען ווען, פרעגט מען אים אויס, מען בלעטערט אויף דעם בוך און מען זעט וואָס „עס קומט אים". קיין טענות העלפן דאָ ניט. דער־פאַר האָט זיך יעדער פון פאָלק געפרייט, אַז קומענדיג אין גע־ריכט האָט ער געטראָפן אין סנהדרין פּ ר ו ש י ם זיצן, וואָס וועלן אים משפט'ן. און דאָס הארץ איז אים איינגעפאַלן ווען ער האָט דערזען, אַז צדוקים, אָט די כהנים, וועלן אים משפט'ן. דאָס פאָלק האָט געוואוסט, אַז די לייט זאָרגן נאָר פאַר זיך, פאַר זייער אָנזען און וואוילשטאַנד — אָבער דאָס וואויל פון פאָלק גייט זיי ניט אָן. און בכלל איז די באַציאונג פון די צדוקים צו אַנדערע מענטשן, ניט פון זייער גראַד, געווען אַ באַליידיגענדע. אַן אינטערעסאַנטן ביישפּיל ברייגנט די גמרא:

„די צדוקים זאָגן: מיר באַקלאָגן זיך אויף אייך, פרושים, דערפאַר וואָס איר האַלט, אַז מיין אָקס אָדער מיין אייזל האָבן אָנגעטאָן שאָדן, בין איך מחויב צו באַצאָלן דעם שאָדן, און אַז מיין קנעכט אָדער מיין דינסט האָבן אָנגעטאָן שאָדן, בין איך פּטור פון באַצאָלן. פאַרקערט וואָלט געדאַרפט זיין. וואָרים מה־דאָך מיין אָקס און מיין אייזל, וואָס קיין שום מצוות פאַרפליכטן מיך ניט בנוגע זיי, דאַרף איך זייער שאָדן באַצאָלן, היינט כל־שכן מיין קנעכט און מיין דינסט, וואָס בנוגע זיי בין איך יאָ פאַרפליכטעט צו טאָן געוויסע מצוות, דאַרף איך דאָך זייער שאָדן געוויס דאַרפן באַצאָלן! דאַרויף האָבן געענטפערט די פרושים: „ניין! אויב מיר זאָגן, אַז דער מענטש דאַרף באַצאָלן דעם שאָדן וואָס זיין אָקס אָדער זיין אייזל האָבן אָנגעטאָן, זאָגן מיר עס דערפאַר, ווייל זיי האָבן קיין שכל ניט. מ'קאָן אָבער ניט זאָגן דאָס אייגענע באַ אַ קנעכט אָדער אַ דינסט, וואָס האָבן איי־גענעם שכל — און קאָנען אַליין זיין פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר זיי־ערע מעשים".

אָבער די אַריסטאָקראַטישע צדוקים לייגט עס זיך ניט אויפ'ן שכל, אַז עס זאָל זיין אַ חילוק צווישן דעם קנעכט און דעם אייזל; אַז דער קנעכט זאָל אויך האָבן שכל אַזוי גוט ווי דער בעל הבית און אַז ער, דער אייגנטימער, זאָל ניט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר די מעשים פון זיין קנעכט.

און ניט בלויז די כהנים האָבן אָנגעהערט צו דער פאַרטיי פון די צדוקים. רייכע און שטאַרקע און מענטשן מיט איינפלוס, אָדער וואָס האָבן געוואָלט ערווערבן איינפלוס און אָנזען, האָבן זיך צוגעשאַרט צו דער צדוקים־פאַרטיי. און דאָס אפילו ניט קיין כהנים. האָט דאָך דאָס לעבן אין יענע קרייזן מער גלאַנץ און מער אינטערעס און מער פאַרגעם. מ'באַגעגנט זיך און מ'פאַרקערט מיט די העכסטע באַאַמטע אין לאַנד, מיט די געבילדעטסטע, אייגענע און פרעמדע. דאָ ווערט באַראַטן און דאָ ווערט געשמידט די הויך־פּאָליטיק פון לאַנד. געגוג אָנציענד און דערצו איז אויך נאָך די לעבנסאָנשויאונג פון די צדוקים זייער באַקוועם.

„נישטאָ קיין קלאָגער און נישטאָ קיין ריכטער" — דאָס איז דער קורצער אויסדרוק פון זייער וועלט־און־לעבנס אָנשויאונג. ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! געוויס. אָבער ער אינטערעסירט זיך ניט מיט'ן איינצעלנעם מענטשן, מיט'ן פרט, און אינטערעסירט זיך ניט מיט זיין טאָן און שאַפן. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, גאָט פירט די וועלט, ער האָט השגחה אויף דער מענטשהייט, אויף גאַנצע פעלקער און לענדער. אַנדערש אויסגעדריקט: גאָט „פאַרוואַלטעט" מיט כללים, מיט'ן כלל וועלט, כלל מענטש און כלל פאָלק. אָבער די פרטים, מענטש און מענטש און זיינע טועכצן — דאָס גייט אים ניט אָן. דער איינצעלנער מענטש קאָן טאָן וואָס ער וויל — אויסער יענע האַנדלונגען וואָס זיינען אין דער תורה בפירוש פאַרבאָטן, קאָן ער אַליין שמידן זיין גליק און אַליין זיך אויסריכטן אַן אומגליק. וואָרים דער מענטש איז פריי אין דער וואַל פון זיינע מעשים. ער קאָן ווילן און טאָן וואָס אים טוט וואויל

געפעלן — לויט זיינע פערזענליכע נייגונגען און זיינע פערזענליכן איינזעען. וואויל איז דעם מענטשן, וואס זעט איין, אז דאס וואס איז גוט פאר'ן פאלק, גינסטיג פאר דער געזעלשאפט, איז גוט און גינסטיג פאר'ן פרט אויך. וואס שלעכט און אומגינסטיג פאר'ן פאלק אדער פאר'ן קבוץ, לוינט אויך פאר'ן פרט נישט. אזוי איז שוין דער שטענדיגער רעזולטאט אדער „פועל־יוצא" פונ'ם מענטשנ'ס האנדלונגען. אבער אלץ, אי לוין אי שטראף, איז שייך בלויז אויף ד ע ר וועלט, וואו די שטייסט און גייסט און ווירקסט. ד א רופט דיין ווירקן ארויס קעגן־ווירקונג. אבער אן יענער וועלט פארגעס. דאס האבן „די פרושים אזא שטייגער, זיך מצער צו זיין אויף ד ע ר וועלט, כדי צו פאר־דינען י ע נ ע וועלט, און אז זיי קומען אויף יענער וועלט — האבן זיי גארנישט". און א סימן האט איר: „ווען אונזערע עלטערן וואלטן געוואוסט, אז עס איז דא נאך א יענע וועלט און א תחית־המתים, וואלטן זיי ניט געווען געזאגט, מען זאל דינען גאט נ י ט כדי באלוינט צו ווערן". האבן זיי דאס אבער י א געזאגט, איז זיכער, אז קיין יענע וועלט איז נישטא. און קיין לוין און קיין שטראף נאכ'ן טויט איז נישטא. נישטא קיין גיהנם און נישטא קיין גן־עדן. וואס־זשע, מענטש, שטערט דיר נאך צום לעבן, אויב דו ביזט נאר א י מ ש ט א נ ד צו לעבן?!

איז ד א ס ניט א באקוועמע לעבנס־אנשויאונג? איז זי ניט צוגעפאסט צום לעבן פון די רייכע און די לעבנסלוסטיגע?

האט מען טאקע אין יענע קרייזן געלעבט אין לוקסוס. מ'האט געלעבט פארשווענדעריש. מ'האט זיך ניט אפגעזאגט פון קיין געלוסט. גאלדענע געשיר האט מען באנוצט, אין די טייערסטע פורפורן האט מען זיך געקלייט און מיט די טייערסטע בוימלען האט מען זיך געשמירט. און פון די דאזיגע רייכע, אריסטאקראטישע קרייזן איז אויסגעוואקסן און זיך גענערט די שענדליכסטע אסימילאציע, וואס האט געבראכט צו פאלקס־אויפשטאנדן, פון וועלכע די צדוקים אליין האבן אויך געליטן.

אָבער אפילו נאָכ'ן אויפשטאַנד און נצחון פון די חשמונאים — אין עצם: אַן אויפשטאַנד אויך קעגן דער אַסימילאַטאָרישער פּראַקטיק פון די צדוקים — ווען די כהנים פון דער „צדוק" דינאַסטיע האָבן פאַרלוירן זייערע פּאָזיציעס, האָבן זיי אַלץ נאָך גרויס אָנזען און חשיבות, סיי אין בית המקדש צווישן די כהנים, סיי אין דער רייכער, אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט. און אפילו צום הויף האָבן זיי אַ צוטריט. און דאָרט הערן זיי ניט אויף צו ווירקן אין זייער גייסט, ביז זיי ברענגען עס דערצו, אַז אפילו כהנים־מלכים פון הויז „חשמונאים", ווערן גענייגט צו זיי, צו די צדוקים. אויך ביי זיי, ביי די חשמונאים, הויבט אָן דער פּאָליטישער עלעמענט אַריבערוועגן דעם רעליגיעזן. אויך זייער רעגירונגס־שטייגער ווערט אַלץ וועלטלאַכער און וועלטלאַ־כער. אויך זיי הויבן אָן זיך צו פילן מיוחס'דיגער, געהויבענער און אַריסטאָקראַטישער. האָבן זיי דאָך אויך צו פאַרקערן און אונ־טערהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די גריכישע און רוימישע פאַר־שטייער, מוזן זיי אויך קענען דאָס העלעניסטישע וויסן, און הויבן אָן וועלן אויף אַ העלעניסטישן אופן הנאה צו האָבן פון לעבן... ווערט זיי אויך צו שווער די פּרושים'ישע תורה מיט אירע תרי"ג געזעצן. אַזוי אַ טריט נאָך אַ טריט און די לעצטע כהנים־מלכים פון חשמונאים־הויז קערן זיך אָפּ פון די פּרושים און זיינען זיך מקרב צו די צדוקים מיט זייערע לערן. און אַז די חשמונאים גייען אַראָפּ פון דער פּאָליטישער אַרענע, קומען די צדוקים ווידער צו זייער אָנזען און מאַכט.

דער אמת מוז אָבער געזאָגט ווערן: ניט אַ ל ע צדוקים זיינען געווען איינהייטיג, און ניט אַלע זייערע האָבן געהאַט דעם מוט צו האַנדלען אַ ז ו י ווי זיי האָבן געלערנט. דערפאַר, געפינט מען צומאָל, ווי דער איינער אָדער אַנדערער ערקלערט: „הגם מיר לערנען אַזוי און אַזוי, אָבער אין דער פּראַקטיק פאָלגן מיר דאָס, וואָס די חכמים (פּרושים) זאָגן". „הגם מיר זענען פרויען פון צדוקים, האָבן מיר דאָך מורא פאַר די פּרושים", „הגם מיר זיינען אַליין צדוקים, האָבן מיר פונדעסטוועגן אויך

מורא פאר די פרושים". אבער ניט אלעמאל איז דאס געזאגט געוואָרן אוים איבערצייגונג און לויט'ן אייגענעם געוויסן. אפ־טער — צוליב א געזעלשאפטליכן פאסטן, ווייל די צדוקים האבן געוואוסט, אז מיט ז י י ע ר ע גענג וועלן זיי מיט'ן פאלק גארנישט אויספירן, און דאס פאלק האט זיך פארשטאנען אויף זיי, אויף די דאזיגע עולם־הזה'ניקעס. און דער נאמען „צדוקי" האט געגאלטן ווי א זידל־וואָרט. עס האט אזוי פיל באטייט, ווי „פארקויפטע נשמה", „פאררעטער", „רוימישער קנעכט" און ד. ג.

דערהויפט אבער האט דאס וואָרט „צדוקי" געהאט אזא באדייטונג אין די לעצטע יאָרן וואס פאר'ן חורבן פון צווייטן בית־המקדש. דאס גאנצע פאלק, ווי איין מענטש, איז עמפערט געוואָרן קעגן די אכזריות פון די רוימער. איין גרויסע פאלקס־פארטיידיגונג איז געוואָרן ארגאניזירט. און די צדוקים, ניט קאָ־נענדיג אפען אריבערגיין צו די רוימער, האבן זיי מיטגעמאכט די פארטיידיגונג, אבער ניט מיט'ן גאנצן הארצן. מיט די הענט האבן זיי עפעס געטאָן, מיט'ן מויל האבן זיי עפעס גערעדט, אבער די אויגן זענען געווען געווענדט צום רוימישן אדלער. זיי — אזוי גוט ווי דער רוימיש־אנגעשטעלטער אידישער קעניג, אגריפּוס דער צווייטער, און ווי דער פאררעטערישער כהן, דער „פארטיידיגער" פון גליל, יוסף בן מתתיהו.

ירושלים איז חרוב געוואָרן, דער בית־המקדש פארברענט געוואָרן, דאס אידישע פאלק איז פארשפרייט געוואָרן איבער אלע עקן פון דער וועלט.

און פון די צדוקים איז מער קיין זכר נישט געבליבן. וואס מיר ווייסן פון זיי, האבן מיר עס, דערהויפט, די פרושים צו פארדאנקען. אבער זיי אליין האבן נישט איבערגעלאזט אין אי־דענטום נישט קיין וואָרצלען און נישט קיין צווייגען.

געווען — און פארשוואונדען אין אלע אייביקייטן...

ג) די איסיים

א י ס י י ם — זיי זיינען געקנאָטן פונ'ם זעלבן טייג וואָס די פּרושים. זיי זענען אליין אויך פּרושים. פרומע, טרייע, נאָר פיל איינזייטיגער, פיל עקסטרעמער ווי די פּרושים. פיל פאַנאַ־טישער — וואָלט מען איצט געזאָגט. פון א וואָרט האָבן זיי גע־מאַכט א קוואָרט, פון א קערנדל — א באַרג און פון א פּינטעלע — א גאַנצן בוך. צען צוימען האָבן זיי געבויט אַרום דעם מינדסטן פאַרבאָט, און ווי אין קייטן געשמידט האָבן זיי גע־האַלטן זייערע געלוסטן. דאָס געוועב פון זייער ריכטונג איז אָנגעקניפּט אָן אור־אַלטער פאַרגאַנגענהייט: אָן א שטאַם ר כ ב י ם, וואָס מען האָט געקענט נאָך אין די צייטן פון פאַר די ערשטע אידישע מלכים. און דער פאָדים ציט זיך דורך די נביאים, סופרים, „ערשטע חסידים”, פּרושים, ביז צו די איסיים.

זעלבסטפאַרשטענדליך, אז זייער קוק אויפ'ן לעבן איז גע־ווען דער אייגענער וואָס בא די פּרושים, און אויך די אויפגאַבן פונ'ם מענטשן אויף דער וועלט — די אייגענע, און די מיטלען זיי אזוי די דאָזיגע אויפגאַבן צו דערפילן — די אייגענע. נאָר האָבן די איסיים זיי דערוויטערט, דערהויפּט די מיטלען, ביז צום העכסטן גראַד. דער ציל צו וועלכן דער מענטש דאַרף שטרעבן אין לעבן איז: היילי צו זיין, דערגרייכן צו רוח־הקודש. העכער: צו נבואה. דאָס קען מען דערגרייכן דורך גייסטיגער און פיזישער ריינקייט. די ריינקייט ווערט דערגרייכט — דורכ'ן מקיים זיין די מצוות פון דער תורה. דורך אָפּהיטן די געבאָטן און די פאַרבאָטן פון משה רבינו. דערין זיינען אלע אייניג: פּרושים און איסיים.

אָבער שוין פון דאַנען אָן הויבט זיך אָן דער חילוק אין א ו י ס ט י י ט ש ן צווישן די פּרושים און איסיים. די פּרושים זאָגן: דער איד דאַרף לעבן לויט דער תורה, לויט אירע

נעבאָטן. שטימט אָבער ניט דאָס לעבן מיט'ן געבאָט, דאַרף מען דאָס געבאָט אַזוי א ו י ס ט י י ט ש ן, אַז עס זאָל יאָ פּאַסן צום לעבן. און די איסיים זאָגן: מ'דאַרף לעבן לויט די געבאָטן פון דער תורה, און דאָרט וואו דאָס לעבן שטימט נישט מיט'ן געבאָט, דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פון לעבן. דאַרף מען שאַפן פאַר זיך אַזעלכע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צום געבאָט. ווארים דאָס הויפּט געוויכט דאַרף דער מענטש לייגן אויף דער נשמה און די נשמה פילט זיך אין גוף, ווי אין אַ געפענגעניש. ערשט ווען דער גוף שטאַרבט אָפּ, פילט זיך די נשמה, וואָס איז געשאַפן פון'ם ריינסטן עפיר, באַפרייט, און דערהויבט זיך צום הימל. ערשט דעמאָלסט רוט זי אויף יענער זייט אויקיאַנוס,, וואו ס'איז נישטאָ נישט קיין רעגן און נישט קיין שניי, נישט קיין היץ און נישט קיין קעלט, נאָר אַ לייכטער עפיר־ווינט בלאָזט שטענדיג: דאָס געשייט מיט די נשמות פון די צדיקים, וואָס זיינען מדקדק אין מצוות. אָבער די נשמות פון די רשעים, זיי פאַלן אריין אין גיהנום, וואו ס'איז קאַלט און פינס־טער און פול מיט אייביגן פּיין.

און וואָס הייסט מ ד ק ד ק זיין אין מצוות, לויט דער מיינונג פון די איסיים? — „אָן זייערע טאַטן זאָלט איר עס דער־קענען".

אויב שבת דאַרף מען ניט א ר ב ע ט ן — איז לחלוטין קיין זאַך ניט צו טאָן. אפילו אַ האָר ניט אויפצוהויבן, אַ טעלער ניט איבערצושטעלן פון איין אָרט אויף'ן אַנדערן. אויב אומזיסט שווערן איז פאַרבאָטן — שווערן זיי קיינמאָל נישט, און ביי קיין שום אומשטענדן נישט; זייערע באַשעפטיגונגען פאָדערן עס אויך נישט פון זיי. דאַרף מען זיך אָפּהיטן פון דער מעג־ליכקייט אַנצורירן זיך אין אומריינעס — נעהמען זיי נישט קיין פרויען, ווייל זיי האָבן דאָך אַן אומריינע צייט. דאַרף אַ מענטש ריין זיין, זיינען זיי זיך טובל וויפיל מאָל אין טאָג: באַלד ביים אויפשטיין, פאַר יעדן עסן, נאָך יעדער ארבעט, נאָך יעדער אַנ־

רירן זיך אַן אַ מענטשן, נישט פון די זייעריגע — ווייל אַלע וואָס לעבן נישט לויט די פאַראָרדנונגען פון די איסיים, זיינען אומריין. טאָר מען אום שבת נישט ג ר אָ ב ן — גייט ניט דער איסיי אום שבת „אויף צורך", ווייל אַמאָל איז געווען דער שטייגער, אַז מען האָט עס געדאַרפט באַגראָבן און פאַרשאַרן. האָט מען נישט געטאָרט עסן קיין תבואה אָן מעשר, האָט זי דער איסיי אפילו זיין אייזל נישט געגעבן. נאָכמער: דעם איסיי'ס אייזל — אַזוי האָט מען געלאַכט — דערשמעקט שוין אַליין וואָסערע גערשטן עס מעג עסן און וואָסערע נישט (דאָס באַרימטע אייזל פון רבי פנחס בן יאיר, למשל).

מ'דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז די דאָזיגע טשיקאַווע מענטשן זיינען אויסגעשעפּט דערמיט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן זיי. ווייט נישט. צום טשיקאַוון קומט דאָס פאַרנינפטיגע. דאָס געזונטע און דאָס ווינשנסווערטע. דאָס גאַנצע לעבן האָבן די מענטשן געאַרבעט אויף זעלבסט־קאָנטראָל, זעלבסט־דערציאונג און זעלבסטצוכט. דאָס גאַנצע לעבן האָבן זיי נישט אויפגעהערט זיך צוצואייגענען די פיינסטע מידות, אָפּצושוואַכן אָדער גאָר אויסצוראָטן פון זיך דעם פאַרלאַנג צו איבעריגע זאַכן און אומנויטיגע פאַרגעניגנס. עס איז אפשר ניט גענוי פאָרמולירט געווען, אָבער עס האָט געהייסן: צוריק צום נאַטירליכן לעבנסשטייגער! אָדער: צוריק צו דער נאַטור. דערפאַר באַמיען זיך די מענטשן אויסצומיידן די שטעט. אַמבעסטן פילן זיי זיך אין דער מדבר אָדער אין דאָרף. אַמליבסטן פאַרנעמען זיי זיך מיט דער אַרבעט. זיי אַרבעטן אָבער אויך אין די שטעט אַלס טאָג־לוינער אָדער אַלס בעל מלאכות. כל'ערליי מלאכות טוען זיי, אַלערליי זאַכן מאַכן זיי, נאָר ניט קיין געווער — ווייל עס דינט צום בלוט־פאַרגיסן. און בלוט פאַרגיסן איז ביי זיי דאָס גרעסטע פאַרברעכן. אפילו דאָס בלוט פון עופות אָדער בהמות. דערפאַר זיינען אפילו זייערע קרבנות באַשטאַנען ניט פון לעבעדיגע באַשעפענישן, נאָר פון מעל מיט בוימל געמישט. אָבער פאַר זיך בוימל צום שמירן האָבן זיי ניט באַנוצט.

ווייל זיי האָבן בכלל אויסגעמיטן „מותרות״, איבעריגס, אָדער לוקסוס. אזוי אין עסן און טרינקען און אזוי אין קליידער. קליין אין צאָל, קיינמאָל ניט מער ווי פיר, פינף טויזנט מיטגלידער; באַגרענעצט אין אָרט — קיינמאָל געפינט מען זיי נישט טעטיג אויסער די גרעניצן פון ארץ ישראל — זיינען זיי נישט אימשטאַנד פעסט צו האַלטן זיך אָן זייער קאָנסטיטוציע און השגחה האָבן אויפ׳ן לעבן און ווירקן פון אַלע חברים פון זייער אָרדן.

און ווי האָט דער אָרדן אויסגעזען לויט זיין קאָנסטיטוציע?

יעדער חבר וואָס איז געווען ארבעטספעאיג, האָט געמוזט ארבעטן און פאַרדינען. באַזונדער ארבעטן, ווי איינעם טוט וואוילגעפעלן, נאָר אינאיינעם געברויכן. און די הברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין איין אָרט, האָבן געלעבט אַלע אין איין הויז און געהאַט איבער זיך אָן עלטסטן, וועמען די חברים זע־נען געווען אבסאָלוט געהאָרכזאַם. איינער האָט געקענט ווערן אַ חבר אין אָרדן ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעהאַלטן אַ ד ר י י־יאָריגע פּראָבע. האָט ער די פּראָבע אויסגעהאַלטן, באַ־שווערט מען אים (דאָס איז דאָס איינציגע מאָל, ווען אַן איסיי איז ערלויבט צו שווערן) אַז ער׳ וועט ניט האָבן קיין סודות פאַר זיינע חברים, און אַז די סודות פון די חברים און פונ׳ם אָרדן וועט ער ניט אויסגעבן פאַר פרעמדע. דעמאָלט באַקומט ער דריי זאַכן: 1) אַ גראָב־אייזן, 2) אַ פאַרטוך און 3) אַ שטיק ווייסע לייוונט. דעם גראָב־אייזן אויף צו פאַרגראָבן און פאַר־שאַרן זיין אויסשיידונג. דעם פאַרטוך — צום טובל׳ן זיך און די ווייסע לייוונט אויף קליידער. נאָכדעם ערשט ווערט ער צו־געלאָזט צו די געמיינזאַמע מאָלצייטן. אַ חבר קאָן נאָר ווערן אַ דערוואַקסענער מאַנסביל. קינדער קאָנען דאָ אויפגעהאַלטן ווערן בלויז ווי ת ל מ י ד י ם. פאַר אַ פאַרברעכן ווערט אַ חבר גע׳משפט פון אַ חברים־געריכט, וואָס באַשטייט פון ניט ווייני־גער ווי 100 מיטגלידער. דער אורטייל איז אַן ענדגילטיגער; אַפּעלאַציעס זיינען ניט דערלאָזבאַר, און נישטאָ אויך קיין הע־כער געריכט, צו וועמען מען זאָל ק ע נ ע ן אַפּעלירן. די

האַרבסטע שטראָף, איז דאָס אויסשליסן פון פאַראיין; זי איז געגליכן צום אמאָליגן כרת, אָדער טויט־שטראָף...

דאָס פאַרמעגן פונ'ם אָרדן געהערט אַלע חברים גלייך. וואָס איינער פאַרדינט פון באָדן אָדער פון לוין־אַרבעט, טראָגט ער אַריין אין דער אַלגעמיינער קאַסע. נישטאָ קיין קויפן און פאַרקויפן צווישן זיך, יעדער גיט אַוועק דער קאַסע וואָס ער האָט, און נעמט פון איר וואָס ער דאַרף. קיין נויטבטדערפטיגע זיינען דאָ נישט געווען. קראַנקע און אַלטע זיינען געווען גלייכע חברים ווי אַלע. און חברים פלעגן זיי באַדינען מיט דערזעלבער גוטסקייט און איבערגעבנקייט ווי קינדער. יעדער חבר האָט געקענט שטיצן אָרימעלייט אין די שטעט אפילו, לויט זיין איינזעען פון דער אַלגעמיינער קאַסע. נאָר אויב דער אָרימאַן איז געווען דעם חבר'ס א קרוב, האָט ער זיך פאַר'ן אַרויסגעבן די שטיצע געדאַרפט באַראַטן מיט די פאַרוואַלטער פון דער קאַסע אין זיין אָרט. וואוהין א חבר איז געקומען, איז ער געווען, אינ'ם אָרטיגן פונקט פון די איסיים, ווי ביי זיך אין דער היים. אין יעדען פונקט איז אפילו געווען א באַשטימטער מענטש, וואָס האָט באַזאָרגט דעם אורח מיט ראַט און מיט טאַט, ווי ווייט יענער האָט נויטיג געהאַט. קיינער פאַרלאַנגט ניט צו האָבן פאַר זיך דוקא אַן אייגן הויז, א גרויס פעלד, א קנעכט אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס מאַכט רייך. דערפאַר האָבן זיי אויך געקוקט אויף דעם האַנדל, ווי אויף אַן אומריינעם קוואַל פון רייכטום.

מיט שאַריען אויף טאָג, זיינען זיי אויפגעשטאַנען, זיך טובל געווען און זיך געשטעלט דאַוונען, אַזוי אויסגערעכנט, אַז בעת די ערשטע זונענשטראַלן וועלן זיך באַווייזן זאָלן זיי זאָגן קריאת־שמע. נאָכ'ן דאַוונען גייען זיי צו דער אַרבעט. קומענדיג מיטאָג־צייט צוריק, טובל'ן זיי זיך, עסן אָפּ און קערן זיך ווידער אום צו דער אַרבעט. אין אָוונט, אַז זיי קערן זיך אום פון דער טאָג־אַרבעט, טובל'ן זיי זיך נאָכאַמאָל און עסן אָוונט־ברויט. נאָך יעדן מאָל גיין „אויף צורך" טובל'ן זיי זיך. און טובל'ן זיך ניט אַנדערש ווי

ארומגעבונדן מיט א פארטוך, וואס זאל גילטן ווי א מין „באד־קאסטיום".

און די געמיינזאמע מאלצייטן זיינען אנגעגאנגען ווי א מין גאטעס־דינסט. שוין זיי אליין, נאך דער ארבייט אנגעטאן אלע אין ווייסן, האבן געמאכט דעם איינדרוק פון א מחנה הייליגע, אדער שטרענג־אפגעהיטע כהנים. די קוכער זייערע זיינען גע־ווען אלע כהנים, און ביים צוגרייטן דאס עסן האבן זיי אפגע־היט געוויסע ריינליכקייטס דינים, וואס זיינען גילטיג געווען ביים מזבח. און ווייל כהנים, זיינען זיי גענית געווען אין אלע דינים פון ריינליכקייט און געוואוסט, ווי אזוי פראקטיש זיי דורכצופירן. פון כהנ'ס האנט האט יעדער חבר באקומען זיין חלק ברויט און זיין טעלער געקעכטס, בלויז איין מין געקעכטס און אלע טאג דאס אייגענע. בעת'ן עסן איז געווען אבסאלוט שטיל. קיין ווארט פון קיינעם. אבער נאכ'ן עסן האט דער גרעס־טער למדן צווישן זיי געזאגט דברי תורה און — ווי געמיינט — דערהויפט סתרי תורה, מיינונגען און אלעגאריעם, וואס מ'פלעגט ארייננטייטשן אין די ווערטער פון דער תורה. דאס איי־גענע פלעגט אויך פארקומען יעדעס מאל ביים לייענען אין דער תורה, בעת'ן דאווגען. „סתרי־תורה", אדער „קבלה" — ווי מען האט עס שפעטער גערופן, — איז אויך דער אינהאלט פון די ספרים, וואס מען רעכנט, אז זיי שטאמען פון זייערע קרייזן. און לויט זייער רעליגיעזן עקסטאז, אסקעטענטום, דעם שטרעבן צום רוח־הקודש, דעם קוקן אויף ד ע ר וועלט, ווי אויף א יאמער־טאל, פון וואנען ס'איז א גליק זיך ארויסצורייסן — דאס אלץ מאכט ווארשיינלאך, אז יענע ספרים מיט פאנטאסטישע זע־אונגען און אויסגעקליגעלטע אלעגאריעס זאלן ווירקליך שטאמען פון זיי. אויך אפאריזמען זיינען פאראן, וואס עס איז אנצונע־מען אז זיי קומען פון די איסיים. ווארום ווער, אז ניט זיי האבן געהאט צו ווארענען: „ניט רייד פיל מיט א פרוי"? פאר ווע־מען פאסט מער, ווי פאר די איסיים דאס ווארט: „נישטא קיין בעסער'ס פאר'ן גוף, ווי שווייגן"? „ווער עס זאגט, מיינס איז

מיינס און דיינס איז דיינס, איז א מיטלמעסיקייט, אָדער א סדום'ער. מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס, איז אן עם־הארץ. מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס, איז א חסיד. דיינס איז מיינס, און מיינס איז אויך מיינס, דער איז א רשע". גאנץ אין גייסט פון די איסיים!

מיט די פרושים לעבן זיי אין גוטער פריינדשאפט. אין עס דאַך דער פרומער וואונש אויך פון יעדן פרוש צו דערוויי־טערן זיך אביסל מער פון דעם הבל־הבלים, וואָס מאכט פול די וועלט!... און בפרט, אז אין פּאָליטישן לעבן מישן זיי זיך נישט, און ארום די גיטער פון דער וועלט קאָנקורירן זיי נים. פונ־דעסטוועגן האָבן די פּרושים צומאָל, אזוי־זיך, אומבאמערקטער־הייט און אינדירעקט באקעמפט זייער איבערטריבענע חסידות — ווייל זי איז נישט אָננעמבאר אין נאָרמאלן לעבן.

היטן זיך די איסיים פון פרויען בכלל — ווייל זיי האָבן אן אומריינע צייט, קומען די פרושים און פסק'ענען, אז אפילו א י"ן דער צייט זייערער מעגן זיך פרויען פוצן און פארבן און שמירן, כדי זיי זאָלן נישט מיאוס ווערן זייערע מע־נער... ווילן די איסיים נישט חתונה האָבן, קומען די פרושים און ערקלערן, אז די, וואָס האָבן נישט חתונה און פארמערן נישט דאָס מענטשן־געשלעכט, איז גלייך ווי זיי וואָלטן מענטשן גע'הרג'עט און בלוט פארגאָסן; און ווער עס לעבט אָן א פרוי, לעבט אָן א הויז, אָן מזל־ברכה א. ז. וו.; אנטלויפן די איסיים פון דער געזעלשאפט, וואָרנען די פרושים: „זאָלסט נישט אָפּגע־שיידט זיין פון דער געזעלשאפט", וואָרים וואָס פאר א ווערט האָט דען דער מענטש, ווען ער 'איז אליין פאר זיך? און קעגן זייי־ערע איבערטרייבונגען האָבן די פרושים געוואָרנט: „קיין זאַך דאַרף מען נישט איבערטרייבן"... און אמאָל פלעגט מען זיך אין די פרושים'שע קרייזן ערלויבן א שארף וואָרט קעגן די איסיים. אָבער בכלל האָבן זיי געלעבט פרידלאַך צווישן זיך. און אמאָל ווידער זיינען די אסיים געקומען צו הילף די פרושים, הגם ס'האָט אויסגעזען, אז ס'איז קעגן דער קאָנסטיטוציע פון

אָרדן. אין מאָמענטן פון פאָלקס־פארטיידיגונג קעגן די רוימער, געפינען מיר אפילו אָנפירער פון דער פארטיידיגונג, איסיים. אָבער אזוינע זיינען געווען אויסנאמען. די מערהייט אָבער — און דאָס איז געווען דער לעבנסגייסט פונ'ם אָרדן — האָט עס געהאלטן פאר ניט צוועקמעסיג זיך אנטקעגנצושטעלן דעם שלעכטס מיט מאכט און מיט שווערט. דער גערעכטער פאר־לאָזט זיך אויף גאָט, ע ר וועט שוין שאפן גערעכטיקייט. אזוי פאררוקן זיך די איסיים אלץ ווייטער און ווייטער אין א באזונדער ווינקל. פון זיי און ארום זיי אנטוויקלען זיך און ווירקן נאָך עקסטרימערע פארבאנדן. מ'ווייסט, למשל, פון א „הייליגער געזעלשאפט,“ וואָס האָט אין יענע צייטן געלעבט. מ'האָט זי גערופן: „די הייליגע“ — ווייל, ווי די גמרא באמערקט: א דריטל פון טאָג האָט זי געלערנט, א דריטל — געדאווענט און א דריטל — געארבעט. אָדער: זומער האָט זי געארבעט און ווינטער בלויז געלערנט. א חברה „בויער“ קען מען. די דאָזיגע ב ו י ע ר האָבן געגלויבט, אז זיי זענען בכח אויסצובויען אָן אנדערע מאָראלישע וועלט דורך אנדערע מיטלען, אויף אנדערע יסודות. פון א חברה ענוים (פרומע) ווייסט מען, א. ד. גל.

און וואָס שווערער די צייטן, וואָס אומדערטרעגלאבער דער יאָך, וואָס שוואכער די אייגענע מאכט, אלץ מער און מער זאמלט מען די האָפנונגען אויף א בעסערער צוקונפט, אויפ'ן הימל... וואָס ווייניגער האָפנונג דורך מאטעריעלער מאכט אויסגעלייזט צו ווערן, אלץ מער האָפט מען אויף ניסים. וואונ־דער מוזן געשעען, א וואונדער־קעניג, א משיח מוז פון גאָט גע־שיקט ווערן און ער וועט אויסלייזן זיין פאָלק, און ברענגען רעטונג פאר דער גאנצער וועלט. וואָס צווייפלהאפטער ס'איז געוואָרן די זיכערקייט פונ'ם פרט, אז ער וועט באלוינט ווערן אין דער צוקונפט, אין דער עקזיסטענץ פונ'ם כלל, אלץ מער און מער האָט מען אָנגעהויבן צו אונטערשטרייכן דעם לוין, וואָס דערוואַרט יעדן פרט פאר זיך, יעדן אינדיווידיאום סיי נאָכ'ן טויט, אויף יענער וועלט, סיי שפעטער, נאָך „תחית־המתים“,

ווען די טויטע וועלן אויפשטיין, ווען משיח'ס קעניגרייך וועט געגרינדעט ווערן אויף דער ערד.

און דער משיח — „זיין פּנים איז מלא חן: ווי דאָס פּנים פון הייליגע מלאכים. ביי אים איז דער אוצר פון דער גערעכטיקייט, און ער אנטפּלעקט אים פאַר אַלע יענע, פאַר וועמען דער אוצר איז פאַרבאָרגן. וואָרים דער האַר פון די גייסטער האָט אים דערצו געוויילט. זיין גרויסקייט גילט פון אייביקייט צו אייביקייט, און זיין מאַכט — פון דור צו דור. דער גייסט פון חכמה לעבט אין אים, דער גייסט פון דעם, וואָס גיט פאַרשטענדיקייט, איז זיין גייסט. דער גייסט פון תורה און דער גייסט פון קראַפט און דער גייסט פון יענע וואָס רוען אין גערעכטיקייט, איז זיין גייסט". עס ווערן אויך דערציילט וואונדער איבער וואונדער. אזוי, למשל, אז משיח איז געבוירן געוואָרן אין בית־לחם, אין דעמזעלביגן טאָג ווען דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אים אַ שטורם־ווינט פאַרטראָגן און קיינער ווייסט ניט וואוהין. אָבער אין זיין צייט וועט ער זיך באַווייזן.

און אז ער וועט זיך באַווייזן, וועט ער ברענגען דער וועלט שלום, גערעכטיקייט, ליבשאַפט און טריישאַפט. און הייליג וועט זיין דאָס אידישע פאָלק. און גע'משפּט וועט ווערן פאַר אים די גאַנצע וועלט, די דערוואַכטע, איצט טויטע און די לעבעדיגע, אָן אונטערשייד צווישן אידן און היידן.

די און עהנלאַכע אידעען זענען פאַרשפּרייט געוואָרן און האָבן געלעבט אין פאָלק. די אָפּגעריסענע פון פּראַקטישן לעבן, פון פּאָליטישע אינטערעסן, סיי איסיים, סיי זיי ענלאַכע גרופּן, פלעגן אומוואַנדערן איבערן לאַנד און פּרעדיגן זייערע מיינונגען און איבערנאַטירלאַכע, עקסטאַטישע זעאונגען. און קליינע גרופּן, אָדער איינצלנע פּערזאָנען האָבן פאַרבראַכט יאָרן אין דער מדבר, צווישן בערג, און נאָר פון צייט צו צייט פלעגן זיי אַרויסקומען, כדי צו פּראָפּאַגאַנדירן זייערע אידעען צווישן מענשן. פון צווישן זיי איז אַרויסגעקומען „יוחנן דער טויפער",

דער טויף־פאָטער פון יעזוס'ען. די רעגירונג האָט זיך פאַרהאַלטן צו זיי גישט פריינטלאך. די רוימישע הערשער, וויסנדיק אז זיי ריידן פון א נייער אָרדנונג, פון א דערוואַרטעטן נייעם מלך, מיט חכמה און מיט גבורה, האָט זיי חושד געווען אין רעוואָלוציאָנערער פראָפּאַגאַנדע. פלעגט מען זיי פאַרפאָלגן. האָבן זיי זיך נאָך טיפער באַהאַלטן אין דער מדבר. האָט אויף זיי גערוט די שכינה פון מאַרטירערטום. זענען זיי געהייליגט געוואָרן ביים פאָלק, און פרויען אָדער מענער עקזאַלטירטע און אָנגעשטעקטע מיט רעליגיעזן עקסטאַז, פלעגן זיי מיט אַכטונג און פאַרגעטערונג נאָכגיין און אויסהערן...

אָט די גאַנצע באַוועגונג האָט אירע וואָרצלען אין די איסיים. און דער סוף פון דעם אָרדן?

לויט זיין גאַנצן כאַראַקטער און טעטיקייט איז דער אָרדן געווען איינגעוואַקסן אין לאַנד און צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון לאַנד. אינאיינעם מיט'ן חורבן, אָפּגעריסן פון באָדן, ווערט ער אָפּגעשוואַכט און אויפגעלייזט. דער גרעסטער טייל מישט זיך אויס מיט'ן פאָלק, מיט די פּרושים, א טייל גייט אונטער און א טייל קומט אריין אין דער קריסטלאַכער געזעלשאַפט; וואָס הויבט זיך דעמאָלסט אָן אויסצובילדן. דארום איז דאָס קריסטענטום דורכגעזאַפּט מיט איסיימ'שע געדאַנקען און אָנשויאונגען.

אָבער דאָ רירן מיר שוין אָן א באַזונדערן גרויסן מאָמענט פון דער אידישער געשיכטע, וואָס גרייפט אַריבער אין דער וועלט־געשיכטע.

די סנהדרין

אידישע אינערליכע זעלבסטפארוואלטונג בעת'ן צווייטען בית־המקדש.

אז עזרא האָט זיך אומגעקערט פון בבל קיין ארץ־ישראל, האָט ער געפונען די לאגע אין ארץ־ישראל דאָפּלט אזוי שלעכט, ווי מ'האָט עס זיך אין בבל פאָרגעשטעלט. דאָרט האָט מען געקענט דעם חורבן פון בית־המקדש, דעם חורבן פון לאנד, אָבער ניט דעם חורבן פון פאָלק. מ'האָט געמיינט, אז דער חורבן האָט אויף די אידן אין ארץ ישראל געהאט דיזעלבע ווירקונג, וואָס אויף די אידן אין בבל, נעמליך: זיי זאָלן זיך קלאַמערן אָן אידנטום מער ווי פריער. איז עס אָבער ניט געווען אזוי. אין בבל האָט זיך די פאַר־וואָגלטע אידן געלעבט גאָר ניט שלעכט. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך פעסט געהאלטן אָן די געזעצן פון דער תורה — דאָס איינציגע, וואָס האָט זיי דערמאָנט אָן זייער היים, זייער זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט. די דאָזיגע געזעצן האָבן זיי ענטוויקלט, פארטיפט, פארברייטערט און מיט מסירת־נפש אָפּגעהיט. שוין דאמאָלט, כדי צו זיין אָפּגעשיידט פון די ארומיגע, האָבן זיי קיין גוי'ש עסן ניט געגעסן און קיין גוי'שן וויין ניט געטרונקען... דערפאַר האָבן זיי דאן שוין געהאָט גרויסע געלערנטע, וועלכע האָבן דאָס תורה־אידנ־טום אויסגעטייטשט, ערקלערט און געפאָרשט. אנדערש איז עס געווען אין ארץ־ישראל. דאָס ביסל אידן, וואָס איז דאָרט געבליבן, איז געווען צעוואָרפן איבער דער ווייטער פראָווינץ, און האָט זיך געפונען אין זייער א שפּל'דיגען צושטאַנד. ווי פאַריאָגטע און פאַר־וואָגלטע האָבן זיי זיך איינגעגראָבן אין די חורבות פון זייער פאָ־טערלאנד. פארהעצטע און בארויבטע פון די שכנים, וואָס האָבן זיך נאָכ'ן חורבן אראָפּגעלאָזט אויפ'ן לאנד נאָך „ירושה"... פאַר־

אָרימטע און פארצווייפלטע, אָן יעדער האָפנונג אויף ווידערגעבורט, זענען זיי אויך גייסטיג פארווילדעט געוואָרן. הויבן זיי אָן ביס־לאכווייז זיך אויסצומישן מיט זייערע שטארקערע, ניט־אידישע שכנים. אפילו פרויען האָבן זיי אָנגעהויבן נעמען פון צווישן זיי. אזוי, אז אינגיכן וואָלטן זיי גאָר אינגאנצן פארשוואונדן.

געגן דעם האָט זיך עזרא איינגעשטעלט. ער האָט צונויפגע־רופן א „גרויסע פארזאמלונג“ פון גייסטליכע און וועלטליכע מענער, וואָס האָט גענומען אויף זיך אויסצופאָרשן, אָדער „שטודירן“ די לאגע און אויסגעפינען די פאסנדע מיטלען, ווי זי צו פארבעסערן. אָבער דערמיט האָט זיך די אויפגאבע פון דער פארזאמלונג ניט אויסגענומען. דאָס לעבן לאָזט זיך ניט אויסשעפן. יעדער טאָג האָט געבראכט נייע פראגן, נייע פראָבלעמען, וואָס האָבן געפאָדערט באשייד. בלייבט די „גרויסע פארזאמלונג“ ווי א פערמאנענטע איינריכטונג, אויף שטענדיג, און זי האָט די אויפגאבע אזוינע פאָ־דערונגען צו באפרידיגן — שאפן נאָרמען און רעגולירן דאָס אינ־וועניגסטע, רעליגיעזע, ווי דאָס געזעלשאפטליכע לעבן, געשטיצט אויף די גרונט־געזעצן וואָס געפינען זיך אין דער תורה. די דאָזיגע אינסטיטוציע איז באקאנט אין דער געשיכטע מיט׳ן נאָמען: „כנסת הגדולה“ וואָס איז טייטש: „גרויסע פארזאמלונג“.

די מיטגלידער פון דער „כנסת־הגדולה“ זיינען באשטאנען פון דער אריסטאָקראטיע: כהנים, לויים און סתם חשוב׳ע „פאטרי־ציער“, וואָס האָבן געהאָלפן אויפבויען און באפעסטיגן די אידישע „מלוכה“. קיין וואלן זיינען דאָ ניט געווען. ב א ש ט י מ ט בלויז זיינען די מענער געוואָרן אין דער פארזאמלונג אריין, און דאָס גאנצע לעבן האָבן זיי אָנגעהאלטן זייער אמט. אָבער צו יעדער צייט האָט מען באשטימט אין דער פארזאמלונג די חשוב־סטע מענשן, וואָס דאָס פאָלק האָט פארמאָגט. זייער צאָל איז ניט אלעמאָל גלייך. צוערשט, אין עזרא׳ס צייט, טרעפן מיר אין איר פינף־און־אכציג מיטגלידער. שפּעטער — אמאָל הונדערט מיט צוואנציג, אמאָל זיבעציג, אמאָל איין־און־זיבעציג און אמאָל

צוויי־און־זיבעציג. און אויך די אויפגאבן אירע ענדערן זיך מיט דער צייט. און אויך איר נאָמען. דער פּאָרזיצנדער פון דער „כנסת הגדולה" איז דער כהן־גדול. די מיטגלידער פון דער כנסת־הגדולה זיינען באַרימט ווי: „א נ ש י כנסת־הגדולה" — די מ ע נ ע ר פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג. און דאָס איז שטענדיג געווען בא אידן די העכסטע געזעצגעבערישע און געריכטליכע אינ־סטאַנץ אין לאַנד. און אויך אויסער די גרעניצן פון לאַנד, וואָס זיינען ניט אַלעמאָל פעסט געווען, איז די אויטאָריטעט פון דער „כנסת־הגדולה" אין ירושלים געווען אין גרויסער חשיבות: דאָס פאָלק האָט גערן געבויגן זיין נאַקן פאַר איר. און די „כנסת־הגדולה" איז זיך באַוואוסט געווען איר מאַכט און איר אָנזען, און האָט זיך באַנוצט דערמיט — צו גונסטן פון פאָלק.

איין ביישפּיל:

פריער האָט זיך די גאַנצע באַציאונג צווישן מענש און גאָט אויסגעדריקט אין מקריב זיין א קרבן צו גאָט. דער קרבן־ברענגער איז דערביי געשטאַנען, בעת דער כהן האָט די ארבעט זיינע אָפּ־געטאָן ביים מזבח, און דערמיט איז די גאַנצע פליכט צו גאָט געווען אָפּגעטאָן. ווייל ניט אַלעמאָל האָט דאָך אָבער יעדער איינציגער אין דער ווייטער, צעוואָרפענער פּראָווינץ געקאָנט אוועקוואַרפן הויז און ארבעט און אויפשטייגן קיין ירושלים — דאָס א י י נ צ י ג ע אָרט, וואו עס איז פון איצט אָן ערלויבט געווען צו ברענגען קרבנות, איז רעכט געווען, אַז דער איד זאָל קוילען זיין ציקעלע אָדער קעלבל אויפ'ן מזבח פון אן אנדער גאָט, וואָס האָט געגאָלטן אין זיין אָרט. ווי זשע אנדערש? מען מוז דאָך ווי עס איז דורכקומען מיט גאָט אויך און אים אָפּ'סילוק'ן זיין חוב!... זיינען געקומען די „אנשי כנסת הגדולה" און האָבן פון גרונט־אויס געענדערט דעם אידנ'ס קוק אויף דעם ענין. אָנשטאָט ק ר ב נ ו ת — האָבן זיי געלערנט — איז נענוג תפלות. ד א ו ו נ ע ן צו גאָט איז אזוי גוט ווי א קרבן ברענגען. און דאַוונען קאָן א מענש אַלע מאָל און אומעטום. דער עיקר תפלה איז: ק ר י א ת ־ ש מ ע. קורץ און ערהאַבן!

נאָך דעם קומען נאָך אנדערע תפלות, אָבער יענע קאָנען שוין זיין אָפּהענגיג פון געוויסע באדינגונגען. און דאָס פאָלק האָט די דאָזיגע פאראָרדנונג אָנגענומען. וואָס פאר א גרויסן ווערט די דאָזיגע תקנה האָט געהאט פאר דעם גאנצן ווייטערדיגן לעבן פון די אידן אין גלות — לאָזט זיך דאָ ניט אָפּשאצן.

אָבער ניט בלויז די מענער פון דער „כנסת הגדולה“ האָבן זיך פארנומען מיט קאָמענטירן די געזעצן און אויסדרינגען פון זיי, ווי אַזוי און אין וועלכע פאלן זיי זאָלן אָנגעווענדט ווערן. מיט דער צייט ענטוויקלט זיך אן אָנגעזעענער סופרים שטאנד, וואָס פאר־נעמט זיך מיט מאכן פ י ר ו ש י ם (קאָמענטארן) צו די גרונט־געזעצן. זיי, די סופרים, זיינען זייער געשולט. גרויסע חריפים אין פארגלייכן א פאל צו א פאל און אין אונטערשיידן א פאל פון א פאל; אין אנאליזירן א געזעץ און אין געפינען א סינטעז צווישן צוויי באזונדערע געזעצן. זיי זיינען גרויסע אויטאָריטעטן אין אלע טעאָרעטישע פראגן. רעליגיעזע ווי יורידישע. אָבער אלע זייערע באשטימונגען, אויסדרינגענישן און פעסטשטעלונגען האָבן ניט קיין פראקטישן ווערט. זיי זענען פאר קיינעם ניט קיין חיוב. ערשט די כנסת־הגדולה, אויב זי אנערקענט זיי, קאָן זיי צוגעבן דעם כח און די אויטאָריטעט פון א געזעץ. אָבער זייערע טעאָרעטישע ארבעטן העלפן זייער פיל דער כנסת הגדולה און פארשפאָרן איר איבעריגע ארבעט, ביים ארויסגעבן פארשיידענע באשטימונגען און געזעצן. די „כנסת־הגדולה“ ווייזט אויך אָן די סופרים די ריכטונג, אָן וועלכער זיי דארפן זיך האלטן אין זייערע טעאָרעטישע ארבעטן. עס הייסט:

„זייט פאָרזיכטיג אין אייער אורטייל: גיט ארויס וואָס מער געלערנטע שילער, און מאכט א צוים ארום די געזעצן פון דער תורה....“

דאָס זיינען אָבער געווען די הויפּט־טענדענצן פון דער „כנסת־הגדולה“ אליין אויך אין איר גאנצער ארבעט.

די דאָזיגע אינסטיטוציע פון פאָלקס־פאָרשטייער האָט עק־זיסטירט פון 450טן יאָר ביז'ן יאָר 180 פאַר דער איצטיגער צייט־רעכענונג, וואָס מאַכט אויס קרוב צו 270 יאָר, ביז ווייט אין דער צייט ווען די גריכן האָבן געהערשט איבער ארץ־ישראל. אָבער אין דער צייט האָט זי שוין ניט מער איר העברעאישן נאָמען „כנסת־הגדולה", נאָר זי טראָגט דעם גריכישן נאָמען: ס נ ה ד ר י ן. מ'רעכנט, אַז בעת די גרויסע גזרות פון די גריכישע הערשער, ווערט דער סנהדרין אפשר בטל אויף אַ קורצער צייט. אָבער נאָכדעם ווי די חשמונאים מאַכן פון ארץ־ישראל אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה, קומט אויך דער סנהדרין צוריק צו מאַכט. נאָר אַ געענדערטער, אַ פאָלקסטימליכער. אמת, דער כהן גדול איז אויך איצט נאָך דער פאָרזיצער פון סנהדרין, אָבער די מיטגלידערשאַפט איז אַן אַנדערע. פיל א ו י ס וו ע נ י ג ס ט ע עלעמענטן זיינען איצט געוואָרן א י נ וו ע נ י ג ס ט ע. די „אייניקלאַך", אָדער ריכטיגער, די י ו ר ש י ם פון די אַמאָליגע סופרים — די „פרושים", האָבן איצט פּלאַץ א י ן סנהדרין. און געוועזן צייטן, ווען זיי האָבן אין סנהדרין געבילדעט אַ מערהייט. די הויך־אַריסטאָקראַטיע, די כהנים פון דער צ ד ו ק ־ דינאַסטיע, וואָס האָבן פריער געהאַט די גאַנצע מאַכט אי אין „כנסת־הגדולה" אי אין לאַנד, וואָס האָבן פאַר־טיידיגט די וועלט־אַנשויאונג און די אינטערעסן פון די „אויבערשטע צען טויזנט", שפּילן זינט לאַנג גאָר קיין ראָלע ניט. אַנשטאָט זיי קומט די דינאַסטיע „חשמונאים", וואָס איז נאָענטער צום פאָלק ווי די צדוקים. צוערשט ווערן אפילו מטבעות געשמאָלצן אין נאָמען פון דער העכערער מאַכט און אין נאָמען פון דער פאָלקס־פאַרטרע־טונג (געהייסן: חבר היהודים). אָבער שפּעטער, אפילו ווען די דאָזיגע אויפשריפט אויף די מטבעות ווערט בטל, אפילו בעת דער חשמונאי אלכסנדר ינאי, למשל, שטרעבט צו אַבסאָלוטער אַליין־הערשאַפט, און די פאָלקס־פאַרטרעטונג באַגרעניצט זיין „אַל־מעכטיקייט" — אפילו ע ר ערלויבט זיך ניט בטל צו מאַכן די אינסטיטוציע צו וועלכער דאָס פאָלק פאַרהאַלט זיך מיט זיין גאַנצן

צוטרוי. אפילו הורדוס, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין מלוכה דערפון, וואָס ער האָט אויסגעהרג'עט צענדליגער מיטגלידער פון סנהדרין, האָט זיך אויך ניט ערלויבט דעם סנהדרין בטל צו מאכן — ווייל דערמיט וואָלט ער דאָס גאנצע פאָלק אויפגעבראכט קעגן זיך. ער האָט נאָר געפּרואווט אליין צו באשטימען אַ סנהדרין פון זיינע מקורבים. פּאָלסיפיצירט האָט ער אים — ווי די קנאים האָבן עס אויך שפּעטער געטאָן — אָבער אינגאנצן אים בטל מאכן האָט ער ניט געוואגט. און קוים האָט דער סנהדרין עקזיסטירט, איז ער די קליינע „קראנקהייטן" איבערגעקומען און ווידער זיך אומגעקערט צו זיין מאכט און צו זיין קאָמפּעטענץ.

און זיין מאכט איז געווען גרויס געווען. און זיין קאָמפּעטענץ געווען ברייט. אויסער זיין געזעצגעבערשער פונקציע האָט דער סנהדרין אָדער ס ע נ א ט — ווי ער האָט געהייסן בא די רוימער — געהאט אויך געריכטליכע פונקציעס. וויכטיגע פּאָליטישע פּראָצעסן, פּראָצעסן פון כהנים גדולים, וואָס זיינען „אראָפּ פון וועג", אָדער שטעט גאנצע, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון די פאַרצייטיגע מיסיאָנערן, האָט דער סנהדרין אליין גע'משפט. ער האָט אויך געדינט ווי אַן אפּעלאציאָנס־געריכט, וואו מען האָט זיך גע־קאָנט באקלאָגן אויף די אורטיילן פון די „קליינע סנהדרינ'ס". אזוינע קליינע סנהדרינ'ס, פון 23 מיטגלידער, האָבן פונקציאָנירט אין די פּראָווינץ־שטעט. און אויך אין ירושלים האָט אזא „קליינער סנהדרין" פונקציאָנירט. דערפאַר האָט דער סנהדרין אויך געהייסן: „בית־דין הגדול" — „דער גרויסער בית־דין". אָן דעם הסכם פון סנהדרין האָט מען ניט געטאָרט אָנהויבן קיין מלחמה. אָן זיין ערלויבניש האָט מען ניט געטאָרט פאַרגרעסערן די טעריטאָריע פון ירושלים. דער סנהדרין איז געווען איינגעטיילט אין צוויי אפּטיילונגען, אין אַ פּאָליטישער און אַ יורידישער, אָדער געריכטליכער, וואָס איז צונויפגעפאַלן מיט דער רעליגיעזער. אין דער פּאָליטישער אפּטיילונג איז דער כהן־גדול (אלס פאָרשטייער פון אידן קעגן אויסן) געווען פאָרזיצנדער. אין דער יורידישער (אהער האָט אויך

געהערט דאָס פירן דעם לוח: באַשטימען די ימים־טובים און אנ־
דערע רעליגיעזע פאַראָרדנונגען) איז געווען פאָרזיצער דער נשיא
פון סנהדרין — געווענליך דער גרעסטער מענש פון זיין צייט, סיי
אין לערנען, סיי אין גוטע מדות. זיין וויצע־פאָרזיצנדער האָט אויך
געהייסן „אב־בית־דין".

די לעצטע אפטיילונג האָט געהאט צו קאָמענטירן און אינטער־
פרעטירן די גרונט־געזעצן. דער ווערט פון די דאָזיגע באַשטימונגען
גרייכט ווייטער פון דער צייט און דעם אָרט וואו זיי זיינען געמאכט
געוואָרן. דערצו זיינען די דאָזיגע ארבייטן פאָרגעקומען עפנטליך
דארום זיינען א טייל פון זיי נצול געוואָרן פון פארגעסנהייט
האָבן געגרייכט ביז צו אונז. אָבער די ארבייטן פון דער
שער אפטיילונג, וואָס זיינען, ווי דער שטייגער אי
וואָרן פארטרויליך און זייער ווערט איז געוואָ
זיינען צו אונז ניט אָנגעקומען.

די מיטגלידער פון סנהדרין זיינ
פאָלק. נייע מיטגלידער פלעגן אָדע
אָדער באַשטימט ווערן פון אויב
ביים באַשטימען האָט מען גע
חכמים. דערביי האָבן זיי גע
גרעסערע פון זיי. גרים ה
פון סנהדרין.

אָבער אויך די גרע
ניט שטענדיג געווען גל
לער — אָפּהענגי
פון לאַנד איז נ

זיינע זי
די אויסנווע
הויפּט יענע
נעלע געריכ
פון געריכט

כדי אלע זאָלן קאָנען זעען איינער דעם אנדערן. צוויי סעקרעטארן
זיינען געשטאַנען אויףביידע זייטן פון האלב־רונד, איינער רעכטס
און דער צווייטער לינקס, און געגווי פארשריבן די מיינונגען, וואָס
די ריכטער האָבן ארויסגעזאָגט. די וואָס האָבן זיך ארויסגעזאָגט
צו גונסטן פון דעם אָנגעקלאָגטן באזונדער, און יענע וואָס זיינען
געווען לרעת דעם אָנגעקלאָגטן באזונדער. דער קרימינעל־אָנגע־
קלאָגטער האָט זיך געדאַרפט שטעלן פאר די ריכטער אין טרויער־
קליידער און מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אין פּראָצעסן, וואו דעם
אָנגעקלאָגטן האָט געדראָהט טויט־שטראָף, האָט מען פריער אויס־
קערט די מיינונגען צו גונסטן פון דעם אָנגעקלאָגטן און נאָכדעם
ונגען קעגן אים. האָט איין ריכטער ארויסגעזאָגט זיין מיי־
ב ת דעם אָנגעקלאָגטן, קאָן ער מער זיין מיינונג ניט
דעם אָנגעקלאָגטן. האָט ער אָבער ארויסגעזאָגט
ן, קאָן ער זי נאָכדעם ענדערן צו גוטען.
, האָבן רעכט צו רעדן בלויז פ א ר ' ן
אים. איז דער פסק־דין אויסגעפאלן
האָט מען אים געדאַרפט ארויס־
פט איז פאָרגעקומען. איז ער
האָט מען דעם פסק־דין גע־
דערפאר פלעגט מען ערב־
קרימינעלע משפטים. די
שטיין פון די ערטער. און
ם איינגסטן — כדי זיין
ר מיינונג פון אן
אויף באפרייען
שטים. אין
ן זיך ארויס־
אָבער אויף
י. פון 23
יינען געווען

קענען אים — דאַן האָט מען פאַרגרעסערט דעם צוזאַמענשטעל פון די ריכטער מיט 4 מאַן, צו צוויי אויף יעדער זייט, און מען האָט נאָכאַמאָל אָפּגעשטימט. האָט די צווייטע אָפּשטימונג געגעבן אַ קלאָרן רעזולטאַט פ א ר אָדער ג ע ג ן, איז רעכט. אויב ניט, האָט מען ווידער צוגעגעבן צו פיר ריכטער. און אַזוי ווייטער, ביז וואַנען אין משפט האָבן זיך באַטייליגט 71 מאַן. און דאַן, אויב עס איז ניט געווען קיין מערהייט פון צוויי קעגן אָנגעקלאָגטן, איז ער ארוים פריי. צוליב אָט דער שווערער פּראָצעדורע פלעגט עס זייער זעלטן טרעפן, אַז דער סנהדרין זאָל ארויסטראָגן אַ טויט־אורטייל. דעם דאָזיגן גייסט פון מענשן־ליבע האָבן די פאָלקס־טימליכע און גוט־געלערנטע פּרושים אריינגעטראָגן אין דער סנהדרינ׳שער געריכטס־פּראַקטיק. די אַריסטאָקראַטישע צדוקים זיינען געווען פיל שטרענגער ביים משפט׳ן און פאַר׳משפט׳ן אַ מענשן. אפילו צום טויט. אָבער טאַקע דערפאַר האָבן אין אַזוינע פאַלן די פּרושים געהאַט מער ווירקונג אין סנהדרין און מער אויטאָריטעט.

נאָכדעם ווי ירושלים איז חרוב געוואָרן (אין 70 נ. ק.) האָט רבי יוחנן בן זכאי געגרינדעט אַ „גרויסן בית־דין“, אָדער אַ סנהדרין, אין יבנה. עס האָט געקאָסט אַ סך מי, כדי צו איבערצייגן דאָס פאָלק און די געלערנטע אין פאָלק, אַז ניט פון אָ ר ט איז אָפּהענגיג די אויטאָריטעט און די וויכטיגקייט פון אַן אינסטיטוציע, נאָר פון איר אַליין. דערפאַר דאַרף ניט זיין קיין חילוק ו ו א ו דער סנהדרין עקזיסטירט, אין ירושלים צי אין יבנה. ער באַמיט זיך אויך ארויפצוציען אויף אים דיזעלבע קדושה ווי אויפ׳ן סנהדרין אין ירושלים. אָבער ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען זיין ציל: מ אָ ב י ל מאַכן די וויכטיגסטע יסודות פון אידישן קיום. מען זאָל זיי קאָנען אריבערטראָגן פון אָרט צו אָרט — לויט באַדערפניש, און ניט מוזן זיין צוגעבונדן דוקא צו איין פּונקט אויף גאָט׳ס וועלט. אין זיין צייט, באַלד נאָכ׳ן חורבן, וואו דאָס פאָלק איז צעברעקלט געוואָרן און צעשטרייט געוואָרן, איז עס געווען זייער וויכטיג, עס

זאָל זיך געפינען ערגעץ א גייסטיגער צענטער, וואוהין אַלע אויגן זאָלן זיין געווענדט. אָבער די חשוב'ע ארום אים האָבן דאָס ניט איינגעזעען. בא זיין גאנצער תקיפות האָט ער זיך דאָך ניט ערלויבט אָנצורופן זיין „גרויסן בית־דין" מיט'ן נאָמען סנהדרין, און ער האָט זיך ניט גענומען דעם טיטל נשיא. דער טיטל און די אויטאָריטעט פון סנהדרין — און מיט דער צייט אויך די פונקציעס פון סנהדרין קעגן דער אויסן־וועלט — קערן זיך אום צום גרויסן בית־דין ערשט נאָכדעם ווי הלל'ס אייניקלאך ווערן דאָרט די פאָרזיצער.

אָבער פון איצט אָן הויבט אָן דער סנהדרין צו וואנדערן. פון יבנה ווערט ער איבערגעטראָגן קיין אושא (גליל), פון אושא קיין צפורי, פון צפורי קיין טבריה. אמאָל האָט ער געהאט מער אָנזען אין פאָלק, אמאָל וויינער — אָפּהענגיג אָן דעם, ווער עס איז געווען דער נשיא פון סנהדרין. זיין גלאַנץ־פונקט דערגרייכט דער סנהדרין פון נאָכ'ן חורבן אין די טעג פון רבי יהודה הנשיא. ניט בלויז בא אידן איז ער גרויס געווען, נאָר אויך בא די רוימישע הערשער. אָבער נאָך זיין טויט האָט דאָס אָנזען פון סנהדרין אָנגעהויבן פאַלן און פאַלן. עס קומען אויף אנדערע גייסטיגע צענטערס, סיי אין ארץ־ישראל סיי אין בבל, וואָס קאָנקורירן מיט'ן סנהדרין בנוגע חשיבות און אָנזען. און אָן ערך פון 425 נ. ק. איז ער אינגאנצן פארשוואונדן פון צווישן אידן.

הלל, שמאי און זייערע תלמידים

ה ל ל — אײנער פון די גאָר װײניגע ריזן־גײסטער, װאָס די װעלט־געשיכטע קען. אײנער פון יענע געצײלטע, װאָס האָבן די מענשהײט, אױף איר װעג צו מאָראַלישן פּאָרטשריט, א גרױסן מהלך װײטער געבראַכט. ער פאָרמולירט מענשלאַך־פּראַקטיש דעם הױפּט־יסוד פון יעדער מאָראַל אין מענשלאַכן צוזאַמענלעבן: „װאָס דו האַסט פײנט, זאָלסטו דעם אַנדערן ניט טאָן". דערמיט איז ער געשטעלט אין די ערשטע רײען פון די בױער פון דעם מענשלאַכן קולטור לעבן אין אַלע צײטן. זײנע מאָראַלישע לערן און אָנװײ־זונגען האָבן נאָכגעפאָלגט, פאָלגן איצט אױך נאָך, הונדערטער מי־ליאָנען מענשן, דורך זײערע רעליגיעס, אָבער קודם כל: א י ד ן. װי עזרא האָט געפעסטיגט די יסודות פון דער ג ע ש ר י ב ע נ ע ר תורה (תורה שבכתב) אַזױ האָט הלל געפעסטיגט די יסודות פון דער מ י נ ד ל א כ ע ר תורה (תורה שבעל־פּה). און דערצו — דער סימ־באָל פון באַשײדנקײט. א מאַן פון העכסטן יחוס — פון א פאַ־מיליע מיט יחוס־בריװ ביז דוד המלך, פאַרהאַלט ער זיך מיט די אײנפאַכסטע, אַפילו מיט די נידריגסטע, װי א גלײכער מיט גלײכע. און דורות האָבן צו דורות איבערגעגעבן: „זײ אַזאַ ענו, װי הלל!" א מאַן, באַקאַנט אין בבל מיט זײן גרױסער געלערנטקײט, מיט זײן אײגענעם קוק אױף דער תורה, און װי זי דאַרף ערקלערט װערן און װי זי דאַרף אָנגעװענט װערן, — נעמט, צו פ ע ר צ י ג יאָר, און שטײגט־אױף קײן ארץ־ישראל און זעצט זיך אַװעק לערנען אין דער ישיבה פון שמעיה און אבטליון, װי אײנער אַן אומבאַמערקטער.

כדי צו עקזיסטירן, װערט ער א טאָג־לױנער. אַרבעט ער א האַלבן טאָג. דאָס פאַרדינסט קלעקט אים אױף איבערצוקומען דעם טאָג און אױף צו באַצאָלן דעם טיר־װעכטער פון דער ישיבה, װאו ער האָט געלערנט דעם אַנדערן האַלבן טאָג. טרעפט א װינטער

טאָג, ווען הלל געפינט ניט צו פארדינען, האט ער ניט צו באַצאָלן דעם טיר־וועכטער. לאזט ער אים ניט אריין אין דער ישיבה אריין. קריכט הלל ארויף אויפ'ן דאַך און דורכ'ן דאַך־פענסטער הערט ער צו דאס לערנען. קומט דער שניי און פארשיט אים. ליגט ער איבער נאַכט. ערשט אין דער פרי, ווען דער עולם איז זיך ווידער צונויפגעקומען אין דער ישיבה אריין, און מען האט באמערקט אז עס איז פינסטער און מען איז אַרויף אויפ'ן דאך זען וואָס דאָס איז, האט מען אים אראפגענומען און אָפּגעמינטערט.. אָנגעזאפּט מיט תורה, קערט ער זיך ווידער אום אהיים, קיין בבל, לערנט זי דארט מיט אַנדערע, און נאָכדעם קערט ער זיך ווידער אום קיין ארץ־ישראל — צום ריכטיגן פּלאַץ, וואו מען האט די תורה גע־פארשט, די דינים געשאפן און די געזעצן געפארמט. אינגיכן ווערט ער דער נשיא פון סנהדרין און שאפט ערשט רעכט געזעצן פאר אידן. און דאס, פאר די אידן פון דער גאנצער דעמאלסדיגער וועלט. און דאס אין אַ צייט, ווען דאס אומרעכט האט געהערשט און די מוטוויליקייט פון רוימישע טיראנען האט קיין אָפּהאלט ניט גע־וואוסט.

ווארים דאס רוימישע ווארט: „בעת די שווערד רעדט שווייגט דאָס געזעץ“, האָבן אידן ניט אָנערקענט. פארקערט. בעת די שווערד פון די רוימישע סאַטראַפּען און אָנגעשטעלטע האט פארהילכט די ארץ־ישראל־לופט מיט ווייגעשרייען און די גאסן־שטיינער מיט בלוט געשוויינקט, זענען די אידישע חכמים געזעסן און געשליפן געזעצן. געוויס, אונטער'ן איינפלוס פון די געשעענישן, אין הסכם מיט די פאדערונגען פון יענע גרויזאמע צייטן. אָבער ניט בלויז פאר ז י י ע ר ע צייטן האבן זיי געשאפן. שטענדיג האבן זיי געהאט אַן אויסקוק אין דער ווייטער צוקונפט... און די מענשן פון דער ווייטער צוקונפט האָבן שטענדיג געהאט די מעגלאַכקייט זיך צו איבערציינגן, אז יענע געזעצן — ווי מיר האבן זיי איצט געזאמלט אין דער גמרא — האבן בעסער געזיכערט די אידישע עקזיסטענץ ווי די שווערד איז אימשטאנד געווען צו זיכערן די עקזיסטענץ פון די רוימער...

באַ דער גאַנצער גענויקייט און קענטשאַפט פון הלל׳ן אָפּצולערנען און אויסצודרינגען דינים פון די פּסוקים אין דער תורה, איז דאָך באַ אים דער ש ט י י ג ע ר ־ ל ע ב ן פון פאָלק, דער זיכערסטער קוואַל פאַר אַ דין. באַ זיין גרויסן אַכטן די אידישע קבלה, אָדער טראַדיציע, בנוגע דעם אָדער יענעם אָנגענומענעם געזעץ און ווי אַזוי דער געזעץ דאַרף פאַרשטאַנען און אויסגעטייטשט ווערן, — און הגם די דאָזיגע קבלה איז אים אַ „לייבלאַכע טאַכטער״ פון דער געטלאַכער אַנטפּלעקונג, — איז ער דאָך דער ערשטער וואָס ערקלערט, אַז מען מוז אונטערשיידן פון איין צייט ביז דער אַנדער צייט, פון איינע באַדינגונגען און אַנדערע באַדינגונגען — ווייל ניט אַלע צייטן זענען גלייך, און ניט אַלע געזעצן זענען אין אַלע פאַרשיידענע צייטן גלייך גילטיג. און מעגן עס אפילו זיין אַזוינע געזעצן, וואָס שטייען בפירוש אין דער תורה.

אַ פּאָר ביישפּילן:

לויט דער תורה איז דער דין, אַז אויב איינער איז שולדיג דעם אַנדערן געלט, און איידער ער האָט אים באַצאָלט איז אונטערגעקומען דאָס שמיטה־יאָר (יעדער זיבעטער יאָר איז געווען שמיטה), איז דער חוב פאַרפאַלן: דאָס שמיטה־יאָר מאַכט בטל אַלע חובות. זענען אָבער געקומען צייטן, ווען די מלוים האָבן געמאַכט יד־אחת און נאָענט צום שמיטה־יאָר האָבן זיי קיינעם קיין געלט ניט געליען — אויס מורא, טאָמער וועט זיך דער חוב פאַרציען ביז אין שמיטה אריין און וועט בטל ווערן. עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין מענשן, וואָס האָבן מיט אַ כיון פאַרהאַלטן באַ זיך פרעמד געלט, כדי דאָס שמיטה־יאָר זאָל זיי פּטר׳ן באַצאָלן. דערפון האָבן שטאַרק געליטן אָרימעלייט, וואָס נויטיגן זיך אין הלואות; דערפון האָט אויך געליטן דער האַנדל, וואָס קאָן ניט אויסקומען אָן קרעדיט. איז געקומען הלל און האָט איינגעפירט: פאַר׳ן שמיטה־יאָר זאָל דער מלוה ערקלערן פאַר בית־דין, אַז ער פאַרלאַנגט דאָס רעכט איינצומאָנען דעם און דעם חוב צו יעדער צייט, וואָס ער וועט וועלן. און אָט די ערקלערונג זאָל גענוג זיין, אַז דאָס שמיטה־יאָר זאָל דעם חוב ניט בטל מאַכן.

אן אנדער ביישפיל:

לויט דעם פסוק פון דער תורה, איז ווען איינער פארקויפט א הויז אין א פעסטונגס־שטאט, האט ער א רעכט דאס הויז צוריק אויסצוקויפן אין משך פון צוועלף חדשים. איז אריבער דער לעצטער טאג פון דעם צוועלפטן חודש און יענער האט דאס הויז נ י ט אויסגעלייזט, איז פארפאלן; בלייבט עס שוין אויף תמיד באם קונה.

האבן זיך געפונען קונים קלוגע מענשן, וואס פלעגן זיך אויס־באהאלטן דעם לעצטן טאג פון דעם צוועלפטן חודש, כדי יענער זאל דאס הויז ניט קאנען אויסלייזן. האט דאס געשאפן פיל אומ־רעכט, געבראכט פיל צער פאר די באדערפטיגע. איז געקומען הלל און האט איינגעפירט:

עס איז ניט נויטיג, אז דער אויסלייזער זאל אומקערן דאס געלט דעם קונה אין האנט אריין. גענוג, אז ער טראגט אריין דאס געלט צו בית־דין און באקומט א קבלה. דערמיט איז דאס הויז אויסגעקויפט — מעג דער קונה אפנעמען זיין געלט ווען ער וויל.

דער מענש האט געזאלט צופאסן זיין שטייגער לעבן צום געזעץ. אבער דאס געזעץ האט אויך געמוזט זיך רעכענען מיט׳ן לעבן. דערפאר איז הלל געווען דער ערשטער צווישן די תנאים, וואס האט אפן ערקלערט, אז אפהיטן די פליכטן צווישן מענש און מענש, דאס איז דער צוועק פון דער רעליגיע, אלץ וואס אויסער דעם, זענען בלויז מיטלען צום צוועק... און קומט־צו א גוי, וואס וויל זיך מגייר זיין, נאר ער וויל וויסן דעם עיקר דערפון, צו וואס דאס אידנטום פארפליכטעט זיינע אנהענגער, ענטפערט אים הלל: „וואס דו האסט פיינט זאלסטו דעם אנדערן ניט טאן, דאס איז די גאנצע תורה“. דער עיקר איז: ליבשאפט צווישן מענשן, אכטונג צום אנדערן און צו דער מיינונג פון דעם אנדערן. און משפט ניט אפ דעם אנדערן, ביז דו געפינסט ניט זיך אויף זיין ארט. פאדער ניט פון דעם צווייטן דאס, וואס ער איז איצט ניט אימשטאנד אויסצופירן, טאמער וועט ער א מ א ל אימשטאנד זיין אויסצו־פירן דאס. לערנען מוז א מענש, און זאל ער דאס ניט אפלייגן אויף

דעמאָלט, ווען ער וועט האבן לײדיגע צייט, טאָמער וועט ער קיינ־מאָל קיין ליידיגע צייט ניט האבן. אָבער א גראבער־יונג, וואס לערנט ניט, קאָן ניט זיין קיין פרומער. דער עם־הארץ קאָן ניט זיין קיין חסיד. און דער גרויסער סוחר איז נאָך ווייט ניט דער גרויסער חכם. און זאָל ניט א מענש זיך יאָגן נאָך גרויסע פארמעגנס. באנוגענען זאָל ער זיך מיט ווייניג, און זיך באפרידיגן מיט'ן היינטיגן טאָג. ווארים „וואָר עם מערט אויף זיך פלייש, מערט אויף זיך ווערים; מערט ער גיטער, מערט ער זאָרגן; מערט ער פרויען, מער ער כישוף; מערט ער דינסטן, מערט ער זנות; מערט ער קנעכט, מערט ער גזלה". וואס ווייניגער איינער פארמאָגט פון דעם אלעמען, אלץ געזינטער. אָבער צו אסקעטיזם, צו אָפּגעשיידט זיין פון דער וועלט, קומט עס ניט. ווארים אויך קעגן זיך אליין, קעגן זיין גוף אפילו, האט דער מענש פליכטן. עסן אין דער צייט — איז א פליכט. זיך באָדן אין דער צייט — איז א מצוה. „וואָס פאר א מצוה איז עס דען?" — האבן אים זיינע תלמידים געפרעגט. און ער האט גע־ענטפערט: „דער מענש איז דאך באשאפן אין גאָט'ס געשטאלט, ווי זשע זאָל ער די דאזיגע געשטאלט ניט ריין האלטן, ניט ציכטיג האלטן?" געוויס האט דער מענש פליכטן קעגן זיך. ער טאָר זיך אָבער ניט אָפּשיידן פון געזעלשאפט, און ניט פון די געזעלשאפט־לאכע פליכטן. אויב דער מענש וועט ניט אליין טאָן פאר זיך, ווער זאָל דען טאָן פאר אים? אָבער אויב נ א ר פאר זיך אליין טאָן און זארגן, וואס איז דען דער איינצעלנער מענש? וואס איז ער דען ווערט אליין, פאר זיך גענומען, וואס קאן ער דען דערגרייכן מיט אייגענע קרעפטן בלויז?

נאָך פון זיינע רביים האט הלל געלערנט: „האב ליב די מלאכה און האב פיינט די פירערשאפט". אָבער — גיט ער צו פון זיך — דארט וואו עס איז א מאנגל אין מענשן, איז יעדער איינער מחויב זיך צו באמיען צו ווערן דער נויטיגער מענש... ניט שייך דאָ קיין שעמען זיך. ווער עס וויל אליין עפּעס לערנען, דארף ניט זיין קיין שעמעוודיגער, פונקט ווי דער, וואָס וויל אנדערע לערנען, טאָר ניט זיין קיין האסטיגער... האָט טאקע הלל'ס געלאסנ־

קייט אלס לערער געהאט א שם. מענשן פלעגן זיך וועטן אין געלט: ווער וועט קאנען הלל'ן ארויסברייננגען פון געדולד? דאס איז אָבער קיינמאָל קיינעם ניט געלונגען. געוויס זענען די אַלע גוטע מדות הלל'ס די פרוכט פון זיין מאראלישן באוואוסטזיין און פון זיין זיטלאָכער דערקענטעניש. עס איז אָבער קיין צווייפל ניט, אז דער טעמפעראמענט האט אויך דאָ וואס צו זאגן. דאס איז צו זען פון זיין שטעלונג צו דער רויב און בלוט־פאָליטיק, וואס די רוימער און זייערע אידישע „אָנגעשטעלטע" האבן צו יענער צייט געפירט אין ארץ־ישראל. און ניט אזוי הלל אליין, ווי זיין „שולע", וואס האט געלעבט און געווירקט נאָך אים. געוויס זענען זיי אויך געווען עמפערט פון דער גרויזאמער מוטווילקייט, רויב און טויט, וואס האט אומבאגרעניצט געהערשט אין לאנד. אָבער דאס ברענגט זיי ניט צו אקטועלער געגנערשאפט. אויך דאָ זענען זיי רואיג און געלאסן און געדולדיג... און דאס לאזט זיך ניט ערקלערן מיט מוח'שן איינזעען אָדער ווייטזעען, צי מיט מאראלישן באוואוסטזיין. אין אזוינע אומשטענדן האט דער טעמפעראמענט דאס ערשטע ווארט. און דאס זעען מיר אויך בא הלל'ס חבר און געגנער ש מ א י.

בעת הלל איז געווען דער ערשטער, דער נשיא אין סנהדרין, האט ער געהאט א פּאָר (זוג) צו זיך, ש מ א י ' ן. ער איז ניט אָפּגעשטאנען פון הלל'ן אין לומדות, אין תלמידים־קרייז און אויך אין ווירקונג. נאָר אין טעמפעראמענט איז געווען א חילוק צווישן זיי. און דאס האט שוין געבראכט אויך צו חילוקים אין דער ריכטונג פון לערנען און פארשן די תורה און באציאונג צו מענשן.

א שטרענגער רעגאָריסט איז שמאי געווען. ניטאָ קיין נאָכגעבן זיך, ניטאָ קיין נאָכגעבן אנדערע. „וואס אָנגעשריבן מיט א פעדער, איז ניט אויסצוהאקן מיט א האק". וואס איינמאָל אָנגעשריבן און אָנגענומען, בלייבט הייליג אויף אלע צייטן און פאר אלע אידן. די אלטקייט טראגט הייליקייט מיט זיך. דער שכל, אפילו דער שכל הישר, מוז זיך אונטערגעבן דער הייליקייט, דער טראדיציע. ניטאָ זיך צו רעכענען מיט שוואכקייטן. שוואכקייט פון א

פּרט, צי אפילו פון פּרטים, איז אַן אויסנאַם. און אויף אַן אויסנאַם קאָן מען ניט בויען קיין רעגעל. געוויס דאַרף מען יעדן מענשן אָננעמען פריינטלאַך, אָבער ניט לאָזן זיך אויסנוצן אין די הענט פון דעם נאַרן. און קומען צו אים „קרענקס" אדער „נודניקעס", ווי מען רופט זיי דאָ אין אמעריקע, מיט נ י י ן מאָס רייד און מיט ניט־געשטויגענע פראגן, טרייבט ער זיי ארויס. ער דולדעט ניט קיין קאַלטקייט. ער דולדעט ניט קיין גלייכגילטיקייט. ניט קיין פּשרות און ניט קיין לייכטע „היתרים". ניט פאַר זיך און ניט פאַר אנדערע. איז דער דין אזוי און אזוי, מעג ער דאַרפן בערג דורכ־לעכערן, מוז מען אים דערפילן. שטייט אין דער תורה: „אין סוכות זאָלט איר זיצן זיבן טעג" — איז ניטאָ קיין אויסנאַמען. און האָט זיין שנור געבוירן אַ אינגל אום סוכות, רייסט ער אראָפּ דעם דאַך פון שטוב, איבער דער געווינערינ'ס בעט, און דעקט אים צו מיט סכך, כדי דער ניי־געבוירענער זאָל זיצן אָדער ליגן אין סוכה... שטייט אין דער תורה: „אין דעם טאָג (יום כפּור) זאָלט איר פאַסטן", דאַרף י ע ד ע ר פאַסטן. אַ קליין אינגעלע האָט ער געהאַט, האָט ער אים געצוואונגען צו פאַסטן יום־כפּור.

דער אָנגענומענער אָדער געשריבענער דין לאָזט ניט צו קיין סברות, קיין נייע פּירושים און ניט קיין שום ענדערונגען אָדער מאָדיפיקאַציעס. קיין שום קריטיק איז ניט צו אָנערקענען — סיידן זי שטימט מיט דער טראַדיציע. צ י י ט ן בייטן זיך, אָבער דינים קאָנען זיך ניט בייטן. אַנדערש וועט דאָך יעדער נייער דור קומען מיט זיין נייער תורה. קומען אָן נייע פאַלן, וואָס זענען פריער ניט פאָר־אויסגעזעען, און מען מוז פּסק'נען וועגן זיי, געפינט אַ ג ל י י כ ן צו זיי אין די אַלטע דינים, דרינג עס אויס, פּלפּול עס אויס, און ווענד זיי אָן אויף די נייע פאַלן. וואו הלל האָט אָנגעווענדט די סברא, האָט שמאי אָנגעווענדט די קבלה; וואו הלל איז געווען דער סבלן, איז שמאי געווען דער קפּדן. איז הלל געווען פּאָפּולער, באַ־ליבט און הויך־געאַכטעט ביים פאָלק, און שמאי'ן האָט מען אָפּגע־געבן כבוד, אָבער מען האָט מורא געהאַט פאַר אים. נאָך פאַלן זיינען געווען אין אידישן לעבן אין יענער צייט, וואָס שטעלן

אוועק שמאי'ן א י ב ע ר אלע זיינע חברים און סנהדרין, אפילו איבער הלל'ן אויך.

עס איז געווען דעמאָלט, ווען הורדוס האט אנגעהויבן פלאַס־טערן פאר זיך דעם וועג צום אידישן טראָן. מיט מענשן־קערפּערס האָט ער דעם וועג געפלאַסטערט. טויזנטער, אים אומאנגענעמע, אָדער וואָס וואָלטן אים אפשר שפּעטער אמאָל געקאָנט געפערלאך זיין, ראמט ער אָפּ פון וועג. א שטורם פון וויינען און קרעכצן ברויזט אויף דאָס לאנד. הונדערטער און טויזנטער פאמיליעס גייען אין טרויער געהילט. און דער שאָטן־קעניג הורקנוס זעט זיך גע־צוואונגען צו ערלויבן דעם סנהדרין אָנצוקלאָגן הורדוס'ן פאר'ן געריכט. מען האט אים אָנגעקלאגט. ער איז געקומען. אָבער מיט דער גאַנצער חוצפּה, צו וועלכער דער אדומ'שער קנעכט איז פייאיג געווען: אויסגעפּוצט אין גאלד און אין פורפור, באוואפנט מיט שווערד און מיט דאָלך, באגלייט פון א גרויסער מיליטערישער וואך.

אז ער איז א ז ו י געקומען, איז געפאלן אן אימה אויף די חברים פון סנהדרין. אלע האבן געשוויגן און אראָפּגעלאזן די קעפּ צו דער ערד. הורדוס האָט געזען, געשיינט און טריאומפירט: „אָבער זיי ציטערן, די אלטע!"... דעמאָלט איז אויפגעשטאנען שמאי און געזאגט פאלגנדעס:

„חברים, ריכטער, און דו, קעניג! געוויס, ניט איך און ניט איר האָבן אמאָל געזען, אז אן אָנגעקלאָגטער זאָל קומען אין געריכט אריין אויף אזא אופן. ווער עס איז אמאָל איינגעלאדן געווארן אין געריכט אלס אָנגעקלאָגטער, פלעגט קומען אן אומרואיגער, א צעשראָקענער, און האָט אויסגעזען ווי איינער, וואָס וויל דער־וועקן רחמנות צו זיך: ניט קיין געקעמטער פלעגט ער קומען, געהילט אין שווארצן. אָבער אונזער פריינט הורדוס, וואס ווערט באשולדיגט אין מאסן מאָרד, וואס איז איינגעלאדן געווארן ווי א גרויסער פארברעכער, האט זיך אויסגעפּוצט אין פורפור, האט זיך אויסגעקרייזלט די האר ווי פון יום־טוב־וועגן, און געקומען איז ער באגלייט פון מיליטער — כדי צו לאָזן אונז אלע אויס'הרג'נען,

אויב מיר ווערן אים געריכטלאך פאר׳משפט׳ן, און ער וועט זיך ראטעווען ניט פאלגנדיג דעם משפט. אבער איך באשולדיג ניט הורדוס׳ן, ווערכער זארגט מער פאר זיין אומבארירלאכקייט ווי פאר דער אומבארירלאכקייט פון געריכט — ווארים איר אליין, דער מלך אויך אין כלל, האט אים ערלויבט, ער זאל זיך אזוי אויפ־פירן. אבער וויסן זאלט איר, אז גאט איז מער תקיף פון אונז אלע. און עס וועט קומען דער טאג, ווען אט דער מאן, וואס איר ווילט אים רייניגווארשן אין געריכט, כדי צופרידנצושטעלן הורקנוס׳ן, וועט שטרענג שטראפן אי אייך אי דעם קעניג אונזער׳ן".

לאנגע יארן נאכדעם האט די רעדע שמאי׳ס געקלונגען אין די אויערן פון די וואס האבן זי געהערט, און נאך לענגערע יארן האט זי געקלונגען איבער׳ן לאנד, צוליב דעם אמת וואס איז אין איר אויסגעדריקט. צוליב דער ווייטזיכטיקייט וואס שמאי האט ארויס־געוויזן.

און שפעטער, אז די רוימער האבן אונטערדריקט די אידן אין ארץ־ישראל; אז עס איז אויפגעקומען די פארטיי פון די קנאים, — האט מען אין געזעצן רעאגירט דערויף. זיי זיינען בארעכנט געווען אויף מאכן צו שאנד יעדן אידן, וואס וועט אויסשטרעקן א האנט צו די רוימער, וואס וועט זיי העלפן ביים איינמאנען די שטייערן פון אידן א. ד. ג. מען האט געקוקט אויף די רוימישע העלפער ווי אויף גזלנים, רויבער און רוצחים. אפילו קיין צדקה האט מען פון זיי ניט גענומען. די תלמידים פון הלל (בית הלל) האבן זיך באנוגנט מיט דעם אינדירעקטן קאמף קעגן די רוימער און זייערע מיטלויפער צווישן אידן. אבער די תלמידים פון שמאי (בית שמאי) האבן זיך באטייליגט אין אקטיוון קאמף אינאיינעם מיט די קנאים. דערפאר איז עס צווישן די תלמידים אפט געקומען צו גרויסע מחלוקת׳ן. אפילו צו א האנט־געשלעג איז עס אמאל געקומען צווישן די תלמידים פון די ביידע שולן. דאס געשלעג האט געמאכט אזא שוידערליכן איינדרוק אין פאלק, אז מען האט גע־זאגט: אז יענער טאג, ווען די תלמידים פון בית־שמאי האבן זיך

געשלאָגן מיט די תלמידים פון בית-הלל, איז געווען אזא אומגליק פאר אידן, ווי דער טאָג, ווען אידן האָבן געמאכט דעם עגל...

די בית־שמאי זענען געווען אָפענע געגנער פון דער רעגירונג. דאס געשלעג איז פארגעקומען אין הויז פון חנניה בן חזקיה, וואס זיין זון אליעזר איז געשטאנען בראש פון די קנאים... און די בית־הלל זיינען געווען פאר אונטערגעבן זיך די רוימער, אבי צו ראטעווען דאס פאלק, דאס לאנד און דעם בית־המקדש פון אונ־טערגאנג. דאָס זענען געווען שארפע אונטערשיידן, אז עס זאָל צוליב זיי קומען צו העפטיגע צוזאמענשטויסן, מען זאל קוקן איינע אויף די אנדערע ווי אויף שונאים. חלוקי דעות בלויז בנוגע די מע־טאָדן פון פארשן, ערקלערן און פעסטשטעלן די דינים, וואלטן צו אזוינע העפטיקייטן ניט געבראכט. ווארים אין דעם וויכטיגן פרט זיינען זיי נאָר אין פארשיידענע וועגן געגאנגען, מיט פארשיידענע מעטאָדן נאָר האבן זיי געארבעט, אָבער אלע האבן זיי נאָר איין ציל געהאט פאר זיך:

העלפן איבערפלאנצן די אידן פון דעם פיזישן באָדן, וואס די וועלט־פּאָליטיק האָט געמאכט וואקלען אונטער זייערע פיס, אין א גייסטיגן באדן, וואס קיין וועלט־פאליטיק קאן ניט ברענגען צו וואקלען. און דעם ציל האבן זיי דערגרייכט. מיט זייער הילף האט זיך דאס תורה־אידנטום אזוי איינגעווארצלט אין פאלק און אזוי פארצווייגט, אז זיין אנטוויקלונג אין דעם לעבן פון פאָלק איז גע־זיכערט געווארן אויף צייטן ווען זיי זענען פון זייער לאנד און באָדן אויסגעווארצלט געווארן.

דער מלך הורדוס

די חשמונאים האבן אויסגעקעמפט פאליטישע פרייהייט און אומאפהענגיגקייט פאר'ן אידישן פאלק. און די חשמונאים זענען עס געווען די, וואָס האָבן שפּעטער די דאָזיגע אומאָפּהענגיקייט אונטערגעגראבן און דאס אידיש פאלק געבראכט צו פארשקלא־פונג. אויס ליבע צום פאלק, האבן זיי מיט דער גרעסטער זעלבסט־אויפאָפּפערונג פארטריבן פון לאנד די פרעמדע, גריכישע הערשאפט, און אויס ליבע צום רעגירן, צום הערשן, האבן זיי שפעטער מיט דער גרעסטער זעלבסט־אונטערטעניקייט איינגעלאדן אין לאנד אריין די פרעמדע רוימישע הערשאפט. מיט פלאמענדיגן רעליגיעזן פאנאטיזם האבן זיי באקעמפט דעם העלעניזם וואס האט זיך אָנ־געהויבן איינוווארצלען בא אידן, און זיי אליין האבן נאָכדעם ארויסגעבראכט פון זיך מלכים וואָס זענען געווען אָנהענגער און פאשפרייטער פון העלעניזם אין פאלק. דורך מלחמות און נצחונות האבן זיי פארברייטערט די אידישע טעריטאריע און געצוואונגען אנדערע צו ווערן אידן. און דערמיט גופא האבן זיי אריינגעבראכט אין אידנטום אזוינע עלעמענטן, וואָס האָבן פון אינעווייניג אויפגע־ריסן די גאנצע אידישע זעלבסטשטענדיקייט.

אײן מלך פון דער דינאסטיע חשמונאים (יוחנן הורקנוס) האָט איינגענומען דאָס קליינע שכנ'ישע לאנד אדום. לויט דער ראסע זיינען די אדומים בלוט־פארוואנדט מיט די אידן. און אז דער זיגער האָט זיי געשטעלט אן אולטימאטום: אָדער זיך מגייר זיין און ווערן אידן, אָדער פארלאָזן דאָס לאנד, — האָבן די אדומים אָנגענומען דאָס ערשטע: זיי האָבן זיך מגייר געווען און אָנגעהויבן זיך אויסצומישן מיט די אידן.

צווישן די דאזיגע גרים האט זיך געפונען איינער מיט'ן נאָמען אנטיפאטאר. א מאן מיט קאלאסאלע פייאיקייטן. א ווייט־זיכטיגער דיפלאמאט. א פארטרעפליכער ראטמאן בא פארוויקלטע

אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציעס. אַ העלד אויפ'ן שלאַכטפעלד. אַ פּאַקטישער רעגירער און אַן „אונטערטעניגער דינער“ אין די אויגן פון זיין הערשער. און אין זיין הערשער'ס נאָמען מאַכט ער די פּאָליטיק פון לאַנד. אָבער מער ווי אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען זיך צו דערווערבן אָנזען און צוטרוי בּאַ די מאַכטהאָבער אין זייער צייט. און מער ווי אַלץ האָט ער שטענדיג אין זינען געהאַט אויס־צונוצן פּאָליטישע קאָניונקטורן צו זיין אייגענעם נוצן און צום נוצן פון זיינע יורשים.

און עס איז געווען אין דער צייט (אַן ערך 64 פ. ק.), ווען דער באַרימטער רוימישער קריגס־פירער פּאָמפּעיוס איז געשטאַנען מיט זיין חיל אין קליין־אַזיע כּדי דעם מזרח צוצושניידן אויפ'ן רוימישן פּאַסאָן, איז אין ארץ־ישראל פאָרגעקומען אַ בלוטיגער קאַמף צווישן די צוויי ברידער: הורקנוס דער צווייטער און אַריסטאָבול דער צוויי־טער, אַרום טראָן. לויט צוואה, האָט הורקנוס, דער עלטערער און שוואַכערער, געזאָלט זיין דער כּהן־גדול, און אַריסטאָבול, דער אינגערער און ענערגישער — דער וועלטלאַכער הערשער. איז אָבער דער אַדומיאַנער אַנטיפּאַטאַר געווען דער פּאַרטרוילאַכסטער פריינט בּאַ הורקנוס'ן און אין זיינע אינטערעסן איז עס געלעגן, אַז דווקא הורקנוס, דער אומפּייאיגער און ווילנס־שוואַכער, זאָל זיין דער איינציגער פּולער הערשער אין לאַנד — ווייל דאַן וועט ער, אַנטיפּאַטאַר, זיין דער אמת'ער הערשער. האָט ער הורקנוס'ן גע־העצט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט עס געבּראַכט צו אַ קאַמף צווישן די ברידער, און דורך זיי צו אַ בירגער־קריג.

ביידע ברידער האָבן זיך געווענדט צום רוימישן־קריגס־פירער, אַז ער זאָל אַנטשיידן צווישן זיי. ער איז מער גענייגט געווען צום עלטערן ברודער, צו הורקנוס'ן. און אַז די רוימער זענען געקומען צו ירושלים, האָט דער צד פון הורקנוס געעפנט פאַר זיי טיר און טויער. די רוימער האָבן ערקלערט ארץ ישראל פאַר אַ רוימישער פּראָווינץ, הורקנוס'ן פאַר אַ כּהן־גדול און איינציגן העהשער, — אָבער אַלס רוימישן וואַסאַל. אַריסטאָבּל'ן מיט זיין גאַנצער פאַ־מיליע האָט מען געשמיט אין קייטן און אווקגעשיקט קיין רוים.

און דאָס ל אַ נ ד גופא האָט מען פארשמעלערט און פארקלענערט ביז אויף די געביטן מיט א ריין אידישער באפעלקערונג. אלע אַנ־דערע שטעט מיט א ניט־אידישער, ס'רוב גריכישער באפעלקערונג, האט מען פאראייניגט אין איין שטעט־פארבאנד און ערקלערט פאר א באשטאנדטייל פון סיריע — וואו די רוימער זיינען איצט געווען די בעלי־בתים. נאָך א פּאָר ווייטערדיגע פרואוון מצד אַרויסטאָבל'ס זון צו באנייען דעם בירגער־קריג וואָס ווערט שנעל און הארט אונטערדריקט פון די רוימער, זוכט מען דאס לאנד נאָך מער אָפּ־צושוואכן. און דאן ווערט גאנץ ארץ ישראל איינגעטיילט אין פינף באַזונדערע שטאט־געביטן. יעדער געביט מיט זיין באַזונדערן געריכט כדי זיי זאָלן ניט זיין מער אָפּהענגיג פון דעם סנהדרין אין ירושלים, וואָס האָט געגאָלטן ווי דאָס העכסטע געריכט פאר'ן גאַנצן לאנד.

אזוי איז הורקנוס געווען דער כהן־גדול און דער הערשער. און א נ ט י פּ א ט אָ ר זיין פּריינט האט געהערשט אין ארץ־ישראל. און די רוימער האט ער געהאָלפן מיט עצות און מיט אנווייזונגען, ווי אזוי ז י י זאלן באפעסטיגן זייער הערשאפט אין לאנד און ער האָט געפונען אָנערקענונג בא זיי. און דאָס האָט אים געהאָלפן. אנערקענונג האט ער געהאט אי פונ'ם רוימישן קעניג פּאמפּעיוס, אי פון זיין שונא און נאכפאלגער יולי צ ע ז א ר . ווארים קוים איז נאָר צעזאר ארויף אויפ'ן טראָן, איז שוין אנטיפּאטאָר גע־קומען מיט שטיצע צו די רוימישע ארמייען וואס האבן זיך געפונען אין מזרח, וועלכע האָבן אָנערקענט צעזאר'ן פאר זייער קעניג און באפעלער. און אויך אליין טרעט ער ארויס אויפ'ן שלאכטפעלד פאר די רוימער און באווייזט דערביי העלדן־מוט און העלדן טאַטן, וואס מאכט אים שוין פאראויס באליבט און געשעצט בא צעזאר'ן. און אז אַנטיפּאטאָר, איז דאך הורקנוס אויך. באשטעטיגט צעזאר הורקנוס'ן אין זיין אַמט אַלס כהן־גדול און אלס וועלטליכער הער־שער. עס ווערט אים ערלויבט אויפצובויען די פעסטונג פון ירושלים; עמק־יזרעאל און גליל קערט מען אום צו די אידן און אויך די האפנשטאט יפו. די אידן באפרייט מען פון שטייערן און ירושלים

פון פרעמדן גארניזאָן. אַנטיפּאַטאר באַקומט רוימישע בירגער־רעכט און ווערט באַשטימט אַלס ערשטער מיניסטער אין ארץ־ישראל מיט וועמעס מיינונג הורקנוס מוז זיך רעכנען.

איצט האָט שוין אַנטיפּאַטאר געקאָנט אָנהויבן זאָרגן אויף פאַר זיין משפחה. פיר זין האָט ער געהאַט: פאַזואל, הורדוס, יוסף, פרוירא און אַ טאָכטער שלומית. באַשטימט אַנטי־פּאַטאר זיין עלטערן זון, פאַזואל, פאַר מיליטער־הויפּט אין ירושלים, און הורדוס'ן, הגם נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, פאַר'ן הויפּט פון מיליטער אין גליל.

פון דאַנען אָן הויבט זיך אָן הורדוס'עס אויפשטייגן. זיין הויכער אַמט אין גליל איז בלויז דאָס ערשטע טרעפּל צום טראָן. נאָך פיל טרעפּלאַך האָט ער אַרויפצושטייגן. אָבער שוין פון איצט אָן הויבן זיך אָן אַנטוויקלען און פאַנאַנדערוויקלען אַלע זיינע אייגנשאַפטן וואָס זיינען פאַר אַ טיראַן כאַראַקטעריסטיש. דער צוג צום גרויסן, קאָלאָסאַלן, וועלט־ און מענש־איבערראַשנדען, צייכנט שטענדיג אויס דעם טיראַן. קיין חילוק ניט אין וואָס דאָס ווייזט זיך אַרויס: אין אויפשטעלן קאָלאָסאַלע בנינים — פּאַלאַצן, קירכן א. ד. גל. — צונויפזאַמלען גרויסע מלוכות, האַלטן גרויסע אַרמייען, פירן גרויסע מלחמות אדער גרייכן מיט זיין וואָרט אין דער ווייט איבער ימים און לענדער. כדי זיין ציל צו דערגרייכן זיינען אַלע שוידערליכע וועגן גלייך, אַלע שרעקנס־מיטלען — רעכט. כדי זיין געווינשטע הויך צו דערגרייכן, זיינען אים מענשן־קעפּ צו פעלד־קיזל געגליכן, מענשן־לייבער — צו האַליץ־קלעצער. ער שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיין אונטערנעמונג, ווי שווער זי זאָל אויך זיין, וויפיל בלוט און לעבנס זי זאָל אויך קאָסטן. האַרט און אומ'ברחמנות'דיג ביז'ן אויסערסטן. שטריינג און האַפּערדיג ביז צום גרעניצלאָזן. אָבער אויך אַ פּחדן, ווען ער בלייבט מיט זיך — ווייל ער שפּירט זיין איינזאַמקייט. כדי דעם פאַרבאָרגענעם פּחד צו פאַרדעקן אפילו פאַר זיך אליין, איז ער גרויזאַם; שטעלט ער זיך ניט אָפּ פאַר קיין אכזריות, פאַר קיין נידערטרעכטיקייט. און קומט די חרטה, איז זי גרויס ווי די פאַרברעכנס, טיף ווי דער

תהום און ברענט ווי א גיהנם. און אַט דער גיהנם רופט ארויס געשפּענסטער: אומצוטרוי, חשד, שונאים, שונאים, שונאים — פול זיין סביבה ארום. און גראד אין די גוטע און די פרומע און די טיכטיגע זעט ער זיינע פיינט. גראד אויף זייער פּנים לייענט ער די אומגעדולדיגע דערוואַרטונג: מ'זאָל אַמאָל פון אים פּטור ווערן... ז י י גלויבט ער ניט און צו זיי האָט ער קיין צוטרוי ניט. ער גלויבט ניט, ווייל ער ק אָ ן גלויבן בלויז יענע, וואָס ב א ש ט ע ־ ט י ג ן זיינע חשדים, וואָס מיט זייערע רייד נ ע ה ר ן זיי זיין אומצוטרוי צו נאָענטע און ווייטע — איז ער דען ניט איבערצייגט, אז ער האט פארדינט זייער האס? און גראד טאקע דערפאר ווערט ער צו זיי נאָך גרויזאמער. און יעדע זיינע גרויזאמע טאַט איז אים בוימל אויפ'ן פייער, וואס ברענט אין אים. ער איז ח ו ש ד, אָבער ח ש ד איז ניט זיכערקייט, נאָר צווייפל: אפשר יאָ און אפשר ניין? ער וויל אָבער ארויסבאקומען זיכערקייט, און קאָן זיך פון צווייפל ניט ארויסבאקומען. ווערט ער ארייננעדרייט אין א געוועב פון אינטריגעס געגן אַלעמען — דאס זאָל אים גערעכט מאכן אין זיינע בייזע האנדלונגען. ער ווערט אָבער דערשטיקט פון כעס אויף די מענשן ארום, וואָס בלייבן פאר אים א סוד, אַן אומ־באוואוסטעס — אפילו ווען זיי זאגן אים דעם אמת, אפילו ווען זיי זענען מיט אים אויפריכטיג. וואָרים גראד יענעמ'ס חשד איז אים צווייפל, יענעמ'ס אויפריכטיקייט —חשד... און וואס טיפער אין יארן, אַלץ טיפער דער תהום פון חרטה, פון חשד, פון אומ־צוטרוי, אַלץ גרעסער און פולווערטיגער די דערלייזונג, וואס דער ט ו י ט ברענגט דעם טיראַן.

דאס איז דער וועג פון יעדן טיראַן, דאס איז אויך דער וועג פון אונזער טיראַן, פון ה ו ר ד ו ס ' ן.

שוין פון זיין ערשטן שריט אָן האט ער אין אויג דעם העכסטן שטאפּל פון דעם הערשער־לייטער, און הויבט אָן זיך פריי צו מאכן דעם וועג צום טראָן. א גרופּע פּאטריאָטן, יונגעלייט, האָבן זיך געפונען אין גליל וואס זיינען געווען אומצופרידן מיט'ן אונטער־

געבן זיך די רוימער. זיי האבן געשטרעבט צו פרייהייט און גרייט געוועזן זיך מוסר נפש צו זיין פאר איר. אלע זענען זיי געוועזן יונגע, מוטיגע, אונטער דער אנפירונג פון יחזקיהו הגלילי. הגם זיי האבן אפילו קיין געווער ניט געהאט און זיך נאך פארהאלטן רואיג, האט אבער הורדוס פאראויסגעזען, אז פון זיי קאן אמאל אויס־וואקסן א שטארקער שטער פאר אים ביים אויספירן זיינע הער־שערישע שטרעבונגען. האט ער די גאנצע גרופע פאטריאטן ערקלערט פאר ר ו י ב ע ר, זיי און אלע זייערע אנהענגער און אנערקענער, און האט זיי אלע אומגעבראכט. און האט דאס אפגע־טאן אן א געריכט, אן אן ערלויבעניש פון א וועלכער עס איז העכערער מאכט. די רוימער זיינען צופרידן געוועזן דערמיט. אבער צווישן אידן איז געווארן א טומל. אזא מאסן־מארד אין פרידנס־צייט, אן א געריכט און אן א „פארוואס" האט אנגעווארפן אן אימה אויפ'ן פאלק. מ'האט זיך באקלאגט פאר הורקנוס'ן, מ'האט געוויינט דארויף אין בית־המקדש, און הורקנוס האט געמוזט מסכים זיין מ'זאל הורדוס'ן רופן צום דין. און ער איז אויך געקומען. אבער ו ו י א ז ו י איז ער געקומען? אויסגעפוצט אין גאלד און אין פורפור און מיט א לייב־וואך וואס ביים ערשטן וואונק וואלט זי אומגעבראכט דעם גאנצן סנהדרין... דערצו האט דער רוימישער אויבערהערשער אין סיריע געשריבן צו הורקנוס'ן און אים געווארנט, אז מ'זאל אקארשט הורדוס'ן ניט פאר'משפט'ן צום טויט. אז הורקנוס האט אבער געזען, אז דער סנהדרין וועט אים משפט'ן ווי א מאסן־מערדער, און וועט אים געוויס פאר'משפט'ן צום טויט, האט ער געבעטן דעם סנהדרין אפצולייגן דעם פסק־דין ביז אויפ'ן אנדערן טאג, און הורדוס'ן האט ער געראטן צו אנטלויפן. הורדוס האט געפאלגט. אבער אינגיכן קערט ער זיך אום צוריק קיין ירושלים מיט א גרויס חיל, גרייט א ר א פ צ ו ו ע צ ן הורקנוס'ן און זיך אפרעכענען מיט'ן סנהדרין. אבער זיין פאטער, אנטיפא־טאר, וואס האט געהאלטן, אז די צייט איז נאך ניט גינסטיג פאר אזא אונטערנעמונג, רעדט אים אפ דערפון, און הורדוס קערט זיך אום צוריק אין גליל. אבער גאר אין גיכן באקומען די אידן ווידער

אים צו פילן. יוליוס צעזאַר איז פּלוצלינג גע׳הרג׳עט געוואָרן. איי־נער פון זיינע מערדער, קאסיוס, פאַרכאַפּט סיריע און אַנטיפּאַטאַר און הורדוס איילן זיך צו באַווייזן טריישאַפט דעם נייעם הערשער. און ער ליינט אַרויף אויף ארץ ישראל אַ קאָנטריבוציע פון 700 ככר זילבער, אַן אומגעהויערע סומע פאַר אַזאַ קליין לאַנד וואָס זינט צענדליגער יאָרן האָבן די רוימישע הערשער ניט אויפגעהערט דאָס אויסצוזויגן. אַנטיפּאַטאַר און זיינע זין נעמען זיך אונטער איינצומאָנען די קאָנטריבוציע און הורדוס איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיין חלק אויסגעפּרעסט פון גליל און געבראַכט צו קאַסיוס׳ן. דערמיט האָט ער, נאַטירליך, נושא חן געווען ביים רוי־מישן הערשער. און אין צוויי יאָר אַרום, אַז אַנטאָניוס, אַ שונא פון קאַסיוס, האָט ער געצוואונגען קאַסיוס׳ן צו פאַרלאָזן זיין פּלאַץ און ע ר איז געוואָרן דער הערשער איבער אַזיע, איז הורדוס גע־ווען דער ערשטער וואָס האָט אים געשוואָרן טרייהייט און אים געבראַכט רייכע מתנות כיד המלך. קיין שום אידישע דעלעגאַציע, אפילו ניט הורקנוס, וואָס זענען געגאַנגען צו אַנטאָניוס׳ן זיך באַ־קלאָגן אויף די צוויי ברידער (אַנטיפּאַטאָר איז אונטערדעסן פּלוצלינג געשטאָרבן), האָבן קיין ערפאָלג ניט געהאַט. עס איז גע־קומען אַזוי ווייט, אַז אַ אידישע דעלעגאַציע פון טויזנט מאַן וואָס איז געקומען זיך באַקלאָגן אויף הורדוס׳ן, האָט אַנטאָניוס געהייסן אויס׳הרג׳נען. און די צוויי ברידער באַשטימט ער פאַר נציבים אין לאַנד. איצט האָט הורדוס חתונה מיט הורקנוס׳עס אַן אייניקל, מ ר י ם. ער גלויבט, אַז מיט אַ פרוי פון קעניגלאַכן בלוט וועט אים גרינגער זיין צוצוקומען צום טראָן פון ארץ־ישראל און הורקנוס וואָלט אים דערין קיין שטער ניט געווען; אים האָט ער צו יעדער צייט געקאָנט אַראָפּזעצן פון טראָן . . .

איז אים אָבער אַנטקעגן געקומען דער לעצטער פון די חשמונאים: א נ ט י ג נ ו ס . דורך איגענער, אידישער און געדונגענער פרעמדער הילף, געלינגט עס אים צו צווינגען הורקנוס׳ן ער זאָל פאַרלאָזן ירושלים. ער מאַכט אים אַ מום אין אויער, כדי ער זאָל מער קיינמאָל ניט קאָנען זיין קיין כהן־גדול און לאָזט אים פאַר־

שיקן קיין בבל; הורדוס׳עס ברודער, פאזואל, דער נציב פון יהודה, באַגייט זעלבסטמאָרד. הורדוס באַהאַלט אַלע זיינע נאָענטע און אַליין אַנטלויפט ער קיין רוים נאָך הילף. און אַנטיגנוס, געשטיצט אויף דער סימפּאַטיע פון פאָלק, אויף דער ירושלים׳ער אַריסטאָ־קראַטיע און אויפ׳ן רוב פון דעם סנהדרין, קומט צו צום טראָן אויף וועלכן ער בלייבט אויך גאַנצע דריי יאָר. ניט זיינע פּערזענ־ליכע מעלות האט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין גליק, נאָר דעם האַס צו די רוימער, וואס דאס אידישע פאָלק האט געטראָגן אין האַרצן. אָבער דאָס אַלץ נוצט ניט פיל די אידן. עס נוצט אויך ניט דער דינאַסטיע חשמונאים. אין רוים איז ה ו ר ד ו ס פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר אַ קעניג איבער ארץ ישראל. דאָרט האט מען אים אויסגעשטאַט מיט געלט, מיט חיל און אין אַ קורצע צייט אַרום הויבט ער אָן איינצונעמען אַ שטאָט נאָך אַ שטאָט אין יהודה ווי אין גליל און אין אַ יאָר אַרום (אַן ערך 39 פ. ק.) הויבט ער אָן צו באַלאַגערן די הויפּטשטאָט: י ר ו ש ל י ם. איינגיכן מוז ער אָבער די באַלאַגערונג אָפּנעמען — ווייל זיינע נצחונות אין לאַנד זיינען ניט געווען זיכער. דאס פאָלק איז אומעטום געווען איבער־געגעבן דעם לעצטן קעניג פון׳ם הויז חשמונאי. הורדוס מיט זיינע רוימישע חילות האבן געליטן אַ מפּלה נאָך אַ מפּלה. די אידישע פּאַטריאָטן האבן באַוויזן וואונדערבאַרע העלדנטאַטן. גאַנצע צוויי יאָר האָט געדויערט דער בלוטיגער קריג און דאָס פאָלק האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אָנערקענען הורדוס׳ן פאַר אַ מלך. טריט פאַר טריט האט הורדוס געמוזט איינעמען דאס לאַנד, שטיין פאַר שטיין האט ער געמוזט איינעמען ירושלים. אָבער אין יאָר 37 פ. ק. איז ער פאַרטיג מיט זיין „נצחון" און ווערט געוואַלד־קעניג איבער ארץ־ישראל. אַנטיגנוס׳ן שיקט מען אַוועק קיין אַנטיוכיה, צו אַנטאָניוס׳ן. און יענער לאָזט אים הרג׳ענען מיט אַ ה אַ ק ־ מ ע ס ע ר, כדי אַזוי אַרום אים מבזה זיין — אפשר וועט עסווירקן אויפ׳ן פאָלק, זיי זאָלן אויפהערן הענגען אָן די חשמונאים און אָנערקענען הורדוס׳ן. אָבער אומזיסט. דאס פאָלק האט דעם אַרויפ־געצוואונגענעם קעניג פיינט ביז׳ן לעצטן טאָג פון זיין בלוטיג לעבן.

שוין זיין „נצחון" איבער ירושלים און דער רויב פון ירושלים נאָכ׳ן נצחון, האבן פארגאסן די שטאט מיט בלוט אזוי ווייט, אז אפילו הורדוס אליין האט געפרעגט די רוימישע אפיצערן: צי זענען זיי ניט אויסן צו באַפעסטיגן זיין טראן אויף חורבות אין א וויסטן מדבר?!... און קוים איז ער געווען הערשער האט ער אָנגעהויבן זיך אָפּצורעכענען מיט׳ן סנהדרין וואס האט אים אין דער יוגנד געוואלט משפּט׳ן. א סך פון די מיטגלידער פון סנהדרין לאזט ער הרג׳נען. און אויף זייער אָרט באשטימט ער קליינע נפשות וואס ער איז זיכער, אז זיי וועלן אים זיין אונטערגעווארפן. אזוי באשטימט ער אויך פאר א כהן־גדול א „קליין מענשעלע," אַן אומבאקאנטן, ווייל ער איז זיכער געווען אין זיין אונטערטע־ניקייט צו אים. און דאס איינגענע איז אויך מיט אלע אנדערע באאַמטע: ניט פייאיגייטן האָבן איינעם דערהויבן צו א רעגירונגס־אמט, נאָר הכנעה און חניפה וואס איינער האט הורדוס׳ן ארוים־געוויזן, האבן אים געמאכט אמט־פייאיג. דער טראן ווערט ארומ־גערינגלט מיט שפּיאָנען. ער ברענגט אריין א גארניזאן פון דריי טויזנט אדומים זיי זאלן אים דינען געגן די אידן. זיין קאנצ־לער איז דער באוואוסטער אנטיסעמיט: ניקאלאוס פון דמשק — אלץ ווערקצייג צום קאמף מיט דעם פאלק וואס ער האט אזוי געשטרעבט זיין קעניג צו זיין, און דאס פאלק רופט אים ניט אנדערש ווי: דער „אדומ׳שער קנעכט". די רוימער האָבן געמענגט זעען אין אים דעם מאן מיט דער „שטארקער האנט". אָבער די אידן איז די שטארקע האנט געווען א קללה. זי האט אים געדינט בלויז צום מארד און צום אויסראטן. אָט האט ער געהאט א יונגן שוואגער, זיין פרוי׳ס א ברודער, וואס האט רעכט געהאט צו זיין א כהן־גדול. זיין שוויגער און זיין פרוי צוליב באשטימט ער אים אויף דעם הויכן פאסטן. עס קומט סוכות פון יאר 35 פ. ק. אין בית המקדש גייט אָן די עבודה. דער שיינער יונגער כהן גדול פון די חשמונאים אין די רייכע „בגדי כהונה" באגייסטערט דאָס פאָלק און דורך שטורמישע אויפרופן דריקט דאָס פאָלק אויס זיינע פּאטריאָטישע געפילן און זיין אָנהייגגליכקייט אָן די חשמונאים. הורדוס קאָן

דאס ניט אריבערטראגן. אין גיכן לאזט ער דעם יונגן כהן־גדול דערטרינקען. דער פאקט האט אויפגערודערט דאס גאנצע פאלק. עס איז אויך אָנגעקומען צו אַנטאניוס׳ן, וואס האט זיך דאן געפונען אין מצרים, און ער האט ארויסגעפאדערט הורדוס׳ן צום געריכט וועגן דעם קלאנג וואס איז פאראן געגן אים, אז ער האט געלאָזט דערטרינקען דעם כהן גדול. הורדוס מוז פאָלגן. פאר׳ן אָפּפאָרן גיט ער איבער די מלוכה אין דער האנט פון זיין שוועסטער׳ס מאן, און א דעקרעט לאָזט ער אים איבער, אז אויב ער וועט זיך ניט אומקערן צוריק, זאל מען זיין פרוי, מרים, לאזן טויטן.

פון געריכט האט זיך הורדוס אויסגעקויפט מיט רייכע מתנות. אָבער קומענדיג צוריק האָט ער ערפארן, אז אין זיין אָפּוועזנהייט האט זיך זיין פרוי און שוויגער צוגעגרייט צו אנטלויפן פון לאנד; אז זיין שוואגער, יוסף, האט אויסגעזאגט מרים׳ען וועגן דעם דעקרעט וואס הורדוס האט איבערגעלאזט פאר זיין אוועקפארן, אז אויב ער וועט זיך ניט אומקערן זאל מען זי הרג׳נען; זיין שוועסטער שלומית, האט אים אונטערגעהעצט געגן זיין פרוי, דערציילנדיג אים, אז מרים איז פארליבט אין א י ר, שלומית׳עס, מאן, יוסף. הורדוס האט אָנגעהויבן שפּירן פארראט. אים האט זיך געדאכט, אז דער אַלטער הורקנוס, זיין פרוי׳ס זיידע, וואָס האָט זיך געהאט אומגעקערט פון בבל קיין ירושלים, פירט אָן א קאמפּלאט געגן אים און ער לאָזט הורקנוס׳ן הרג׳נען.

דערווייל איז אנשטאט אנטאניוס׳ן, אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס געוואָרן קעניג פון דער רוימישער אימפּעריע, און הורדוס אַיילט זיך צו ברענגען זיין אונטערטעניקייט צום נייעם קייסער. פאר׳ן אוועקפארן לאזט ער זיין פרוי און זיין שוויגער איינשפּארן אין א פעסטונג. די מלוכה גיט ער איבער צו זיין ברודער פ ר ו י ר א. און א דעקרעט לאָזט ער איבער, אויב ער קערט זיך ניט אום, זאָל מען די ביידע פרויען הרג׳נען.

אבער אויך דער נייער רוימישער קייסער זעט איין, אז קיין בעסערן „טרייען קנעכט“ וועט ער פאר זיך אין מזרח ניט געפינען. באשטעטיגט ער אים זיין מלוכה. קערט אים אויך אום די האלב־

גריכישע פּראָווינצן וואָס פּאָמפּעאוס האָט געהאַט אָפּגענומען בײַ אים. און ער קערט זיך אום אַהיים אַ צופרידענער. אָבער אומצו־פרידן מיט זײַן אומקערען זיך איז זײַן פרוי, מרים. זײַן צווייי־מאָליגער באַפעל זי צו הרג'נען האָט זי שטאַרק אויפגעבראַכט געגן הורדוס'ן און זי האָט ניט געוואָלט מיט אים מער שלום מאַכן. דעם קריג צווישן מאַן און ווייב האָבן אויסגענוצט אינטריגאַנטען, דערהויפּט זײַן שוועסטער שלומית, וואָס האָט פײַנט געהאַט די שטאָלצע חשמונאירן. האָט מען צו הורדוס'ן אונטערגעשיקט אַ מסירה, אַז מרים האָט געוואָלט אונטערקויפן דעם „שר המשקים,“ אַז ער זאָל הורדוס'ן פאַר'סמ'ען. דער „פאַמיליען־געריכט“, וואָס ער האָט אײַנגערופן פאַר מרים'ען, האָט געפונען, אַז זי איז באַגאַנגען די אַלע פאַרברעכנס אין וועלכע הורדוס באַשולדיגט זי און עס קומט איר טויט־שטראָף. און הורדוס לאָזט זי הרג'נען. אין גיכן לאָזט ער אויך הרג'נען זײַן שוויגער, מרים'ס מוטער. און אפילו די ווײַטסטע קרובים פון די חשמונאים לאָזט ער אומברענגען. דאָס אייגענע טוט ער אויך מיט אַלע וואָס זײַנען געשטאַנען אין פרײַנד־ליכע באַציאונגען מיט די וואָס האָבן געשטאַמט פון די חשמונאים. געבליבן זענען נאָר די צוויי זין, וואָס הורדוס האָט געהאַט מיט מרים'ען, אין וועלכע עס האָט נאָך געפליסט חשמונאיש בלוט און וועלכע ער האָט באַלד נאָך זייער מוטער'ס טויט אַוועקגעשיקט קיין רוים זיי דערציִען, וואו זיי זײַנען געבליבן גאַנצע פינף יאָר. אַז זיי זײַנען געקומען צוריק האָט דאָס פאָלק זיך געפרייט מיט זיי, ווײַל שוין מיט זייער אויסערלאַכן אויסזען האָבן זיי דערמאָנט זייער מיוחס'דיגע חשמונאישע אָפּשטאַמונג. און אויך די יונגע־לײַט זײַנען שטאָלץ געווען בײַ זיך, און האָבן פײַנט געהאַט דעם פאָטער דערפאַר וואָס ער האָט גע'הרג'עט דעם זיידן, די מוטער און דעם יונגן פעטער זייערן, דעם כהן־גדול. זיי האָבן אויך געהאַט צוטרוי צו מענשן פאַר וועלכע זיי האָבן אויפגעדעקט זייערע געפילן. די מענשן זײַנען ניט אַלע מאָל געווען די געהעריגע. עס איז געקו־מען צו רכילות, צו לשון הרע, צו אינטריגעס, דערהויפּט מצד יענע פון הורדוס'עס פאַמיליע, וואָס האָבן ניט געשטאַמט פון קע־

ניגליכן יחוס, און בראש פון זיי אלע, זיין עלטסטער זון אנטי־פאטאר. די סכסוכים און די אינטריגעס האבן סוף כל סוף גע־בראכט דערצו, אז הורדוס האט געלאזט הרג'נען אלע דריי זין זיינע אינאיינעם מיט זייערע פריינט און באקאנטע און ווער עס האט נאר געהאט א מגע ומשא מיט זיי.

אזוי האט ער עס אפגעקעניגט זיבן און צוואנציג יאר. און דער סך הכל: די דינאסטיע חשמונאים האט ער אויסגעראמט; דעם ווערט און די ווירדע פונ'ם סנהדרין האט ער געמאכט צונישט; די כהונה־גדולה האט ער פארשוועכט און אנגעטרויט לויט זיין ווילקיר; די געזעצן פון דער תורה האט ער כלומר'שט מיטגעמאכט, אבער ניט ליב געהאט. און טאמער האט ער דעם בית־המקדש איבערגעבויט און געמאכט פון אים א פראכט־בנין, האט ער עס געטאן אויס לוסט צו שיינע בנינים. אפילו דער גרויסארטיגער האפן פון קיסריה האט אויך ניט געהאט אין זיך גארניט אזוינס, וואס זאל באגייסטערן די אידן — ווייל דערהויפט האט דער האפן גע־דינט צום נאך פרייערן אריינברענגען דעם העלעניזם קיין ארץ ישראל, ווי דאס איז פריער געווען. האט דאך הורדוס אזוי אויך געשטיצט די גריכישע קולטור אין די אלימפיאדישע שפילן וואס ער האט איינגעפירט אפילו אין ירושלים. און פיל גריכישע שטעט האט ער בארייכערט מיט גרויסע טעמפלען און רייכע פאלאצן, כדי זיך א נאמען צו מאכן און כדי צו געפעלן די רוימער.

כדי צו געפעלן די רוימער — דאס איז געווען די אקס, ארום וועלכער זיין גאנצע פאליטיק האט זיך געדרייט. דערפאר האט ער אויך נאר געוואלט דאס אידישע אריינפאסן אינ'ם רוימישן. דערפאר האט ער אויך דעם רוימישן אדלער אויס־געהאנגען איבער'ן טויער פון בית־המקדש, דאס אידישע פאלק איז אבער דערויף ניט איינגעגאנגען.

און זיין לעצטער באפעל:

פינף טעג נאכדעם, ווי ער האט גע'הרג'עט זיין בכור אנטי־פאטאר, איז ער אליין, הורדוס, געשטארבן. אבער פאר זיין טויט האט ער געהייסן צונויפנעמען אלע חשוב'ע מענשן פון גאנצן לאנד

און זיי איינשפּאַרן אין היפּאָדראָם. און צו זיין שוועסטער האָט ער געזאָגט:

„איך ווייס, אז דער טאָג פון מיין טויט וועט זיין אַ גרויסער יום־טוב ביי אידן. איך קאָן אים אָבער מאַכן פאַר אַ טאָג פון טרויער — אויב דו וועסט מיך פאָלגן. באַלד ווי איך וועל שטאַרבן, לאָז הרג׳נען די אַלע מענשן וואָס זיינען פאַרשפּאַרט אין היפּאָדראָם דאָן וועט שוין דאָס פאָלק וויינען נאָך מיר וויינענדיג״...

ער איז באַלד געשטאָרבן (4 פ. ק.) אָבער זיין לעצטער באַפעל איז ניט אויסגעפירט געוואָרן.

שווערע צייטן. דער רוימישער יאָך דריקט שווער אויפ'ן נאַקן פון אידישן פאלק. אָפט ברעכן אויס גרעסערע אָדער קלענערע אויפשטאַנדן אין פארשיידענע ערטער פון לאנד. די אויפשטאַנדן ווערן דערטרונקען אין בלוט. שפּיאָנען און מוסרים האבן צו זאגן וועגן לעבן און טויט פונ'ם ערשטן בעסטן בירגער אין לאנד. אַלץ איז אונטערדריקט. דערשראָקן. פארהעצט און פאריאגט. און דערצו דער דלות! דער אומאויפהערליכער „קריגס־צושטאַנד" מאַכט חרוב דאס לאנד. פעלדער ווערן פארוויסט. הייזער ווערן פארברענט. גאַנצע פאַרמעגנס ווערן קאָנפיסקירט פאר פּאליטישע זינד, אָדער ווערן אָפּגענומען פאר אומערטרעגליכע שטייערן, וואס מ'האט אויפ'ן פּאָלק ארויפגעלייגט. די שטייערן און דער פּשוט'ער רויב פון די רוימישע סאלדאטן דריקט אויף דער שטאטישער ווי אויף דער דארפישער באַפעלקערונג אין לאנד. שאַפט אומצופרידנקייט. ברענגט די שטאַרקע — צום אויפברויז, צום באַוואפנען זיך מיט שפּיז און שווערט נעגן דעם רוימישן און הורדוס'ישען יאָך. די שוואַכערע — פאַררוקן זיך וואָס ווייטער פון ברייטן לעבנסוועג. צוימען זיך אָפּ פון פּאליטישן לעבן און זוכן טרייסט און באַפרידיגונג אין תורה לערנען, מצוות טאָן און אין שטילן, באַשיידענעם האָפן, אַז גאָט וועט זיך דערבאַרימען און פריער אָדער שפּעטער אויסלייזן זיין ליב פאלק ישראל. און דאס ברייטע פאלק, דאס דערשלאגענע און פאַראָרימטע און פאַרוואָרלאָזטע, נערט זיך מיט די גוטע רייד און פאנטאסטישע פארשטעלונגען פון די וואנדערדיגע, אָדער פעסטגעזעצטע „היילינע", וואָס מערן זיך אין לאַנד צו יענער צייט. די לעצטע ווייסן צו דערציילן פון הימלשע זעאונגען, וואס זאגן־אָן גוטס אויף דער וועלט — אָן יעדער פיזישער אָנשטרענגונג מצד דעם מענשן; פון מלאכים, וואס באַווייזן זיך צווישן מענשן און פון מענשן, וואס באווייזן מופתים, ווי מלאכים; פון אַ

גאָטס-געזאַלבטן (משיח), וואָס וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דר'ערד, און פון אַ הימליש-קעניגרייך, וואָס ער וועט גרינדן — וואו דער קליינער מענש וועט גרויס ווערן, דער נידריגער וועט דערהויבן ווערן און דער אָרימער וועט געאַכפּערט ווערן...

און אָט קומט עס! געשעט עס! עס איז שוין באַם שוועל!

אַזאַ מין צושטאַנד מאַכט געוועלטיגן די פאַנטאַזיע איבער'ן שכל, די איינבילדונג איבער'ן איינזען, שרויפּט-אויף די נערוון, שטייגערט דעם עקסטאַז און די היסטעריקע ווערט אַ מאַסן-עפּי-דעמיע. דערהויפּט צווישן ניט גענוג ענטוויקלטע, ניט גענוג שטאַרקע און גייסטיג ניט זעלבסטשטענדיגע. און געזוכט און דערהויבן ווערן די „זעער" און די אַנזאָגער. באַווייזט זיך איינער — און גאַנצע שאַרן פּאָלגן אים נאָך, היטן זיינע טריט, און שלינגען זיינע ווערטער. און אַז די אַטמאָספערע איז גינסטיג — באַווייזן זיי זיך, אַזוינע זעער און אַנזאָגער, אַלץ אָפטער און אָפטער, און דאָס פשוט'ע פאָלק, דערהויפּט דאָס דערשלאָגענע און גייסטיג-אָרימע פאָלק, פאַרגעטערט זיי.

אין דער צייט, אין אַזאַ אַטמאָספערע באַווייזט זיך אין אַ פישער-דערפל, כפר נחום, ביים ים כנרת, אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען ישו-בן-יוסף, און הויבט אָן צו ווייזן מופתים: ער היילט היסטערישע. בארואיגט נערוועזע. עס ווערט טשיקאַווע. שבת קומט ער אין שול אַריין, האַלט אַ דרשה, כמעט אַ פּרושימשע. כמעט — אָבער דאָך עפּעס אַנדערש. ער רעדט מער אין איי גענעם נאָמען, ווי אין נאָמען פון די פסוקים אין דער תורה, אָדער אין נאָמען פון די חכמים. און די זאַצן שיין געטאָקט. די אַפאָריזמען גוט געפיילט. די משלים — קורץ און טרעפנד און אָנגעשטעלט דערהויפּט געגן די יעניגע, וואָס דאָס פאָלק האַסט — ווי די אונטערדריקער, אָדער רייכע — אָדער, וואָס דאָס גראָבע, עם'הארצ'ישע פאָלק פון גליל (כפר נחום איז אין גליל) האָט ניט ליב — ווי, למשל, די „לומדים" און „תלמידי-חכמים", וואָס גרויסן זיך מיט זייער קענטשאַפט און מיט זייערע תרי"ג מצוות און מיט זייער פרומקייט...

ס'איז דעם עולם געפעלן געווען. די פישער ווארפן אוועק זייערע נעצן, זייערע ווייבער און זייערע קינדער און זאמלען זיך ארום דעם יונגנמאן. די היציגערע, פאנטאסטישער געשטימטע און עקזאלטירטע, אנערקענען זיך פאר זיינע תלמידים. פאר זיי בלייבט ער ניט בלויז א בעל־מופת, נאר ער ווערט אויך א רבי. אליין רופט ער זיך „מענטשן־זון" — ווי מ'האט גערופן דעם מ ש י ח ' ן, אויף וועלכן מ'האט געווארט, אבער די תלמידים כאפן נאך ניט דעם וואונק.

וואקסט דער אינטערעס ארום אים. הויבט מען זיך אן נאכפרעגן: ווער, און פון וואנען און וואס איז ער אויסן? ווערט מען געוואויר, אז ער איז אן אייגענער: שטאמט אויך פון גליל, פון נצרת. זיין פאטער — א סטאליאר; אז ישו האט אויך געלערנט דיזעלבע מלאכה, און דערצו אויך תורה.

און נאך ווערט מען געוואויר, אז ישו האט זיך געזען מיט'ן מערקווירדיגן מאן, מיט'ן נאמען: יוחנן דער ט ו ב ' ל ע ר, און זיך געלאזט טובל'ן פון אים; אז די טבילה, דאס איז ביי אים א מין מגייר זיין. צו דער טבילה דארף מען אויך נאך פיל תשובה טאן, פיל מעשים טובים טאן, און דאס אלץ וועט ברענגען דערצו, אז משיח זאל קומען און זאל גרינדן די הימעלשע מלוכה אויף דער ערד... אז דער דאזיגער יוחנן האלט זיך פאר אליהו הנביא, וועלכער האט צוצוגרייטן די מענשן, מקבל פנים זיין משיח'ן...

בינו־לבינו גיט איינער דעם אנדערן איבער די רייד און די אפאריזמען, וואס זיי האבן געהערט אין יוחנן'ס נאמען, בנוגע משיח'ס־צייטן:

ווער עס האט צוויי העמדער, זאל ער איינע אוועקגעבן דעם, וואס האט גארניט. ווער עס האט אויף צוויי מאל צום עסן, זאל ער איין מאל אוועקגעבן דעם, וואס האט גארניט צו עסן א. ד. ג.

זוכט מען און מען געפינט ענליכקייט צווישן יוחנן'ס רייד און צווישן די רייד פון ישו. און אז יוחנן ווערט ארעסטירט און שטארבט אין געפענגעניש, הויבט מען אן קוקן אויף ישו'ן, ווי אויף יוחנן'ען ער ווערט פארהייליגט, און זיי ווייסן ניט, די אלע

גריבלער, אז ישו אליין האלט זיך ווייט ה ע כ ע ר פון יוחנן. ווארים אויב יוחנן איז געווען דער אָ נ ז אָ ג ע ר פון משיח׳ן, איז ישו — משיח. אזוי האט ער עס דערפילט אין דעם מאמענט פון רעליגיעזן עקסטאַז, בעת יוחנן האט אים גע׳טובל׳ט אין ירדן. אָבער ניט קיין פּ אָ ל י ט י ש ע ר משיח, וואס זאל מלחמה האלטן מיט די רוימער און מיט דער הילף פון׳ם שווערט באפרייען דאס אידישע פאלק, נאָר א ג י י ס ט י ג ע ר משיח. ער וועט איינגעבן דעם פאלק, אז משיח גייט, אז ער קלאַפּט שוין אָן טיר. נאָר תשובה דאַרף מען טאָן. נאָר פרום דאַרף מען זיין. גלויבן, ש ט א ר ק גלויבן אָן משיח׳ן און אָן זיין קומען־זיין דאַרף מען. און דער נצחון און די דערלייזונג וועט קומען. אָבער א ו י ס־ז אָ ג ן, אז ער איז משיח, טוט ער נאָך ניט.

און באלד ווערט פון דער שוואכקייט א טוגענד. ע ר ק ע ן נ י ט ז י י ן קיין פּאליטישער משיח, און דאן קומען אלע ראיות, אז מ ׳ ד א ר ף נ א ר נ י ט קיין פּאליטישן משיח. גייסטיגע פרייהייט איז פיל וויכטיגער ווי פּאליטישע. און גייסטיגע פרייהייט האט יעדערער. קיין שום פרעמדע הערשאפט קאָן ניט שטערן דעם איינצעלנעם, זיך רעליגיעז־זיטליך צו פארפולקאָמען. און דאס איז דאָך דאס איינציג־וויכטיגע, וואס דער מענש האט נויטיג, כּדי זוכה צו זיין צו בירגערשאפט אין יענער הימעלשער מלוכה, וואָס משיח וועט שאפן אויף דר׳ערד. דערפאר איז וואויל צו די פרומע, וואָס גיבן זיך אונטער זייער גורל, און יעדע לאַגע נעמען זיי אָן פאר גוט.

וואס ווייטער אלץ פאפולערער ווערט ער. דאס געמיינע פאלק באַלאַנגערט אים. מען קומט נאָך מופתים, מ׳קומט נאָך א קלוג וואָרט, נאָך א פיינעם משל, נאָך א ביסל טרייסט. און ער זעט צו באפרידינן אלעמען. און אמאָל אנטלויפט ער מיט זיינע נאָענטע תלמידים פון מענשן, פראוועט התבודדות ערגעץ אין מדבריות און חורבות. אָבער דער עולם נאָכפאָלגער געפינט אים דאָרט אויך.

שטאָלץ אויף דער גרויסער השפעה, וואס ער האָט אויף גרויסע מאַסן, הויבט ער אָן ביסלאַכווייז געבן אָנצוהערעניש אויף זיין

מיסיע, און אָנדייטן אויף זיין באַזונדערן וועג אין אידנטום. דערצו ברענגט אים אויך די לאַגע זיינע. ווארים וואס פּאָפּולערער ער ווערט, אַלץ מער הויבט מען מיט אים אָן צו פּאָלעמיזירן, זיך מתוכח צו זיין. און אין דער היץ פון פּאָלעמיק איז ער מער ניט אַזוי פאָרזיכטיג. וואַרפט ער דעם געגנער זיינע איבערצייגונגען אין פּנים אריין, אין דער שאַרפסטער פאָרם.

עטליכע ביישפּילן:

ישו און זיינע תלמידים האַלטן ניט פון קיין תעניתים. אדרבה, דוקא פליישׁ און דוקא וויין. און אַז פון פּרושים׳שער זייט, אָדער פון אַסקעטישע גרופּן האָט מען אים גערופן: „זולל וסובא" (פרעסער און זויפער) האָט ער דראַסטיש געענטפערט:

— ווי קאָנען דען הופּה־געסט פאַסטן, בעת דער ח ת ן איז מיט זיי.

ווארים איז אַ חתן געגליכן צו אַ מלך („חתן דומה למלך"), דאַן איז דאָך דער מ ל ך ־ ה מ ש י ח געגליכן צו אַ חתן... און דאָס א י ז ע ר דאָך!

און אַז זיינע הונגעריגע תלמידים רייסן אַמאָל זאַנגען אום שבת און עסן זיי, און מ׳וואַרפט אים פאָר „חלול־שבת", ענטפערט ער פריער, אַז כדי צו ראַטעווען פון הונגער, מעג מען מחלל־שבת זיין, און באַווייזט עס מיט אַ ראיה פון פּסוק. אָבער באַלד זאָגט ער זיינע געגנער דאָס באַרימטע וואָרט: „דער שבת איז געשאַפן צוליב׳ן מענשן, אָבער ניט דער מענש צוליב׳ן שבת." אַן ענליכן זאַץ געפינט מען אפילו אין דער גמרא אויך, און אין די קרייזן פון די פּרושים האָט מען אים געקענט, אָבער די שאַרפקייט, מיט וועלכער ער איז געזאָגט געוואָרן, רופט אַרויס געגנערשאַפט אין שטרענג־גלויביגן אידנטום.

און וואַרפט מען אים פאָר, אַז זיינע תלמידים האַלטן ניט פון וואַשן־זיך צום עסן, ענטפערט ער שניידיג:

— ניט דאָס, וואָס ק ו מ ט א ר י י ן אין מויל אריין איז מטמא דעם מענשן, נאָר דאָר וואָס מ׳ברענגט א ר ו י ס פון מויל.

זעט מען דערפון, אז ניט בלויז דאָס וואַשן זיך איז אים גאָרניט, נאָר אַלע פאַרבאָטענע — אפילו אין דער תורה פאַרבאָטענע — זאַכן צום עסן, זיינען אים אויך רעכט.

און אין גיכן ווערט עס קלאָר פאַר אַלעמען, פאַר נאָענטע, ווי פאַר ווייטע, אַז ישו׳ן גייט עס בכלל ניט אום דער פּראַקטישער זייט פון דער רעליגיע. דער רעליגיעזער פאָרמאַליזם איז אים צו־ווידער, דער קולט, די רעליגיעזע צערעמאָניעס, מיינט ער, פאַרטויבן און מאַכן צו־נישט דאָס רעליגיעזע געפיל, די רעליגיעזע אינערליכע איבערלעבונג, וואָס באַנייט דעם מענשן יעדן מאָל, ווען דאָס געפיל שטאַרקט זיך אין אים, ווען די איבערלעבונג קומט איבער אים.

און ער הויבט־אָן אָפן צו קריטיקירן די פּרושים און זייער הויכשעצן די רעליגיעזע פּראַקטיק. ער צווייפלט אין זייער אויפ־ריכטיקייט, וואַרפט זיי פאָר צביעות. און הגם אַליין בלייבט ער אַלץ נאָך טריי דעם פּראַקטישן אידנטום, אָבער פאַר זיינע תלמידים און צוהערער מאַכט ער גרינג דעם עול פון גאָט אויפ׳ן מענשן. „דו זאָלסט ליב האָבן גאָט“ און „דו זאָלסט ליב האָבן דיין חבר ווי זיך אַליין“ — אָט די צוויי פּסוקים הויבט ער אַרויס פון דער גאַנצער תורה, און זיי גילטן אים ניט בלויז ווי אַ פונדאַמענט פאַר זיין נייער לערע, נאָר כמעט ווי די גאַנצע לערע אַליין. און דער פּרט, דער איינצעלנער מענטש, איז אים דער קערן, די הויפּטזאַך, וועמען ער שיינקט זיין אויפמערקזאַמקייט, אויף וואָס דער מענטש דאַרף לייגן זיין הויפּט־געוויכט. דער מענטש, אָבער ניט די נאַציאָן... און ניט גערעכטיקייט דאַרף און זאָל רעגירן די וועלט, נאָר ליבע, רחמנות און גענאָד. דאָן פּרעדיגט ער: „ניט דיר עמיצער אַ פּאַטש אויף דער רעכטער באַק, שטעל אונטער די לינקע“; „האָט יענער צוגענומען דיין ראָק, גיב אים אַוועק דיין העמד אויך“; „דער מענטש קאָן ניט דינען אי גאָט אי דעם געלט“; „פאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן“; „די פעלד־רויזן באַמיען זיך ניט, שפּינען ניט, און דאָך איז אפילו שלמה המלך, בא זיין גאַנצער פּראַכט ניט געווען אַזוי שיין אָנגעטאָן ווי זיי“; „די אָרימע, די געטאַדלטע, די אָרימע אין גייסט, די וועלן זיין די ער־

שטע אין הימל״; „דעם קעמל איז גרינגער דורכצוקריכן דורך א נאָדל־לעכל איידער דעם רייכן אין הימל אריינצוקומען״.

א טריט ווייטער — און די אומווּיסנקייט ווערט שוין א מעלה פאר זיך, אפילו אָ ן יעדער רעליגיעזער איבערלעבונג; און מצוות מקיים זיין ווערט א פאָראורטייל אפילו אָ ן יעדער דערהויבונג צו גאט; און די אָרימע אין גייסט ווערן די גרעסטע מיוחסים, נאָר ד ע ר פ א ר, וואָס זיי ז י י נ ע ן אָרים אין גייסט...

ווארים ל י ב ע, און נאָר ליבע איז איבער אלץ!...

די שוואכע און די גייסטלאָזע גלויבן עס. די העכערע און פאר־שטענדיגערע פארשטייען אָבער, אז דער מאָראל־פּרעדיגער האט עס פריי צו פארלאַנגען און צו פאָדערן פונ׳ם מענשן די עקסטרעמסטע טוגענדן. צי מען פאלגט צי ניט — ניט אויף אים ליגט דער קאָנט־ראָל. אָבער דער ג ע ז ע ץ ־ געבער, דער וואס האט צו רעגולירן דאָס פּ ר א ק ט י ש ע לעבן, קאָן ניט גיין ווייטער פון געזעצ־טיקייט. ער מוז זיך רעכענען מיט דער ט ב ע פון מענשן, מיט זיינע אייגנשאפטן און פסיכישע מעגליכקייטן. ער מוז אויך ארומ־נעמען אלע זייטן פונ׳ם לעבן. די אינדיווידועלע ווי די נאציאָנאלע, די רעליגיעזע ווי די פּאָליטישע. די געזעצן מוזן דאָס אלץ באריק־זיכטיגן. ווען ניט — דערגרייכט ער ניט זיין ציל: דאס געזעל־שאפטליכע לעבן צו רעגולירן.

דערפאר איז עס געקומען דערצו, אז די קנאים, וואס האבן געטרוימט פון פאליטישער זעלבסטשטענדיקייט, האבן זיך ניט געקאנט באנוגענען מיט „א מלוכה ניט פון ד ע ר וועלט.״ די פּרושים האָבן קלאָר איינגעזען, אז דער נאציאָנאלער מאָמענט ווערט פון ישו׳ס לערע אינגאנצן אויסגעמעקט, און אויך דער יחיד קאָן ניט תמיד זיין אין צושטאנד פון עקסטאז און דערמיט אויספילן זיין לעבן. אויך ער מוז האבן געוויסע לעבנס־נאָרמען, פאראויס־באשטימטע, אָן וועלכע ער זאָל זיך האלטן. די דאָזיגע נאָרמען, געגרינדעט אויפ׳ן באָדן פון נאָרמאלע, אלמענשליכע אייגנשאפטן, העלפן דעם מענשן צו הייליגן זיין טעגליך לעבן. רעכנט זיך אָבער די הייליקייט נ י ט מיט׳ן טעגליכן לעבן, בלייבט די הייליקייט

אבסטראקט, פון עצם לעבן אפגעריסן, אין לעבן ניט אנגעווענדט, בלייבט דאס לעבן פארגרעבט און פארווילדעט, און די קדושה האט ניט אויף דעם קיין איינפלוס.

וואס קלארער ישו׳ס רעדעס ווערן, אלץ גיכער באגרייפן זיינע תלמידים, וואס ער טראכט פון זיך. און אז איינער פון זיי זאגט אים אמאל: דו ביסט אליין משיח! פרייט דאס אים. און ער זאגט צו דעם תלמיד, וואס האט עס אים געזאגט: „וואויל איז צו דיר, וואס ניט קיין בשר־ודם, נאר גאט אליין האט דאס דיר אנטפלעקט.“ אבער ער וויל עס נאך באהאלטן פון מענשן. לייט זאלן ניט וויסן. און ניט בלויז אויס באשיידנקייט, נאר אויס מורא פאר דער רוימישער מאכט. אבער אויף לאנג בלייבט עס מער קיין סוד ניט. מ׳הויבט אן צו טייטלען אויף אים מיט די פינגער: אט דאס איז דער „מלך המשיח“. האט דער נאמען „משיח“ געוועקט חשדים אין די אידישע אפיציעלע ספערן און דער נאמען „מלך“ — אין די העכערע רוימישע ספערן. נאר ווי לאנג ער איז געווען אין גליל, האט ער זיך געקאנט אויסבאהאלטן. דאס פאלק האט געשעצט זיין בעל־מופת. נאר אט איז אונטערגעקומען פסח. ישו מיט די תלמידים גייען — ניט אן שרעק — קיין ירושלים מקריב צו זיין דעם קרבן פסח, און אויסנוצן די געלעגנהייט: פאר־שפרייטן די אייגענע אידעען צווישן די פיל טויזנטער „עולי־רגל,“ וואס קומען זיך צונויף קיין ירושלים פון גאנצן לאנד. די תלמידים ווייזן ניט ארויס קיין גרויסע העלדישקייט. זיי פרובן אים אפרעדן פון דעם שריט: פון אונז, דארפס־מענשן, וועט מען לאכן אין ירושלים; דארט איז דער צענטער פון אלע אונזערע ביטערסטע שונאים א. ד. גל. אבער ער פטר׳ט זיי אפ מיט א צוזאג: „ווער עס פארלאזט פון ישו׳ס וועגן זיינע הייזער און פעלדער, ברידער און שוועסטער, טאטע־מאמע, און ווייב־און־קינד, וועט אויף יענער וועלט באקומען הונדערט מאל אזוי פיל.“ און דאס ווירקט. מ׳האט מורא ארייננצופאלן אין די הענט פון די רוימישע שפיאנען, מאכט מען אן אומוועג און מ׳קומט אריין קיין ירושלים עטליכע טעג פאר פסח.

אָבער דאס ארייִנקומען אין שטאט ווערט געמאכט מיט „קעניג־ליכן פּאראד“, אין זייער נאאיווע פאָרמען. מ'לאָזט ישו'ן רייטן אויף א יונג אייזעלע; די אָנהענגער שפּרייטן אוים פאר זיינע פים זייערע צעריסענע קליידער — א זכר צו די טעפּיכער, וואָס מ'שפּרייט אוים פאר מלכים; גרינע צווייגן שניידט מען אָן און גרין גראז רייסט מען אָן און מ'שפּרייט עס אוים אונטער זיינע פים. די שטימונג ווערט א דערהויבענע. די מאסע אין ירושלים נעמט אים אויף מיט ענטוזיאזם. פונדעסטוועגן האט ער מורא צו נעכטיגן אין שטאָט. איז ווי נאָר ס'קומט דער אָוונט, כאפּט ער זיך שטיל ארוים פון שטאָט און נעכטיגט בא זיינעם א פריינט אויסערן שטאָט. צומאָרגנס קומט ער ווידער אין שטאָט אריין, פאלט אריין אין בית־המקדש, און זוכט עפּעס א געלעגנהייט צו טאָן אזוינס, וואָס גאנץ שטאָט זאָל קלינגען מיט אים. ס'זאָל קומען דערצו, אז פריינט און פיינט זאָלן זיך מעסטן מיט די כחות ארום אים, און דאַן — דערין איז ער זיכער — וועט ער דאָך זיגן און עס וועלן זיך אָנ־הויבן „משיח'ס צייטן“, מיט אלע זייערע ליידן און פריידן. און דאָ דערהערט ער, אז אין א ווינקל, אין אויסערליכן הויף פון בית־המקדש, פארקויפט מען עופות, וואָס אנדערע האָבן נויטיג אויף קרבנות; אז מ'בייט אוים געלט — ווייל די רוימישע מטבעות, מיט'ן קיסר'ס בילד, האָט מען אין בית־המקדש אריין ניט געטאָרט ארייִנטראָגן — דערצו זיינען נאָך דאָ אהער געקומען אידן פון דער גאָרער וועלט און האָבן מיטגעבראכט מיט זיך פארשידענערליי מטבעות, וועלכע מ'האָט געמוזט אויסבייטן אויף ארץ ישראל געלט. דערזען דאָס, האכט זיך עס אים, דעם פּראָווינציאל, אוים, ווי א גוואלדיג פארברעכן. נעמט ער א געפלאָכטענעם בייטש אין האנט, נעמט צונויף ארום זיך זיינע אנהענגער און מיטלויפער און מאכט א שטיקל פּאָגראָמל אויף די הינער־הענדלער און חלפנים, וואָס ארום בית־המקדש. קערט איבער די טישלאך, די בענקלאך, די שטייגן און טרייבט ארוים די פארקויפער און די קויפער אין גאס אריין. דאָס איז פאָרגעקומען אזוי גיך, אז ניט די לויים, ניט די מיליטערישע וואך, האָבן קיין צייט ניט געהאט זיך ארייִנצומישן.

און שוין האָט ער זיך אַרויסגערוקט, איז אוועק אויסן שטאָט וואו ער האָט איבערגענעכטיגט. צומאָרגנס, אַז ער האָט זיך ווידער אומגעקערט און אַריינגעקומען אין בית־המקדש אַריין, האָט מען געפרעגט, מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער עס נעכטן געמאַכט דעם סקאַנדאַל? האַלט ער אַ לאַנגן משל, וואו ער גיט אַ קלאָרע אָנצו־הערעניש, אַז ער איז עס דער דערוואַרטעטער משיח. אגב פאַלט ער אָן אויף די פּרושים מיט די שאַרפסטע ווערטער, דריקט זיך אויס מיט פאַראַכטונג וועגן בית־המקדש — און דערמיט ברענגט ער אויף געגן זיך ניט בלויז דאָס ברייטע פאָלק, נאָר אפילו פיל פון זיינע אָנהענגער און אַ קאַלטע אַטמאָספערע בילדעט זיך אַרום אים. אָבער אויך דאָסמאָל געלינגט עס אים זיך אַרויסצודרייען פון שטאָט.

נאָר אָט איז געקומען דאָנערשטאָג, די נאַכט פון מקריב זיין דעם קרבן־פּסח *). ער, אינאיינעם מיט זיינע צוועלף תלמידים, פּראַוועט דעם קרבן פּסח און דעם סדר, ווי דער אידישער דין איז. און לויט דעם אידישן דין מוז יעדער איד נעכטיגן די קרבן־פּסח נאַכט אין ירושלים. קאָן ער ניט אַרויסגיין פון שטאָט נעכטיגן, און בלייבנדיג אין שטאָט — באַפאַלט אים אָן אימה. ירושלים האָט אים גאָרניט געגעבן. דער גרויסער עולם איז פאַרנומען מיט וויכ־טיגערע זאַכן, ווי עפּעס מיט אַ קליינשטעטלדינן אָדער פּראָוויג־ציעלן נביא, אָדער — ווי מ'וואָלט איצט געזאָגט — מגיד. די מאַכט־האָבנדיגע, וואָס אינטערעסירן זיך י אָ מיט אים, קוקן אויף אים ווי אויף אַ רו־שטערער. אין בעסטן פאַל ווי אויף אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס איז גרייט צו וועקן אָן אויפשטאַנד מיט'ן כח פון זיינע פאַנטאַסטערייען. ער ווערט אומרואיג. דערשראָקן. ער דערזעט, אַז זיינע תלמידים זיינען צו־שוואַך, אַז זיי זאָלן אים קאָנען ביישטיין אין דער נויט. און אפילו איצט, אין דער געפּער־

---

*) דער ערשטער טאָג פּסח איז דאַן אויסגעקומען שבת, איז אַנשטאָט מקריב צו זיין דעם קרבן־פּסח פרייטאָג־צו־נאַכט, האָט מען אים, לויט די צדוקים, מקריב געווען דעם אָוונט פריער, דאָנערשטאָג.

ליכער שעה, וואו יעדע מינוט קאָן מען אים כאפּן, שלאָפן זיי אזוי שטארק. אפילו זיין וועקן זיי, איין מאָל און נאָכאמאָל, העלפט אויך ניט. ער דערפילט זיך אזוי עלנד, אזוי איינזאם און אים בלייבט קיין אנדער מיטל ניט, ווי גאָט צו בעטן. טוט ער דאָס. אָבער עס העלפט ניט. די שפּיאָנען האָבן אים אויסגעשפּיאָנירט (די מעשה מיט זיין תלמיד יודא דעם פאררעטער, ווייזט זיך אלץ מער און מער ארוים ווי אן אויסגעטראכטע זאך פון די שפּעטערע יאָרהונדערטער). מ'כאפּט אים און מ'ברענגט אים צום סנהדרין, וואו דער רוב באשטייט פון צדוקים, וואָס משפט'ן שטרענג. זיי פאָרשן אים אויס, געפינען, אז ער איז א „מורד במלכות" — א פּאָליטישער פארברעכער, און דארום מוז ער גע'משפּט ווערן פון די רוימער. ער ווערט איבערגעגעבן צום רוימישן פּראָקוראטאָר: פּאָנטרוס פּילאטוס. און אז פּילאטוס פרעגט אים: „דו ביזט עס דער אידישער מלך?" ענטפערט אים ישו: „דו זאָגסט דאָך אליין!" דאָס הייסט, ער איז זיך אליין מודה אין דעם, וואָס מ'באשולדיגט אים. און אָן לאנגע שהיות פאר'משפּט ער אים צום הענגען. אין עטליכע שעה ארום ווערט דער פּסק־דין אויסגעפירט.

אין אנגסטן און גרויס פּחד האָט ישו אָנגענומען זיין טויט. אין זיין נאָמען זיינען נאָך אים אויפגעשטאנען גרעסערע העלדן און מענשן, וואָס האָבן זיך מיט מער אָפּפערווילּיקייט מקריב געווען פאר זיינע אידעען, ווי ער אליין.

אָבער דאָס געהערט שוין ניט צו דער אידישער געשיכטע.

חורבן פון צווייטן בית המקדש

די לעצטע צענדליגער יאָרן פאַר'ן חורבן פונ'ם צווייטן און לעצטן בית־המקדש, האָבן אידן געהאַט בלויז אַ שוואַכן שאָטן פון זעלבסטשטענדיקייט. אָבער די אמת'ע הערשאַפט איבער ארץ־ישראל און איבערן אידישן פאָלק ליגט אין רוימישע הענט. די אמת'ע בעלי־בתים זענען די רוימישע פּראָקוראַטאָרן, וואָס זע־נען אויך אָפּהענגיג פון דעם רוימישן לעגאַט אין סיריע. די רעזידענץ פון די פּראָקוראַטאָרן, איז קיסריה — 30 מייל אַן ערך פון ירושלים. אין פאַרשיידענע פּעריאָדן באַשטימט רוים דעם כהן גדול, לויט איר איינזעען. און די קליידער פונ'ם כהן־גדול זענען ווי פאַר'משכנ'ט באַם פּראָקוראַטאָר. ער גיט זיי אַרויס דעם כהן־גדול ווען ער דאַרף זיי האָבן צו דער עבודה. אידן זעען דערין אַ טיפע באַליידיגונג — ווייל אַ מוטוויליג אַריינמישן זיך אין סאַמע אינערלאַכן רעליגיעזן לעבן פון פאָלק, אָבער ניט בלויז רוחניות. די רוימער נעמען אונטער אַן אַלגעמיינע רעגיסטראַציע כדי אַרויפצולייגן אַ קאָפּ־שטייער אויף דער אידישער באַפעלקע־רונג אין אידישן לאַנד, וואָס דאַרף אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז אידן זיינען קנעכט צו די רוימער. און בעת די גרויסע ימים־טובים ווען צענדליגער און צענדליגער טויזנטער אידן פון גאַנצן לאַנד קומען זיך צונויף אין ירושלים, קומט אַריין אין שטאָט אַריין דאָס רוימישע מיליטער, אויף פערד און צופוס און „גיט אַכטונג" אויפ'ן פאָלק, עס זאָל חלילה זיך ניט ערלויבן אַזוינס, וואָס געפעלט ניט די רוימער. אָבער אויך שווערע שטייערן קומען דערצו. אומגערעכטער משפט — ווען רוים האָט צו ענטשיידן שטרייטיקייטן צווישן אידן און דעם פּראָקוראַטאָר, אָדער צווישן דער אידישער און דער נ י ט אידישער באַפעלקערונג. איינפאַכע פּאָגראָמען, וואָס די ניט־אידישע באַפעלקערונג ערלויבט זיך בנוגע דער אידישער אין שטעט, וואו די באַפעלקערונג איז אַ

געמישטע, בלייבן כסדר אומבאשטראָפט פון די רוימער. און וואָס שטרענגער א פּראקוראטאר, וואס מוטווילינגער און אכזריות־דיגער, אלץ מער נגישות טוט ער אָן דער אידישער באפעלקערונג, אלץ מער פּראָוואָצירט ער אומצופרידנקייט מיט דער רוימישער הערשאפט. דאָס רופט ארוים בא די אלטע צער, בא די יונגע — צאָרן. גייען אום די אלטע מיט א טיפן טרויער, גייען אום די יונגע מיט געביילטע פויסטן. די ערשטע זענען גרייט צו קעמפן מיט די רוימער דורך פּאסיוון ווידערשטאנד, די לעצטע דורך אקטיוון. וואָרים „אויב אינערליכע, גייס־טיגע פרייהייט — האבן די יונגע געזאגט — קאָן מען אמאָל דערגרייכן דורך פּאסיוון קאמף, קאָן מען אָבער פּאליטישע פריי־הייט דערגרייכן נאָר דורך אקטיוון קאמף".

און וואָס מער די אידן זענען באהאנדלט געוואָרן ווי קנעכט, וואס מער מען האט באליידיגט זייער בירגערליכן שטאלץ, אלץ מער איז געוואקסן דאס הייסע שטרעבן צו פּאליטישער פרייהייט. בילדעט זיך אוים אין גליל א געהיימע רעוואלוציאָנערע ארגאַ־ניזאציע אונטער דער אָנפירונג פון יהודה הגלילי און צדוק. זיי רופט מען „קנאים", „פּאליטישע פאנאטיקער", אָדער „זעלאטן". אין שווערע צייטן וואקסט די אקטיוויטעט פון די קנאים. עס קומט אפילו צו בלוטיגע צוזאמענשטויסן צווישן זיי און די רוימער, צווישן זיי און דער גריכישער באפעלקערונג אין די העלעניזירטע שטעט, וועלכע האבן שטענדיג געשטיצט די אונטערדריקער. אין לייכטערע צייטן פאלט די אקטיוויטעט; אז עס איז ניטאָ קיין דירעקטע סבה, בלייבן די קנאים רואיג, זיי ארבעטן בלויז אויף צו פארשטארקן זייער אָרגאניזאציע פון אקטיוויסטן.

נאָך אָט ווערט אין רוים א קיסר: קאליגולא. באפאלט אים דאס אויסטערלישע משוגעת: צו קוקן אויף זיך ווי אויף א גאט. פארלאנגט ער, אז אלע רוימישע בירגער און אלע זיינע פרעמד־פעלקערדיגע אונטערטאנען זאלן אים אויך אנערקענען פאר א גאט. בעטן זאל מען צו אים, קרבנות זאל מען צו אים

מקריב זיין; זיין סטאטוע זאל מען אוועקשטעלן אין אלע טעמפ־לען און בוקן זאל מען זיך צו איר. קומט דאס אים אָן לייכט אויסצופירן בא אלע היידנישע פעלקער. אָבער ניט בא אידן. אין יענער צייט איז אין סיריע געווען לעגאט דער קלוגער און פרייהייטלאכער פעטראניוס. ער האָט זיך איבערציינגט, אז בא אידן וועט ער דאָס דאָזיגע קייזערלאכע משוגעת בשום אופן ניט קאָנען דורכפירן. און עס געלינגט אים אָפצולייגן די פאראָרד־נונג פון רוים אויף א לענגערער צייט, ביז וואנען קאליגולא איז געשטארבן און זיין ווילדע גזירה איז בטל געווארן.

אָבער צו דער רעוואָלוציע און צום חורבן האָט די גזירה זייער פיל ביינעטראגן. די אידישע שונאים האבן אין איר געפונען א גוטן מיטל, דורך וועלכן מען קאן די אידן פראוואצירן. זיי האבן כלומר׳שט אוים פאליטישער לאָיאליטעט צו רוים, געפרובט דורכפירן דעם קייזערליכן באפעהל — אוועקצושטעלן דעם קיי־זער׳ס סטאטוע אין אידישע שולן, אָדער אוועקשטעלן מזבחות אין מיטן צענטער פון שטאט, וואו מען זאל ברענגען קרבנות צום קייזער — דעם גאט קאליגולא. האבן עס דאָך אידן ניט דערלאזט. האט מען אָנגעהויבן קעמפן מיט די אידן. די רוימישע גארני־זאנען האבן זיך, נאטירליך, געשטעלט אויף דער זייט פון די אידישע געגנער. פלעגט עס קומען צו אומגעהויערע בלוטפארגי־סונג, צו מאָרד און צו רויב און צו די זעלביגע טרויעריגע ער־שיינונגען, וואָס מיר רופן איצט: פ אָ ג ר אָ מ ע ן. א מין „קישי־נעוו" פון ערשטן יארהונדערט איז דאן פארגעקומען אין אלעקסאנדריע. דאָרט האָבן אידן, פון אלעקסאנדער מוקדון׳ס צייטן אָן, געלעבט אין גרויס רחבות. ווי אונטער דער הערשאפט פון די גריכן, אזוי אונטער דער הערשאפט פון די רוימער, האבן זיי נעהאט בירגערלאכע גלייכבארעכטיגונג און אויטאָנאָמיע פון דער קהלה. דערצו זענען די אלעקסאנדריער אידן געווען רייך, געביל־דעט און פארנומען זייער א חשוב׳ן פלאץ אין געזעלשאפטלאכן ווי אין קולטורעלן לעבן פון לאנד. זענען זיי געווען פאר די גריכן, וואס האבן זיך געהאלטן פאר די בעלי־בתים אין שטאט, ווי א

דארן אין די אויגן. זיי האבן ניט אויסגעלאָזט קיין איינציגע געלעגנהייט וואו זיי זאָלן אידן ניט באַליידיגן. די נייע גזרה פון קאַליגולא איז געווען פאר זיי ווי געפונען. זיי האָבן באשלאָסן זיך אריינצורייסן אין די אידישע שולן פון אלעקסאנדריע און דאָרט אוועקשטעלן די קייזערלאַך־געטלאַכע סטאטוע. און טאָמער וועלן אידן ניט לאָזן, וועט עס הייסן אז זיי זענען פיינט פון קייזער און פאטערלאנד און דעמאלט — וואס מען וועט טאָן מיט די אידן וועט זיין פארפאלן. און כך הוי. ווי זיי האבן באַשלאסן אזוי האבן זיי געטאָן, און ווי זיי האבן פאראויסגעזעען אזוי איז געשעען. די אידן האבן ניט געוואלט צולאזן מען זאל מטמא זיין זייערע שולן, האט זיך אין די גריכן כלומרשט אָנגעצונדן דער רוימישער פאטריאָטיזם און מען האט געמאכט א פאגראם אויף אידן. און דערצו: א מ י ל ט ע ר י ש ן פאָגראָם, מיט שווערד און אייזן — ווייל דאס רוימישע חיל, וואס איז געשטאנען אין אלעקסאנדריע, האט געהאלפן די פאגראמשטשיקעס. און דער רוימישער פארוואלטער אין אלעקסאנדריע האט ארויסגעלאזט א דעקרעט, לויט וועלכן די אלעקסאנדריער אידן פארלירן אלע זייערע פריווילעגיעס: סיי בנוגע רעליגיעזע פרייהייט, סיי בנוגע בירגערלאכע רעכט. טויזנטער אידן האָט מען געשענדט, געפייניגט, גע׳הרג׳עט, און הונדערטער רייכע ווירטשאפטן האט מען צעראבירט. די דעלעגאציע פון די אלעקסאנדריער אידן צום קייזער האט מען אין רוים אויסגעלאכט. דערמיט האָט מען נאָך מער דערמוטיגט די פאָגראָמשטשיקעס, אָבער אויך געשטייגערט בא אידן דעם האס צו די רוימער און געשטארקט דעם גייסט פון די רעוואלוציאָנערן אין ארץ־ישראל. די באציאונגען זענען איצט שוין געוואָרן זייער אָנגעשטרענגט. מען זאָגט, אז איצט שוין וואָלט אָן אָפענער אויפשטאנד אויסגעבראכן. נאָר גאט אליין האט זיך דאָ אריינגעמישט און קאַליגולא איז דער׳הרג׳עט געוואָרן...

די קומענדע פ י ר יאָר זענען געווען ג ו ט ע פאר אידן. ק ל ו י ד י ו ס, דער גוטער קייזער פון רוים, שטיצט א ג ר י־

פוס'ן — דעם פרומען קעניג פון ישראל. ער שענקט אידן כמעט פולשטענדיגע פאליטישע פרייהייט. און אידן שענקען צו די רוימער בירגערלאכע טרייהייט און איבערגעבנקייט. אבער דאס גליק דויערט, ווי געזאגט, בלויז פיר יאר. און אז אגריפוס שטארבט קערט זיך רוים ווידער אום צו דער פראקוראטאָרן־הערשאפט אין ארץ ישראל. נאָך דאס רעכט צו באשטימען כהנים־גדולים און השגחה געבן אויפ'ן בית־המקדש לאזט מען איבער אין רשות פון אגריפוס'עס ברודער: הורדוס, הערשער פון כאלקיס. קיין פאליטישן ווערט האט דאס אבער ניט.

און ווידער קומט א פראקוראטאר נאָך א פראקוראטאר, און איינער איז ערגער פון אנדערן, און איינער פראוואצירט די אידן מער ווי די אנדערע. און ווידער שטארקט זיך און באפעסטיגט זיך דער האס צו די רוימער און די רעוואלוציאָנערע באוועגונג אין לאָנד. די רוימישע סאלדאטן, וואס האלטן אין יום־טוב'דיגע טעג מיליטערישע וואך אויפ'ן פלאץ פאר'ן בית־המקדש, ערלויבן זיך אמאָל אום יום־טוב זיך לוסטיג צו מאכן איבער דעם אידישן גאטעסדינסט. אידן פאדערן פון פראקוראטאר, מען זאל די סאָלדאטן באשטראָפן. און אז דער פראָקוראטאָר זאָגט זיך אפ דערפון, פארווארפן אידן די רוימישע סאלדאטן מיט שטיינער. איז עס געקומען צו א שחיטה. דער פאל האט ארויסגערופן ענ־ליכע ערשיינונגען אין דער פראווינץ. דאָ איז עס אפילו געקומען צו צערייסן ספרי־תורה'ס און זיי באשמוצן עפנטלאך. און אז דער פראקוראטאר, קומאניוס, ענטזאגט זיך צו באשטראפן די שומ־רונים דערפאר, וואס זיי זיינען באפאלן אידן וואס זיינען עולה־רגל געווען קיין ירושלים, און איינעם פון זיי דער'הרג'עט, — נעמען זיך אידן אונטער אליין זיי צו באשטראפן. און א גרופע קנאים, אלס שטראף־עקספעדיציע, מארשירט דורך שומרון און מאכט חרוב עטליכע דערפער. דער פראקוראטאר שטעלט זיך איין פאר די שומרונים. די קנאים ליידן גרויסן אָנווער. דער סירישער לעגאט שטעלט זיך אויף דער זייט פון פראָקוראטאָר. די זאך קומט אָן קיין רוים. קלוידיוס טוט די אידן זייער רעכט.

דער פּראָקוראַטאָר פּאַרלירט זיין שטעל. אָבער דער נייער פּראָ־קוראַטאָר, און יענע וואָס זיינען געקומען נאָך אים, האַנדלען פּונקט אַזוי פּראָוואָקאַטאָריש און אומגערעכט, ווי די פריערדיגע האָבן געהאַנדלט. קיין געזעץ און קיין גערעכטיקייט איז מער פאַר אידן ניט געווען. און בפרט נאָכדעם ווי נ ע ר אָ ן איז גע־וואָרן קייזער אין רוים (54 נאָך קריסטוס־געבורט), וועלכער האָט בכלל ניט געדולדעט די אויטאָנאָמישע שטרעבונגען פון אידישן פאָלק.

און אַז „לית דין ולית דיין" — אַז „ניטאָ קיין גערעכט און ניט קיין ריכטער", ווערט מען זיך מיט אייגענע מיטלען. טיילט זיך אָפּ פון די קנאים אַן עקסטרעמע ריכטונג: ס י ק אַ ר־י ע ר. אָדער „קינזשאַלן־טרעגער", אַ געהיימע טעראָריסטישע גרופּע, וואָס רעכנט זיך אָפּ מיט די שונאים פון נאַציאָנאַל־פּאָ־ליטישער פרייהייט קורץ און שטיל. דאָס פלעגט געוויינלאַך פאָרקומען אויף גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, וואו דער טעראָ־ריסט האָט זיך, נאָכדעם ווי ער האָט איינעם אַריינגעשטאָכן אַ קינזשאַל אין זייט, געקאָנט אויסמישן מיט דער פאָלקס־מאַסע און אומבאַמערקט פאַרשווינדן. דויערט עס אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר.

אָבער אויך אין אינערליכן, רעליגיעזן לעבן איז קיין האַלט ניטאָ, קיין פעסטער באָדן ניטאָ. די כהונה־גדולה ווערט פאַר־שאַכערט פאַר געלט, פאַרשוועכט פון אומפּאַסיגע מענשן. עס קומט צו מיאוס'ער קאָנקורענץ אַרום דעם העכסטן פּאָסטן, און עס קומט צו גאַסן־געשלעגן, אַרום דער קאָנקורענץ. עס קומט אויך צו מעסער־שטעך און בלוטפאַרגיסונג. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזאַ כהונה־גדולה איז קעגן די פרייהייטס־שטרעבונגען פון פאָלק. און אַז קלוידיוס האָט, אין זיין צייט, באַשטימט פאַר קעניג אין ישראל אַגריפּוס דעם צווייטן (אַ זון פון דעם ערשטן), איז ער בלויז אַן „אָנ־געשטעלטער" פון רוים; געהערן אים בלויז אַ פּאָר קליינע געביטן, אָבער ניט דאָס איינגענטליכע ארץ־ישראל, אָדער יהודה. דאָ האָבן גע־וועלטיגט די פּראָקוראַטאָרן. אַגריפּוס האָט נאָר צו באַשטימען

כהנים־גדולים און אכטונג געבן אויפ׳ן בית־המקדש... און ער אליין? ערצוויגן אין רוים, האט ער קיין חוש ניט פאר אידן, ניט קיין אכטונג צו זיי און ניט קיין געפיל פאר זייער ליידן און שטרעבן. אזוי איז דאס פאלק געבליבן אי אָן גייסטיגע פירער, אי אָן וועלטלאכע פירער. אָנגעוויזן אויף זיך אליין, קוקט דאָס פאָלק פארביטערט און פארצווייפלט אין דער גרויער, מיט בלוט און מיט פייער אָנגעלאדענער צוקונפט.

און די לעצטע צוויי רוימישע פראקוראטארן־פראוואקאטאָרן: אלבינוס און פלאָריוס, זיינען געקומען. דער ערשטער איז געווען אן אומפארשעמטער כאבארניק. רוימישע פריינט דערציילן פון אים: „עס איז ניט געווען קיין שום נבלה, וואס ער זאל ניט האבן אָפגעטאָן. ער האט אויסגערויבט די געזעל־שאפטליכע קאסעס. ער האט ניט געשוינט דאס פארמעגן פון פריוואטע פערזאָנען. אויפ׳ן פאָלק לייגט ער ארויף אָפצאָלן איבער זיינע כחות. פאר געלט האָט ער באפרייט פארברעכער אפילו פון תפיסה ארוים. נאָר דער וואס איז ניט אימשטאנד געווען זיך אויסצוקויפן, דער זיצט אין תפיסה״. ער באלעבא־טעוועט אָבער אָפּ זייער גיך. זיין געזיגונגס־געגנאָסע, פלאָריוס, האָט לענגערע יאָרן, הגם ער טוט די אייגענע מעשים וואָס אל־ביניוס, אויב ניט נאָך ערגער. קיין שיעור און קיין סוף איז ניט געווען צו זיינע רויבערייען, כאבארן און לוסטיג מאכן זיך איבער די אידן. און אין נערא׳ן, דעם קייזער פון רוים, האט ער געפונען שטיצע. יענער האט אָפּגע׳פסק׳נט, אז פולבארעכטיגטע בירגער אין דער רעזידענץ פון פראָקוראטאָר, אין קיסריה, זענען בלויז העלענען, אָבער אידן זענען בירגער בלויז פון א צווייטער מדרגה. פון דאמאָלט אָן ווערן די גריכן אומדערטרעגליך. זיי באמיהען זיך מיט אלע מעגליכקייטן צו פראוואצירן די אידן. אזוי קומט א גריך און ביים שוועל פון א אידישער שול, אום שבת, ברענגט ער א קרבן א פ ו י ג ל — אונטערשטרייכנדיג דער־מיט די גריכישע לעגענדע, אז אידן שטאמען פון מצרים׳ער מצורעים (א מצורע, ווי מען ווייסט, האט געדארפט ברענגען א

קרבן א פויגל). די באליידיגטע אידן האבן זיך ארויפגעוואָרפן אויף די גריכן. זיינען אָבער די לעצטע געווען אין דער מערהייט, און די אידן האָבן געליטן א מפלה. דער פראָקוראטאָר מישט זיך ניט אין דער פראָוואָקאציע, נאָר אז א אידישע דעלעגאציע קומט צו אים בעטן הילף, זעצט ער זי ארײן אין תפיסה... נעמען די קיסריה'ר אידן מיט זייערע הייליגע ספרים און ציען ארויס פון דער שטאט, וואס איז פארגאסן מיט אידיש בלוט. אין ירושלים מאכט די דאזיגע בלוטיגע געשעעניש א שוידערליכן איינדרוק. און אז פלאריוס פאדערט איצט פון דעם פארוואלטער פון בית־המקדש א גרויסע סומע געלט פון זיינעטוועגן, וואקסט די אויפ־רעגונג גאָר אומגעהויער. עטליכע אידן, וואס ווילן חוזק מאכן פון דעם פראקוראטאר'ס געלטגיריקייט, גייען אום איבער דער שטאט מיט פושקעס און בעטן נדבות פאר דעם „אָרימען פלאריוס" נעבאך.

דער פראָקוראטאָר ווערט זייער אויפגעבראכט דערפון, וואס מען האָט פון אים חוזק געמאכט, און קומט מיט חיל קיין ירושלים, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט זיינע שונאים. ערלויבט ער זיינע סאלדאטן מאכן א פאגראם. מאכן זיי. מען מאכט חרוב גאנצע שטאָט־ראיאָנען. מען הרג'עט מענשן. און דער פּאָגראָם הערט אויף ערשט דאן, ווען דער רוימישער סאלדאט ווערט איבער־געזעטיגט מיט בלוט און גאָלד... דעמאָלט שיקט דער פראָקו־ראטאר רופן די כהנים און די נאָטאבעלן פון ירושלים און לייגט זיי פאר: אויב שטאט וויל באווייזן, אז זי איז ניט סאָלידאריש מיט יענע, וואס האבן אים אויסגעלאכט, זאל די באפעלקערונג ארויסגיין מקבל פנים זיין די צוויי פאָלקן רוימישע סאלדאָטן, וואס דארפן היינט ארײנקומען אין שטאט אריין. נאָך א לענגערער קווייקלעניש ווערט זיין פארשלאָג אָנגענומען. אין א פייער־ליכער פראצעסיע זיינען די כהנים און דאס פאלק ארויס אנטקעגן די רוימישע סאָלדאטן און זיי באגריסט. די סאָלדאטן האָבן אָבער — לויט א געהיימען באפעל פון פראָקוראטאָר — אויף דער באגריסונג ניט געענטפערט. לאזן זיך הערן זידל־

ווערטער קעגן פראקוראטאר, וואס האט נאָך אַן איבעריגן מאָל באליידיגט דאס אידישע פאלק. דערהערט אזוינס, זיינען די סאלדאטן באפאלן דאס אומבאוואפנטע פאלק. געה'רג'עט און גע־שלאגן און מיט פערדישע פיס געטראטן דאס פאלק, וואס איז ארוים זיי כבוד אָפּגעבן... זיינען די אידן זיך צעלאָפן. אָבער ניט אלע. א טייל האָט זיך גענומען צום געווער. פון די דעכער אין די גאסן, וואו די רוימישע סאָלדאטן האבן געדארפט דורכגיין, האט מען זיי באווארפן מיט שטיינער, באשאָסן מיט פיילן און זיי האבן געמוזט אָפּציען אין די קאזארמעס.

בדי די סאלדאטן זאלן ניט קאנען איבערפאלן דעם בית־המקדש פון שלאָס אנטאָני אוים, וואו דער רוימישער גארניזאָן איז געשטאנען, וועלכער איז געווען פאראייניגט מיט'ן בית־המקדש דורך הילצערנע גאלעריען, האָט מען באלד די גאלעריען צעשטערט. און דאס האט געהייסן, אז מען האט אָפּגעשאפט די רוימישע השגחה איבער'ן בית־המקדש. די לופט איז געוואָרן אָנגעזאפּט, ווי מען זאָגט איצט, „מיט פולווער". דער כלומרשטער קעניג, אגריפּוס דער צווייטער, לויט'ן פארלאנג פון סירישן לעגאַט, האָט געפּרואווט ווירקן אויפ'ן פאָלק, עס צו בארואיגן. ער האָט גע'פועל'ט, מען זאָל די גאלעריען ווידער אויפשטעלן, מען זאָל ווידער איינצאָלן די שטייערן, וואָס מען האָט אויפגעהערט צו צאָלן. נאָר אז ער האָט פארלאנגט מען זאָל אונטערטעניג און רואיג אריבערטראָגן דעם פּראָקוראטאָר'ס קאפּריזן, האָט ער דערשפּירט, אז די לופט ארום אים ווערט היים... האָט ער דערפילט, אז דאָ איז פאר אים מער קיין פלאץ ניט. און טראָגט זיך אָפּ אין זיין רו אריין.

דער עפנטלאכער ברוך מיט רוים הויבט זיך אָן אין ירושלים דערפון, וואָס מען הערט אויף מקריב זיין דעם טעגלאכן קרבן פאר'ן רוימישן קיסר — ווי עס איז געווען דער שטייגער ביז דעמאָלט. איינער פון די פאָרשטייער פון דעם העכסטן ירושלים'ער אדל, אליעזר בן חנניה, גייט איבער צו די קנאים.

אָבער אין די ירושלים'ער אָפיציעלע קרייזן איז מען ניט צו־פרידן מיט אזא ווענדונג. זיי האָפן נאָך אז דורך מאכט־מיטלען

וועלן זיי ווידער בארואיגן די באפעלקערונג. זיי פועל'ן בא אגריפּ־פּוס'ן, און ער שיקט זיי אריין 3,000 רייטער. דאָס נוצט אָבער ניט. די באוועגונג גייט אַלץ מער און מער איבער אין די הענט פון די מעסיגע קנאים. דאָס חיל, וואָס געפינט זיך אין ירושלים ווערט אומגעבראַכט. די פירער פון דער שלום־פּארטיי ווערן אויס־גע'הרג'עט דורך די „סוקאַריער" אָדער „קינזשאַל־טרעגער", וואָס האָבן זיך אריינגעכאַפּט אין שטאָט. דער לעגאט פון סיריע, וואָס קומט איינעמען די רעוואָלוציאָנערן, מוז אנטלויפן צוריק. ער פארלירט דערביי פיל מענשן, ער פארלירט אויך פיל אמוניציע, וואָס קומט נאָכדעם זייער גוט צוניץ די אידן. נאָך די אַלע נצחונות גייט איבער די הערשאַפט אין ירושלים צו די קנאים.

אין גאַנצן לאַנד חזר'ט זיך איצט איבער דאָס אייגענע, וואָס איז פריער פאָרגעקומען אין קיסריה. אין אַלע שטעט מיט א גע־מישטער באַפעלקערונג שטייען אויף די גריכן אויף די אידן און קוילען זיי אויס. אזוי אין די שטעט ארום ירדן, אזוי אין די שטעט וואָס אין סיריע. אפילו אין אלעקסאַנדריע באנוצן זיך די גריכן דערמיט, וואָס אין רוים איז א שלעכטע שטימונג קעגן די אידן אין מזרח, און זיי מאַכן חרוב דעם גאַנצן אידישן שטאָט־טייל פון אַלעקסאַנדריע. דאָס פּאָגראָם־פייער ווערט אומגעהויער. די רוימישע מאַכט אין פּאַלעסטינע הערט ניט אויף צו גיסן בוימל אויף דעם ראָזיגן פייער. די אידן טענה'ן אפילו אַלץ נאָך: זיי ווילן טריי בלייבן צו רוים, נאָר דעם מערדערלאַכן פּראָקוראַטאָר זאָל מען צונעמען פון זיי. אָבער דארויף קאָן רוים ניט איינגיין. צוליב „פּרעסטיזש" פון דעם רוימישן באַאמטענטום קאָן זי די אידן ניט נאָכגעבן. עס ווערט דארום קלאָר, אז נאָר דער אָפענער רעוואָלו־ציאָנערער קאַמף וועט ענטשיידן צווישן דער רוימישער מאַכט און דעם אידישן רעכט...

איצט ווערט געשאַפן א „ציוויליגע רעגירונג". אין איר באַטייליגן זיך פאָרשטייער פון די כהנים און פון דער אריסטאָקראַ־טיע. די אויפגאַבע פון דער רעגירונג איז געווען: זיכערן דעם נאַציאָנאַלן שוץ אין ירושלים און אין דער פּראָווינץ. דער שוץ

פון ירושלים ווערט איבערגעגעבן אין די הענט פון חנן און יוסף בן גוריון. אין גליל האָט מען געשיקט דעם הויכגעבילדעטן כהן יוסף בן מתתיהו (אָדער ווי ער האָט שפּעטער געהייסן: יוסיפוס פלאוויוס), און אין אנדערע געגענטן — אנדערע קאָמאַנדירן. אין רוים, ווידער, נעמט מען די געפאַר פון דער אידישער רעוואָלוציע זייער ערנסט. און נעראָ שיקט קיין פּאַלעסטינע (67 נ. ק.) דעם טיכטיגסטן פון זיינע קריגס־פירער: טיטוס פלאַוויוס וועספּאַסיאַנוס, מיט אן ארמיי פון זעכציג טויזנט מאַן. אויסער דעם האָט ער נאָך באַצויגן הילפס־ארמייען פון די מזרח־הערשער, וואָס זענען געווען אונטערטעניג צו רוים. וועספּאַסיאַנוס גייט קודם כל קיין גליל. דאָ איז ניט געווען קיין איינהייטלאַכקייט בנוגע דער מלחמה. דער קאָמאַנדיר, יוסף בן מתתיהו, וואָס איז אהער באשטימט געוואָרן פון ירושלים, איז געווען אזוי „ווייטזיכטיג", אז ער „האָט פאָראויסגעזען אז די מלחמה איז אַ פאַרשפּילטע"... דערצו האָט ער געהאַט אַ שונא: יוחנן פון גוש־חלב, דער פירער פון די קנאים אין גליל. און אויך די שטאָטישע באַפעלקערונג, וואָס איז געווען אַ געמישטע, איז אַ טייל פון איר שטענדיג געווען פאַר די רוימער. די באַפעסטיגונג איז געווען אַ שוואַכע. די ארמיי ניט גענוג דיסציפּלינירט. דער הויפּט־קאָמאַנדיר ניט גענוג איבערגעגעבן זיין זאַך. נאָך אין דעם זעלבן יאָר איז דער גליל געווען איינגענומען פון ברעג צו ברעג. דער הויפּט־קאָמאַנדיר יוסף בן מתתיהו ווערט גענומען געפאַנגען, און ווערט אינגיכן אַ ליבלינג און אַ חשוב אין רוימישן הויף. די קנאים אנטלויפן קיין ירושלים. דאָס פּשוט'ע פאָלק ווערט טייל־ווייז אויסגעהרג'עט, טיילווייז פאַרקויפט אין קנעכטשאַפט און טיילווייז אוועקגעשלעפּט קיין רוים. איצט איז נאָך פאַר די רוימער געבליבן איינצונעמען ירושלים.

און ירושלים איז געווען ערשיטערט פון דער ניט געלונגענער פאַרטיידיגונג פון גליל. דאָס פאָלק פאַרלירט דערפאַר דעם צוטרוי צו דער צייטווייליגער רעגירונג. די קנאים פון גליל העצן דאָס פאָלק. עס קומט צו אָפענע גאַסן־קאַמפן צווישן דער אריסטאָקראַ־

טיע אין די קנאים. עס פאַלן גע'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטן. און אַז עס קומען אריין אין שטאָט אריין די אַ ד ו מ י ם, באַשטעלט פון די קנאים, באַקומען די לעצטע די אויבערהאַנט. מען פאַרטיליגט און מען ראַט אויס די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע און אירע סימפּאַטיזירער. יוחנן פון גוש־חלב און אליעזר בן שמעון ווערן די בעלי־בתים פון דער הויפּטשטאָט, בעת אין דער פּראָווינץ האָט געבאַלעבאַטעוועט און געווילדעוועט דער טעראָריסט: שמעון בן גיורא. ער האָט טעראָריזירט די גאַנצע פּראווינץ. און שפּעטער, אַז ער איז געקומען קיין ירושלים, האָט זיך צווישן אים און יוחנן פון גוש־חלב פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ בלוטיגער קאַמף פאַר דער אויבערהערשאַפט אין ירושלים, וואָס האָט אָפּגעקאָסט פיל מענשן־לעבנס און פאַרוויסט זייער פיל אַמוניציע.

ביני לביני איז נעראָ, דער קיסר פון רוים, דער'הרג'עט געוואָרן. ווּעספּאַסיאַנוס איז געוואָרן קיסר און זיך אומגעקערט קיין רוים. און פאַרענדיגן מיט'ן אידישן אויפשטאַנד האָט ער איבערגעגעבן צו זיין זון: ט י ט ו ס.

אַרום פּסח־צייט, אין יאָר 70 נ. ק., טרעפן מיר אין ירושלים אַ דיקטאַטור פון צוויי: יוחנן פון גוש־חלב און שמעון בן גיורא. ביידע קנאים. אָבער דער לעצטער איז דער אָנפירער פון דער עקסטרעמער טעראָריסטישער גרופּע. און צו איר זיינען אויך צוגעשטאַנען די אַ ד ו מ י ם, וואָס זיינען פאַרבליבן אין שטאָט. און אַרום שטאָט הויבט טיטוס אָן צו אָרגאַניזירן די באַלאַגערונג. צווישן טיטוס'עס נאָענטסטע פריינט, אין זיין הויפּט־קוואַרטיר, טרעפן מיר: דעם גע'שמד'טן אידן טיבעריוס אַלעקסאַנדר, דעם אויפטוער פון דעם פּאָגראָם אין אַלעקסאַנדריע, דעם קאָמאַנדיר פון גליל — יוסף פלאַוויוס און דעם אידישן שאָטן־קעניג אַגריפּוס דעם צווייטן. ירושלים האָט געהאַט אין זיך הונדערטער טויזנטער בירגער, וואָס זיינען גרייט געווען אַזעקצוגעבן זייער לעבן פאַר זייער פרייהייט, און טיטוס האָט פאַרמאָגט 80 טויזנט סאָלדאַטן, גוט דיסציפּלינירט און אויסגעשטאַט מיט אַלערליי קאַמפּס־מאַשינען, וואָס יענע צייט האָט געקענט. און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן.

איצט ווערט שלום צווישן די פּאַרטייען אין ירושלים. מיט׳ן מוט פון פאַרצווייפלונג קעמפן די אידן קעגן זייער אויסערן פיינד. א לאַנגע צייט צעשטערן זיי, פון די טורעמס אויס, אַלע טיטוס׳עס באַלאַגערונגס־וואַלן. אָפּט מאַכן זיי אויספאַלן פון שטאט און צינדן־אונטער אַלע בנינים פון דעם שונא, וואס האבן אָנגעהערט צו דער באַלאַגערונג. איינמאָל האבן זיי שיער טיטוס׳ן ניט געננו־מען געפאַנגען. אַן אַנדער מאָל גראבן זיי אונטער אַלע זיינע בנינים, אין די אויסגראָבונגען לאָזט מען אָנצינדן גרויסע קלעצער, און אזוי ארום ברענגען צום איינפאַלן אַלע זיינע באפעסטיגטע פּאזיציעס. אין אַזוינע פאַלן קומען אום טויזנטער מענשן, וואָס זענען פאַרנומען בא די ארבעטן, און אויך די ארבעט פון לאַנגער צייט. די צוזאמענ־שטויסן צווישן אידן און רוימער זענען געווען גרויזאַם און בלוטיג. „קלאַסישע"ביישפּילן פון העלדנמוט זענען דאָ, פון אידישער זייט, געליפערט געוואָרן. אפילו די רוימער זענען געשטאַנען ערשטוינט קעגן דער מוטיגער פריידיקייט, מיט וועלכער די אידישע העלדן האָבן זיך געווארפן צום טויט אין די אָרמס. אָבער ביישטיין קעגן דער רוימישער מאַכט זענען זיי דאָך ניט אימשטאַנד געווען. און בפרט נאָכדעם ווי אַן אומבאַשרייבלאַכער הונגער האָט זיך אָנגעהויבן אין שטאט, ווען אפילו די סאָלדאטן האבן הונגעריגע די שטאט פאַרטיידיגט. דאַן איז עס געקומען דערצו, צו וואס עס האט געמוזט קומען. ירושלים׳ס פעסטונגען זענען געפאַלען אונטער די שווערע קלעפּ פון די רוימישע אייזערנע וועגט־ברעכער. און ירושלים׳ס טויערן האבן געקראַכט אונטער׳ן פייער, וואס טיטוס האט אונטער־געלייגט אונטער זיי. און אַז די רוימער האָבן זיך אריינגעריסן אין שטאט, האט זיך ערשט רעכט אָנגעהויבן מאָרד און רויב און פּיין, צו וועלכע רוימישע גרויזאַמקייט און ריקזיכטסלאָזיקייט איז פעאיג געווען. די שטאט איז געוואָרן צו אש, דער בית־המקדש א חורבה־הויפן. בלויז דריי קאָלאָסאַלע טורעמס, פון דעם הורדוס פּאַלאַץ, האט טיטוס איבערגעלאָזט — און זאָלן זיי עדות זאגן, וואס פאַר א מעכטיגע באפעסטיגונג ער האט איינגענומען !...

און דאָס פאָלק? טיילווייז אויסגע׳הרג׳עט אין קריג, טיילווייז

ערמאָרדעט פון שונא'ס האַנט נאָכ'ן זיג. טיילווייז האָבן זיך אַליין אין פייער געוואָרפן און מיט די פלאַמען פארשוואונדן. טיילווייז פון הונגער־טויט אומגעקומען און טיילווייז פאר קנעכט און פאר דינסטן אין פרעמדע לענדער פארקויפט. די חשוב'ע, די נאָטאַבעלן, וואָס האָבן זיך ביים לעבן דערהאַלטן, האָט מען געשמידט אין קייטן, געשלעפּט קיין רוים נאָכ'ן טריאומף־צוג פון טיטוס, בעת ער האָט זיך אַלס זיגער אַהיים אומגעקערט. און די העלדן און די שטאַרקע, האָט מען אין רוימישן צירק אַרויסגעלאָזט אַלס גלאַדיאַ־טאָרן, צו קעמפן מיט ווילדע, הונגעריגע חיות, כדי משמח צו זיין דאָס רוימישע פאָלק, וואָס האָט זיך הארציג געוויילט באַ אַ זעלכע שפּילערייען.

און דאָס ביסל אידן, וואָס זענען איצט נאָך אין דער ארץ־ישראל פּראָווינץ גאַנץ געבליבן, האָט מיט ווענינגע יאָר שפּעטער דערזעלבער גורל געטראָפן.

בּר־כּוכבא

צו-גרויס איז געווען דער חורבן פון אידישן פאָלק און אידישן לאַנד דורך טיטוס׳ן, אַז די אידן זאָלן אים גיך קאָנען פארגעסן. צו־גרויזאַם און צו שווידערליך האט רוים באַהאַנדלט די אויפ׳ס ניי אונטערטעניג געוואָרענע אידן, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען בארואיגן. פינף צענדליג יאָרן נ אָ כ ׳ ן חורבן האבן אידן אַלץ נאָך געלעבט אין שטענדיגער טויט־שרעק און כמעט ווי אין קריגס־צושטאַנד. יעדער שריט זייערער איז באַוואַכט געוואָרן, יעדע האַנדלונג — אונטערדריקט. בלבולים האבן זיך געשאָטן אויף אידישע קעפּ. מסירות האָבן זיי אומאויפהערליך פאַרפאָלגט. און יעדער בלבול, יעדע מסירה האבן אידן געהאַט אויסצוקעמפן מיט אומגעהויער פיל אידיש בלוט.

אַ לעגענדע כאראַקטעריזירט די אידישע לאַגע, די רוימישע אכזריות פון יענער צייט:

„די פרוי פונ׳ם רוימישן קייזער טראַיאַנוס האט געבוירן אַ קינד. גראָד איז עס אויסגעקומען אום תשעה-באב — דעם טאָג, ווען אידן האבן געפאסט, געזעסן אויף דער ערד און געוויינט אויפ׳ן חורבן ירושלים. דאָס קינד האָט געלעבט קנאַפּע פינף חדשים און איז געשטאָרבן. דאָס איז גראָד אויסגעקומען אום חנוכה, ווען אידן מאַכן יום־טוב, צינדן אָן ליכט, צום אנדענקען פונ׳ם נצחון פון די חשמונאים. זיינען מוסרים געקומען צו דער קעניגין און האָבן זי „אויפמערקזאַם" געמאַכט אויף דעם פאַקט, אַז „בשעת זי האט ג ע ב ו י ר ן אַ קינד, האבן אידן געטרויערט, און בעת דאס קינד איז ג ע ש ט א ר ב ן האבן זיך אידן משמח געווען". האט זי דאס געהערט און געגלויבט און געשריבן צו איר מאַן, וואס האט דעמאָלט מלחמה געהאלטן מיט בארבארן: איידער דו בארואיגסט די באַר־בארן, גיי בעסער און בארואיג וואס גיכער די אידן, וואס זיינען

אין אויפשטאנד געגן דיר. האט זיך טראַיאַנוס אוועקגעלאזט מיט'ן ים קיין ארץ־ישראל, וואוהין ער האט גערעכנט אַנצוקומען אין צען טעג ארום. האט אים אָבער דאס וועטער גוט געדינט און ער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל מיט פינף טעג פריער, ווי ער האט גערעכנט. איז ער־אריינגעקומען אין בית־המדרש און געטראָפן די אידישע חכמים לערנען דעם פסוק: „גאָט וועט אויפהויבן געגן דיר אַ פאָלק פון דער ווייטן, פון עק־וועלט, און גיך וועט ער צו־פליען, ווי אַן אָדלער.“ האָט טראַיאנוס צו זיי געזאָגט: „דער אָד־לער — דאס בין איך! וואָרים אנשטאט צו שווימען צען טעג אהער, בין איך געשוואומען בלויז פינף.“ און אַן ווייטערע טענות האבן זיינע לעגיאָנען ארומגערינגלט די חכמים און זיי אויסגע'הרג'עט. און צו די אידישע פרויען האט זיך טראַיאנוס געווענדט מיט דער פאָדערונג: „גיט זיך אונטער מיינע לעגיאָנען, אויב ניט, וועל איך זיך מיט אייך באגיין, אזוי ווי איך בין זיך באגאנגען מיט אייערע מענער.“ האבן די פרויען געענטפערט: „באגיי זיך מיט די נידער־יגערע, ווי דו ביזט זיך באגאנגען מיט די העכערע“ האבן די לע־גיאָנען אויך ז י י אויסגע'הרג'עט. האָט זיך דאס בלוט פון די פרויען אויסגעמישט מיט'ן בלוט פון די מענער. איז דער בלוט־שטראם ווייט געפלאסן און דערגרייכט ביז צום אינזל קיפּראָס.“

און נאָך ווייטער. און אומעטום, וואו דאס רוימישע באגיין זיך מיט אידן האט דערגרייכט, זיינען די אידן אויפגעבראַכט גע־וואָרן געגן די רוימער. וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט טאָן געגן זיי, האָבן זיי געטאָן. און אז טראַיאַנוס האָט אונטערגענומען זיין גרויסן קריגס־צוג צו מזרח פון דער רוימישער אימפּעריע, צו בבל, האבן זיך די אידן אין בבל באוואָפנט אנטקעגנגעשטעלט דער אכזריות, וואס איז אויפגעגאנגען אויף זיי פון רוים. און די אנטי־רוימישע באוועגונג איז פון אזיען אריבער אויך אין אפריקא — מצרים. און פון די רוימער האט זיך דער אידישער האס אויסגעשפּרייט אויך אויף די אידישע שכנים, די ה י י ד ן, וואָס זענען געווען אידישע שונאים און, דירעקט אָדער אינדירעקט, געשטיצט די רוימער, די רויבער, געגן די אידן.

האבן אין איין אָרט די רוימער דערטרונקען דעם אידישן אויפשטאַנד אין אידיש בלוט, האָבן אין אַ אַנדער אָרט די אידן גע־קילט זייער האַרץ אין בלוט פון די רוימער, אָדער היידן — אידישע שכנים. „דאָ האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער כעס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין די אידישע הערצער געגן דער גריכיש־רוימישער אונטערדריקונג". אַזוינע אויפשטאַנדן, אָדער בירגער־קריג, זענען פאָרגעקומען אין בבל, מצרים, קירענע, קיפּראָס און אַנדערע ערטער. סוף־כל־סוף האָבן די רוימער געזיגט. דערביי איז די גאַנצע גרויסע אידישע קהלה אין אַלעקסאַנדריען פאַרטיליגט געוואָרן. די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון דעם אינזל קיפּראָס איז געוואָרן אויס־געראָטן. די אידישע מאַכט אין בבל איז געוואָרן געבראָכן. און די אָנפירער פון די אויפשטאַנדן זענען געוועזן אין די הענט פון די רוימישע קריגס־פירער, אויף געהאַנגען צו ווערן. אָבער איידער דאָס איז געשעען, איז טראַיאַנוס געשטאָרבן. זיין אָרט פאַרנעמט א ד ר י אַ נ ו ס. דער נייער קייסער מאַכט בטל די פאַראָרדנונגען פון די באַמטע פונ׳ם פריערדיגן קייסער און די אידישע פירער פונ׳ם אויפשטאַנד ווערן ניצול פון טויט.

א ישועה!

די צייט איז פאַר רוים אַ אומרואיגע. דער גאַנצער מזרח איז אויפגעברויזט געגן די אונטערדריקער פון אַרום טיבער. און דער נייער קייסער האַלט עס פאַר בעסער דורך פ ר י ד ל א כ ע מיטלען צו באַרואיגן די אומצופרידענע. זאָגט ער צו די אידן, ער וועט זיי לאָזן ווידער אויפבויען דעם בית־המקדש. ער וועט נאָכאַמאָל אויפ־ריכטן ירושלים. גלויבט מען. און פון די נאָענטסטע און ווייטע גלות־לענדער הויבן אידן אָן זיך צו זאַמלען קיין ירושלים. מ׳טרעט אויך צו צום בויען, אָבער שוין אין אָנהויב איז די ערלויבניש צו בויען גענומען געוואָרן צוריק. איינגנטליך, ניט אינגאַנצן. י אָ בויען דעם בית־המקדש, נאָר א ביסל אָן א זייט פונ׳ם פריערדיגן; יאָ אָפּבויען ירושלים, אָבער ניט אַזוי האַסטיג... אָבער שוין דאָס בויען דעם בית־המקדש אויף אַ אַנדער פּלאַץ, ניט דאָרט, וואו דער ערשטער בית־המקדש איז געשטאַנען, איז פאַר אידן גלייך ווי

גאָרניט בויען. האָט דאָס בויען אויפגעהערט. איז די אומצופרידנ־קייט געוואקסן טיף און ברייט. אָבער ביז א צייט ווארצלט זי זיך, ברענגט אָבער קיין פרוכט ניט, ברעכט ניט אויס אין מעשים.

איבער צען יאר זיינען פארביי. די מזרח־לענדער האבן זיך בארואיגט. אדריאַנוס מאכט א טריאומף־צוג איבער זיין מלוכה. ער קומט אויך קיין פאלעסטינע. באזוכט ירושלים. און דאָ קומט אים אויף דער געדאנק:

אויפצוריכטן ירושלים אַלס מיליטערישע פעסטונג און אלס רוימישן צענטר פאר יופיטער'ן, דעם היידנישן גאט.

און אזוי זאל עס געשעען! די ארבעט הויבט זיך אָן!

זאל דאס ניט אויפרייצן די געמיטער? דער לעצטער פונק פון האָפנונג אויף פרייהייט צאנקט, און זאָל ניט קיין איינציג מאָל ווידער אויפפלאקערן? דאס וואָלט געווען אומנאטירלאך. און עס געשעעט דאָס נאטירלאכע: די מוטיגע און באגייסטערטע און באַ־וואפנטע זאמלען זיך צונויף אין עמק־יזרעאל און האלטן אָפּ א בעראטונג: שוין זיך אויפהויבן געגן די רוימער, מיט געווער אין האנט, אָדער דערוויל נאָך אָפּלייגן דעם אויפשטאנד? דאס מאָל האבן געזיגט די מעסיגע. אָבער נאָר ביז א צייט. כאָטש אָפּגעלייגט דעם אויפשטאנד, בילדן זיך דאָך קליינע גרופן פארשווערער, וואָס הערן ניט אויף זיך בעראטן און צוזוגרייטן און אָרגאניזירן דעם פאָלקס־צאָרן צום אָפענעם קריג מיט די רוימער. און די גרעסטע גייסטער פון דער צייט שטייען מיט די פארשווערער. געגוג צו דערמאָנען רבי עקיבא'ן, וואס איז דאָך געווען דער אנערקענטער גייסטיגער פירער פון גאנצן פאלק. מיט סכנת־נפשות, אין פאר־ווארפענע ווינקעלאך פלעגן זיי אָפּהאלטן זייערע זיצונגען. א ברייטע, נאָר אונטערערדישע פראפאגאנדא האבן זיי אָנגעפירט פאר זייער אויפגאבע. רבי עקיבא איז אומגעפאָרן איבער ארץ־ישראל, בבל און אפילו קליין־אזיען און געוועקט בא די דאָרטיגע אידן דאס אינטערעס און מיטגעפיל צום קומענדיגן קאמף פאר נאציאָנאלער פרייהייט. און אויפ'ן אָרט האט מען אין היילן געשאפן לאגערן פון געווער, פון שפייז און פון אלעם־נויטיגן פאר א לענגערן פארטיזא־

נישן קריג. מ'האט אפילו געמאכט אונטערערדישע דורכגענג פון הייל צו הייל. אלץ האט מען צוגעגרייט צום אויפשטאנד.

און דער רוימישער פארטרעטער אין ארץ־ישראל האט אויך פון זיין זייט געטאן אלץ, וואס ער איז געווען בכח, כדי דעם אויפ־שטאנד ארויסצורופן. ער דעמאראליזירט און פארגוואלטיגט אידישע פרויען; ער באליידיגט מיט וואס ער קאן נאר די רעליגיעזע געפילן פון אידן; ער און די זייניגע האלטן זיך מיט חוצפה, גלייך ווי זיי וואלטן קיין אנדער אויפגאבע ניט געהאט אין לאנד, ווי נאר ארויס־צורופן אן אויפשטאנד, גלייך ווי זיי וואלטן געווארט דערויף: און זיי האבן זיך דערווארט: דער אויפשטאנד האט אויסגעבראכן (131 אדער 132 נ. ק. געבורט).

און אויסגעבראכן האט ער אין די פארשידנסטע פונקטן מיט אמאל. וואו עס האט זיך באוויזן א רוימישער לעגיאן, דארט איז מען אים באפאלן; וואו עס האט זיך באוויזן א גרופע באוואפנטע רוימער, האבן זיי זיך אנגעשטויסן אויף געגן וואפן. דער אנפירער פון דעם אויפשטאנד, אינגאנצן גענומען, איז געווען ב ר־כ ו כ ב א. זיין אמת'ן נאמען ווייסט מען ניט זיכער, „בר־כוכבא" האט מען אים גערופן דערפאר, וואס רבי עקיבא האט גע־זאגט, אז דער פסוק „ד ר ך כ ו כ ב מ י ע ק ב" — „א שטערן וועט אויפגיין פון יעקב'ן" — „והיה אדום ירשה" — „און ער וועט ירש'נען אדום'ן" (רוים, הייסט עס) גייט אויף „בר־כוכב'ן". מען רעכנט, אז ער האט געהייסן ש מ ע ו ן. אבער קיין חילוק ניט. א העלד איז ער געווען, און א אידישער פאטריאט איז ער געווען, און פאר קיין שום פרייז אין דער וועלט איז ער ניט איינגעגאנגען אויף רעליגיעזן אדער נאציאנאלן שמד. גאנצע לעגענדעס זענען געבליבן וועגן זיין גבורה און וועגן די איבערמענשלאכע גבורות פון זיינע נאענטע העלדן. פיר מאל הונדערט טויזנט מענשן האט זיין חיל געציילט. און אויף טויט און אויף לעבן זענען זיי געהארכזאם געווען. דער רוימישער פארטרעטער אין פאלעסטינא, טינעאוס רו־פוס (אידיש: טורנוס רופוס, וואס מיינט: דער ט י ר א ן רופוס) האט גאר ניט געקאנט טאן קעגן בר-כוכבא און די פארטיזאנען. אין

משך פון איין יאר צייט האט בר־כוכבא געהאט אין זיין רשות איבער פופציג ב א פ ע ס ט י ג ט ע פונקטן און קנאפע טויזנט שטעט און דערפער ניט באפעסטיגטע. און די אידישע באפעלקע־רונג — זי איז א י נ ג א נ צ ן געווען מיט אים, אויב ניט צו רעכענען א קליינע מינדערהייט פון געלערנטע אין פאלק, וואס האבן געראטן זיך אונטערצוגעבן די רוימער — ווייל קיין גוטס וועט פון׳ם אויפשטאנד ניט ארויסקומען. דער גרויסער נצחון פון׳ם ערשטן יאר האט אלעמען פארבלענדט די אויגן. אפילו אזא גרויסער גייסט ווי ר׳ עקיבא האט געגלויבט, און האט עס אויך אפן ארויס־געזאגט, אז בר־כוכבא — דאס איז מ ש י ח ! און די קעמפער אליין — ווי שטאלץ זיי זיינען געווען בא זיך! מ׳דערציילט, אז בר־כוכבא האט זיך אמאל געווענדט צו גאט מיט א תפלה: רבונו של עולם, דו העלף נאר ניט אונזערע פיינט, מ י ר וועלן זיך אליין העלפן!...

שטעקט דערין „חוצפה געגן הימל“, אבער וויפיל העלדיש זעלבסטבאוואוסטזיין! און אין דער איבערנאטירלאכער העלדישקייט פון די אויפשטענדיגע האט מען אפילו אין רוים אויך מודה געווען. אויב לכתחילה האט מען דארט אונטערשעצט די אידישע מאכט, האט מען זיך אבער אין משך פון ערשטן יאר ארומגעזעען, אז דאס איז געווען א טעות. איצט שיקט רוים קיין ארץ־ישראל איר בא־רימטסטן קריגס־פירער: י ו ל י ס ס ע ו ו ע ר. ער האט אונטער זיין קאמאנדע פיר רוימישע לעגיאנען. טריט פאר טריט הויבט ער אן אויסצוראטן די פארטיזאנען, איינצונעמען צוריק יהודה. פ י ר ־ א ו ן ־ פ ו פ צ י ג אנפאלן האבן די רוימער געהאט אונ־טערצונעמען ביז וואנען זיי זענען ווידער געווארן בעלי־בתים אין לאנד. דער לעצטער פונקט איז געווען די באפעסטיגטע שטאט ביתר, ניט ווייט פון ירושלים. נאך א לאנגער באלאגערונג, נאך א ריי אנטפלעקטע פעסטונגס־סודות מצד שומרונישע שפיאנען, האבן די רוימער די פעסטונג איינגענומען. דא איז אומגעקומען בר־כוכבא מיט זיין גאנצן חיל. דא האט מען אויסגעקוילעט אפילו די פרידלאכע באפעלקערונג, וואס האט זיך באהאלטן אין דער פעס־

טונג. דאס בלוט, וואס איז דארט פארגאסן געווארן, לאזט זיך ניט שאַצן און ניט מעסטן.

דריי מיט א האלב יאר האט זיך געצויגן דער אויפשטאנד. איבער א האלב מיליאָן אידן זענען געפאלן באוואפנטע אויף דעם שלאכט־פעלד. נאָכאמאָל אזוי פיל זענען אומגעקומען אין די שטעט, אין די היילן און אין די פעסטונגען פון הונגער און פון קראנקייטן. און צענדליגער און צענדליגער טויזנטער נפשות זענען פארקויפט געווארן פאר שקלאפן אין די פארשידנסטע לענדער, פון וואנען זיי האָבן מער זיך ניט אומגעקערט... און נאָר א קליינער טייל האָט זיך געראטעוועט לעבעדיג און אנטלאפן קיין אראביען, בבל אדער קליין־אזיען.

איצט, אז דער אידישער אויפשטאנד איז געווען אונטער־דריקט, האָט אדראָנוס אויסגעפירט זיין אלטן פלאן: מאכן פון ירושלים א רוימישן קולטוס־צענטר. די שטאט ווערט איבערגעבויט, מ׳גיט איר א נאָמען: ע ל י א ק א פ י ט אָ ל י נ א — לכבוד דעם קייזער ע ל י ו ס אדריאנוס און דעם ק א פ י ט א ל י ש ן יופיטער. דעם טעמפל פאר יופיטער׳ן האָט מען אויסגעבויט אויפ׳ן פלאץ, וואו עס איז פריער געווען דער בית־המקדש. די שטאט איז פול געווען מיט עפנטלאכע בנינים, מיט טעאטערס, מיט שפיל־פלעצער און מיט סטאטועס פון גריכישע און רוימישע געטער. מיט צופרידנקייט האט מען געזעען אריינקומען אין שטאט אריין מענשן פון אלערליי נאציאָנען, נאָר פאר אידן איז דער אריינגאנג אין שטאט אריין געווען פארבאָטן...

אָבער פארגעסן אָן זיי האט מען ניט. נאָכדעם ווי מ׳האט בא זיי אָפּגערויבט זייער פ אָ ל י ט י ש ע פרייהייט, האָט מען געפּרובט אָפּצונעמען בא זיי אויך זייער ג ע װ י ס נ ס־פרייהייט. מ׳פאָדערט ניט פון זיי צו אנערקענען און צו דינען די רוימישע געטער, נאָר מ׳לאזט זיי ניט אויסדריקן זייער אנערקענונג און דינען זייער אידישן גאָט. דאָס וויכטיגסטע פון אידישן גלויבן איז פאר־באָטן געווען צו דערפילן. ניט מילה, ניט שבת, ניט תפילין און ניט אפילו בלויז תורה לערנען. פאר עובר זיין אויף אזא פארבאָט האט

מען באַשטראָפט מיט טויט־שטראָף. דעם אויפזעער דאַרויף, אַז אידן זאָלן אָפּהיטן די פאַרבאָטן, האָט מען באַשטימט דעמזעלבן טורנוס רופוס, וואָס האָט אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע אומפייאיקייט אין קריג מיט בר־כוכבא׳ן. אָבער אין פרידנס־צייט, אַ באַוואָפנטער געגן אומבאַוואָפנטע, האָט ער אַרויסגעוויזן די טיראַנישסטע העל־דישקייט. די געפערלאַכסטע צייט האָט זיך איצט אָנגעהויבן אי פאַר די אידן, וואָס זענען נאָך אין לאַנד געבליבן, אי פאַר׳ן אידנ־טום, וועמען זיי זענען טריי געבליבן. די „צייט־געגנאָסן" פון דער תקופה האָבן זי אויך גערופן: „די צייט פון סכנה", „די צייט פון גזרות", „די צייט פון שמד" א. ד. ג. דער הערשער פון אויבן און זיינע שליחים, שפּיאָנען און מוסרים, אונטן, האָט געהאַט נאָר איין ציל: אויסראָטן דאָס אידנטום. און ממילא, האָט מען געהאָפט, וועט זיין פּלאַץ פאַרנעמען דאָס גריכיש־רוימערטום. אָבער דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון די אידן האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער, ווי דער רוימישער פויסט. אין דער שטאָט לוד איז פאָרגעקומען אַ געהיימע באַראַטונג פון תנאים, כדי פעסטצושטעלן, וועלכע מצוות מעג מען נ י ט מקיים זיין, אויב עס דראָט דערפאַר דער טויט, און וועלכע מ ו ז מען מקיים זיין — אפילו ווען אַ שאַרפער שווערט ליגט דיר אויפ׳ן האַלז. געוועזן אַזוינע, וואָס האָבן געזאָגט: אויב עס גייט אום אונטערברענגען דאָס אידנטום, דאַן דאַרף אַ איד זיך לאָזן הרג׳נען און ניט עובר זיין אויף דער מינדסטער מצוה. די מערהייט האָט אָבער אַנדערש באַשלאָסן: בלויז אין דריי פאַלן דאַרף אַ איד גיין אויף קדוש־השם און ניט נאָכגעבן, נעמלאַך: אויב מ׳צווינגט אים צו דינען געצן, אויב מ׳צווינגט אים צו אומזיטלאַכן געשלעכטס־לעבן און אויב מ׳צווינגט אים בלוט צו פאַרגיסן. אין אַלע אַנדערע פאַלן מעג ער זיך אונטערגעבן, אַבי ניט גע׳הרג׳עט צו ווערן. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַלע. אָבער סוף־כל־סוף איז עס איבערגעלאָזט געוואָרן פאַר יעדן איינצלנעם צו האַנדלען לויט זיין געוויסן. געוועזן שטאַרקע, געוועזן שוואַכע, די שוואַכע זענען פאַרשוואונדן. די שטאַרקע האָבן מנצח געווען דעם רוימישן דעספּאָטיזם אויף דורי־דורות. אויף זייערע רוקנס זיינען געשמידט גע־

וואָרן און אין זייער בלוט זענען געשטאָלט געוואָרן די אייביג־נאַציאָנאַלע, מאָראַלישע ווערטן: „קדוש השם“, „מסירת־נפש“, אָדער מקריב זיין זיך פאַר גאָט און פאַר דער תורה. אַ גאַנצער דור פון גרויסע גייסטער האָט זיך באַוואוסטזיניג אַנטקעגנגעשטעלט דער רוימישער מיטוויליקייט און רואיג דעם טויט אַנטקעגנגע־גאַנגען.. רבי עקיבא, דער גייסטיגער פירער פון די אידן אין יענער צייט, אַן אָנהענגער פון בר־כוכבא, האָט זייער גוט געוואוסט, וואָס עס דערוואַרט אים, אַז ער וועט אַריינפאַלן צו טורנוס רופוס׳ן אין די הענט אַריין; אָבער ער לאָזט זיך ניט שטערן; ער זאַמלט אַרום זיך תלמידים און לערנט מיט זיי תורה. און אַז מ׳האָט אים געכאַפּט און געפירט צום טויט, האָט מען זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען געריסן פון אים, און ער האָט ביז דער לעצטער מינוט ניט אויפגעהערט הויך צו שרייען: „שמע ישראל!“ און אַ צווייטן תנא, ר ב י ח נ י נ א ב ן ת ר ד י ו ן, האָט מען איינגעוויקלט אין אַ ספר־תורה, אַרויפגעלייגט אויף אַ שייטער־הויפן פון נאַס האָלץ און אויפ׳ן האַרצן האָט מען אים אַרויפגעלייגט נאַסע וואָל, כדי ער זאָל לאַנגזאַמער פאַרברענט ווערן. און פון פייער אַרויס האָט ער זיין טאָכטער וואָס איז דערביי געשטאַנען, געטרייסט און געזאָגט: „דער, וואָס וועט זיך נוקם זיין פאַר׳ן מבזה זיין די תורה, דער וועט זיך אויך פאַר מיר נוקם זיין...“ און אַ דריטער, ר ב י י ה ו ד ה ב ן ב ב א, אַז ער האָט געזעען ווי די גרויסע פירער פון פאָלק קומען־אום איינציגווייז און גרופּנווייז, האָט ער מורא געהאַט, אידן וועלן בלייבן ווי שאָף אָן הירטן, האָט ער צונויפגע־נומען זעקס תלמידים, זיי געגעבן סמיכה און זיי צוואה געלאָזט, אַז זיי זאָלן זיך איינשטעלן פאַר׳ן פאָלק, פאַר גאָט און פאַר דער תורה. דערוויילע האָט מען דערזען רוימישע סאָלדאַטן גייען־צו. האָט ער צו די תלמידים צוגעשריען:

— לויפט, קינדער!

— און מיט דיר, וואָס וועט זיין? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— איך וועל דאָ פאַר זיי ליגן בלייבן, ווי אַ שטיין, וואָס מ׳קאָן פון אָרט ניט רירן.

מיט די שפיזן האבן אים די רוימישע סאלדאטן געשטאכן אזוי לאנג, ביז זיין לייב איז געווארן דורכגעלעכערט, ווי א זיפ.

צען אזוינע פאלן זענען פארשריבן געוואָרן.

דאָס זענען אָבער בלויז א פּאָר טראָפּן פון ים. פיל אנדערע און גרעסערע אכזריות האבן די רוימער אָנגעווענדט צו די אידישע חכמים און טרייע צו דער אידישער אמונה, נאָר עס איז אוממעגלאך אלץ צו פארשרייבן. די צרות פונ׳ם היינטיגן טאָג האָבן געמאכט פארגעסן די צרות פון נעכטן. און וואלט מען ווען געדענקען אלע טעג פון דער „תוכחה", וואלטן קיין טעג אין יאר ניט געקלעקט. און די תוכחה וואָלט זיך אלץ נאָך ניט אויסגענומען. נאָר אונטערגעגעבן האבן זיי זיך ניט.

אָבער א פולשטענדיגער איבערברוך איז איצט געקומען אין דער אידישער וועלט־אָנשויאונג. דער אידישער שווערד איז איבערגעשמידט געווארן אין א פעדער, דער פאנצער — אין א טאָוול. און מיט די צוויי קולטור־סימבאלן: ל ע ר נ ע ן און ש ר י י ב ן לאזן זיי זיך אין דער ווייטער און שווערער צוקונפט ארײַן, מיט דעם פעסטן גלויבן, אז דאס וועט זיי נוצן און שיצן בעסער ווי שווערד און פאנצער.

און זייער האָפנונג האט זיי ניט אָפּגענארט!...

רבי יהודא הנשיא

רבי יהודה הנשיא, דער זאמלער און אָרדנער פון משנה

נים בלויז איינער פון די מעכטיגסטע זיילן פון דעם היסטאָרישען אידנטום איז רבי יהודה הנשיא געווען, נאָר ער איז אויך געווען איינער פון יענע היסטאָרישע פּערזענליכקייטן, וואָס האָבן דעם אידישן פאָלק געגאָלטן ווי אַ טרייסט און אַ פאַרגיטיגונג פאַר זיין גרויסן חורבן: פאַר דער נאַציאָנאַלער עהרע וואָס דער שונא האָט אָפּגערויבט: פאַר דער נאַציאָנאַלער קדושה וואָס דער שונא האָט פאַרשוועכט; און פאַר דעם נאַציאָנאַלן אָנזען וואָס ער האָט דורך דעם שונא פאַרלאָרן.

מלכות'דיג און הייליג איז רבי יהודה הנשיא. מלכות'דיג — שוין צוליב דעם יחוס, וואָס האָט דורך הלל'ן געגרייכט ביז דוד המלך, און אפילו דער רוימישער קיסר האָט פאַר אים געהאַט גרויס אַכטונג. און גוט און פרום און הייליג איז ער געווען — אַז דאָס גאַנצע פאָלק און אין אַלע דורות האָט אים גערופן: „הייליגער רבי אונזערער" (רבנו הקדוש). און רייך איז ער געווען, אַז דער וועכטער פון זיינע שטאַלן, אַזוי פלעגט מען זאָגן, איז רייכער געווען ווי אַן אַנדער מלך...

און גראָד דעמאָלט האָט דאָס פאָלק אַזוי נויטיג געהאַט טרייסט און פאַרגיטיגונג. וואָרים געבוירן געוואָרן איז ער, אַן ערך, פינף-און-זעכציג יאָר נאָכ'ן חורבן (135). די וואונדן זענען נאָך געווען פריש. עס האָט נאָך ניט אויסגעטריקנט דאָס בלוט, וואָס דער אויפשטאַנד פון בר-כוכבא האָט געקאָסט דעם אידישן פאָלק. אַנדריינוס, דער אידישער פאַרטיליגער, האָט געהאַלטן זיין שווערע פוס אויפ'ן אידישן נאַקן. עס איז די אידן פאַרבאָטן געווען — א י ד ן צו זיין. אין זייער אייגן לאַנד האָבן די פרומע און די גערעכטע געמוזט פירן אַ פאַרשטעלט, כמעט אַ מאַראַנען-לעבן — כדי צו קאָנען דערפילן די מצוות, וואָס די רוימער האָבן פאַרבאָטן. מיט מסירת-נפש האָט רבי יהודה הנשיא'ס פאָטער — דער נשיא רבי שמעון בן גמליאל דער צווייטער — אים געלאָזט מל זיין, וואָס עס איז

געוועזן פארבאָטן אונטער טויט־שטראַף. קיין שטענדיגער גייסטיגער צענטער, וואו דער סנהדרין זאָל זיצן, וואו דער נשיא זאָל זיך געפינען, איז ניטאָ. עס וואנדערט דער סנהדרין און עס וואנדערט דער נשיא פון אָרט צו אָרט, פון שטאָט צו שטאָט. און גזרות נאָך גזרות שיטן זיך אויף זייערע קעפּ. און אפילו נאָך אדרינוס'עס טויט (138) אז זיינע גזרות ווערן טיילווייז בטל, דויערט עס ניט לאַנג און זיי ווערן צוריק באַנייט. שווערע אומדערטרעגליכע צייטן שטייען פאַר דעם אידישן פאָלק. דער נשיא, רבי שמעון בן גמליאל, איז זיך דאָך באוואוסט. און ער באגרייפט אויך, וואָסערע אויפגאבן עס שטייען פאַר זיין זון, זיין יורש און נשיא רבי יהודה. און אין הסכם מיט די פאָראויסגעזעענע אויפגאַבן ערציט ער אים.

און די אויפגאַבן זענען צווייערליי: ערשטנס, בייצושטיין דעם פאָלק אין זיינע פאָליטיש־בירגערליכע נויטן; פאַרצושטעלן דאָס פאָלק פאַר דער גרויזאמער, רוימישער מאכט. קאָנען זיך צופּאַסן צו דער עקזיסטירנדער לאַגע און זי אויסנוצן אמבעסטן. דאָס הייסט: „איינצוהאלטן און ווי ווייט מעגליך פארשטאַרקן די אינערליכע זעלבסטשטענדיקייט, אָדער אומאָפּהיינגיקייט פון דעם געבליבענעם פאָלק”. און צווייטנס זאָרגן פאַר דעם קיום פון אידנטום; עס זאָל ניט הערשן אזא גוואַלדיגער סעפּאַראטיזם צווישן די פארשידענע ישיבות. איין תורה, איין געזעץ און איין לעבנספאָרם זאָל גילטן פאר אידן אין זייער גאנצער צעשפּרייטקייט. אַלץ אינאיינעם צונויפגענומען — וועט עס אויך די לערנער און דעם פאלק גרינגער זיין זיך צו אָריענטירן אין דעם גרויסן לאבירינט פון געזעצן, וואָס רעגולירן דאס אידישע לעבן.

איז לויט די אויפגאבן — די ערציאונג.

דעם פאָטער'ס הויז איז דאָס אָרט וואו ערי ווערט ערצויגן. דעם פאָטער'ס אַן אַלטער חבר און אַ גרויסער געלערנטער, רבי יהודה בן קורשאי, איז זיין רבי, אָבער זיין פאטער לערנט אויך מיט אים. ער לערנט פיל אויך פון די גרויסע תנאים, וואס פארקערן שטענדיג אין פאָטער'ס הויז. תנאים — און מיטגלידער פון סנהדרין, וואו עס ווערן באטראכט און באשלאָסן וויכטיגע פאָליטישע טאָג־

פראגן. נאָך גאָר יונג, איז ער אַ פּאַרטיגער מענש. מיט תורה און מיט חכמה, מיט שפּראכן און מיט נאַטור־קענטשאַפט, מיט גוטס־קייט און מיט פרומקייט און מיט גוטע מדות. און אין דער צייט שוין נעמט ער עס אונטער אומצואוואַנדערן פון ישיבה צו ישיבה, כדי צו דערלערנען די גזועצן, אָדער הלכות, צי משניות, וואָס די פאַרשיידענע תנאים האָבן פעסטגעשטעלט אין פאַרשיידענע ישיבות. און דערביי אויך קלאָר צו מאַכן זיך באַ וואָסערע באַדינגונגען און אין וועלכע צייטן און צו וועלכע צוועקן זיי זענען געשאַפן געוואָרן. און אינאיינעם דערמיט אויך אויסצופאַרשן די באַציאונגען, אין וועלכע די פאַרשיידענע משניות פון די פאַרשיידענע ישיבות האָבן זיך געפונען צו אַנאַנדער. אַזוי זאַמלט ער צונויף דרייצנערליי משניות, פון פאַרשיידענע נוסחאות, פון פאַרשיידענע ישיבות. ער נעמט דאָס אַלץ אַרום. זעט איין די געפאַר דערפון, וואָס אַ זאַך, וואָס איז אין איין אָרט כשר, איז אין אַן אַנדער אָרט טריף; אַ זאַך וואָס איז אין איין אָרט טהור, איז אין אַ צווייטן אָרט טמא. וואָרים פון דער אייגענער תורה ווערן פיל תורות, און פיל תורות איז גלייך ווי גאָרנישט קיין תורה. געבענשט מיט גרויסע פייאיגקייטן, מיט אַ סינטעטישן שכל, וואָס פון פאַרשידענע מיינונגען פאַר־שטייט ער ארויסצוגעפינען די פונקטן וואו זיי זענען אייניג — נעמט ער עס אונטער: פון די אַלע דרייצן באַזונדערע משניות׳ן, אָדער הלכות, צו שאַפן איין איינהייטליכע משנה. און די הלכות אָדער משניות זאָלן גילטיג זיין פאַר אַלע ערטער, ווי צו לעבן אַזוי צו לערנען. אמת די אַרבעט איז אַן אומגעהויער שווערע. דאָס קלייבן, רייניגן, פאַרגלייכן, רעדאַגירן און קלאַסיפיצירן די הלכות פאָדערט פיל צייט און פיל רו. אָבער דערצו האָט אים אויך דאָס מזל געדינט. שוין צו דרייסיג יאָר (165) ווערט ער נשיא — אַלזאָ, די העכסטע אויטאָריטעט באַ אידן! דערצו, מיט פיר יאָר פריער, איידער ער איז געוואָרן נשיא (161), איז אין רוים געוואָרן קיסר מאַרקוס־אוירעליוס־אַנטאָנינוס. אַ קיסר אַ פילאָזאָף, אַ מענש מיט אַ הויכער מאָראַל, ווייט פון דעם בייזן ווילן — צו אונטערדריקן די פעלקער, וואָס זענען אונטערוואָרפן צו רוים. ער לאָזט די פעל־

קער רואיג לעבן און זיך אנטוויקלען. עס געניסן דערפון אויך די אידן. די קעניגליכע באַמטע, וואס פארוואלטן מיט ארץ־ישראל, באגייען זיך מענשליך מיט די איינוואוינער פון לאנד, פארקערן אויך פריינדליך מיט דעם אידישן נשיא, וואָס האָט געהאט א שם מיט זיין געלערנטקייט און זיטליכקייט. מען האָט אין רוים געוואוסט דערפון און געהאט אכטונג צום אידישן נשיא. און אין יאָר 175, אַז מארקוס־אוירעליוס באזוכט סיריה, רופט ער אַרוים דעם נשיא קיין קיסרין. דער נשיא בלייבט דאָרט א לענגערע צייט. עס קומען צו רייד פארשיידענע פילאָזאָפיש־עטישע פראבלעמען. דער נשיא האָט נאָכדעם איבערגעגעבן געוויסע מיינונגען, וואָס ער האָט גע־הערט פון קיסר, און אין מארקוס־אוירעליוס שריפטן געפינען זיך ניט ווייניג מיינונגען, וואָס זענען געגוי דיזעלבע וואָס רבי יהודה הנשיא האָט געלערנט. עס פארבינדט זיך א גרויסע פריינטשאפט צווישן די צוויי גרויסע גייסטער. דער קיסר גיט אים אוועק א גרויסע שטיק לאנד צו באארבעטן, און רבי יהודה הנשיא ווערט רייך דער־פון און אין הונגער־יאָרן קאָן ער אויסהאלטן מיט ברויט די גאנצע הונגעריגע באפעלקערונג, און אין נאָרמאַלע יאָרן האלט ער אויס זיינע תלמידים און סתם חכמים. וואָס נויטיגן זיך אין אונטער־האלטונג.

גאנצע צוואנציג יאר האָט געדויערט דאָס קעניגן פון דעם גוטן קיסר. זעכצן פון זיי — פאַר רבי יהודה הנשיא. דאָס זענען געווען גוטע ציטן פאַר אידן. רואיגע צייטן פאַר זייער נשיא. און ער נוצט אוים די דאזיגע גוטע צייט אויף אָפּצוטאָן די גרויסע קולטור־ארבעט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. ער קלאסיפיצירט די משניות לויט זייער אינהאלט און טיילט זיי איין אין זעקס סדרים, אָדער געגג. יעדער סדר איז ווידער איינגעטיילט אין באזונ־דערע מסכתות, דער ערשטער סדר (זרעים) באהאנדלט דערהויפּט די אגראר־געזעצן; דער צווייטער (מועד) — יום־טובים; דער דריטער (נשים) — פאמיליען־רעכט; דער פערטער (נזיקין) — ציוויל־און קרימינאל־רעכט" דער פינפטער (קדשים) — קרבנות, כשר און טרפה; און דער זעקסטער (טהרות) — היגיענע און סאניטארי.

און אין וואס פאר א גלענצנדער שפּראך!

עס האָט זיך דעמאָלט כמעט ניט געלאָזט אָפּשאַצן די גרויסע וויכטיגקייט פון דער דאזיגער ארבעט פאר דער עקזיסטענץ און ווייטערער אַנטוויקלונג פון אידנטום. אָבער אויך אין זיין צייט האָבן מענשן איינגעזען די גרויסע פארגרינגערונג וואָס ער האָט געבראכט פאַר אַלע די, וואָס האָבן געוואָלט האָבן א קלאָרע משנה, א זיכערע הלכה און ניט דארפן ערשט זיי אַרויסזוכן פון בערג גאַנצע מיט פּלפּולים און אויסדרינגענישן און סתירות, צו וואָס ווייט ניט יעדערער אי זפּייאיג. און נאָך א וויכטיג וואגן: אָנשטאָט דעם וואָס ביז אים האָט מען די אַלע משניות, אין א געוויסער אָרדנונג אָדער אָן יעדער אָרדנונג, געמוזט געדענקען אויסוועניג — ווייל תורה שבעל־פּה האָט מען ניט געטאָרט פארשרייבן — האָט רבי יהודה הנשיא זיך דערלויבט די משנה צו האָבן א געשרי־בענע, א פעסטגעשטעלטע, איין פאר אַלע מאָל, און איינע פאר אַלע. און זיין אויטאָריטעט איז געווען גרויס גענוג, אַז די משנה, וואָס ער האָט געזאמלט און רעדאגירט, זאָל אנערקענט ווערן ווי דער צווייטער ספר פון דער תורה, אנערקענט — און גע־הייליגט. אַלע איבעריגע משניות, וואָס רבי האָט אין זיינע משניות ניט ארייננענומען, זענען אפילו אויך געזאמלט געוואָרן, אָבער בלויז אַלס צוגאָב (תוספתא). אין קיין שום קאנקורענץ מיט רבי׳ס משנה, פאר אנערקענונג, שטייען זיי ניט... אַלע יענע הלכות, וואָס רבי האָט אריינגענומען אין זיין קאָדעקס, הייסן משניות. אַלע יענע מענשן, וואָס זענען דערמאָנט אין רבי׳ס משנה, הייסן: תנאים. וואָס נאָכדעם איז געקומען, האָט מער ניט געהייסן משנה, נאָר גמרא. די וואָס האָבן ווייטער אַנטוויקלט און ערקלערט רבי׳ס משנה האָבן מער ניט געהייסן תנאים, נאָר אמוראים. אז ער האָט פאראייביגט די תורה שבעל־פּה — דאָס האָבן שפּעטער אַלע מודה געווען. אָבער אין זיין צייט, און אפילו צווישן זיינע תלמידים, האָבן זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן אָפן אָדער באהאלטן ניט סימפּאַטיזירט מיט דע ראַרבעט פון רבי יהודה הנשיא. אַנדערע פון זיי פלעגן זיך אפילו אַמאָל ערלויבן שארפע וויצן קעגן אים, שטעכ־

ווערטלעך, אָנצוהערענישן. אָבער ער פלעגט דאָס פארבייגיין אומ־באמערקט. ער האָט נאָר אלע טאָג גאָט געבעטן, ער זאל ניט אָנשיקן אויף אים קיין עזות־פנימ'ער, אָבער די עזות־פנימ'ער האָט ער כמעט שטענדיג געלאָזט צורו.

ווארים בא זיין גאנצער גרויסקייט און פארנעם, סיי לויט זיין פערזענליכקייט און סיי לויט זיין לאגע, איז ער דאָך געווען זייער באשיידן. ער שעמט זיך ניט צו זאָגן, אז יענער און יענער קאָן מער לערנען פון אים. עס איז אים גוט צו רעקאָמענדירן א תלמיד זיינעם אויף פירנדער שטעלע און ערקלערן: "ער איז אזא חכם ווי איך". ער ערלויבט זיך צו זאגן, אז „פיל האָט ער געלערנט פון זיינע רביים, מער — פון די חברים, און מער ווי פון אלעמען האָט ער געלערנט פון זיינע תלמידים". אפילו אין טעגליכע פראגן נעמט ער אָן א גליכע עצה, פון ווענען עס מאכט זיך, — פון גרויסע ווי פון קליינע.

און אפילו די משנה. אין הסכם מיט זיין מיינונג איז עס געזאָגט געוואָרן, אז פון דער בלויזער משנה, אָט ווי זי שטייט געשריבן, טאָר מען נאָך ניט פסק'נען קיין דין. די משנה איז א סגולה צום געדענקען. מען דארף זי לערנען, חזר'ן און קענען. אָבער כדי א דין צו פסק'נען איז נויטיג ערשט צו באדינען תלמידי־חכמים און זען ווי די משנה ווערט אין דער פראקטיק אָנגעווענדט.

אָבער ניט בלויז אין לערנען. אין לעבן איז ער אויך זיין בא־זונדערן וועג געגאנגען.

ער פירט א קעניגלאכן הויף. אויב זיין לאגע, אלס נשיא, פאָ־דערט עס ניט פון אים, פאָדערט עס פון אים זיין נאָענטקייט צו די רוימישע הויפלייט. ער האלט אָן א רייכן טיש, אָבער ניט קוקנדיג אויף דעם אלעם האָט ער געקאָנט עדות־זאָגן פאר גאָט.

„רבונו של עולם, דו ווייסט, אז ארום דער תורה האָב איך זיך באמיט מיט אלע מיינע צען פינגער, אָבער קיין הנאה פון דער וועלט האָב איך אפילו מיט'ן קליינעם פינגער אויך ניט געהאט..."

און הגם נאָענט צו די רוימישע גרויסע, לאָזט ער זיך דאָך פון זייער קולטור ניט באאיינפלוסן. בא אים אין הויף רעדט מען העב־רעאיש. עס איז באקאַנט געווען, אַז אפילו זיינע דינסטן האָבן גע־

רעדט אַ מוסטערהאַפטע העברעאישע שפּראַך. און ער האָט אויסגע־דריקט זיין פאַרדרוס דערויף, וואָס דאָס פאָלק רעדט האַלב העב־רעאיש און האַלב אַראַמעאיש, אַ מין געמישטן זשאַרגאָן. עס טוט אים וויי צו זען דאָס אידישע פאָלק אין אַן אומנאָרמאַלער לאַגע, ווי מאָראַליש אַזוי מאַטעריעל. און ווי ווייט ער קאָן באמת ער זיך צו קומען צו הילף, כדי דאָס לעבן גרינגער צו מאַכן. ער איז מבטל פיל דינים פון „מוקצה" (זאַכן וואָס מען טאָר זיך אָן זיי ניט אָנרירן) אום שבת; ער איז מבטל פיל פרטים פון עירובין; ער איז מתיר צו אַרבעטן אום שמיטה — ווייל די הויכע רוימישע שטייערן האָבן עס אוממעגלאַך געמאַכט, אַז מען זאָל באַאַרבעטן די ערד זעקס יאָר און דעם זיבעטן יאָר זאָל מען רוען (זיין פרומער חבר, רבי פנחס בן יאיר, האָט דערצו ניט צוגעלאָזט). ער מאַכט אויך גרויסע פאַרלייכטערונגען בנוגע מעשר־אָפּצאָל א. ד. ג. דאָס פאָלק האָט געוואוסט אָפּצושאַצן זיין פרומקייט און גוטסקייט צו אים, און האָט אים גערופן בלויז מיט'ן נאָמען ר ב י אָדער „רבנו הקדוש" — „אונזער הייליגער רבי" — צו וואָס קיינער פון די גרויסע תנאים האָט ניט זוכה געווען.

אָבער קורץ זענען געווען די גוטע צייטן. אין יאָר 180 איז מאַרקוס־אוירעליוס געשטאָרבן, און זיין יורש האָט איינגעמאָנט פון אידן דאָס, וואָס זיין פאָרגייער האָט נאָכגעלאָזט. די ווירקונג פון נשיא אויף דער אידישער פּאָליטיק אין רוים איז אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרן. פון אידן האָט מען אויסגעצויגן דעם לעצטן טראָפּן בלוט. און אַז אידן האָבן אין רוים געבעטן, מען זאָל זיי אַביסל פאַרגרינגערן די שטייערן, האָט מען זיי געענטפערט: „ווען מיר וואָלטן געקאָנט פאָדערן אַן אָפּצאָל פאַר דער לופט וואָס איר אָטעמט, וואָלטן מיר עס אויך געטאָן"... און „האָט דאָס רוימישע חיל דורכגעמאַרשירט דורכ'ן לאַנד, האָט עס איבערגעלאָזט נאָך זיך פאַרוויסטונג, געשווענקט מיט טייכן אידיש בלוט". דעם נשיא'ס פאַרמיטלונג האָט מער קיין ווערט ניט געהאַט. זעלטן נאָר פלעגט עס טרעפן, אַז אויס איינזעעניש מיט'ן נשיא, מיט זיין עלטער און אַמאָליגער חשיבות, האָט מען אָפּגעלייגט אַ גזירה, אָדער אַ ביסל

ברחמנות׳דיגער זי דורכגעפירט. אזוי, על כל פנים, האָט דאָס פאָלק געגלויבט.

פינף־און־אכציג יאָר האָט רבי יהודה הנשיא געלעבט. לכתחילה לעבט ער אין טבריה, שפּעטער אין בית־שערים. אין די לעצטע יאָרן, אז ער איז שווער קראַנק געוואָרן, אי פון צרות אי פון פיזישע קראַנקהייטן, פאָרט ער אריבער קיין צפּורי — א שטאָט אויף א באַרג, מיט פרישע לופט, גוטע גערטנער און פעלדער — א שטיקל תרופה צום געזונט. אָבער די עלטער נעמט אירם. עס זענען געקומען די טעג פאַר׳ן טויט. דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבן זיך שרעקן, אז נאָך רבי׳ס טויט וועלן זיי גאָר בלייבן אויף הפקר, און רבי האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל ניט מאכן קיין טומל ארום זיין טויט, כדי די רוימער זאָלן זיך ניט גלייך דערוויסן דערפון. זאָל מען קיין הספדים ניט מאכן, דרייסיג טעג נאָך זיין טויט זאָל מען ווידער באנייען דאָס לערנען אין אלע ישיבות, און אפילו בא אים אין הויז — זאָל ווי תמיד ברענען דאָס ליכט אויפ׳ן אָרט, דער טיש זאָל געדעקט זיין און דאָס בעט צוגעבעט — עס זאָל אויסזעען ווי ער וואָלט נאָך געלעבט... און די תלמידים האָבן אָפּגעמאכט צווישן זיך, אז ווער עס וועט זיך דערלויבן זאָגן: „רבי איז געשטאָרבן״, זאָל דער־שטאָכן ווערן מיט א שווערד. דאָס אלץ האָט אָבער ניט גענוצט.

וואָרים באלד ווי רבי איז געשטאָרבן איז דער תלמיד זיינער, בר־קפּרא, ארויסגעקומען צום פאָלק, וואָס האָט באלאַגערט דעם נפטר׳ס הויז, און האָט ערקלערט:

„מענשן און מלאכים האָבן געקעמפט פאַר׳ן ארון־קודש. האָבן געזיגט די מלאכים און דער ארון־קודש איז גענומען געפאַנגען״.

דאָס פאָלק האָט פארשטאַנען דעם משל. א יאָמער האָט אויס־געבראָכן אין צפּורי און איבערגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. דער גאַנצער וועג פון צפּורי ביז בית־שערים, וואו מען האָט רבי׳ן צו קבורה געבראַכט, איז פול געווען מיט אבלים, וואָס האָבן גע־קלאָגט אויף רבי׳ס טויט. אין אלע שולן און ישיבות האָט מען אים מספּיד געווען:

— ניטאָ מער קיין אמת'ע עניוות אויף דער וועלט, ניטאָ מער קיין אמת'ע מורא פאַר אַ חטא אויף דער וועלט!

און „באַלד נאָך זיין טויט האָבן זיך די אידישע צרות פאַר־טאָפּלט".

אַנהויב פון אידישן גלות

די אידן אין רוים.

אידן אין דער וועלט־געשיכטע זענען דער לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד און גרייכט ביז צום הימל און פעלקער שטייגן ארויף און נידערן אראָפּ אויף אים.

דאס אידישע פאלק אין אלטערטום — און ניט בלויז אין אלטערטום — האט אויף זיין רוקן געשפירט דאס אויפשטייגן פון די גרויסע וועלט־מלוכות: אשור און בבל, גריכן און רוימער. יעדער פון זיי האָט אויף זיין וועג צו די פּאָליטישע הימל־הויכן איבער־געלאָזט אין אידישן פאָלקס־קערפּער בלוטיגע, אָפט אומהיילבארע, וואונדן. אָבער מיט זיינע אויגן האט אויך דאס אידישע פאלק געזעען, ווי די זעלבע פעלקער, נאָכדעם ווי זיי האבן זיך זאַט־געזויגן מיט מענשן־בלוט, נאָכדעם ווי זיי האבן פול געמאכט די וועלט מיט חורבנות־מצבות נאָך זיך, זענען שנעל אראָפּגע־שטיגן, פארשוואונדן און אומגעבראכט געווארן פון דער וועלט.

אומגעבראכט געווארן — און פיל גרויזאמער, ווי זיי האבן אומגעבראכט דאס אידישע פאלק. דעם אידן האבן זיי פון זיין באָדן ארויסגעריסן, האט ער זיך אין פרעמדן באָדן איינגעווארצלט. דערצו האָט דאָך דאָס אידישע פאלק קינדער געלאזט, וואס האבן אין קלאסישע קלאנג־לידער יער־לאָך דערמאנט דעם אידישן רוהם; דאָס אידישע פאָלק האָט דאָך כאָטש יורשים געלאזט, וואס האבן ניט בלויז אָפּגעהיט, נאָר אויך אנטוויקלט די גייסטיגע ירושה פון זייערע אבות. דאָס חרוב'ע אידישע פּאָלק האָט דאָך דורות צו דער וועלט געבראַכט, וואָס האָבן אָפט גייסטיג באהערשט זייערע אונטערדריקער. און באהערשט ביים אונטערדריקער אין דער היים, וואוהין מ'האָט זיי, די באזיגטע, אין קייטן געשמידטע, אהינגעבראכט...

און דאָס לעצטע האָבן אידן באַוויזן, הויפּטזעכלאַך, אין רוים.

די רוימישע אימפּעריע בכלל און די שטאָט רוים און איטאַליע בפרט, האָט געקענט אידן נאָך אין צווייטן יאָרהונדערט פאַר דער געבורט פון קריסטוס — פון וואַנען־אָן אייראָפּאַ פירט איר צייטרעכענונג. אַ לאַנגע צייט, הייסט עס, פאַר׳ן צווייטן חורבן. אַהערגעקומען זענען זיי פון דער באַרימטער עגיפּטישער רעזידענץ אַלעקסאַנדריע, געגרינדעט פון אַלעקסאַנדער מוקדון, וואו אידן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סיי אין פּאָליטישן לעבן, סיי אין קולטורעלן און סיי אין עקאָנאָמישן. אויך פון דער סירי־שער רעזידענץ אַנטיוכיה, וואו אידן און גריכן זענען געווען גלייכע בעלי־בתים, זענען אידן אריבערגעקומען ביז רוים. אָבער אויך דירעקט פון ארץ ישראל זענען אַנדערע אַהינגעקומען. סרוב אידן האָבן דורכגעמאַכט דעם לאַנגן ים־וועג אַלס סוחרים. ווארים גרויס און אַנטוויקלט איז שוין דעמאָלט געווען דער מעבר־לים האַנדל צווישן מזרח און מערב. און גרויס איז געווען דער פאַר־קער אויפ׳ן מיטללענדישן ים. אָבער פיל זענען אויך געווען די אידן, וואָס זענען ניט אַליין, גוטוויליג, אַהינגעקומען, נאָר מ׳האָט זיי אַהינגעבראַכט, ווי קנעכט געקויפטע, אָדער אין אַן אומגליק־לאַכן קאַמף געפאַנגענע. אין רוים טרעפן מיר אויך גרויסע אידישע געלערנטע „די אַלטע פון רוים“ („זקני רומי“) האָט מען זיי גע־רופן. און אויך תנאים פון ארץ ישראל פלעגן אָפט אַראָפּקומען קיין רוים. ווער פון שתדלנות וועגן, ווער פון נייגעריקייט וועגן און פלעגן דאָרט בלייבן אַ לענגערע צייט.

און פאַרנומען האָבן זיך דאָרט אידן מיט אַלץ, וואָס אַנדערע רוימישע בירגער האָבן זיך פאַרנומען: מיט ערד־אַרבעט און מיט מסחר, מיט מלאכה און מיט קונסט. געווען צווישן זיי מעכאַניקער און דאָקטוירים, חלפנים און באַאמטע, אפילו באַרימטע אַקטיאָרן זענען געווען צווישן זיי. אויפ׳ן עקאָנאָמישן געביט זענען די אידן אין קיין פרט ניט אַנדערש געווען, ווי די ניט־אידישע בירגער.

און אין אייגענעם, אַ באַזונדערן אידישן צענטער; האָבן זיי אין רוים געגרינדעט אויפ׳ן רעכטן ברעג פון טיבער. אייגענע שולן, מיט

באזונדערע בית־עלמינ'ס. אייגענע ריכטער, בתי־דין, האָבן זיי. און די שולן־ווירטשאַפט ווערט פאַרוואַלטעט פון אידישע באַאמטע. און די אידישע רעליגיע עקזיסטירט לעגאַל. צעזאר, למשל, ער־לויבט די אידן אָפּצוהאַלטן עפנטלאַכען גאָטעסדינסט. זייערע רעליגיעזע געפילן ווערן געאַכט. רעגירונגס־אַקטן ווערן אָפּט אָפּ־געלייגט פון שבת אויף אַן אַנדער טאָג, כדי אידן ניט צו שטערן אין זייער שבת־רו. רוימישע בירגער! און דאָס זענען זיי אויך אין אלע אנדערע פּראַווינצן, איבער וועלכע רוים הערשט. ווי די פּראַווינצן ארום דונאי, אָדער ארום רהיין. און דאס באַפּרייט זיי פונ'ם עול פון די אָרטיגע רעגירונגען. דאָס גיט זיי אויך רעכט צו אַפּעלירן קיין רוים געגן דעם פּסק אָדער פּאַראָרדנונג פון אַ פּראַווינציעלן הערשער. און געוואוסט האבן אויך די פּראַווינציעלע סאַטראַפּן, אז אויב זיי באהאנדלען שלעכט אידן, וועלן זיי אין רוים קיין שיינעם קבלת־פּנים ניט האבן...

און באַ דער גאַנצער אַכטונג און אָנגעזעענקייט, זענען זיי שטאַרק פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, מיט ירושלים, מיט'ן בית־המקדש. גרויסע אידישע מאַסן זענען יערלאַך „עולה־רגל" קיין ירושלים, אין איינעם פון די באַשטימטע דריי ימים־טובים (פּסח, שבועות, סוכות). און די, וואָס קאָנען ניט אליין אהין קומען, שיקן איבער זייערע נדבות. מלוכה ווייסט דערפון. און ניט בלויז ווייסט זי דערפון, נאָר דעקרעטן שיקט זי פאַנאַנדער אין אלע פּראַווינצן, אז מ'זאל ניט שטערן די דאָרטיגע אידן אריבערצושיקן זייערע נדבות קיין ארץ־ישראל. און וואו־נויטיג, זאָל מען זיי אויך געבן שוץ. און נאָכ'ן חורבן בית־המקדש, האט מען די ערשטע צייט גע־פאָדערט, אז די סומען, וואָס אידן האבן געצאָלט אויפ'ן בית־המקדש, זאלן זיי צאָלן פאַר יופּיטער'ן. אָבער אין אַ צייט ארום ווערט עס בטל. רוים אָנערקענט דעם ראש־ישיבה אין ארץ־ישראל אלס נשיא און ערלויבט צו שיקן געלט פון רוים אויף דעם נשיא'ס הצטרכות'ן און אויף די הצטרכות'ן פון זיין ישיבה. און דער נשיא אליין ווערט גערעכנט פאַר אַ הויכן רעגירונגס־באַאמטן. די אידן אין ארץ־ישראל זיינען אזוי דאַנקבאַר געווען דערפאַר, אז ר' יהודה

הנשיא איז אַמאָל געווען איינגעפאַלען, מבטל צו זיין די עראַינערונג פון חורבן־בית־המקדש — ווייל „וואו ס'זענען ניטאָ קיין רדיפות, איז ניט שייך צו פאַסטן"...

גוטע צייטן געווען!

אָבער אין די דאָזיגע גוטע צייטן האָט זיך קלאָר און דייטלאַך אויסקריסטאַליזירט דער צושטאַנד, וואס מיר באַצייכנען מיט'ן נאָמען: גלות... און דאָס באַטייט: שטענדיג אומזיכערקייט, שטענדיג אין וואַקלענדיגן צושטאַנד — ווייל שטענדיג אָפּהענגיג פון כאַראַקטער אָדער קאַפּריז פון א פרעמדן הערשער, פונ'ם איינזעען אָדער מוטווילינקייט פונ'ם פרעמדן עצה־געבער. דערפאַר האָבן די טובות קיין האַפּט ניט. איז אָפּגעריסן און נאָר קינסטלאַך צונויפגעקניפּט דער פאָדים פון דורות צו דורות.

אזוי, למשל, איז דער קיסר טיבעריוס גוט צו אידן. זיי אַר־בעטן און לעבן און זיינען פּונקט אזוינע גוטע בירגער ווי אַלע אנדערע. קומט אָבער א שלעכטער מיניסטער, וואס האט א ווירקונג אויפ'ן קיסר, און אין איין וואָלקנדיגן פרימאָרגן טרייבט מען ארויס פון רוים טויזנטער אידן און זייערע שולן ווערן פארמאַכט. שטאַרבט דער מיניסטער — און דער קיסר טיבעריוס ענדערט זיין רעזשים. און ווידער איז ערלויבט אידן זיך צו באַנוצן מיט אַלע זייערע רעכט און פּריווילעגיעס. קומט א נייער קיסר, קלאַוודי, האָבן אידן אַלע בירגערלאַכע פרייהייטן. געפעלט אים אָבער ניט די מחלוקת, וואָס צוויי גרופּן אין אידנטום פירן צווישן זיך בנוגע משיח'ן און זיין קומען, און ביידע גרופּן מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. פאַלט א קיסר'ס א ווייב אריין אין די הענט פון א פּאָר אידישע שווינדלער — און אין רוים ברעכט אויס א פּאָגראָם אויף אידן. מיט גע'הרג'עטע. מיט באַרויבטע גאר אויפ'ן מאדערנעם שטייגער. און די צייטן פונ'ם ווילדן טיראַן נעראָ זענען פאַר די אידן אין רוים געווען גראָד גוטע צייטן — ווייל זיין פרוי האט שטאַרק געהאַלטן פון דער אידישער רעליגיע. אָבער דאָס זענען דאָך אַלץ צופעליגקייטן, אויף וועלכע מ'קאָן ניט פאָראויס רעכענען, און אויף וועלכע א פאָלק קאָן זיך ניט בויען. אָבער דער גלות

ווייסט אויסצונוצן אזוינע צופעליגקייטן. דאָס האָבן אויך די אידן אין רוים פארשטאנען. די צופעליגקייטן און די ג י י ס ט י ג ע קאָנ י ו נ ק ט ו ר, אויב מען קאָן זיך אזוי אויסדריקן, האבן זיי אויסגענוצט. דאס האט זיי געמערט אין צאָל, געשטארקט אין איינפלוס און געלאָזט וואקסן אין אָנזען.

אָבער ניט בלויז פון זיך אוים, פון איינוואַנדרונג און נאַ־טירליכן צווואוקס, איז די צאָל אידן אין רוים געוואקסן, נאָר אויך פון אויסן. פון צווישן דער רוימישער באפעלקערונג. פון צווישן דעם פשוט'ן, אָבער מער דענקענדיגן פאָלק, וואָס האָט געהאט גייסטיגע באדערפנישן און ניט געקאנט זיי באפרידיגן.

וואָרים רוים האָט ניט געקאָנט קיין פאָלקס־קולטור. קיין מאסן־קולטור, ווי עס איז געווען אמאָל בא די גריכן. דער אויסנ־וויינינגסטער גלאַנץ פון די רוימישע שטעט, די פרעכטיגע טעאטרס און סעדער, די אַלע פאלאצן, וואס די רוימישע קיסרים האבן אָנגעבויט, זענען דאָך געווען הויל, אָרים, גייסטלאָז. נאָר איינצלנע, אויסדערוויילטע, האָבן זיך פארנומען מיט פילאָזאָפיע, מיט ליטע־ראטור, מיט פּאָעזיע. אָבער דאס איז אַלץ געווען שפּייז פאר רייכע, פאר דער אריסטאקראטיע. דאס ברייטע פאלק, די סאלדאטן און די קנעכט — און זיי האָבן דאָך אויסגעמאכט א גרויסן טייל פון דער רוימישער באפעלקערונג — האבן דערפון ניט געקאָנט געניסן. די פּרינציפּן פון דער גריכישער פילאָזאָפיע — און קיין אנדערע האָבן דאָך די רוימער ניט געהאט — האָבן ניט געקאָנט אייגן־ווערן ביים המון. דעם קנעכט — וואס איז ניט קיין בעל־הבית פאר זיך; דעם קאלאניסט, וואס ארבעט דאס גאנצע יאָר אזוי שווער, דעם אָרימאן וואס לעבט פון זיין טאג־לוין — האבן די סטאָיקער און די אפּיקורייער, די תלמידים פון פלאטאָן און ארים־טאָטל, ניט געהאט וואס צו זאגן. זייער עטיק איז געווען א ה ע ר ן־עטיק, זייער מאָראַל — א הערן־מאָראַל. ביידע האבן דעם „געמיי־נעם מאן" ניט באריקזיכטיגט. און ב כ ל ל: ניט פילאזאָפישע וועלט־אַנשויאונגען, קאָפּ־שטיק, קאָנען באפרידיגן דעם געפילס־מענשן, נאָר רעליגיעזע אַנשויאונגען, געטלאַכע פאָרשטעלונגען און

באַגריפן פון גוט און שלעכט, וואָס ער קאָן באַגרייפן פון זיך אויס. פון זיין טאָג־טעגלאַכן לעבן און שאַפן. דער גענצנדינסט האָט זיך איבערגעלעבט. די געבילדעטע האָבן אין אים שוין געזעען בלויז צערעמאָניע און אינהאַלט. און וואָס די העכערע געזעלשאַפט לאַכט אויס, געפינט שטענדיק אָן אָפּקלאַנג ביים המון. און זוכענדיג רעליגיעזע באַפרידיגונג, באַגעגנט מען זיך מיט׳ן אידנטום. דירעקט דורך אידן, אָדער אינדירעקט — דורכ׳ן קריסטנטום, וואָס איז לכתחילה געווען אַ אידישע כתה, וואָס האָט געשעפּט אירע געדאַנקען און אינהאַלט פונ׳ם אידנטום. די אָרגאַ־ניזאַציאָנס פּייאיקייטן פון די רוימער העלפט זיי, די אָרימע און גייסטיג־באַדערפטיגע, זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ געזעלשאַפט. און זי, אָט די רעליגיע פון די נידריגע שיכטן, הויבט אָן צו ווירקן אויך אויף די העכערע. וואָרים אויך יענע, אויבן, איז מיאוס געוואָרן דאָס שטענדיגע פּלפּול׳ן זיך אַרום פילאָזאָפישע מיינונגען, און פאַרלאָרן דעם אינטערעס צו די אויסגעקליגלטע פראַזן אָן אינ־האַלט, מיט וואָס די גיבעלדעטע, אין זייערע קרייזן, זענען אויך רייך געווען. האָבן אויך זיי אָנגעהויבן אויסצוקוקן, אַז אינ׳ם נייעם גלויבן וועלן זיי געפינען דעם אמת, וואָס זיי האָבן דורכ׳ן שכל נים געקענט אַרויסגעפונען.

און פיל רוימער האָבן אָנגעהויבן זיך מקרב צו זיין צום אידנ־טום. שוין דער גאָט־באַגריף פון אידנטום האָט שטאַרק אימפּאָ־נירט די גויים. „עס איז דאָך אַ גוואַלטיגער געדאַנק זיך פאָרצושטעלן גאָט ווי דעם איינציגן, אַלמעכטיגן און גערעכטיגן. אַ גאָט, וואָס קאָן ניט געמאָלט ווערן; וואָס איז איינציג און נעמט אַרום הימל און וועלט און נאַטור“. וואָס פאַר אַ פּנים האָבן דען די געמאַכטע און געמאָלטע געטער, וואָס געפינען זיך אין רשות פון מענשן, געגן אַזאַ גאָט, וואָס דער מענש געפינט זיך אין זיין רשות? און דערצו האָט דאָך דאָס אידנטום אָנגעוויזן באַשטימט און פּולקאָם די וועגן, דורך וועלכע דער מענש קאָן דערגרייכן אַ זיטלאַך און גליקלאַך לעבן. און דאָס איז דאָך אייגנטלאַך דאָס הויפּט־ציל פון דער אידישער אמונה. דאָס

ציט־צו פיל רוימישע הערצער צום אידנטום. גאַנץ אָדער טיילווייז. אנדערע נעמען־אָן דאָס אידנטום אינגאַנצן. זענען זיך מל און מישן זיך אוים מיט די אידן. אנדערע נעמען אָן בלויז גאָטעס־דינסט, שבת, און היטן זיך פון פאַרבאָטענע מאכלים. פאַראַן אַזעלכע, דערהויפּט צווישן די לעצטע, וואָס זענען ווידער אָפּגעפאַלן פון אידנטום. אָבער דאָך זענען גרויסע צאָלן גרים געבליבן צווישן אידן. אידן האָבן זיך אויך באַמיט צוציען רוימער צום אידנטום. זיי האָבן דערין געזעען זייער נצחון איבער זייערע אַמאָליגע אונטערדריקער. און זיי האָבן אויך געהאַט ער־פאָלג. באַזונדערס צווישן פרויען, וואָס זייער געמיט איז פייאיגער, און זייער האַרץ אָפענער פאַר רעליגיעזע מאָטיוון און פאַרשטע־לונגען. אידן נעמען צו אין צאָל. דאָס אידנטום געווינט איינפלוס. די אידן — אָנזען און רעספּעקט. אפילו קאָנסטאַנטין דער גרוי־סער, דער קריסטלאַכער קיסר פון רוים, מאַכט פאַרשיידענע הנחות צו אידן. דעמאָלט האָט מען נאָך געקאָנט קוקן דעם אמת אין די אויגן אריין און מודה זיין, אַז קריסטן זענען אייגנטלאַך אויך אידן, נאָר פון אַ צווייטער מדרגה... עס איז קלאָר געווען, אַז פּונקט ווי יופּיטער האָט אַרויסגעטריבן דעם אידישן גאָט פון זיין לאַנד, אַזוי האָט איצט דער אידישער גאָט אַרויסגעטריבן יופּיטער'ן, און אַלע זיינע גלייכע, פון זיין לאַנד. און אויף אייביג.

אָבער אין שטילן קאַמף פאַר די „ווירקונגס־ספערן“ צווישן אידנטום און קריסטנטום געווינט — דער פרייער, דער איינגעזע־סענער און אַלטגעזעסענער. די נידריגערע סאָציאַלע שטופע, אויף וועלכער די אידן שטייען, שטערט אַנדערע נאָענט צוצוגיין צו זיי, זיך פאַרשמעלצן מיט זיי. דערצו העלפט אויך דער פאַל, וואָס דאָס אריינ־קומען אין קריסטנטום איז ניט פאַרבונדן מיט אַזוינע פיזישע ווייטאָגן, ווי דאָס אָנקומען אין אידנטום. און אַז דאָס קריסטנטום הויבט־אָן קומען צו מאַכט, דאַן — ווידער — „גלות“־ערשיינונגען:

פאַגראַמען אויף אידישע אינסטיטוציעס, שולן, קהלה־הייזער א. ד. ג. טאָמער, אוים נויט, וועלן אפשר אידן איבערגיין צום קריסטנ־

טום. מ׳שיקט פאַנאַטישע גייסטלאַכע צו פּראָפּאַגאַנדירן קריסטנ־טום צווישן אידן און היידן. און אין „הייליגן עקסטאַז“ באַפאַלט מען אידן און מ׳טוט זיי אָן כל׳ערליי נגישות. עס באַגייט זיך ניט אָן בלוט־פאַרגיסן אויך. עס קומען בלבולים. עס הויבן זיך אָן באַ־גרענצונגען פאַר אידן אין זייער רעכט. עס ווערט זיי פאַרבאָטן צו פאַרנעמען רעגירונגס־שטעלעס, צו בויען נייע שולן, און טויט־שטראָף באַקומט דער, וואָס וועט איבעררעדן אָדער צווינגען אַ קנעכט אָדער אַ פרייען קריסט אָוועקצואוואַרפן די קריסטלאַכע אמונה. אידן טאָרן קיין ריכטער ניט זיין — ווייל עס פּאַסט ניט, אַז ז י י זאָלן משפּט׳ן קריסטן. אידן טאָרן ניט זיין קיין וועכטער באַ טורמעס — ווייל ס׳איז אַ פאַרברעכן צו דערלאָזן, אַז קריסטן זאָלן ליידן פון אידישער השגחה. און אין מיליטער טאָרן קיין אידן ניט דינען — ווייל מיליטער־דינסט פירט צו הויכן ראַנג און ברענגט דעם פייאיגן אין ה ע כ ע ר ע, געזעלשאַפטלאַכע קרייזן. און דער קיסר האנאריוס טרייבט ארויס זיינע העלדישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער באַוואוסטער מלחמה געגן די גאָטן, נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען אידן. די דאָזיגע און ענ־לאַכע באַגרענצונגען ווירקן שלעכט אויפ׳ן אידישן עקאָנאָמישן מצב. אָבער ערגער ווי דאָס פילן זיי די געזעלשאַפטלאַכע באַליי־דיגונג, וואָס שטעקט אין אַזוינע רעכטס־באַגרעניצונגען.

און גייט עס שוין אום דעם: אַראָפּצוזעצן די אידן וואָס מער און וואָס נידעריגער, פעלן ניט קיין איינפאַלן און ניט קיין מיטלען דאָס צו דערגרייכן. פאַרבאָט מען דעם אידן צו קויפן קנעכט. לכתחילה ווערט דאָס דאָזיגע געזעץ מאָדעלירט: קיין ק ר י ס ט ן ניט צו קויפן פאַר קנעכט, אָבער סתם קנעכט, ה י י ד ן — יאָ. נאָר מיט׳ן תנאי ער זאָל זיי ניט איבעררעדן אָנצונעמען זיין גלויבן; קיין נ י י ע קנעכט ניט צו קויפען, אָבער די אַלטע, וואָס דער איד באַזיצט שוין, מעגן באַ אים בלייבן. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצער נעץ פון ערקלערונגען און אויסטייטשונגען פון יעדן פאַרבאָט און צו יעדער באַגרענצונג. אַמאָל צו בעסערן, אָבער גע־וויינלאַך צו ערגערן. און דער פאַרבאָט צו קויפן קנעכט איז ניט

בלויז א שטער פאר אידן זיך צו פארנעמען מיט שקלאַפן־האנדל, נאָר דאָס שטערט זיי אויך זיך צו פארנעמען מיט ערד־ארבעט. צו קויפן און דערוועךבן ערד — ווייל צו יעדער גרעסערער שטיק־לאנד האָבן אָנגעהערט א געוויסע גרעסערע אָדער קלענערע צאָל קנעכט, לייב־אייגענע. און זיי האָט מען געקויפט און פארקויפט אינאיינעם מיט׳ן באָדן. און ניט בלויז ערד־ארבעט. ד ע מ אָ ל ט, און אין יענע באדינגונגען, האָט קיין פארמעגלאכער מענש ניט געקאָנט אויסקומען אָן קנעכט. אפילו אין שטוב, שוין ניט צו רעדן פון מסחר. אָבער דאָס „שווערע אויסקומען" פון אידן פאר־זיך, איז אויך געווען: צ י ל. ווארים אין אידישן וואוילשטאנד זעט מען איצט א ב א ל י י ד י ג ו נ ג פאר דער קירך. אידישער וואוילשטאנד טאָר ניט צוגעלאזט ווערן דאָרט, וואו „דאָס קריסט־לאכע" האָט די אויבערהאנט. ווילן אפילו ניט־אידן בעסער זיין קנעכט בא אידן, ווי בא זייערע „גלויבנס־גענאָסן" — ווייל דער איד האט זיי, לויט׳ן אידישן געזעץ, געדארפט באהאנדלען און באהאנדלט בעסער, מענשלאכער, ווי אַן אנדערער. אָבער אום אזוינע קלייניקייטן קימערט מען זיך ניט, וואו ס׳קומט אוים אָנצוטאָן נגישות צו אידן. ס׳ווערט בארעכטיגט מיט׳ן „אויי־בערשטנ׳ס ווילן". און דעם אויבערשטנ׳ס ווילן איז עס אויך געווען צו פארבאָטן געמישטע חתונות מיט אידן, בעת געמישטע חתונות מיט היידן זענען ניט פארבאָטן געווען.

אזוי האָבן די לעצטע רוימישע קיסרים אלץ מער און מער אונטערגעשטראָכן די מינדערווערטיקייט פון אידן און דערמיט גופא פראָוואָצירט דעם אידן־האס בא די אומוויסנדע. און דערין דינט רוים ווי א בייזער מוסטער פאר דער ווייטערדיגער אנטוויק־לונג פון די אומערטרעגלאכע לעבנס־באדינגונגען פאר די אידן אין גלות, די פיינטלאכע באציאונגען צו אידן (מיר רופן דאָס איצט: אנטיסעמיטיזם) ווערט אויך א וויכטיגער עלעמענט אין דער גאנ־צער, וואקסנדיגער אייראָפעאישער קולטור, ביז אויפ׳ן היינטיגן טאָג. דער מזרח האָט דערפון ניט געוואוסט. אפשר דערפאר ניט— ווייל דאָרט זענען אידן אין דערהיים. דאָרט זענען זיי געבוירן,

געוואקסן, און גרויס־געוואָרן אינאיינעם מיט זייער גלויבן, איינ־איינעם מיט זייער קולטור. דאָרט געהערן זיי, אזוי צו זאגן, צו די נאטור־עלעמענטן. אָבער קיין אייראָפּא זענען זיי געקומען שוין גרויס געוואקסענע, מיט אן אייגענער קולטור, וואס איז די אַלטגעזעסענע אין אייראָפּא, סוף כל סוף, לחלוטין פרעמד געווען.

אָבער בעת די לעצטע רוימישע קיסרים האבן אונטערן איינ־פלוס פונ׳ם קריסטנטום מיט אזא התמדה פארזייט די זאָמען פון דער אייראפעאישער קולטור, האבן די פליגל פון מלאך־המות שוין געפאָכט איבער רוים. עס קומען אינגיכן אָסט־ און וועסט־גאָטן, עס קומען גֶעפּידן, עס קומען הערולער, לאנגאָבארדן, וואָס רייסן אראָפּ די קרוין פונ׳ם רוימישן קאָפּ און צעטרעטן זי אין שטויב. די ש ט א ט רוים בלייבט אין די הענט פון איר אמאָליגן שונא — דער קירך און די רוימישע באפעלקערונג גייט אונטער, ווערט אויסגעראָט.

בלייבן אידן שטיין א ווײַלע, באטראכטן גאטס־שטראָף אויף זייערע ביטערע שונאים, — ווי זיי האבן זי שוין ניט איינמאָל געזעען אויף זייער וועג, אויפ׳ן שטח פון דער געשיכטע, און שפּאנען זייער אומענדלאכן היסטאָרישן וועג ווייטער...

בבל — ס׳צווייטע אידישע פאָטערלאַנד

בבל האט לאַנגע יארן געגאָלטן ווי אַ צווייטע פאטערלאנד באַ אידן. פון גלות־בבל אָן (נאָכ׳ן חורבן פון ערשטן בית־המקדש) לעבן דארט אידן אין קאָמפּאַקטע מאסן. געווען דארט זייער וויכ־טיגע שטעט, מיט אויסשליסלאַך אידישער באַפעלקערונג. און געווען שטעט, וואו אידן זענען געווען אין אַ גרויסע מינדערהייט. נאָר אַ ווינציגער טייל פון די בבל׳ער אידן האָבן זיך אין עזרא׳ס צייטן אומגעקערט צוריק קיין ארץ־ישראל. די ווייט גרעסערע מערהייט האט זיך איינגעוואָרצלט אין לאַנד. און אין דער מערהייט זיינען געבליבן טויזנטער און טויזנטער פון דער העכסטער אריסטאָ־קראַטיע באַ אידן. זייער פיל געלערנטע. גרויסע גבירים און מענשן מיט גרויסן איינפלוס. זיי האבן זיך געפילט אונטערטעניג צו ארץ־ישראל. האָבן אין הארצן געטראָגן ליבע צו איר. האָבן יערלאַך געשיקט זייערע נדבות און מתנות קיין ארץ־ישראל. האבן זיך צוגעהערט צום דופק פונ׳ם ארץ־ישראל לעבן. אָבער אין אַ משך פון הונדערטער יאָרן אַנטוויקלען זיי זיך אוונגאַרטיג, זעלבסטשטענדיג. ווערן אפילו באַאיינפלוסט פון דער פערסישער קולטור און רעליגיע; ווערן אויך באַאיינפלוסט פון די פארשיידענע רעליגיעזע סעקטעס, וואָס זענען פון צייט צו צייט אויפגעקומען אין לאַנד. די אידן פארדייען אָבער די איינפלוסן. זיי נעמען אויף די ווירקונגען פון אויסן און פאַראַרבעטן זיי אין געוועב פון אידנטום. נ י ט ווי דאָס איז געשען מיט די גריכיש־רוימישע שטרעמונגען אין מצרים אָדער אפילו אין ארץ־ישראל, וואָס האָבן פארטרונקען און אין זיך אַסימילירט גרויסע טיילן פון אידנטום... אידן גילטן אין לאַנד ווי אַ מאַכט, מיט וועלכע די רעגירער פון לאַנד רעכענען זיך. וואָרים אין אַ נויט פאַרשטייען זיי מיט געווער צו פארטיידיגן זייערע רעכט. אָן אָרגאַניזירט אידיש לעבן האבן זיי; מיט אַ „ריש־גלותא״ — אַ אידישן פּאָרשטייער — קענען אויסן און רעגירער

קעגן אינווייניג, מיט פירשטלאַכע פולמאַכטן. אידן האָבן אים געווײלט און דער אויבערהערשער פון לאַנד האט נאָר געדאַרפט באַשטעטיגן די וואַל. געווײלט האָט מען מענשן, וואָס האָבן געקאָנט נאָכווייזן זייער אָפּשטאַמונג פון דוד המלך. דער ראַנג פון ריש־גלותא איז געווען דער פערטער נאָכ׳ן קעניג און אַן אָפּשיין פון קעניגלאַכקייט האָט אים געצירט. ער איז געווען א קרוב למלכות. זיין קליידונג איז געווען מלכות׳דיג. זיין באַווייזן זיך אין דער עפנטלאַכקייט איז געווען מיט קעניגלאַכן פּאראַד. אידן האבן דאס גערן געהאַט — אַן אָפּקלאַנג פון זעלבסטשטענדיגער אידישער מלוכה, און ניט־אידן האָט עס איינגעפּלוסט דרך־ארץ פאַר אידן. אידן האבן זיך גערן אונטערגעגעבן זיין הערשאַפט און ארויסגעוויזן גרויס אכטונג צו אים — הגם ניט שטענדיג האבן זיך די ריש־גלותא׳ס אויסגעצייכנט מיט געלערזאַמקייט, און צומאָל האבן זיי אפילו זייער הארט באַהאַנדלט זייערע אידישע אונטער־געוואַרפענע. דער הויכער אמט איז אידן טייער געווען. שטאָלץ זענען זיי געווען מיט אים, מיט דעם הויכן יחוס פון זיינע טרעגער, וואס איז אין ארץ־ישראל געווען פאַרשוואונדן.

און בכלל האט מען די בבל׳ער אידן געהאַלטן, אפילו אין ארץ־ישראל, פאַר א ריינערער ראַסע, ווי די אידן אַנדערשוואו. זיי האבן ניט אריינגענומען אין זיך קיין פרעמד בלוט. זיי האבן ניט געוואוסט פון געמישטע חתונות, ניט פון שטילע פאַרגוואַלטיגונגען, ווי די אידן אין מצרים, אָדער אין פּאַלעסטינע. קיין גרויסע לומדים זענען זיי ניט געווען. אָבער אידן זענען זיי געווען און אידישלאַך האבן זיי געלעבט. געהאַט א חוש פאַר׳ן פּראַקטישן. פאַרמאָגט א געזונטן מענשן־פאַרשטאַנד. א טיפע נייגונג צו אבסטראַקטן דענ־קען, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלט אין בבל׳שן אידנ־טום ביז צו זייער א הויכע מדרגה.

פאַרנומען האָבן זיך די אידן אין בבל מיט אַלץ, וואָס א געזונטער מענשן־שטאַם, וואָס לעבט פריי און פירט א נאַטירלאַכן לעבן, דאַרף זיך פאַרנעמען. זיי פאַרנעמען זיך מיט ערד־ארבעט, מיט פּלאַנצונגען, מיט פיך־צוכט, מיט כלערליי מלאכות; זיי פאַר־

נעמען זיך מיט מסחר, מיט עקספּאָרט און אימפּאָרט, אין לאַנד און מיט אויסלאַנד. זיי האַנדלען מיט אַלץ, — אַפילו מיט שקלאַפן. אַרום זיי אַנטוויקלט זיך דאָס געשעפט פון געלט־וועקסל. צום פּאַך „געלט־וועקסל“ געהערט עס אויך אַרויסצוגעבן סוחרים אַנ־ווייזונגען אויף אויסצוצאָלן געוויסע סומען אין אַנדערע שטעט. אָבער אויך מיט דער שווערער קאַנאַלן־בויעריי, צום באַוואַסרן דאָס לאַנד, פּאַרנעמען זיך אידן. מיט דער אומגעזונטער און אומ־אַנגענעמער גאַרבעריי (פעל־אויסאַרבעטן) פּאַרנעמען זיך אידן. אָבער אויך גאָלדשמידן זענען זיי. עדלשטיין שלייפער זענען זיי. פּאַרפיום־מאַכער זענען זיי — אַזוי לעבן און אַרבעטן מענשן, וואָס שאַפן אַ ישוב און בויען אַ ישוב־לעבן.

און דאָס לאַנד איז שיין און איז פרוכטבאַר און באַצאָלט דעם מענשנ׳ס מיה. אַלערליי תבואה וואַקסט דאָרט. כל׳ערליי פרוכטן גיט דאָס לאַנד אַרויס. און בּאַ גוטע געזעצן לעבט די באַ־פעלקערונג און מיט טראַדיציעס פון אַן אַלטער אָרטיגער קולטור און אַלט וויסן. אַנטוויקלט זיך דאָ אַ רייכער און אַ שטאַרקער אידישער צענטער. גייט עס איינעם ניט גוט אין ארץ־ישראל — בייט ער זיין אָרט, כדי צו בייטן זיין מזל, און לאָזט זיך אַראָפּ קיין בבל. און נאָכדעם ווי דאָס גרויסע פאָלקס־אומגליק געשעט: די רוימער מאַכן חרוב דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, ווערט דער פאַר־קער צווישן ארץ־ישראל און בבל נאָך גרעסער און פיל ארץ־ישראל אידן געפינען אין בבל אַ צווייטע היים. צווישן זיי גרויסע גע־לערנטע, וואָס האָבן מיט דער צייט דערהויבן און אַנטוויקלט און גרויס געמאַכט דאָס בבל׳שע אידנטום.

שטענדיג זענען געווען אין בבל שולן צום לערנען און ישיבות. אָבער בלוט־אָרים זיינען זיי געווען. די בעסטע און פייאיגערע לערנער זענען אַוועק קיין ארץ־ישראל — צו דעם אור־קוואַל פון אידישן לערנען און פאָרשן. און דאָרט שוין געבליבן. די ווייניגע־פייאיגע, וואָס האָבן ניט געקאָנט האָפן אַנגעזעען צו ווערן אין ארץ־ישראל, האָבן זיך אומגעקערט צוריק. אָבער דאָ האָבן זיי אויך ניט געקענט אויפטאָן קיין גרויסע זאַכן. אין פיל פּרטים

זענען זיי אין בבל אָפּהענגיג געווען פון סנהדרין אין ארץ־ישראל. אפילו אין געוויינלאַכע דינים. דערהויפּט אָבער האָט זיך געפילט די אָפּהענגיגקייט דערין, וואָס בבל'ער געלערנטע, כדי זיי זאָלן מעגן פסק'נען שאלות, אין אלע פאַלן, האָבן זיי געמוזט האָבן סמיכה פונ'ם נשיא אין ארץ־ישראל. די נשיאות האָט זיך אָבער ניט געאײַלט מיט סמיכה געבן. דערהויפּט ניט — די גרויסע און די געלערנטע — ווייל פאַר גרויסע בבל'ער לומדים און פערזענלאַכקייט האָט מען אין ארץ־ישראל מורא געהאַט: ס'זאָל זיי אמאָל ניט איינפאַלן צו באַפרייען זיך פונ'ם ארץ־ישראל יאָך... אזוי האָבן, למשל, די גרעסטע אמוראים, די ווירקזאַמסטע און איינפלוסרייכסטע אין בבל, ווי רב און שמואל, ניט געקאָנט זיך דערשלאָגן קיין סמיכה. שמואל האט גאַר קיין סמיכה ניט געהאַט און רב האָט געהאַט סמיכה, אָבער ניט קיין פולשטענדיגע. בעת קליינע לומדים, ווי א רב שילא, למשל, האָט יאָ געהאַט סמיכה. וואָרים ווער האט דען פאַר אזא „לאָקאַלן למדן" געדאַרפט מורא האבן?... אזוינע פאַלן האבן געמאַכט בייז בלוט. נאָר קיינעם איז עס ניט איינגעפאַלן זיך צו באַפרייען פון דער ארץ־ישראל'דיגער אויבערהערשאַפט אין תורה־ענינים.

אָבער די גייסטיגע ארץ־ישראל פון נאָכ'ן חורבן ווערט אלץ אָפּגעשוואַכטער. אינערלאַך אָפּגעשוואַכטער. די גרויסע צרות רייסן אָפּ די מענשן פונ'ם לערנען הלכה, און מ'גיט זיך אָפּ מער מיט אגדה לערנען. מ'וויל הערן א טרייסט וואָרט, א האָפנונג. דער קאָפּ איז פאַרדרייט מיט דאגות, זוכט מען שפּייז פאַר'ן געפיל. אָבער אין בבל איז מען אין א גליקליכן צושטאַנד. די מענשן האבן ליב חריפות און שאַרפזין. און ס'פעלן ניט אין ארץ־ישראל קיין מענשן, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ קיין בבל כדי זיך צו באַקענען מיט'ן אָרטיגן שטייגער לערנען. די גרויסהאַלטער און די האָפערדיגע אין ארץ־ישראל לאַכן אָפּ פון די דאָזיגע „לויפער". מ'לאַכט אויך פון די בבל'ער אידן. מ'רופט זיי: „בבל'ער טפשים", „ברויט מיט ברויט עסער". די בבל'ער, פאַרקערט, פלעגן זיך באַרימען, אז בעת ארץ־ישראל פאַרגעסט די תורה, קומט בבל און דערמאָנט זי. אזוי

איז עס געווען אין עזרא'ס צייטן, אזוי איז געווען שפּעטער, אין הלל'ס צייטן און אַזוי איז עס אויך א י צ ט, נאָכ'ן חורבן פון צווייטן בית־המקדש. און די בבל'ער זיינען גערעכט געווען. און נאָכדעם, ווי רבי יהודה הנשיא האָט מסדר געווען די משנה און מ'האט זי געקענט האבן א געשריבענע, איבערטראָגן זי פון אָרט אין אָרט — האָבן די בבל'ער אמוראים באוויזן וואונדער פון שארפקייט און פּלפּול און טיפן אנאליז. דערהויפּט איז בבל דער־הויבן געוואָרן נאָכ'ן טויט פון רבי יהודה הנשיא, ווען זיינע נאָכ־פאָלגער זענען ניט געווען אזוי גרויס ווי ער, ניט אזוי פּאָפּולער און חשוב ווי ער און זיינע תלמידים האבן זיך צעשפּרייט, ווער וואוהין עס האָט געהאלטן פאר זיך בעסער.

אָבער נאָך ביים לעבן פון רבי יהודה הנשיא איז אויפגע־גאנגען פון ארץ־ישראל קיין בבל דער בבל'ער געבוירענער און אין ארץ־ישראל געלערנטער, מיט'ן נאָמען: ר ב. מיט אים הויבט זיך אָן א נייע עפּאָכע אינ'ם אידישן בבל. ער האט א סך מוט, אויסדויער, מענשענקענטשאַפט; ער איז גרויס אין לערנען, הייליג אין פרומקייט, ליב אין פארקער מיט מענשן, און אַלץ בויגט זיך פאר אים. אַלע אָנערקענען אים. און ער פילט זיך אין דער לאגע צו לייסטן גרויסעס פאר זיין פאָלק.

אין יאָר 219 (נ. ק.) איז רב אראָפּגעקומען צוריק קיין בבל. ער טרעפט דאָרט א קליינע, אָרימע ישיבה אין נהרדעא. דער ראש ישיבה — א מיטלמעסיגקייט. אָבער רב, זויסנדיג ווי ווייט גרע־סער ער איז פונ'ם ראש ישיבה, איז ער דאָך נכנע פאר אים, זיצט אין ישיבה ווי איינער פון די פּשוט'ע תלמידים. נאָר אז דער ראש ישיבה איז געשטאָרבן, באַמיט ער זיך און מאַכט זיין חבר, ש מ ו א ל, פאר א ראש ישיבה אין נהרדעא. דאָס טוט ער דער־פאַר, ו ו י י ל שמואל איז נ י ט געווען א מוסמך פונ'ם נשיא אין ארץ־ישראל. ער וויל דערמיט ברענגען צום אָפּשוואַכן כאָטש בלויז איינעם פון די פונקטן, וואו בבל האָט שווער געפילט דעם יאָך און די אונטערטעניקייט געגן ארץ ישראל... ער אַליין אָבער,

ר ב, עפנט א ישיבה אין ס ו ר א (אָדער: „מתא מחסיא״).
די ישיבה שטייט אין אַ גרויסן גאָרטן, וואס די תלמידים פלעגן אים באַארבעטן צו ציען פון אים זייער חיונה. די דאזיגע טאַט האָט געמאַכט גרויס אויפזעען אפילו אין ארץ־ישראל. ווי אויף אַ „קליינעם בית-המקדש״ האָט מען דאָרט געקוקט אויף ר ב ׳ס ישיבה און אין בבל — פון איין עק לאַנד ביז׳ן אַנדערן, איז מען דער־פרייט געווען מיט איר. מ׳דערציילט, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום נאָכ׳ן גרינדן, האָט די ישיבה געציילט צ ו ו ע ל ף ה ו נ ד ע ר ט תלמידים. מ׳האָט געלערנט ר׳ יהודה הנשיא׳ס משנה. מ׳האָט אָבער שטודירט אויך אַנדערע משניות, וואָס רבי יהודה האָט זיי אויסגעלאָזט און זיי אין זיין משנה ניט אריינגענומען. מ׳האָט אַנאַליזירט, פאַרגליכן, געזוכט אַרויסצוגעפינען די טעמים: פאַר־וואָס מ׳האָט דוקא אַזוי געזאָגט אין דער משנה, און ניט אַנדערש. און נאָך אַלע פאָרשונגען האָט מען אויך מכריע געווען צווישן די פאַרשידענע משניות, וועלכע זאָל אין פּראַקטישן רעליגיעזן לעבן אָנגעווענדט ווערן. אַזוי אַז גאַנצע תורות האָבן די תלמידים אַרויס־געטראָגן פון רב׳ס ישיבה — און אויך פון שמואל׳ס — און האָבן זיי פאַרשפּרייט צווישן די אידן אין גאַנצן לאַנד.

און נאָך אַ מיטל איז אָנגעווענדט געוואָרן כדי די תורה צו פאַרשפּרייטן אין פאָלק. אַלע האַלב יאָר, סוף ווינטער — אין חודש א ד ר, און סוף זומער — אין א ל ו ל, קומען זיך צונויף די געלערנטע און פאַרשטענדיגע פון אַלע שטעט, די ראשי־ישיבות מיט זייערע תלמידים און די פאַרשטייער פון די ישיבות ליגן פאַר און ערקלערן די אויפטוע響 פאַר׳ן פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָר. ס׳קומען פאַר הייסע דעבאַטן ווענן די פראַגן, וואָס שטייען אויף דער טאָג־אָרדנונג. אַזוינע פאַרזאַמלונגען הייסן: „כלה״. די זיבן פאָרזיצער פון אַזאַ פאַרזאַמלונג הייסן „ראשי כלה״. דאָס איז געווען זייער אַ ווירדיגע פּאָזיציע. ביז היינט נאָך בעטן אידן, אַלע שבת, פאַר׳ן לעבן און געזונט פון די ראשי־כלה... און אויך פאַר׳ן געזונט פון די „ראשי־גלותא׳ס... אַזאַ פאַרזאַמלונג דויערט אַ גאַנצן חודש. איבער צען טויזנט מענשן פלעגן זיך צונויפקומען אויף

אזוינע פארזאמלונגען. און דאס געהערטע און געזעענע פלעגן זיי פאנאנדערטראָגן אין פאָלק.

אין פינף יאָר ארום נאָך רב׳ס טויט, אז נהרדעא איז חרוב געוואָרן (259) ווערט אַן ענליכע ישיבה געגרינדעט אין פ ו מ ב ד י ת א, פון איינעם זייער אַן אָנגעזעענעם תלמיד פון רב׳ן און שמואל׳ן. די דאָזיגע ישיבה האָט עקזיסטירט לאַנגע יאָרהונדערטער און איז געווען דער אָנגעזעענסטער רעליגיעזער צענטר בא אידן. ראשי־ישיבות האָבן זיך געביטן, צייטן האָבן זיך געענדערט, אָבער פומבדיתא בלייבט בא איר חשיבות. בב׳לער אידן האבן געקענט נאָך אנדערע ישיבות אויך. מיט גרויסע ראשי־ישיבות און מיט ווייניגער גרויסע. ישיבות מיט לאַנגע יארן און מיט קורצע יאָרן. אָבער פומבדיתא שטייט איבער אַלע. ערשט אין פינפטן יאָרהונדערט (נ. ק.) קומט ווידער אויף די ישיבה אין סורא (אָדער: „מתא מחסיא“), וואָס פארשטעלט אויף אַ צייט דעם גלאַנץ פון פומבדיתא. רב אשי, דער לעצטער פון די אמוראים, באַנייט ווידער די ישיבה אין סורא. ער ריכט זי אויף אין גרויסן פארנעם. ליינט ארויף אויף איר אַ גוואַלדיגע, היסטאָרישע מיסיע. און זיין לאַנג לעבן און ווירקן מאַכט עס אים מעגלאָך זיין מיסיע צו פארווירקלאַכן. ער האָט עס נעמלאָך אונטערגענומען צונויפצונעמען, דורכזיפן, און איינהייטלאָך רעדאַגירן אַלץ, וואָס עס איז אין אַ משך פון דריי הונדערט יאָר געשאפן געוואָרן ארום דער משנה. דאָס אַלץ ווערט צונויפגעשריבן און אָנגערופן מיט׳ן נאָמען: ת ל מ ו ד, אַ קאָלאָסאַלער קולטור־מאָנומענט, וואָס יאָרטויזנטער טוט אים אַ פאָלק טראָגן אין הארצן. אַ ווערק, וואָס האָט אויף טויזנטער יאָרן פאָראויס רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן פונ׳ם אידישן פאָלק, און פאָראויס באַשטימט די ריכטונג פונ׳ם אידישן טאָן און דענקען און פארלאַנגען... פון איצט אָן איז ארץ־ישראל איינער פון די זיילן, אויף וועלכע דער היסטאָרישער קולטור־פראַצעס, וואָס הייסט „אידנטום“, שטיצט זיך, און בבל איז דער צווייטער זייל, וועלכער דערגענצט און שטאַרקט דעם ערשטן.

אזוי האָט זיך דאָס אידנטום איינגעוואָרצלט אין בבל. דער

אנגעזעטיגטער, טיף פארזייטער באדן, הויבט אן ארויסצוגעבן פאר־שידענע שפראצן און אין פארשידענע ריכטונגען. דער תלמוד איז אפגעשלאסן. אפגע'חתמ'עט. דער לעצטער דור פון די אמוראים,— און נאך אין די סבוראי, וואס זענען ניט פיל אנדערש פון די אמוראים, — לעבט זיך אוים. און עס קומען די ג א ו נ י ם. א תקופה א גאנצע, ווען בבל ווערט דער אנערקענטער צענטר פאר'ן אידנטום פון דער גאנצער אידישער וועלט. דערצו העלפט אויך די אלגעמיינע פאליטישע לאגע פון דער נייער, אראבישער גרויס־מאכט, וואס האט איבערגענומען פון די פערסער די הערשאפט אויפ'ן מזרח. אומגעהויער גרויסע ליידן האבן די אידן אין בבל אריבערגעטראגן פון די אראבישע פארשפרייטער פון דעם דע־מאלט ניי־אויפגעקומענעם מאכמעדאנישן גלויבן. אבער אז די בייזע צענדליגער יארן, אין דער ערשטער העלפט פונ'ם זיבעטן יאר־הונדערט, גייען פארביי, באקומען אידן ווידער זייער רו, זייער אנזעען און זייער אינערליכע זעלבסטשטענדיגקייט. און ווי ווייט די מאכט פון מאכמעדאנישן כאליפאט גרייכט צו פאראייניגן ווייטע לענדער, ווערט אויך די ווירקונג פונ'ם בבל'שן אידנטום פארשפרייט. אזוי ארום באקומט דער תלמוד ווייטע פארשפרייטונג און אנערקענונג. און גוטוויליגע אנערקענונג באקומט אויך דער וועלטלאכער אויבערהערשער פון די אידן, דער „ריש־גלותא“, און די גייסטיגע באהערשער פון די אידן, די ראשי ישיבות פון סורא און פומבדיתא, וואס הייסן איצט ג א ו נ י ם, און אין דער צייט פונ'ם אראביש־מאכמעדאנישן כאליפאט, האבן זיי די אייגענע ווירדע, וואס דער ריש־גלותא. דאס פלעגט אמאל ברענגען דערצו, אז דער גאון פלעגט אפילו אראפזעצן א „ריש־גלותא“. אזוי איז עס איזט געשעען, אז דאס אידנטום, כמעט אין זיין גאנצער צעשפרייטקייט, איז ווידעראמאל פאראייניגט געווארן אויף אן אלגעמיין־גילטיגן, רעליגיעזן באזיס, און געשטאנען אונטער דער איינהייטלאכער השפעה פונ'ם אידנטום אין בבל.

און דער באזיס איז באשטאנען ניט בלויז פון הלכה, פון תלמוד, פון מעגן און ניט טארן. און די השפעה איז באשטאנען ניט בלויז

פון לומדות. פון בבל האט דאס אידנטום געהאט די יניקה אין אלץ, וואס א פארצווייגט רעליגיעז־קולטור־לעבן, און ניט בלויז רעליגיעז, קאן געברויכן.

פון בבל און דערהויפט פון די גאונים, האבן אידן באקומען די נעארדנטע תפלות, דעם הויפט־אינהאלט פונ׳ם דאווענען, פון סידור. פון דארט האבן אידן באקומען דעם לוח, וואס רעגולירט אונזער צייט־רעכנונג און שטעלט פעסט די אידישע חדשים און ימים־טובים ביז אויפ׳ן היינטיגן טאג. אין בבל איז אויפגעקומען די ערשטע אידישע פילאזאפיע, און אויך דער אורקוואל פון דער קבלה איז אין בבל. פונקט ווי דער ערשטער אידישער אפיקורס (חוי הבלכי) געהערט צו בבל. דא איז אויך אויפגעקומען דער ראציאנאליזם, די שיטה, וואס באמיט זיך צו באגרינדן די יסודות פון דער אמונה אויפ׳ן שכל, און זיי באגרייפלאך מאכן דעם מענשלאכן פאר־שטאנד, וואס האט באקומען זיין אויסדרוק אין רבי סעדיה גאון. אין בבל גרינדעט זיך די סעקטע קאראימען, וואס פראָ־טעסטירט געגן דעם תלמוד׳ישן איבערבוי אויפ׳ן תנ״ך, און אנער־קענט בלויז דעם פסוק, ווי ער שטייט אין דער תורה, דעם אזוי גערופענעם „מקרא“, אדער „קרא“, און האט זיך דערהאלטן ביז אויפ׳ן היינטיגן טאג. פון בבל און פון דער תקופה פון די גאונים שטאמט אויך דער ערשטער פרוב צו שאפן א פארקירצטן תלמוד, כדי יעדער איד זאל אן איבריגע מיה קאנען ארויסהאבן פון דארט אלץ, וואס ער האט נויטיג צו וויסן אין זיין אידישן לעבן. אפילו „שאלות־תשובות“ — דער יסוד פון דער שפעטערער רבנישער ליטעראטור, הויבט זיך אן אין בבל.

אזוי זעט אויס דער באזיס, וואס דאס אידנטום האט באקומען אין בבל. דאס זענען די רערן (און ווייט נאך ניט אלע), דורך וועלכע דאס אידנטום אין בבל האט משפיע געווען, און איז ביז אויפ׳ן היינטיגן טאג נאך משפיע, אויפ׳ן אידנטום פון דער גאנצער וועלט.

און אז אין אנהויב פונ׳ם עלפטן יארהונדערט, ווערט די גאונות בטל, איז עס נאר אויף א צייט. מיט א יארהונדערט שפע־

טער געפינען מיר זי ווידער. און ווידער לעבן די אידן — בא פאַר־שיידענע, זייער שווערע איבערלעבונגען פון צייט צו צייט — אין אייגענטלאַכן בבל און אין באַגדאַד — אין גרויס חשיבות. מיט א „ריש־גלותא“, מיט גרויסע ישיבות, מיט קרובה׳שאַפט צום מלכות, קאָמפּאַקטע מאַסן אין די שטעט און מיט אינווייניגסטער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. ערשט אין 13טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן די ירידה פונ׳ם בבל׳ער אידנטום און זיין זון הויבט אָן צו טונקלען. סיבות — אי אינווייניגסטע אי אויסנווייניגסטע. די שווערסטע זענען די לעצטע. אינ׳ם דאָזיגן יאָרהונדערט האבן די אידן אריבערצוטראָגן גרויסע פאַרפאָלגונגען מצד דער נייער מאַכט, דער מאָנגאָלישער, וואָס האָט ארויסגעריסן די הערשאַפט פון די אַראַביש־מאַכמעדאַנישע הענט. עס גייט אָן א פולשטענדיגער אויסראָטונגס־שטורם אויפ׳ן מזרח. עס ליידן אלע פעלקער, אָבער אידן אפשר מער פון אלע. אין אזא צושטאַנד ווערט אלץ אין זיך געווענדט. קליין און צונויפגעשרומפּן. דאַן מוז אויפהערן די ווייטערע ענטוויקלונג, און די ווייטערדיגע ווירקונג פון א שטאַם מוז זיך אָפּשטעלן. און אויב אויסראָטן די אידן דאָרט, האָט זיך אויך די מאָנגאָלן ניט איינגעגעבן, אָבער די טויזנטיעריגע, פילזייטיגע, אינטענסיווע דירעקטע השפּעה פונ׳ם בבל׳ער אידנטום אויף די אידן אין מרחקים האָבן זיי נעבראַכט צום שטילשטאַנד. און מער קערט זי זיך שוין צו זיי קיינמאָל ניט אום.

די קאַראַאימען

שוין מער ווי טויזנט יאָר איז אַלט די דאָזיגע סעקטע, און ביז היינט איז נאָך ניטאָ קיין ג ע נ ו י ע געשיכטע פון איר אויפקומען, וואקסן, ווירקן און פאַלן. וואָס מ׳ווייסט פון איר, איז געשריבן אָדער פון קאַראַאימען, וואָס האָבן געליינגט און געפעלשט און אויסגעטראַכט ווילדע שקרים, כדי זיך אויסצופיינען פאַר דער וועלט, אָדער עס האָבן געשריבן וועגן זיי אירע געגנער, וואָס האָבן אָפטמאָל מגזם געווען צו שלעכטן, כדי די קאַראַאימען פאַר דער אידישער וועלט צו פאַרשווארצן. אין די ערשטע הונדערטער יאָרן, נאָכ׳ן אויפקומען פון דער סעקטע, ווען עס איז אָנגעגאַנגען אַ העפ־טיגער קאַמף צווישן דער סעקטע ק אַ ר אַ א י מ ע ן , וואָס האַלטן בלויז פון ק ר א , תנ״ך, און לייקענען אָן דער תורה שבעל־פה, און צווישן די גרויסע אידישע געלערנטע, ווי רבי סעדיה גאון, דער רמב״ם, דער ראב״ד — וואָס שטיצן דער תורה שבעל־פה, האָט דאָך פון אָביעקטיווער געשיכטע געווים קיין רייד ניט געקאָנט זיין. און שפּעטער — שפּעטער זענען שוין די קאַרטן געווען פאַרמישט, דאָס היסטאָרישע פאַרשאָטן מיט ניט־היסטאָרישן. דאָס עכטע מיט׳ן געפעלשטן. און די אָביעקטיווע געשיכטע־שרייבער זענען שוין גע־צוואונגען געווען דאָס לעגענדאַרע אויך אריינצונעמען אין דער געשיכטע — הגם מיט געוויסער פאָרזיכט און באַגרעניצונגען.

זיכער איז דאָך, אַז די ערשטע שפּראָצן אירע האָבן זיך באַוויזן אויפ׳ן באָדן פון דער אומצופרידנקייט מיט׳ן תלמוד. אין אָנהויב פון זעקסטן יאָרהונדערט איז דער תלמוד געוואָרן אָפּגעשלאָסן. און שוין פון זיין ערשטער פאַרשפּרייטונג אָן באַווייזן זיך אומצופרי־דענע מיט פיל פון די דינים און גזירות און פאַרבאָטן, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויפ׳ן אידן. לכתחילה האָט די אומצופרידנקייט געטליעט אונטער אַש, אין דער שטיל. ב י ח י ד ו ת האָבן מענשן געטראָגן זייער פּאַרדרוס. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער

פאַרשפּרייט זיך די אומצופרידנקייט, באַקומט אַלץ מער טרעגער און אָנהענגער און ווערט אַ געזעלשאַפטליכע ערשיינונג. און אַז דער עול פון דרויסן וואַקסט אויך: די מחמד'אַנישע כאַליפן דריקן זייערע אידישע אונטערטאַנען אי פּאָליטיש־בירגערליך, אי עקאָנאָמיש, און מענשן הויבן אָן צו לעבן נאָך אויסערליכער באַפרייאונג, קומט צום אויסדרוק אויך דער דראַנג צו אינווענייגסטער באַפרייאונג. באַפריי־אונג פון'ם עול פון די רעליגיעזע דינים, ווי פון'ם עול פון די בירגערלאַכע דינים. און שוין אין צווייטן יאָרהונדערט נאָכ'ן אָפּ'חתמ'ע־נען דעם תלמוד, שטייען אויף פאַלשע „נביאים" און פאַלשע „משיחים" (אבו איסאַ, סיריני), וואָס נעמען עס אונטער, מיט געווער אין האַנט, צו באַפרייען אידן פון'ם יאָך פון גלות און פון'ם יאָך פון תלמוד. דאָס גיט זיך זיי ניט איין. קעגן מלוכה קאָנען זיי ניט באַשטיין, און פאַרשווינדן. אָבער זייער אידעע פאַרשווינדט ניט. און די אומצופרידנקייט אין גרויסע טיילן פון פאָלק פאַרשווינדט ניט. און אינגיכן ווערן די אומצופרידענע ווידער אויפשטענדיג — אָבער דאָסמאָל שוין בלויז אויפ'ן רעליגיעזן געביט, און דערום מיט מער ערפאָלג.

אין ערך 750־60 האָט מען אין בבל געדאַרפט וויילן אַ נייעם ריש־גלותא. צוויי קאַנדידאַטן זענען געווען אויף דעם הויכן פּאָסטן — ב י י ד ע פון'ם נעשטאַרבענעם ריש־גלותא'ס פאַמיליע, ע נ ן און זיין ברודער ח נ נ י ה. האָט מען ענן נ י ט געוויילט, ווייל „ער איז געווען ניט געננג ירא־שמים און צו פרייעריש". און מ'האָט געוויילט זיין אינגערן ברודער, חנניה, „ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַן איבערפלוס פון באַשיידנקייט, שעמעוודיגקייט און פרומקייט". זענען געוואָרן צדדים. האָבן זיך אַרום ענג'ען צונויפגענומען אַלע אומצופרידענע, פאַרביטערטע און סתם אינטריגאַנטן, וואָס האָבן ליב מחלוקת און אַוואַנטורע. האָבן זיינע מענשן אים געוויילט, אין דער שטיל, פאַר אַ ראש־גולה. א י ן ד ע ר ש ט י ל — ווייל די וואַהל פון אַ ריש־גלותא האָט געדאַרפט באַשטעטיגט ווערן פון כאַליף. און דער כאַליף האָט באַשטעטיגט בלויז איין ראש־גולה. דערפאַר איז די וואַל פון אַ צווייטן ראש־גולה גערעכנט געוואָרן

פאַר א מרידה במלכות. אָבער אינגיכן איז מען געוואָר־געוואָרן פון דער וואַל און מ'האָט ענג'ען אריינגעזעצט אין תפיסה. דאָ טרעפט ער זיך מיט א מחמד'אנישן געלערנטן, א סעקטאַנט, און ער האָט ענג'ען געגעבן פאָלגענדע עצה, ווי זיך צו באַפרייען פון זיין צרה: „באמי זיך — האָט ער אים גע'עצה'ט — פאָרצוקומען פאַר'ן כאַליף, און דאַן פרעג אים: „צי האָסטו מיין ברודער באשטימט פאַר'ן ראש פון איין אמונה צי פון צוויי?" און אז ער וועט דיר ענטפערן: „פון איינער", זאָלסטו אים ערקלערן: „אָבער איך און מיין ברודער געהערן דאָך אָן צו צוויי באַזונדערע אמונות". דאַן וועסטו אים ערקלערן דעם חילוק צווישן דיין אמונה און צווישן דער תלמודישער אמונה און דו וועסט באַפרייט ווערן". און כך הוי. נאָר אין זיין געשפּרעך מיט'ן כאַליף האָט ענן נאָך צוגעגעבן, אז זיין שיטה אין אידנטום איז זייער נאָענט צו דער שיטה פון קאָראַן. דאָס האָט שוין גאָר אונטערגעקויפט דעם כאַליף. ער באַפרייט ענג'ען און ענן טרעט אָפן ארויס געגן די אנהענגער פון תלמוד און ווערט אָפיציעל געהאַלטן פאַר'ן ראש־גולה פון די געגנער פונ'ם תלמודישן אידנטום.

דער עצם מהות פון ענג'ס לערע: די געגנערשאַפט צו דער „תורה שבעל־פה", אָדער צו דעם אַלעם, וואָס שטייט ניט בפירוש געשריבן אין דער תורה, — איז ניט ניי. שוין אין דער צייט פונ'ם צווייטן בית־המקדש זענען געווען די צדוקים, וואָס האָבן די תורה שבעל־פה ניט אנערקענט, און געהאַלטן בלויז פון תורה שבכתב. דערפאַר טרעפט עס, אז גרויסע אידישע געלערנטע, פון תלמודים־טישער זייט, רופן אָן די קאַראַאימען מיט'ן נאָמען צדוקים. אנדערע פון זיי מיינען אַפילו גאַנץ ערנסט, אז די קאַראַאימען שטאַמען פון יענע, פאַרצייטיגע, צדוקים. די קאַראַאימען אַליין לייקענען, ניט בלויז דאָס, אז זיי שטאַמען פון א סעקטע, ווי די צדוקים זענען געווען, אָדער אז זיי זענען א סעקטע, נאָר פאַרקערט, זיי באַהויפּטן, אז זיי זענען עס דאָס אמת'ע, ווירקליכע פאָלק ישראל, און די אַלע אידן, וואָס האַלטן פון תלמוד, זענען אָפּגעבראָכענע צווייגן פון אידישן שטאַם. זיי, די תלמודיסטן,

געהערן צו יענער מערהייט אידישע שבטים, וואָס זענען אוועק מיט ירבעם בן נבט, באַלד נאָך שלמה המלכ׳ס טויט, און געגרינדעט מלכות ישראל און געדינט צו די ירבעמ׳שע קעלבער. אַנדערע קאַראַאימישע געשיכטע־שרייבער הויבן אָן זייער געשיכטע פון שפּעטערע צייטן. אָבער אַלע קומט עס אָן אויף איין פּונקט, נעמליך: צו באַווייזן, אַז אין דער צייט פון צווייטן בית־המקדש, דערהויפּט אין די לעצטע הונדערט יאָר פאַר׳ן חורבן, זענען די זייעריגע ניט געווען אין ארץ־ישראל, נאָר אין בבל, אין מצרים, אין אינדיע, אין קרים, אין כינא און וואו נאָר זיי ווייסן אַ נאָמען פון אַ לאַנד. דערמיט זענען זיי אויסן צו באַפעסטיגן דעם איינדרוק, אַז זיי, די קאַראַאימען, האָבן זיך בשום אופן ניט געקאָנט באַטייליגן אינ׳ם משפּט און אינ׳ם טויט פון קריסטוס׳ן. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געזוכט צו געפינען לייטזעליגקייט אין די אויגן פון דער קריסטליכער וועלט אויפ׳ן חשבון פון די תלמודישע אידן, וועלכע זיי האָבן באַ יעדער געלעגנהייט געטאַדלט מיט דער שפּראַך און מיט די אויסדרוקן פון די ערגסטע אַנטיסעמיטן אין אַלע צייטן. און כדי דאָס דאָזיגע ציל צו דערגרייכן, האָבן זיי זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט פון פעלשונגען, ליגנערישע באַהויפּטונגען, סתירות, וואָס מאַכן זייער אָפּט לעכערליך זייער גאַנצע געשיכטע־שרייבונג.

אָבער אויך זייער תורה. לכתחילה האָט עס געהייסן, זיי אנערקענען בלויז די תורה שבכתב, דעם חומש. פון קיין שום אַנדערע דינים און מנהגים און מצוות ווילן זיי ניט ווייסן. אָבער גאָר אין גיכן איבערצייגן זיי זיך, אַז עס איז אוממעגליך צו לעבן לויט דער תורה אליין, אָהן באַשטימונגען, ערקלערונגען און אויסדרינגענישן, וואָס דער מענש מאַכט צום געשריבענעם טעקסט פון דער תורה. שוין כאָטש דערפאַר איז עס נויטיג, ווייל דער קורצער פּסוק שטעלט פעסט בלויז הויפּט פּרינציפּן פון מצוות, ער רעכנט אָבער ניט אויס אַלע מעגליכע פאַלן, וואו עס קאָן אויסקומען די דאָזיגע מצוות צו ערפילן. אין די דאָזיגע אַלע „מעגליכע פאַלן" מוז שוין דער מענש זיך אָריענטירן לויט פּירושים, פאַרגלייכונגען, אָפּלערנענישן — לויט באַשטימטע כללים — וואָס ער ווענדט אָן צום קורצן געשרי־

בענעם פסוק. קומט דאָך דאָס אייגענע פאָר אויך מיט אַלע געזעצן אין געזעץ־ביכער, וואָס גילטן בא פעלקער אין מלוכות. און אָפּגע־וואָרפן דעם תלמוד, אלס פירוש צו דער תורה, מוזן זיי שאַפן זייער אייגענעם „תלמוד", זייערע אייגענע קאָמענטאַרן צו דער תורה, כדי מעגליך מאַכן זי אָנצואווענדן אין פּראַקטישן לעבן. און ניט פאַר־גרינגערט האָבן זיי דעם עול פון דעם תלמוד, נאָר נאָך שווערער האָבן זיי אים געמאַכט. אַזוי בנוגע שבת, יום־טוב, הייראַט צווישן קרובים, שחיטה און נאָך און נאָך. שוין ענן אַליין פאַרפאַסט אַ „ספר המצוות", איבער וועלכן ער אַרבעט גאַנצע דריי יאָר צייט (ער ווערט פאַרטיג 770). דערביי באַנוצט ער זיך מיט די כללים. וואָס דער תלמוד האָט פעסטגעשטעלט ביים קאָמענטירן די תורה. אפילו די „מידות", לויט וועלכע די תורה ווערט גע'דרש'נט בא די תלמודישע אידן, באַנוצט ער. שפּעטער מוזן די קאַראַאימען צוגעבן, אַז דאָס קאַראַאימערטום שטיצט זיך אויף דריי זיילן: אויפ'ן פּ ס ו ק, אויפ'ן א ו י ס ד ר י נ ג ע ן דאָס ניט־געשריבענע פונ'ם געשריבענעם (היקש) און אויף דער ירושה־לאַסט (סבל־הירושה), דאָס הייסט: אויף דינים און מנהגים, וואָס זיי האָבן איבערגענומען בקבלה פון דורי־דורות, כאָטש זיי זענען אין ערגיץ ניט פאַרשריבן.

און ווייל קיין אַלגעמיין־אָנערקענטער אויטאָריטעט אין פעסט־שטעלן דאָס „אויסדרינגען" איז ניט געווען, און יעדער געלערנטער קאַראַאים האָט זיך פאַרלאָזט דערין אויף זיין אייגענעם שכל, איז עס מיט דער צייט געקומען צו אַ געוואַלטיגן מיש־מאַש אין זייער אויסטייטשן און אָנווענדן די תורה. יעדע פּראָווינץ מיט אירע אויטאָריטעטן. יעדער אויטאָריטעט מיט זיין שכל און זיין איינזען און זיינע דינים. איז וויפיל אויטאָריטעטן אזויפיל שפּאַלטונגען, כתות אָדער סעקטעס, וואָס זענען מחולק צווישן זיך און האָבן באַזונדערע תורות. מיט קנאַפּע הונדערט פופציג יאָר נאָך ענג'ם טויט באַקלאָגט זיך אַ געלערנטער קאַראַאים, יעקב אַלקירקיסאַני, אויף דעם דאָזיגן צושטאַנד פונ'ם קאַראַאימערטום. מ'פּרובירט צו ברענגען אָרדנונג אין דעם פּרט. זיי פאַרמאָגן אָבער ניט די פעסטע יסודות, וואָס

מ'זאָל קאָנען אונטערבויען אונטער דעם וואַקעלדיגן בנין. ציט זיך די אומאָרדנונג און אומקאָנזעקווענץ אין דעם קאַראַאימענטום ביז אויפ'ן היינטיגן טאָג.

און דער פאַרלויף פון זייער לעבן אין דער געשיכטע?

קליין און ווינציג אין צאָל און אין זשעניען ווי זיי זענען געווען; צעווארפן און צעשפרייט איבער ווייטע וועלט שטחים, זענען זיי ניט אימשטאנד געווען צו שאפן און צו פאָרמען זייער געשיכטע. אפילו קיין פאסיוון ווידערשטאנד, ווי די אידן האָבן אָפט באנוצט, זענען זיי ניט אימשטאנד געווען צו שטעלן. איז אמאָל ליידן זיי רדיפות אינאיינעם מיט אידן, און אמאָל מיידט זיי אויס דער גורל פון אידן. זוכן זיי אלעמאָל די לייטזעליגקייט פון די מעכ־טיגע, פון וועמען זייער וואויל און ווייז הענגט אָפּ. די טענדענץ און ריכטונג: אָפּזונדערן זיך וואָס מער פון די וועלט־פאַרהאסטע אידן, כדי צו געפינען חן בא די וועלט־באהערשער, די גויים. אזוי האנד־לען זיי ביז'ן דרייצענטן יאָרהונדערט, ווען זיי שטייען אונטער דער הערשאפט פון די אראבישע כאליפן; אזוי פון דרייצענטן יאָר־הונדערט אָן, ווען זיי שטייען אונטער דער הערשאפט פון די טאָטערישע כאנען; און פון פערצענטן יאָרהונדערט אָן, ווען זיי זענען אָפּהענגיג פון די ליטווישע פירשטן און פוילישע קעניגן, און פון זיבעצענטן יאָרהונדערט אָן, ווען זייערע הערשער זענען די רו־סישע צארן, ווייל שטענדיג שטרעבן זיי צו איין ציל: ר ע כ ט!

די געשיכטע איז קורץ:

מורא־האָבנדיג צו בלייבן אין בבל, נאָענט צום אידישן ריש־גלותא, זיין ברודער חנניה, ציט זיך ענן און די זייניגע אריבער קיין ארץ־ישראל. דאָ בויט ער א שול און שאפט א צענטר פאר זיינע אָנהענגער, וואָס געפינען זיך אין ווייטע געגנטן ארום. ניט בלויז אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין מצרים, בבל, מעסאָפּאָטאמיע און פערזיע. ענדע אכטן יאָרהונדערט שטארבט ענן. זיינע נאָכ־פאָלגער זענען נישטיגער ווי ער. טוען ניט פיל אויף פאר'ן באפעסטיגן און אנטוויקלען זייער סעקטע. און ווייל דער תנ"ך איז בא זיי אן איינציגער קוואל פון זייער חיות, פארנעמען זיי זיך מיט

גרינטלאכן אויפאָרשן זיין אינהאלט און זיין שפּראך. וועקן זיי דערמיט די אייפערזוכט פון די תלמודישע אידן און אויך זיי גיבן־אָפּ דעם תנ"ך גרויס אויפמערקזאמקייט, דערהויפּט צוליב דעם, כדי זיי זאָלן קאָנען באקעמפן די קאראאימער און אָנווייזן זייער פאלש אויסטייטשן דעם תנ"ך. ממילא ברענגט עס צום פעסטשטעלן דעם גענויערן טעקסט פון דער ביבל (מסורה), צום שאפן א דקדוק פאַר העברעאיש און אויך צו א וועלטליכער ליטעראטור אויף דער שפּראך. און גרויסע קעמפער זענען אין אידנטום אויפגעשטאנען קעגן די קאראאימען. די וויכטיגסטע: רבי סעדיה גאון אין מצרים און אין בבל; דער רמב"ם — ווייכער ווי אנדערע — אין מצרים; דער ראב"ד (אברהם בן דוד) אין שפּאניע, א. ד. גל. די קאמפן שטערן אָביסל זייער אנטוויקלונג, שוואכן־אָפּ זייער אָנזען און ווירקונג אין די רעגירונגס־קרייזן פון די דערמאָנטע לענדער, וואו זיי זענען אין גרויס חשיבות, און גרויס שאָדן געטאָן די תלמידישע אידן. אָבער אונטערגיין גייען זיי ניט אונטער. פארשיידענע היסטאָרישע געשעענישן רייסן זיי ארויס פון מזרח, וואו זיי זענען געבוירן, און פארוואָרפן זיי אויף די מערב־ברעגן פון מיטללענדישן ים. זיי גרייכן קיין גריכנלאנד, שפּאניע, טערקיי. שפּעטער, פון דאָרט קיין קרים, קיין דרום־מערב רוסלאנד, קיין ליטא, קיין פוילן. און וואָס ווייטער, אלץ קלענער ווערן זיי אין צאָל, אלץ ווינציגער אין באַדייטונג. די ווערק, וואָס זייערע געלערנטע האָבן איבערגעלאָזט, זענען באַרימט מיט זייערע געשיכטליכע פאנטאסטערייען און באוואוסטזיניגע פעלשונגען, דערהויבט צוליב דעם, כדי צו באווייזן, אז אין קרים, למשל, וואוינען זיי נאָך פון פאַר קריסטוס'עס געבורט אָן א. ד. גל. און יעדעס שרייבן זייערס איז בארעכנט אויף אפּאָלאָגעטיק פאר זיך — אלס א מ ת ' ע אידן און פארלוימדונג אויף די תלמודישע אידן. זייער גרעסטער געלערנטער פון'ם פארגאנגענעם יאָרהונדערט, פירקאָוויטש, איז אויך באַרימט אלס דער גרעסטער פאלסיפיקאטאָר פון טעקסטן און מצבות־אויפשריפטן, וואָס די געשיכטע קען. און זייערע פּראקטישע צילן, וואָס זיי האָבן געוואָלט דערגרייכן דורך די פאלסיפיקאטן, האָבן זיי דערגרייכט. אין

רוסלאַנד, למשל, האָט מען זיי גערעכנט פאַר אַ גרויסע מעלה, וואָס זיי האַלטן ניט פונ׳ם „שענדליכן תלמוד". און ווייל זייער צאָל איז זייער קליין, האָט מען זיי געגעבן אַלע בירגערליכע רעכט, און אויך פריווילעגיעס: מ׳האָט פון זייערע ניט גענומען צום מיליטער־דינסט.

און אויס דאַנקבאַרקייט האָבן זיי זיך באמת נאָך מער צו דערווייטערן פון אידן. האָבן זיי די לעצטע יאָרצענדליגער זיך אָנגע־הויבן אָפּצוזאָגן פון זייער אַלטער טעאָריע, אַז זיי שטאַמען פון אידן, וואָס זענען אין גלות פאַרטריבן, און אָנגעהויבן באַווייזן, אַז זיי שטאַמען פון די כוזרים — אַ טערקיש־טאַטערישער שטאַם, וואָס האָט אָנגענומען דאָס אידנטום — און מיט אידן האָבן זיי קיין שום בלוט־פאַרוואַנדשאַפט ניט... פלעגן אויך אָנפאַלן אויף אידן מיט גרויסע זלזולים, אינ׳ם נוסח פון אַלע רוסישע אַנטיסעמיטן. איינער אַ חכם זייערער אין יעווּפּאַטאָריע, שאַפּשאַל, פלעגט באַווייזן צו באַזוכער די קאַראַאימישע שול און דעם קאַראַאימישן מוזיי. דערביי האָט ער אויך ניט אויסגעמיטן צו לעסטערן אידן. האָט איינער פון די באַזוכער אים געפרעגט אַמאָל: פאַרוואָס איז ער אַזוי געשטימט קעגן אידן, האָט ער געענטפערט: „מיר, קאַראַאימען, קענען זיי ניט מוחל זיין די דראַמע אויף דער גאָלגאָטע", ד. ה. וואָס מ׳האָט יעזוס׳ן געהאַנגען.

אין ערך אַכט טויזנט נפשות האָבן זיך, אין פאָריגן יאָרהונ־דערט, געפינען אין גאַנץ רוסלאַנד. קאָנצענטרירט — אין קרים. אַלע זענען געווען רייך — ווייל כמעט די גאַנצע טאַבאַק־אינדוס־טריע האָט זיך געפונען אין זייערע הענט. „אין דער צייט פון דעם קרים־קריג — דערציילט פּראָפ. ר. ב. מאַרקאָן — איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז בעת און נאָך דער מלחמה וועט די רוסישע רעגירונג אַרויסטרייבן פון קרים אַלע מוסולמאַנער, וואָס לעבן אין קרים. די טערקן און טאָטערן האָבן זיך דערשראָקן, און זיך אַריבערגעקליבן אין טערקיי. זייער פאַרמעגן, הייזער, באָדן, טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס — דאָס אַלץ האָבן זיי פאַרקויפט פאַר קליין־געלט. ס׳רוב פאַרמעגן האָבן אָפּגעקויפט די קאַראַאימען. פון דעמאָלט אָן זענען זיי רייך

געוואָרן און דערצו אָנגעזען אין די רעגירונגס־קרייזן. אין די צאַריסטישע צייטן האָבן די קאַראַאימען געפירט אַן עקסט־רעכטע פּאָליטיק. איינציגע פון זיי האָבן אפילו געהאָלפן מאַכן אידישע פּאָגראָמען. די סאָוועטישע רעגירונג האָט זיי אויסגעגליכט אין זייערע רעכט מיט אַלע אידן. און אַלס אינהאבער פון אומבאוועג־ליכע גיטער זענען זיי אינגאַנצן רואינירט.

האָבן זיי איצט „אַ קאַראַאימישע פאַראייניגונג“, וואָס שטייט אויף דער סאָוועטישער פּלאַטפאָרם. איינע פון די אויפגאַבן פון דער „פאַראייניגונג“ איז צו פאָרשן די אַלטערטימליכקייטן פון זייער געגנט. האָפט אָבער קיינער ניט, אַז די היסטאָרישע וויסנשאַפט זאָל דערפון עפּעס געווינען. וואָרים אויך איצט ווילן זיי ניט אַנ־דערש באַווייזן, אַז פירקאָוויטש האָט קיין שום פעלשונגען ניט געמאַכט. און די גאַנצע „אויספאָרשונג“ זייערע בויען זיי אויף זיינע באַהויפּטונגען. דערצו מיידן זיי אויס דאָס וואָרט „אידישע“. זיי רופן זיך אָן ניט „סעקטע“, נאָר „קאַראַאימיש פאָלק“, און העברעאיש רופן זיי „קאַראַאימיש“. זייער אומגאַנגס־שפּראַך איז טאָטעריש. זייער טעטיגקייט און ווירקונג — נול.

רבי סעדיה גאון

קיינער קאָן אייך געגוי ניט זאָגן: פון וואַנען שטאַמט ער, וואו איז ער ערצויגן, פון וועמען האָט ער זיין ערשטע בילדונג באַקומען — קיין מענש ווייסט עס ניט. שונאים זאָגן: זיין פאָטער איז געווען אַ מ צ ר י, וואָס האָט זיך מגייר געווען. און פאַר־נומען האָט ער זיך: איינער זאָגט, ער איז געווען אַ באַרבער, דער צווייטער זאָגט: אַ בוטשער, דער דריטער — אַ מלוה א. ד. ג. און פריינט זאָגן: אַ תלמיד־חכם איז זיין פאָטער געווען, אַ חשוב'ער מענש און ווערט דערמאָנט אין בריוו פון באַוואוסטע גרויסע מענשן אין זיין צייט. און סעדיה גאון אַליין זאָגט, אַז ער שטאַמט פון שבט יהודה, פון דער גלייכער ליניע פון ש ל ה — יעקב־אבינו'ס אייניקל פון זיין זון יהודה. און צו זיינע אורעלטערן, פון די לעצטע דורות, רעכנט ער דעם תנא רבי חנינא בן דוסא.

וואָס מען ווייסט זיכער פון זיין יוגנט, איז: אַז ער איז גע־בוירן אין יאָר 892 (נ. ק.), אין מצרים, אין דער געגנד פון פיתום. צו צוואַנציג יאָר שרייבט ער אָן אַ העברעאיש־אַראַבישן ווערטער־בוך. צו 23 קומט ער פון מצרים קיין ארץ־ישראל. דאָ טרעפט ער די קאַראימען, וועלכע ווילדעוועז אין אידנטום און פאַרשפּרייטן זייער פאַלשע תורה צווישן אידן. און פון אידן איז ניטאָ קיינער, וואָס זאָל זיך מוטיג, באַוואָפנט מיט וויסן, זיי אַנטקעגן שטעלן. די קאַ־ראימען פלעגן זיך גריבלען אין תנ"ך. פון דאָרט פלעגן זיי אויסדרינ־גען אַלע זייערע באַהויפּטונגען געגן דער אידישער טראַדיציע, געגן תלמוד, געגן יענער־וועלט, געגן שכר און עונש פאַר האַנדלונגען אויף דער וועלט, געגן תחית־המתים א. ד. ג. און פון רבנישער זייט איז מען געקומען מיט חרמות געגן זיי, מיט גזרות זיך צו דערוויי־

טערן פון זיי, וואָס האָט ניט פיל געהאָלפן. פארקערט. דאָס שטרענגע „פארבאָטן" וועקט די נייגעריקייט זיך צו באַקענען מיט׳ן פאר־באָטענעם. און איז מען ניט אימשטאַנד דאָס „פארבאָטענע" אָפּצו־פרעגן, נעמט מען דאָס אָן. אזוי האבן די פארבאָטן נאָך געהאָלפן דעם ערפאָלג פון די קאראימען.

רבינו סעדיה גאון האָט דאָס באַלד באַגריפן. ער האָט איינ־געזען, אז די קאראימישע פראָפּאַגאַנדע־מיטלען און די רבנישע קאמפּס־מיטלען פירן צו איין און דעם זעלבן ציל — צו פאר־שפרייטן דאָס קאראימענטום. נעמט ער זיך צום איינציג־ראדיקאלן קאמפּס־מיטל: צו אויפקלערונג. ער שרייבט א גרויס ווערק געגן דער קאראימישער לערע. געשטיצט אויף טיכטיגער תנ"ך־וויסנשאַפט מאַכט ער צו־נישט אַלע זייערע באַהויפּטונגען. קלאָר און בולט באַווייזט ער, אז עס איז אָן אומזין צו זאָגן: איך אנערקען דעם באַפויל פון דער תורה, איך וויל אָבער ניט אנערקענען די ערקלערונג: ווי אזוי דעם באַפויל אויסצופירן. יעדער באַפויל, יעדער געזעץ, איז שטענדיג אויסגעדריקט אין אַלגע־מיינע ווערטער און באַגריפן, וואָס מאַכט אוממעגלאַך זיי אָנצו־ווענדן אָן ספּעציעלע ערקלערונגען, באַ פאַל און פאַל. און יעדער געזעץ, א געטלאַכער אָדער מענשלאַכער, רעליגיעזער אָדער וועלט־לאַכער, מוז אָנקומען צו אויסטייטשונגען און נויטיגן באַשייד — אויב מ׳וויל אים אָנווענדן אין לעבן. און די „תורה־שבעל־פה" איז דער ספר פון ערקלערונגען צו די קורצע געזעצן פון דער „תורה שבכתב". אַנדערש אויסגעדריקט: דער תלמוד איז עס דער ספר, וואו ס׳ווערט ערקלערט, ווי אזוי מ׳דאַרף פארשטיין און מקיים זיין די געזעצן פון דער תורה. ווילט איר, קאראימען, ניט אנער־קענען די טראַדיציאָנעלע ערקלערונגען, ווי זיי זענען פארשריבן אין תלמוד, און ווילט נאָר די תורה אַליין. אָנגענומען. צי מאַכט איר דען אָבער ניט אייערע אייגענע ערקלערונגען צו די געזעצן פון דער תורה? אויב איר זאָגט, אז פרייטאָג־צו־נאַכטס דאַרף מען זיצן אין דער פינסטער — ווייל אין דער תורה שטייט: „איר זאָלט קיין פייער ניט אָנצינדן אין אייערע וואוינונגען דעם שבת׳דיגן

טאָג" — איז דען דאָס ניט שוין קיין אויסוויינינגסטע אויסטייטשונג? דאָס אייגענע איז אויך מיט'ן קאַראימישן עקסטרעמען דערווייטערן זיך פון חתונה צו האָבן מיט קרובים א. ד. ג. אין ערגיץ קומען זיי ניט אויס אָן אויסטייטשונגען און ערקלערונגען דערצו, וואָס אין דער תורה איז געשריבן. נאָר היסן הייסט עס בא זיי, אז זיי אנערקענען, אויסשליסלאַך, נאָר דאָס, וואָס שטייט אין דער תורה. איז עס ניט זעלבסטנאַרעריי? א. אז. וו., א. א. וו. דאָס בוך פון סעדיה גאון איז ניט צו געפינען. די קאַראימען האבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי דאס אויסצורוימען פון דער וועלט. כדי דאס מאכן פארגעסן. אָבער צו טיף האט זיי דער גאון מיט דעם ווערק זיינעם אָנגעריפן, אז זיי זאלן עס פאַרשווייגן. א קאָלאָסאַל־העצערישע פּאָלעמיק אנטוויקלען די קאַראימען געגן סעדיה. איז פון די ציטאַטן, וואָס די קאַראימען ברענגען אין זייערע „ענטפערן", האט זיך די וועלט באקענט מיט סעדיה'ס אָנגריפן געגן זיי. און פון זייערע תשובות האָט די וועלט ערפאַרן, ווי נישטיג און ווי הינטערשטעליג זיי זענען, וואו זיי טרעפן אָן א פעסטן ווידערשטאַנד פון אָן אמת'ן געלערנטן, ווי רבי סעדיה איז. דאָס האָבן די קאַראימער אויך דערפילט. דערפאַר איז אנשטאט זאַכלאַכע ענטפערן, באפאַלן זיי אים מיט זידלערייען. און אזוי אין אַלע דורות, אפילו ביז גאָר די לעצטע. די קאַראימען קאָנען אים קיינמאָל ניט שענקען דאס אומגליק, וואס ער האָט מיט זיין פעדער אויף זיי געבראכט.

וואָרים רבינו סעדיה גאון געהערט ניט צו די, וואס דערשרעקן זיך פאר א בייז וואָרט, ווען דאָס וואָרט איז פאַלש און אומגערעכט. דאָס פאַרהאַלטן צו אים פון די קאַראימען ברענגט בלויז דערצו, אז ער שרייבט א שריפט נאָך א שריפט געגן זיי. גראָבט אונטער אַלע זייערע פונדאמענטן. שטעלט זיי אוועק ווי לעכערלאַכע, אומאויפריכטיגע דעמאַגאָגן, און באווייזט אז ענן אַליין, דער באגרינדער פונ'ם קאַראימענטום, האָט זיך אָפּגעווענדט פון די רבנים דערהויפּט דערפאַר, וואָס מ'האָט אים ניט געוויילט פאַר קיין ראש־גולה, ווי ער האָט עס פאַרלאַנגט.

אָבער ניט בלויז קאראימענטום. ער קאָן אויך קבלה — ווי דער גרעסטער פון די מקובלים. ער קאָן אויך פילאָזאָפיע — ווי דער טיכטיגסטער צווישן די אראבישע פילאָזאָפן.

און געגןביידע האָט ער וואָס אויסצוזעצן.

איז אים די לערע פון די קאראימען צו טרוקן, דאַן איז אים די לערע פון די מקובלים צו־זאַפטיג. מ'קאָן ניט לעבן בלויז אויפ'ן טרוקענעם פסוק, מ'קאָן אָבער ניט אריינטייטשן אין פסוק אריין אַלץ, וואָס די פאנטאזיע שפּילט איינעם פאָר. דער געזונטער מענשן־פארשטאַנד האָט אויך זיין רעכט א וואָרט צו זאָגן אינ'ם אויפפאסן די תורה. און די פילאָזאָפיע מוז אויך פון איר באריקזיכטיגט ווערן. וואָרים דער ריינער גלויבן געפינט דירעקטע שטיצע אינ'ם ריינעם פילאָזאָפישן דענקען. פיל מער שטיצע, ווי אינ'ם מיסטיציזם, וואָס מאַכט דעם מענשנ'ס שכל בלאָנדזשען אין גרויע וואָלקן...

און רבינו סעדיה גאון זעצט איבער דעם תנ"ך אויף אראביש — די שפּראַך, וואָס די איינוואוינער פון וויטן מערב אָן, ביז אינ־דיען, האָבן אַלע פארשטאַנען. איז דאָס א קאָלאָסאַלע ארבעט, אָבער ווייט ניט פריי פון טענדענצן. וואָרים הן אין טעקסט, הן אין באַ־מערקונגען און ערקלערונגען צו געוויסע שטעלן, זוכט ער, קודם כל, מבטל צו זיין די קאראימישע ערקלערונגען צו דיזעלביגע שטעלן (מיט וואָס ז י י זיינען אויסן געווען מבטל צו זיין די אויפפאַ־סונג, וואָס די תלמודיסטן האָבן געהאַט פון דיזעלבע שטעלן). אָבער אויסער דעם באַמיט ער זיך דאָ אויך אָפּצופרעגן די אויפפאַסונג פון די אידישע מיסטיקער, אָדער מקובלים. וואָרים זיי האָבן גענומען די אויסדרוקן פון חומש, וואו עס רעדט זיך פון גאָט'ס „אויגן", „הענט" א. ד. ג. אין פשטות. דארום האָבן זיי גאָט אויפגעפאַסט, ווי א גרויסן „בשר ודם", מיט אַלע גלידער — נאָר קאָלאָסאַלע — וואָס א מענש האָט; מיט באַוועגונג אין צייט און אין רוים, מיט פארנעמען א באַשטימטן פּלאַץ און אָרט. אָבער לויט ז י י ן אויפ־פאַסונג, איז גאָט — ג י י ס ט, דרינגט דורך אַלץ, וואָס געפינט

זיך אויף דער וועלט, איז אָבער אַליין דערהויבן איבער אַלץ און איבער דער וועלט, וואָס ער אַליין האט געשאַפן פון גאָרניט, פון נישט. און מיט געוויינליכע אויפפאסונגס־מיטלען, ווי דער מענש פאסט אויף די וועלט און אירע באַשעפעניש, קאָן מען גאט ניט אויפפאסן; און אין די באַגריפס־פאָרמען, ווי מענשן פאסן אויף גשמיות'דיגע זאכן, לאזט זיך גאט ניט באַגרייפן. דאָס באַגרייפן גאט קאָן געשען בלויז דורכ'ן העכסטן, געלייטערטן, פי־לאָזאָפישן דענקען. דערפאר שטימט די ריינע אמונה מיט'ן ריינעם דענקען. די טראַדיציע — מיט'ן שכל. און קיין סתירה צווישן זיי קאָן ניט זיין. און האָט די תורה פּאָרט גערעדט פון אַ גאָט מיט גלידער, איז עס געשען בלויז דערפאר, וואָס רעדנדיג מיט מענשן, האָט די תורה גערעדט אין אזא שפראַך, און אין אַזעלכע אויס־דרוקן, ווי מענשן רעדן... פאַראייניגן די תורה מיט דער השכלה, אָדער פילאָזאָפיע פון זיין צייט — דאָס האָט ער געגלויבט צו דער־גרייכן דורך זיין איבערזעצונג.

און נאָך איינס: צוליב די אָנפאַלן פון די קאַראימען אויפ'ן תלמוד, האָבן עס די אידישע געלערנטע געהאַלטן פאַר נויטיג זיך צו פאַרנעמען בלויז מיט תלמוד לערנען, און דעם תנ"ך האָבן זיי פאַרנאַכלעסיגט, ווי איבערגעלאזט אים פאַר די קאַראימען. דורך דער איבערזעצונג האט רבינו סעדיה געוואלט פאַרשפּרייטן דעם תנ"ך אין פאָלק, וואָס האָט שוין געהאט לאַנג אויפגעהערט צו רעדן העברעאיש. און אינאיינעם דערמיט אויך צוציען די אידן צו דער אַראַבישער קולטור און פילאָזאָפיע. אָדער, ריכטיגער, דורך דער איבערזעצונג אַריינגעטראָגן וועלטלאַך וויסן צווישן די אידן. און זאָלן זיי אויך אין דעם פּרט ניט אָפּשטיין פון אַנדערע פעלקער. און דאָ האָט ער, ווייזט אויס, געהאט מער גליק, ווי די תנ"ך־איבער־זעצער פאַר אים און נאָך אים.

ד איבערזעצונג רופט ווידער אַרויס אַ שטורם פון קאַראימישע אָנפאַלן אויף אים. ער ענטפערט, אָבער לאָזט זיך ניט פאַרשלונגען פון דעם טומל. ער שרייבט אַן איינלייטונג צום תלמוד, ער זעצט

איבער די משנה אויף אראביש. דאָס אַלץ מאַכט אים אַ גרויסן נאָמען אין אַפריקע, אַזיע און אייראָפּע. מ'באַוואונדערט זיינע גרויסע קענטעניש אין אידישע און וועלטלאַכע חכמות; מ'איז באַגייס־טערט פון זיין פעסטן מוט אין קאַמף געגן אונזערע געגנער און מ'אַנערקענט, אַז זיין קאָמפּסלוסט פאַר גאָט און פאַר דער תורה פאַרדינט געשטיצט און באַלוינט צו ווערן.

און אין 928, קוים 36 יאָר אַלט, באַקומט ער אַן איינלאַדונג פונ'ם ריש־גלותא אין בבל, ער זאָל אַראָפּקומען און ווערן גאון פון דער ישיבה אין סורא. דער ריש־גלותא, דוד בן זכאי, האָט געמיינט דורך אים צו הויבן דעם פּרעסטיזש פון דער ישיבה, וואָס איז שטאַרק געווען געפאַלן די לעצטע יאָרן. אָבער דער פּאָסטן איז געווען זייער אַ הויכער. ר ב האָט דאָך דאָ געלערנט! ר ב א ש י האָט דאָך דאָ געלערנט! און רב סעדיה גאון נעמט אָן די איינלאַ־דונג. ער פילט זיך שטאַרק געשמייכלט דערמיט. איז עס דאָך, אויסער אַלעם, דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון אידנטום אין בבל, אז מ'זאָל פון א ו י ס ן איינלאַדן אַ מענשן אויף אַזאַ הויכן פּאָסטן!... רב סעדיה האָט פאַרשטאַנען דאָס אָפּצושאַצן... אָבער דוד בן זכאי האָט עס אויך פאַרשטאַנען זיך איינצושאַצן... ער האָט געגלויבט, אז פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס ער האָט אַרויס־געוויזן רב סעדיה'ן וועט אים רב סעדיה באַהילפיג זיין אין זיינע מעשים...

מיט גרויס פאַראַד איז פאָרגעקומען דאָס קרוינען רבי סעדיה'ן צום גאון פון סורא. אפילו דער גאון פון פומבדיתא צו יענער צייט האָט נים געהאַט דעם מוט נ י ט צו באַטייליגן זיך אין די פייער־לאַכקייטן — הגם ער האָט געוואוסט, אז איצט וועט סורא אַריבער־וואַקסן פומבדיתא; און אַזוי איז עס אויך געווען, נים בלויז תלמידים מערן זיך אין סורא; ניט בלויז איז זיין שטייגער לערנען פּאָפּולער צווישן לומדים און תלמידי־חכמים, נאָר אויך דאָס פאָלק — אַזוי ווייט און אַזוי ברייט, ווי די אַראַביש־מאַכמעדאַנישע הער־שאַפט גרייכט — אנערקענט זיין גרויסע צדקות און וואַרהאַפטיג־

קייט. מיט פארשיידענע שאלות ווענדט מען זיך צו אים. און ער ענטפערט תשובות (אויף אראביש) אזוינע לויטערע, אזוינע איינ־לויכטנדיגע, אז זיי גילטן ווי א מוסטער פון לאָגישן דענקען, פון וויטן און ברייטן און אַלזייטיגן אויפפאסן א פּראָבלעם. רב סעדיה איז גרוים געוואקסן אין סורא. און סורא איז דערהויבן געוואָרן מיט רבי סעדיה'ן. זענען אָנגעוואקסן שונאים. שפּראָצט די אינטריגע, און איינגיכן ברעכט זי אויס. און ברענגט צו טרויעריגע פּאָלגן פאר'ן גאנצן בבל'ער אידנטום.

א קליינער מענש און א האַרטער און א געלט־גיערינגער איז געווען דוד בן זכאי — דער ראש הגולה. זיין נאָענטקייט „צום הויף", האָט ער אָנגעווענדט אויף אויסצופּרעסן וואָס־מער געלט פון די אידן, וואָס זענען אים אונטערגעוואָרפן. טרעפט זיך א פּראָצעס וועגן א רייכער ירושה. דער ראָש־הגולה וויל דאָ אראָפּציען א פעטן חלק, פאַרבויגט ער די גערעכטיקייט און פּסק'נט אזוי ווי פאר אים לוינט בעסער. כדי קיינער זאָל אָבער ניט צווייפלען אין דער ריכטיקייט פונ'ם פּסק־דין, פאָדערט דוד בן זכאי, אז די גאונים פון ביידע ישיבות, — פון פומבדיתא און פון סורא, — זאָלן דעם פּסק־דין אונטערשרייבן. דער פומבדיתא'ר ראש־ישיבה, גרייז גרוי און באַ זיך געפאַלן, שרייבט אונטער. אָבער רבינו סעדיה וויל ניט אונטערשרייבן. ער פּרובט זיך לכתחילה ארויסצומאכן, ניט זאָגן פארוואָס ער וויל זיך ניט אונטערשרייבן אויפ'ן פּסק־דין. אָבער אז מ'שטייט־צו צו אים, זאָגט ער, אז דער ראש־גולה האָט ניט גע־פּסק'נט ווי דער ריכטיגער דין איז. אז די גערעכטיקייט איז דאָ געשעדיגט. גייט עס שוין דוד בן זכאי אום א צו־להכעיס. שיקט ער זיין זון צו סעדיה'ן, און לאָזט אים זאָגן, אז אין נאָמען פון זיין אַמט פאָדערט ער זיין אונטערשריפט. רבי סעדיה ענטפערט, אז אין רעכטס־זאכן האָט די תורה פארבאָטן צו פאָלגן די גרעסערע. שיקט בן־זכאי דעמזעלבן זון זיינעם נאָכאמאָל צו רבי סעדיה'ן און סטראשעט אים מיט אראָפּזעצן פון אמט, אויב ער וועט ניט אונ־טערשרייבן דעם פּסק־דין. רבי סעדיה זאָגט זיך דאָך אָפּ. יענער ווערט אויסער זיך און הויבט־אויף די האנט געגן גאון. די תלמידים

דערזעען עס, ווארפן זיי ארוים דעם הצוף פון דער ישיבה. דער ראש־הגולה האלט זיך פאר באליידיגט. זעצט ער אראפ רבי סעדיה'ן פון זיין גאון־שטעל, לייגט אים אריין אין חרם, און אויף זיין אָרט באשטימט ער אַן אַנדער גאון. רבי סעדיה איז אָבער ניט פון די שרעקעדיגע. ער ערקלערט באלד דעם ראש־הגולה פאר אראפגעזעצט, און באשטימט אַן אנדער ראש־הגולה. באלד בילדן זיך צוויי צדדים. מיט'ן גאון גייט דאָס גאנצע קאָלעגיום פון דער סורא'ר ישיבה, אלע חשוב'ע מענשן פון דעם בבל'ער אידנטום און אויך אַלע גע־לערנטע פון באגדאד. ק ע ג ן אים איז געווען די ישיבה אין פומבדיתא און עטלאכע גבירים, וואָס האָבן דעם ראש־הגולה געהאט צו פארדאנקען זייער אנזעען אין הויף פון קאליף. צוויי יאר האָט זיך געצויגן דער שטרייט. צוויי גאונים אין סורא און צוויי ראשי־הגולה האָבן עקזיסטירט. צען טויזנט דינרים האָט זיך דעם ראש־הגולה'ס צד געלאָזט קאָסטן, און רבי סעדיה האָט דעם קריג פאר־שפּילט. ער פארלאָזט סורא. לעבט 4 יאָר (אנדערע זאָגן: 7 יאָר) אין באגדאד, אלס פריוואט־מאַן. שווערע שטימונגען באפאלן אים פון צייט צו צייט. אָבער ער לאָזט זיך ניט פיל באאיינפלוסן. גראָד די שלעכטע יאָרן אין באגדאד זענען אים די פּרוכטבארסטע. פריי פון קהל'שע געשעפטן, גיט ער זיך נאָך מער אָפּ מיט לערנען און שרייבן. דאָ שרייבט ער פיל תלמודישע אָפּהאנדלונגען. ער שרייבט שטימונגספולע רעליגיעזע שירים. ער פארפאַסט תפילות. שרייבט וועגן קאלענדאר־פראגן, פּאָלעמיזירט מיט'ן בעל־המסורה אהרן בן אשר פון טבריה, ער שרייבט אַ פירוש אויפ'ן מיסטישן „ספר יצירה" און נאָך און נאָך. און דאָס וויכטיגסטע, וואָס ער האָט אויף זיין לעבן געשריבן, איז זיין ספר (אויף אראביש) „אמונות ודעות", „גלויבונגען און מיינונגען". און אויך מיט דעם ספר איז ער אנט־קעגנגעקומען דער באדערפניש פון דער צייט, סיי בא אידן, סיי בא אראבער.

וואָרים אַ צייט פון כפירה איז עס געווען, דערהויבט אין די געבילדעטע קרייזן. אידן האָבן זיך געפונען — אַ חוי הבלכי, למשל — וואָס האָבן געלייקנט אין אלץ. אפילו אין דעם, אז גאט

האָט זיך אַנטפּלעקט אויפ׳ן באַרג סיני. אַלע ניסים, פון וועלכע די תורה רעדט, האָבן זיי ערקלערט ווי געשייענישן, וואָס זיינען גע־קומען בדרך־הטבע. די וועלט, האָבן זיי געזאָגט, עקזיסטירט אַזוי לאַנג שוין ווי גאָט, פון אייביג און אייביג אָן. און ניט גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, נאָר זי האָט זיך אַליין באַשאַפן — דורך די נאַטור־קרעפטן, וואָס זענען באַהאַלטן אין דעם חומר, פון וועלכן עס באַשטייט אַלץ אויף דער וועלט.

מיט פיל שאַרפזין און פילאָזאָפישן אַנאַליז באַמיהט זיך רבי סעדיה צו באַווייזן די נישטיגקייט פון אַזוינע באַהויפּטונגען. די געטלאַכע אַנטפּלעקונג צום מענשן און געבן אים די תורה, איז אים אַ פאַקט, אין וועלכן ער דערלאָזט ניט קיין שום צווייפל. און דאָס איז אים דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זיין גאַנצער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, וואָס ער אַנטוויקלט אין זיין לעבנסווערק „אמונות ודעות“.

זעלבסטפאַרשטענדלאַך איז אים די ע ר ד דער צענטער פון דער וועלט. דער מ ע נ ש מיט׳ן פרייען ווילן — דאָס העכסטע פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד. דאָס ווירקליכע דערקענען גאָט — די העכסטע אויפגאַבע פון מענשן. דאָס געפיל פון אָפּהענ־גיגיקייט פון ו ו ע מ ע ן, אָדער ע פּ ע ס העכערן, וואָס יע־דער מענש טראָגט בא זיך אין האַרצן, דאָס איז דער קוואַל פון רעליגיע פון באַציאונג צווישן מענש און גאָט. קוים ליגט עס אין דער נאַטור פון מענשן, איז ד ע ר צ ו כלל ניט נויטיג געווען, אַז גאָט זאָל זיך אַנטפּלעקן. אָן זיין אַנטפּלעקונג איז די עצם רע־ליגיע שוין דאָ געווען. די אַנטפּלעקונג איז אָבער נויטיג געווען כדי צו ר ע ג ו ל י ר ן די דערמאָנטע באַציאונג צווישן מענש און גאָט. אַריינגיסן זי אין געוויס פאָרמען. און דער מהות פון אידנ־טום איז דאָך: ר ע ג ו ל י ר ט ז י ט ל א ך ל ע ב ן.

ניט־קוקנדיג דערויף, וואָס שרייבנדיג דעם ספר איז רבי סעדיה אַלץ נאָך געווען אין חרם, פאַרשפּרייט ער זיך דאָך זייער שנעל צווישן אידישע און אַראַבישע געלערטע. ער מאַכט גרויס אויפזעען. איז ער דאָך דער ערשטער בא אידן, וואָס האָט געהאַט

דעם מוט צוצוטרעטן מיט פילאָזאָפישן געווען צו די יסודות פון אידנטום. און פאַרקערט: די וויכטיגסטע עלעמענטן פון אידנטום אריינגעטראָגן אין דער פילאָזאָפיע. ווידער קלינגט זיין נאָמען איבער נאָענט און ווייט. און אז בינײַ־לביני שטאַרבט דער קאַליף, וואָס האָט געגעבן געדערכט דעם ראש־הגולה געגן רבי סעדיה'ן, געפינען זיך שוין ערליכע מענשן פון ביידע צדדים, וואָס לייגן זיך אריין אין שלום צווישן ראש־הגולה און דעם גאון. און דער שלום ווערט דערגרייכט צווישן זיי. רבי סעדיה קערט זיך אום קיין סורא און פאַרנעמט ווידער זיין פּלאַץ אַלס גאון און ראש־ישיבה. און ווידער ווערט סורא דער צענטר, וואוהין אַלע אידישע קהלות ווענדן זיך מיט אַלע זייערע רעליגיעזע באַדערפנישן און אָנפראַגן.

מיט דריי יאָר שפּעטער (940) איז דער ראש־הגולה, דוד בן זכאי געשטאָרבן. און רבי סעדיה באַשטימט זכאי'ס זון אויפ'ן פּלאַץ פון זיין פאָטער. אין גיכן הרג'עט מען דעם נייעם ראש־הגולה — צוליב א בלבול — און רבי סעדיה נעמט צו זיך אין הויז אריין זיין זון, כדי צו לערנען מיט אים, און אים, דעם אייניקל פון זיין ערגסטן שונא, ערציען צו דער ווירדיגער שטעלע פון א ראש־גולה.

אָבער בלויז צוויי יאָר פאַרנעמט זיך רבי סעדיה מיט דער נאָבעלער ארבעט. אין 942 שטאַרבט דער גאון קוים 50 יאָר אַלט — אָבער קראַנק און אויסגעצערט פון די אומגעהויערע צרות, וואָס ער האָט אריבערגעטראָגן אין די לעצטע יאָרן.

מיט זיין פאַרשווינדן, פאַרשווינדט אויך, און אויף שטענדיג, דער גלאַנץ פון דער ישיבה אין סורא. זי איז מער ניט דער צענטר פאַר א ווייט אויסגעשפּרייטער אידישער וועלט. און אויך דאָס אידנ־טום אין בבל פאַרלירט פון איצט אָן זיין פירנדע ראָלע צווישן אידן. אנדערע צענטרען אין אנדערע וועלט־טיילן קומען־אויף.

אָבער דער נאָמען פון רבינו סעדיה גאון איז אין אַלע וועלט־טיילן, אין אַלע אידישע צענטרען, אין אַלע צייטן אומשטערבלאַך. שטענדיג געדענקט מען אים, ווי דעם ערשטן און טיכטיגן, וואס האָט געראַטעוועט דעם כבוד פון אידנטום פון די אָנגריפן פונ'ם

וועלטלאַכן וויסן. אָבער אינאיינעם דערמיט האָט ער אויך דאָס וועלטלאַכע וויסן מקרב געווען צום אידנטום.

פון איצט־אָן קאָן דאָס אידנטום אויך פיל נאָכפאָלגער זיינע, אידישע תלמודישע געלערנטע, וואָס זענען אין זיינע שריט און אין זיינע וועגן געגאַנגען.

עמנואל הרומי

אַן אַלטע לעגענדע דערציילט:

אַז די ישיבות אין בבל זענען געווען געפאַלן, אָרים געוואָרן, און ניט געווען קיין מעגלאַכקייט זיי אויסצוהאַלטן, האָט מען באַשלאָסן ארויסצושיקן פיר משולחים אויף דער וועלט, זיי זאָלן זאַמלען געלט פאַר די ישיבות. און אַזוי האָט מען געטאָן. וואָכן אויף וואָכן זענען די משולחים געשוואומען אויפ'ן מיטללענדישן ים און צו קיין ישוב ניט געקומען. ביז אַמאָל אין אַ פינסטערער נאַכט, איז זיי איבערגעפאַלן אַ שפּאַניש־אַראַביש קריגס־שיף און האָט זיי אַלע גענומען אין געפאַנגענשאַפט. די דאָזיגע פיר משולחים, גרויסע לומדים, האָט דער קאַפּיטאַן נאָכדעם פאַרקויפט אין פאַר־שיידענע לענדער וואו עס זענען געווען אידישע קבוצים. אין יעדער קבוץ, וואו איינער פון זיי איז אהינגעקומען, האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה און פאַרשפּרייט די תורה און דעם תלמוד־בבלי. איינער פון די דאָזיגע פיר איז אויך אָנגעקומען קיין איטאַליע, וואו ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה און געלאָזט דאָס תלמודישע אידנטום זיך אַנטוויקלען אין לאַנד.

דאָס איז לעגענדע. אָבער דער אמת איז אויך, אַז בעת די אידישע קולטור האָט אין מזרח, — דירעקט: אין בבל, — אָנגעהויבן צו וועלקן, האָט זי אין מערב אָנגעהויבן ווידער צו בליען. אינאיי־נעם מיט די אידן איז אויך די שכינה מגולגל געוואָרן קיין רוים... צום סוף פונ'ם ערשטן יאָרטויזנט קומט פאַר אַ גרויסער גייסטי־גער פאַרקער צווישן די אידן ביים טייך טיבער און די אידן ביים טייך פרת. די ערשטע נעמען איבער די ירושה פון די לעצטע. פון דאַן אָן געפינט מען אין איטאַליע גרויסע לומדים אין תלמוד, גרויסע קאָמענטאַטאָרן צו דער תורה, פיטנים און דיכטער. אָבער קיין וועלט־צענטר פאַר'ן אידנטום ווערט ניט רוים. ווערט ניט איטאַליע. גרויסע ווערטן האָבן די איטאַליענישע אידן

געשאפן אויפ׳ן געביט פונם וועלטלאכן אידנטום, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן. געגוג צו דערמאָנען דעם תלמודישן רעאַל־ווערטער־בוך פון רבי נתן הרומי, מיט דערקלערונגען און איבערזעצונגען אויף העברעאיש און לאַטיין. אָבער אויפ׳ן געביט פון פראַקטישן אידנטום, פון הלכה — נ י ט.

און ס׳איז קיין וואונדער ניט. בירגערלאַך און רעכטלאַך האָט זיך די אידן אין איטאַליע געלעבט בעסער ווי די אידן אַנדערש־וואו. אפילו די גרוילן פון די קרייץ־צוגן האבן זיי אויסגעמיטן. דאָס לאַנד איז געווען צעריסן אויף צענדליגער רעפּובליקן, טיראַניען, פרייע שטעט און אויטאָנאָמע פּראָווינצן. שטענדיגע קאַמפן, אָדער, על כל פּנים, די שטענדיגע מורא פאַר אָנפאַלן און אונטערדריקט ווערן, דיקטירט א פרידלאַך לעבן אין די אייגענע גרעניצן. זאָלן ניט מענשן וואַרטן אויף גליק פון אויסן... געניסן אויך אידן פון דעם צושטאַנד. געווים טרעפט פון צייט צו צייט, דאָ אָדער דאָרט, א באַגרענצונג, א העצע, אַן אָנפאַל, א פּאָגראָם אויף אידן. טראָגט עס אָבער א צופעליגן, צייטווייליגן און לאָקאַלן כאַראַקטער. עס גרייכט ניט ביז צו וואָרצלען. עס שניידט ניט איבער דעם פאָדים פון דער באַשטענדיגקייט. לעבן אידן און ווירקן אויף אַלע געביטן פון לעבן. לעבן פרידלאַך מיט די שכנים דערהויפּט אין די העכערע ספערן. אין די אינטעליגענטע און קולטורעלע. מען לערנט איינס ביים אַנדערן און מען לערנט איינער פון אַנדערן ווּיסנשאַפט און לעבנס־שטייגער. און אין די ערשטע יאָרהונדערטן פונ׳ם צווייטן יאָרטויזנט, אַז אין איטאַליע הויבט אָן צו שפּראָצן דער גייסט פון פרייהייט, פון הומאַניזם, פון רענעסאַנס, פון באַפרייאונג — אויף אַלע געביטן פון גייסטיגן לעבן — זענען די אידן דערביי. און ניט בלויז אַלס צושויער. די אידן האָבן שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז לויז־געריסענע פון באָדן, ווי מיר זענען, קאָנען עקזיסטירן נאָר אין אַן אַטמאָספערע פון רעליגיעזער און בירגערלאַכער פרייהייט.

און די באַוועגונג צו פרייהייט, וואָס באַקומט איר בולט׳ן אויסדרוק סוף 13טן און אָנהויב 14טן יאָרהונדערט, באַפרייט קודם כל דעם פּרט, די פּערזענלאַכקייט, דאָס אינדיווידיום. דערצו העלפן

פיל די טיראַנען וואָס הערשן אין איטאַליען אין יענער צייט. זיי בויען אויף ז י ך און זוכן דארום ארויסצואַנטוויקלען פון זיך אַלע זייערע פייאיגקייטן, אַלע זייערע טאַלאַנטן, אַלע זייערע נייגונגען. ניט ווייסנדיג „וועמענס מאָרגן עס איז", שטרעבן זיי זיך אָן שוין היינט צו געניסן וואָס מער, דעם גענוס צו פאַרטיפן, פאַרפילפאַכן, און זאָל ווערט זיין אַ טאָג — אַן אייביקייט. און די אייגענע אַלזייטיגע און אַלמעגלאַכע אַנטוויקלונג פאָדערן זיי אויך פון אַלע זייערע נאָענטע אויף וועמען זיי שטעלן זייער קאָרט, אויף וועמען זיי בויען זייער מזל. אָבער די פּאַרטייפירער אין די רעפּובליקן טוען אויך דאָסזעלבע. דער אַנטוויקלטער, דער פיל־זייטיגערער, דער פייאיגערער, ער איז אויך דער טיכטיגערער, ער איז דער באַזיגער, ער איז דער הערשער. ביידע ברענגען צו דער אַנטוויקלונג פון דער פילזייטיגער פּערזענלאַכקייט, פונ׳ם פיל־ווייסנדיגן אינדיווידיום. דער טיראַן לעבט אין שטענדיגער אימה פאַר פאַרראַט, פאַר פאַרשווערונג. דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי־פירער לעבט אין שטענדיגער מורא, מ׳זאָל אים ניט איבערשפּיצן, איבערכיטרעווען. ביידע האָבן מורא פאַר די הומאַניסטישע דרשות וואָס רעדן פון מענשן־ליבע, מענשן־ווערדע און מענשן־פרייהייט. ביידע זוכן שוץ אין שפּיאָנאַזש. אין אונטערהערן, אונטערזיצן. זענען די שטעט פול מיט פאַרדעכטיגע. ווערן די וועגן צווישן איין פּראָווינץ און דער אַנדערער פול מיט ארויסגעשיקטע. אָבער אויך מיט פרייוויליגע עמיגראַנטן, וואָס זוכן אַן אָרט פאַר זייער אמת, פאַר זייער פרייען וואָרט און פרייען געדאַנק. די עמיגראַנטן — ווייל אָן אַ היים, ווערן געשטימט קאָסמאָפּאָליטיש. „ווייל שיינט דען ניט דיזעלבע זון איבער אַלע הימלען און אַלע ערד־טיילן גלייך?" „וואו איינעם איז גוט, דאָרט איז זיין פאָטערלאַנד!" אָבער אויך אָט די שטימונג ברענגט צו דער אַנטוויקלטער פּערזענלאַכקייט. הערט איר איין עמיגראַנט זאָגן: „בלויז דער, וואָס האָט געלערנט, איז אינערגיץ ניט פרעמד; אפילו אָן פאַרמעגן, אָן פריינט, איז ער דאָך בירגער פון יעדער שטאָט. מיט פאַראַכטונג זעט ער צו די ענדערונגען צום ערגערן אין זיין

מזל.״ און א צווייטער זאגט: „וואו דער געלערנטער באזעצט זיך, דארט איז זיין היים.״ און א דריטער און א פערטער, און ניט קיין קלענערער ווי דער געניאַלער דאנטע, — אלע האָבן איין שטימונג: קאָסמאָפּאָליטיזם —

אָבער געניסן פון אים קאָן נאָר די אנטוויקלטע פערזענלאכקייט. די אלזייטיג אויסגעבילדעטע, פילפּאכיגע געלערנטע. נאָר אזא אינדיווידיום איז ניט געשמידט מיט קיין לאָקאלע קייטן.

ווימעלט טאקע די דערמאנטע צייט (ענדע 13טן און אָנהויב 14טן יאָרהונדערט) מיט אויסגעבילדעטע, פילזייטיגע און פילוויסנ־דיגע אינדיווידיומס. שטייגט די גאוה, וואקסט דער באגער צו כבוד, צו אָנערקענונג, צו הויכאכטונג. איז עס אָבער ניט באשערט אלעמען אין א גלייכער מאָס, וואקסט די קנאה, מיט איר — די באַרי־מעריי, דער זעלבסטלויב און דער טאדל פון צווייטן, דאָס אָפּלאכן און אָפּשפּעטן פונ׳ם אנדערן, פונ׳ם נוצלאָזן העכערן פון זיך, ווי פונ׳ם הילפלאָזן נידעריגערן פון זיך. דאָס אָפּ׳חוזק׳ן ווערט א באזונדער מין פּאָעזיע און א הויכגעשעצטע פאר זיך. זי ווערט אָנגעווענדט ניט בלויז אויפ׳ן פּאליטישן געביט, נאָר אפילו אויפ׳ן טעאָלאָגישן. אויסלאכן און אָפּשפּעטן ווערט דאָס שטארקסטע געווער אין די הענט פון די מאכטהאָבער. און די מאכטהאָבער זוכן די פּאָעטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם פּרט, ווי זיי זוכן־אויך אנדערע גרויסע קינסטלער, יעדן פון זיין פאך, כדי זיי בא־זיך צו האָבן. פאר זייער גונסט, זאָלן די קינסטלער זייערע נעמען פאראייביגן. די נעמען פון זייערע געגנער —פאר׳מיאוס׳ן. דערהויפּט צייכענען זיך דערמיט אויס די טיראנען מיט זייער פלוג צו קאָלאָסאלן, צום ווייטן און אייביגן. יעדער טיראַן האָט זיינע באגינסטיגטע קינסטלער און יעדער קינסטלער — זיין טיראַן־מעצענאט, אָבער סתם מעצענאטן, ניט־טיראנען, פארגינען זיך אויך דעם לוקסוס — בארימטע מענער אין זייערע הויפן צו האָבן. יעדער מעצענאט נוצט אויס זיין פּאָעט אָדער זיין געלערנטן לויט זיינע באגריפן און זיינע באדערפנישן. פון א הויפנאר ביז א שטערנזער. אָבער א גרויסער טייל פון דעם, וואָס דער פּאָעט האָט

צו טאָן פאר זיין מעצענאַט, איז: חוזק מאכען פון זיינע געגנער. ניט מער אלס שטאַנד, אָדער קאַטעגאַריע, נאָר סוביעקטיוו, פערזאָן און פערזאָן ביים נאָמען אָנצורופן; פיל רויע בייזקייט ווערט דערביי אָנגעווענדט, פיל גראָבקייט, קיינער ווערט ניט געשוינט, קיין טראַדיציע ניט באריקזיכטיגט. אפילו ניט קיין קאָנווענציאָנעלע מאָראַל, אפילו ניט רעליגיע. עס ווערט געקעמפט! מיט וויץ, מיט שפאט, מיט פאַראָדיע, מיט וואָרט־וויץ און וואָרט־שפּיל —

דעם קולטור־אינהאלט פון א גאנצער עפאכע האט עס אויסגעמאכט!

און דער קולטור־אינהאלט פון אָט דער עפּאָכע איז אויך דעם אידנטום ניט פרעמד געבליבן. אים האט אריינגעבראכט אין אידנטום און פאראייביגט דער בארימטער אידישער דיכטער: עמנואל הרומי.

עמנואל בן שלמה צפרוני איז געבוירן געוואָרן אין רוים, אין יאָר . . . מיר זענען באקאנט דאטן: 1260, 1265, 1270, און 1272. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אז עס ווערן אָנגעגעבן נאָך אנדערע דאטן אויך... אַלענפאַלס איז ער געבוירן אין לעצטן פערטל פונ׳ם 13טן יאָרהונדערט. א בן־יחיד איז ער בא חשוב׳ע, וואוילהאבנדע עלטערן. ער ווערט דערצויגן אין תורה און אין חכמה. ער וואקסט אויס א גרויסער למדן, א מדקדק, א מקובל. אָבער ער קען אויך מעדיצין, פילאָזאָפיע, מאטעמאטיק, אסטראָנאָמיע, אסטראָלאָגיע און אַלץ, וואָס א הויכגעבילדעטער מענש אין זיין צייט דאַרף קענען און דאַרף זיין:

א פולבלוטיגע און א פילזייטיג־אַנטוויקלטע פערזענלאכקייט!

ער איז א צייט לאנג דער סעקרעטער פון דער קהלה אין רוים. יום־כפור דרשנ׳ט ער אין שול און גרויסע מענשן איז ער מספיד — ווייל „פערל שיטן זיך אים פון מויל״.

א גוטער מענש איז ער, א בעל־צדקה, א בעל־טובה, לייט גמילות־חסדים; האָט ער ניט קיין מזומן — איז ער ערב פאר זיין פריינד בא אן אנדערן. ווערט ער טאקע דערפון בדיל־הדל. אָבער ניט בלויז אויף געלט איז ער א פזרן, נאָר ער איז עס אויך אויף

וויסן. ער לערנט מיט דער יוגנט — מוסר, ער לערנט מיט גרויסע — לעבנס־קלוגשאפט. פאר טראדיציע־טרייע שרייבט ער א פילאָזאָפישן פירוש אויף תנ״ך, פאר די לעבנס־דורשטיגע שרייבט ער שירים אויף אלערליי מענשליכע תאוות, שטיקער פיוט פול מיט נבול־פה וועגן באציאונגען מיט פרויען. ברחנישע איינפאלן און בטלנישע המצאות צום לאכן. קופלעטן אויף לעבעדיגע מענשן און באקאנטע געשעענישן. איז ווי לאנג ער איז געווען „אין מצב“, האָט רייכלאך פארדינט, — הן פון זיין מעדיצינישער פראקטיק, הן פון זיין קהל׳שער שטעלע — איז ער געווען פאָפולער, באליבט, חשוב און הויכגעשטעלט.

האָט אים אָבער זיין ערבות פאר פרעמדע ארים געמאכט, זיין זון שטארבט, זיין פרוי שטארבט אים נאָך, עס קומט אָן דאָס שווערע יאָר 1321 פאר די רוימישע אידן. דער תלמוד ווערט עפנטלאך פארברענט. דער אויפגערעגטער המון הרג׳עט עטלאכע אידן און צווישן זיי עמנואל׳ס שווער. עמנואל ווערט בא זיך אפּ־הענטיג, זיין פאָפולאריטעט פארשווינדט, שונאים און אָנגעגריפענע צעפליקן דעם קראנץ פון זיין קאָפּ. מ׳הויבט אָן זיך צו זאָגן:

— זיין גאנץ גייסטיג פארמעגן האָט ער דאָך פון לייטן צו־נויפגעשארט: פילאָזאָפיע — פון רמב״ם, ביבעל־וויסנשאפט — פון אבן־עזרא, שירים־שרייבן — פון רבי יהודה הלוי, אלחריזי און בן־גבירל. נייע פאָרם — פון די איטאליענישע צייטגענאָסן. סא־טירע — פון זיין פריינט: דאנטע, סכאָלאסטיק — פון טאָמאָס פון אקווינע. — וואָס־זשע איז מיט אים דער מער? זיין נבול־פה! דאָס האָט ער אויך פון אנדערע געלערנט.

אז ער איז געווען דער הויכגעבילדעטער מאן פון זיין צייט; אז ער האָט די גאנצע השכלה פון זיין צייט, זיינע אידישע צייט־גענאָסן פארשטענדליך געמאכט; אז ער האָט מיט פיל ווירדע זיין קהל׳שן אמט יאָרנלאנג געטראָגן — דארין האָט מען פארגעסן... די אומדאנקבארקייט זיגט!

און עמנואל, שוין אין די פופציגער, מוז פארלאָזן רוים און זיך לאָזן אין דער וועלט אריין זוכן גליק. און נאָך לאנגן זוכן, בא־

געגנט אים דאָס גליק אין דער שטאָט פ ע ר מ אָ. דאָ געפינט ער אַ אידישן מעצענאַט, וואָס וויל נאָכטאָן די ניט־אידישע מעצענאַטן פון זיין צייט, און זיך איינשאפן אַ גרויסן גייסט און בארימטן דיכטער אין זיין הויז אריין.

דאָ פילט זיך עמנואל גליקלאך. ער לעבט רואיג, ווייסט ניט פון קיין אויסערלאכע דאגות און דינט בלויז זיין שר (אַזוי רופט ער אים), ווי יענעם טוט וואויל געפעלן. אויפ'ן שר'ס באשטעלונגען שרייבט ער, זיינע פיינט — טאדלט ער, זיינע פריינט — לויבט ער, זיין געליבטע — באזינגט ער, און נאָך זיין גונסט לעכצט ער.

דאָ איז ער פריי. און דאָ לאָזט ער פריי זיין פעדער. ער שפעט און חוזק'ט און פאראָדירט. ער פאראָדירט דעם תנ"ך אין די וואולגארסטע לידלאך; ער פאראָדירט די קינות (איכה יעיב באפו), כדי אָפצו'חוזקן פון אלטע ווייבער. ער דערגייט ביז די גרעסטע ציניזמען. געוויס דארף ניט פארשוויגן ווערן זיין גרויסע שפראך־קונסט. ממש ביז פייער שלינגען. ביז סטיינגעס ציען פון מויל. ער בענשט און שילט מיט דיזעלבע ווערטער, מיט דיזעלבע קלאנגען און גראמען און איר לייענט און איר שטוינט. נישטאָ בא אים קיין אנדער פראזא ווי געגראמטע; מעג עס זיך האנדלען וועגן וואָס עס וויל, מעג עס זיין אין וואָסער אַ פאָרם עס וויל. ער ווייסט ניט פון קיין שוועריקייט און ניט פון קיין שטרויכלונג. עס איז אים דאָס גרינגסטע — מאכן פון צוויי ווער־טער איין וואָרט, און פון איין וואָרט — צוויי. אומדרייען אַ וואָרט, ארייננטייטשן אין דעם וואָס איינעם קאָן נאָר קומען אויפ'ן זינען. ארויסברענגען אַ פסוק (און ער באנוצט זיך כמעט אויס־שליסלאך מיט פסוקים) אין אַזאַ זין וואָס איבערראשט אייך — דערהויפט דאָרט, וואו ער האָט ארויסצוברענגען אַ ביסל עראָטיק... ער פארפאסט גאנצע שטיקער פיוט לויט דער פאָרם און דעם איינ־האלט וואָס איר ווילט, נאָר ניט קיין תפלה. אין ניינציג מאָל פון הונדערט: לצנות, סתם אין דער וועלט אריין, אָדער אויף באשטימ־

טע פערזאָנען אין זיין צייט. די לצנות דערגייט אָפט ביז גראָב־קייט, וואו ער פּאַרלירט איבער זיך יעדן קאָנטראָל, ער דערציילט:

א מאָגן־קראַנקן האָט ער געהיילט. האָט ער אים געגעבן אן אָפּפירונגס־מיטל. איבערנאַכט האָט די מעדיצין געזאָלט ווירקן. אויף מאָרגן, אז ער איז געקומען צום קראַנקן, האָט אים יענער דערקלערט, אז די מעדיצין האָט נ י ט געווירקט, דערפאַר האָט ער אָבער איבערנאַכט פאַרפּאַסט א ליד. איז עמנואל שטאַרק אין כעס געוואָרן. שרייבט ער אָן אויף דעם חולה א גאַנצן פּאַמפלעט, ריכטיגער: א פּאַסקוויל — און פירט אויס, אז אייגנטלאך האָט זיין מעדיצין יאָ געווירקט, נאָר אנשטאַט די ווירקונג זאָל זיך באַווייזן הינטן האָט זי זיך באַוויזן פון פאָרנט...

און די איבערגעשפּיצטקייט דערגייט ביז בטלנות. מ'פּרעגט, למשל:

— פאַרוואָס שטייט אין פּסוק: ח נ ו ך לנער — חנוך איז געגליכן צו א אינגל, און עס שטייט ניט מ ת ו ש ל ח איז גע־גליכן צו א אינגל?

איז דער ענטפער:

— מתושלח האָט געלעבט קנאַפּע ט ו י ז נ ט יאָר, איז היתכן אים צו פאַרגלייכן מיט א אינגל? אָבער ביי חנוך'ן שטייט: „ויתהלך חנוך עם האלוהים — ואיננו" — און ניטאָ אים, מעשה קונדס. ער איז געגליכן צו א אינגל. און אזוינע ענטפערן זענען דאָ 59.

דאָס פּאַסיגסטע און אנשטענדיגסטע זענען זיינע וויין־לידער. איין מאָל, ביי א פּורים'דיגער סעודה, האָט ער פאַרפּאַסט א כ צ י ג גלייכווערטלאך וועגן וויין טרינקען, און די זענען די ריינסטע.

און די ליבע לידער דערגרייכן ביז פּאָרנאָגראַפיע. פּעטע, גע־דיכטע, אויפ'ן פּאַפּיר ניט אַרויפצובריינגען.

און זיין פעאיגקייט צו ענטפערן מניה־וביה דערגייט ביז בדחנות, פּוסטער וואָרט־וויץ, אָרימסטער גראַם, — אָבער ניט שול־דיג בלייבן.

און א הספד אויף זיך מאַכט ער מיט גוזמאות און פאַרגרעסער־

טע און צובלאָזענע שבחים — ווי דער שטייגער איז אין א הספד, אָבער פול חוזק, אי פון זיך אי פון אנדערע.

איז עס באמת א צער צו זען, ווי אזא הויך־באַגאַבטער מענש, ווי אזא רייכע צונג לעקט שמוץ...

אָבער דער צער ווערט נאָך גרעסער, ווען איר ווערט געוואָר פון זיינע לידער, וואָסער א גיהנם עס האָט בא אים אין הארצן גע־ברענט, וואָסער א טיפער טרויער עס האָט דאָרטן גענאָגט, בעת ער האָט זיך און זיין שר לוסטיג געמאַכט.

טרויער אויף זיין שווער און ברודער און זון, טרויער אויף דער שווערער צייט פאר אידן אין איטאַליע און אויסער איר. אין די דאָזיגע טרויער לידער דערגרייכט ער געוואלדיגע הויכן, קומט ער ביז די טיפסטע איבערלעבונגען. זיי דערציטערן דעם לעזער אויך איצט.

און נאָך אין איין פרט: ער האָט מורא פאר דער עלטער און שרעקט זיך פאר׳ן טויט. קומט זיין ודוי, קומט זיין תפילה, קומט ער ביז׳ן העכסטן רעליגיעזן עקסטאז! דאָרט רעדט ער א וועלט פון הארצן ארויס... דאָס איז אים דאָס ליבסטע, דאָס אינטימסטע, דאָס באהאַלט ער פון זייטיגן אויג. זיין טרויער און זיין אימה — דאָס וויל ער האָבן פאר זיך. קיין פרעמדער בליק זאָל אויף דעם ניט פאַלן. קיין פרעמדער אויער זאָל דאָס ניט פארנעמען. די לוסט און די תאוה און דער לייכטזין — דאָס זאָל גילטן פאר אלע, אָבער דער טרויער, אָבער די תשובה, אָבער די טרער...

נאָר דער מעצענאַט, דער שר, ער האָט אים דאָך אָפּגעקויפט, אלץ וואָס דער קנעכט האָט דערוואָרבן, האָט דערוואָרבן דער האר. באנוגנט זיך ניט דער האר מיט די פערל און עדלשטיין, וואָס עמנואל האָט אין אזא גרויסער צאָל צעוואָרפן פאר אים, אין די פארשיידנסטע לוסט־לידער. ער וויל אויך דאָס לעצטע, דעם שוואַרצן דימענט באַגערט ער — די אינטימסטע טרוי־ער־לידער, — און ער באַקומט זיי און מיר זעען זיי, לייענען זיי, און פאר אונזערע אויגן הויבט זיך דער דיכטער אויף פון שטויב

און וואקסט אוועק הויך און ווייט, מיט'ן פשוט'ן אויג ניט צו דער־גרייכן.

און אויף דער עלטער ווידער צוריק־פאל. ווידער אימיטאציע.

אז ער איז שוין איבער זעכציג, געפעלט אים נאכצומאכן זיין גרויסן פריינט, דאנטע'ן, און אויך אנשרייבן א מין „געטלאכע קאָ־מעדיע" מיט'ן נאָמען „גיהנם און גן־עדן". האָט ער אָנגעפּאקט דעם גיהנם מיט פ א ר צייטיגע און ז י י נ'צייטיגע נעמען. מיט גבאים און מיט צבוע'אקעס, מיט כל'ערליי אידישע בארימטע שונאים און קליינשטעטלדיגע קהלה־פּיאווקעס, ווי ער האָט זיי געזען אין דער רוימישער געטאָ.

און ענלאכע, נאָר גערעכטע, באזעצט ער אין גן־עדן.

פון דאנטע'ס „געטלאכע קאָמעדיע" איז בא אים ארויסגעקומען א ביליגער פארם.

איז טאקע דאנטע, דער געניאלער פאָרשטייער פונ'ם גייסט פון זיין תקופה אין איטאליען, פארבליבן דער פאָלקס־העלד — ווייל דער פארקערפּערער פון פאָלקס־זשעני. איז ע מ נ ו א ל ה ר ו מ י, דער אידישער „איבערזעצער" פונ'ם דאָזיגן גייסט, ארייננגעפאלן אין אומגונסט בא די דעמאָלטיגע פירער פון אידישן פאָלק, און זיינע ווערק זענען פארבאָטן געוואָרן — ווייל פארקי־מערט איז געוואקסן די איטאליענישע פלאנצונג אויף אידישן באָדן...

אידן אין שפּאַניען

אין שפּאַניען האָבן אידן פון גליק געוואוסט. דאָ האָט דאָס אידנטום פּרעכטיג געבליט. קלאַסיקער, אויף אַלע געביטן פון אונזער קולטור־לעבן, זענען דאָ געוואַקסן. מוסטערן פאַר אייביגע דורות!

אָבער דער גרויסער פּיין, וואָס די אידן האָבן איבערגעלעבט אינ'ם „בעסטן פון אַלע לענדער", איז אויך אַ שרעקנס־מוסטער פאַר דורות. דער גאַנצער קאַטוילישער, מאַכמעדאַנישער, אויפריכטי־גער אָדער צביעות'דיגער פאַנאַטיזם, האָט זיך אויף אונז דאָרט אויסגעגאָסן. ווי קרבנות פאַר'ן באַרימהערציגן קריסטלאַכן גאָט, האָבן מיר וויפיל מאָל געגאָלטן. דער בלוט־פלעק אויפ'ן געוויסן פון דער קריסטלאַכער רעליגיע, די בלוטדורשטיגע אינקוויזיציע, איז דאָרט געשאַפן. און דעם ביטערסטן גיפט־בעכער פאַר אַ פאָלק: מ א ס ן ־ ג י ר ו ש, האָבן מיר דאָרט געטרונקען.

די אידישע געשיכטע אין שפּאַניען הויבט זיך אָן פון גרויען אַלטערטום. בּאַ אידן האָט עס געהייסן: תרשיש. די כנענים האָבן געפירט האַנדל מיט שפּאַניען און אידן זענען דערביי געווען, און פון דאַן אָן בלייבן אידן אין שטענדיגע באַציאונגען מיט דעם שיינעם לאַנד. אין רוימישע צייטן איז עס אַ גרויסער האַנדלס־צענטער. אין די צייטן פון משנה און תלמוד ווערט שפּאַניען גע־האַלטן פאַר „אַ ווייטע מדינה". קאָרדאָווע ווערט אפילו דער־מאַנט אין דער גמרא (קורטובא, יבמות קט"ו ע"ב), גאַרטאַגאַ — אויך. גראַנאַדאָ האָט אין די גאָר אַלטע צייטן געהייסן: „אַ אי־דישע שטאָט" — ווייל די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז געווען אַ אידישע. די גרויסע אידישע צענטרען, ווי טאָלעדאָ, למשל, האָבן די אידן אַרומגערינגלט מיט ישובים, און האָבן זיי גערופן מיט די זעלבע נעמען, וואָס די ישובים אַרום ירושלים האָבן

אמאָל געהייסן: אשקלון, עזקה, יפו, א. ד. ג. און איינגעוואַקסן זענען זיי אין לאַנד, אין באָדן, ווי די ארומיגע באַפעלקערונג. זיי האָבן פעלדער און באַארבעטן זיי. זיי פלאַנצן וויינגערטנער און מאַכן וויין. זיי פלאַנצן איילבירטן און מאַכן אייל, און געשעפטן פירן זיי מיט נאָענט און ווייט. אפילו מיט אנדערע וועלט־טיילן. זיי האַנדלען מיט וואָל און מיט טוך פון ענגלאַנד, מיט קנעכט פון די סלאַווישע לענדער און מיט פערד — פון אפריקא. אָבער אויך מיט כל־ערליי מלאכות באַשעפטיגן זיי זיך, וואוינען אין באַזונדערע גאַסן, לויט זייער פאַך. לעבן אין שטעט און אין דערפער. ש פ א נ י ע ר זענען זיי, און אַלץ, וואָס גייט אָן דעם לאַנד, איז זיי ניט פרעמד. און אַזוי קוקן אויף זיי די באַפעלער און הערשער פון לאַנד. בשלום לעבן די אידן מיט אַלעמען. זיי זענען גלייכבאַרעכטיגט מיט דער איבעריגער באַפעלקערונג. עס קומט אָפּט צו געמישטע חתונות — הגם בכלל לעבן די שפּאַנישע אידן לויט'ן תלמוד.

אָבער שוין זייער פרי ווערט געמאַכט די ערשטע פּרוב צו שטערן דאָס אידישע גלייכבאַרעכטיגטע און פרידלאַכע לעבן. אין יאָר 306 לייגט פאָר די קריסטליכע גייסטליכקייט, אז מ'זאָל בא אידן אָפּנעמען געוויסע רעכט. דעמאָלט ווירקט עס נאָך ניט. די אמונה פון די רעגירער און פון פאָלק איז געווען די אריאַנישע, — א סעקטע אין קריסטענטום, וואָס האָט געהאַט אביסל טאָלעראַנץ צום אידנטום, — זענען אידן ניט געקריוודעט געוואָרן. אָבער מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער לאָזט זיך שוין אויך דער אריאַנישער הערשער רעדן פון באַגרעניצונגען. אייגנטליך, אין קלייניקייטן: ניט צו פאַרנעמען געוויסע אמטן, ניט צו זיין קיין פאַרטיידיגער פון קריסטן אין געריכט, ניט צו בויען נייע שולן, ניט טאָרן איבער־רעדן קיין קריסט איבערצוגיין אין אידנטום, א. ד. ג. געוויסנפריי־הייט האָבן זיי אויך ווייטער. זייערע רעליגיעזע געפילן ווערן געאַכט. נאָר זייער מינדערוויכטיקייט אין גאָט'ס אויגן ווערט אונטערגעשטראָכן... און מיט אכציג יאָר שפּעטער (586), אז דער קעניג רעקאַרעד נעמט אָן דעם קאַטוילישן גלויבן, הויבט זיך

שוין אָן די אידישע מארטירעלאָגיע אין שפּאניען. די קאטוילישע גייסטליכקייט פאָדערט צו פארפאָלגן אידן, ווייל אזוי איז עס ניחא דעם בארימהארציגן קאטוילישן גאָט, און דער קאטוילישער קעניג מוז פארפאָלגן די אידן — ווייל אזוי איז עס ניחא דער קאטוילישער גייסטלאכקייט. און די שטיצע פון דער גייסטלאכקייט האָט דער קעניג נויטיג געהאט, ווייל ער איז געוויילט געוועזן פון די פּריצים, און איז געשטאנען אין שטענדיגן קאמף מיט זיי וועגן די גרעניצן פון זיין מאכט. און שוין אין ערשטן פערטל פון זיבעטן יאָרהונדערט לייגט מען אידן פאָר די ברירה: „שמד'ן, אָדער עמיגרירן פון לאנד". פיל אידן, דערהויפּט די, וואָס זענען געווען פארבונדן מיט ערד און מיט ערד־ארבעט, האָבן זיך גע'שמד'ט — דערווייל: לפּנים! — אָבער פיל זענען אוועק פון לאנד. ווער קיין פראנקרייך, ווער קיין קייראָן (אפריקא), ווער אין אנדערע לענדער. פיל געפינען אָבער אויך שוץ אין די דערפער, בא די פּריצים, אָדער ווי זיי האָבן געהייסן: גראנדן, וואָס האָבן ניט מסכים געווען צו דער פארפאָלגונגס־פּאָליטיק פון דעם קעניג מיט זיינע קאטוילישע ראטגעבער. מיט א פּאָר צענדליג יאָר שפּעטער ענדערט זיך די לאגע. די עמיגראנטן קערן זיך אום. די גע'שמד'טע קערן זיך אום צום אידישן גלויבן. און אין א צענדליג יאָר ארום באנייט מען ווידער די פריערדיגע גזרות. אזוי בייט זיך ליכט און פינסטערניש, פאנאטיזם און ליבעראליזם. אָבער דאָס גוטע קאָן קיינמאָל ניט פארגיטיגן דאָס בייז, וואָס איז פאר אים געווען. די גע'שמד'טע לפּנים ליידן נאָך פיל מער, ווי די אידן. די פאר־העלטנישמעסיגע גוטע צייטן האָבן זיי ניט נוגע געווען. אפילו די ליבעראלע הערשער האָבן פארלאנגט, אז ד ע ר, וואס האָט איינמאָל אנערקענט דאָס קריסטנטום, זאָל בלייבן און ז י י ן א קריסט. אין זיבעטן יאָרהונדערט איז עס שוין געקומען דערצו, אז א פארשטעלטן משומד האָט מען פארברענט אָדער פארשטיינט. צום גליק, האָבן די שלעכטע געזעצן ניט תמיד און ניט גאנץ געקאָנט פארווירקליכט ווערן. פונדעסטוועגן האָבן זיי עטליכע מאָל ארויס־גערופן אויפשטאנדן מצד די אידן און די פארשטעלטע משומדים

(מאַראַנען). אָבער, נאַטירליך, אָן ערפאָלג. פאַרקערט, די אויפ־שטאַנדן ברענגען צו נאָך שווערערע באַגרעניצונגען. מ'נעמט אָפּ בא די אידן אַלע אומבאַוועגליכע גיטער אין שטאָט און אין דאָרף. מ'פאַרבאָט זיי צו האַנדלען. מ'באַמיט זיך זיי צו האַלטן אָפּגעזונדערט פון די קריסטן, כדי די לעצטע זאָלן זיך ניט געפינען אונטער אידישער השפּעה. עס קומט אויך צו די געפערליכסטע בלבולים. געגוג, אַז דער קעניג קלאָגט אָן די אידן אין פאַרראַט: אַז זיי האָבן איינגעלאַדן קיין שפּאַניען די אַראַבער פון אַפריקאַ, אַז זיי זאָלן איינגעמען שפּאַניען און איינפירן דאָ די אידישע רעליגיע. די גייסטליכקייט איז מסכים צום קעניג'ס פאָרשלאַג, אַז אַלס שטראָף פאַר'ן פאַרראַט זאָלן אַלע אידן אָנערקענט ווערן פאַר קנעכט. מען זאָל זיי פאַנאַנדערשענקען צו די גלויביגע — אָבער אָן דעם רעכט זיי צו באַפרייען, זייער פאַרמעגן קאָנפיסקירן א. ד. ג. דאָס געזעץ האָט מען אָנגעהויבן שוין פאַרווירקליכן. נאָר דאָ איז געקומען דאָס היסטאָרישע יאָר 711. עס קומען די אַראַבער, פאַריאָגן די וועסטגאָטישע הערשער פון לאַנד און גרינדן דעם גרויסן קאָרדאָוואַער כאַליפאַט. ערשט איצט הויבט זיך אָן פאַר אידן אַ גלענצנדע עפּאָכע פון וואוקס און ערפאָלג.

אידן ווערן פריי. אין זייער אינערליך לעבן — אויטאָנאָם. אפילו מיט אייגענע ריכטער. מען פאַרגעסט דעם וועסטגאָטישן ליבעראַליזם, די אייגענע קנעכטשאַפט, די קריסטליך־קאַטוילישע ליבע און באַרימהאַרציקייט — און ווידער הויבט מען אָן זיך צוצופּאַסן צו אַ נייער קולטור, שפּראַך, לעבנס־שטייגער אין רעגירונגס־פאָרם פון די נייע הערשער... אידן האָבן פרייע הענט. ווי הונגעריגע וואַרפן זיי זיך אַרויף אויף אידישער בילדונג, וואָס קומט אהער אַריבער פון בבל, דורך קייראַן. ווידער לעבט אויף די אַלגעמיינע בילדונג. אידן קומען אָן אויף פאַראַנטוואָרטלאַכער מלוכה־דינסט, ווידער פאַרנעמען זיי זיך מיט ערד־אַרבעט, מיט האַנדל און אינדוסטריע. דאָס לאַנד בליט, און אידן מיט דעם. אידן באַפעסטיגן זיך און באַרייכערן זיך, און דאָס לאַנד מיט זיי. מאַטעריעלע גיטער און גייסטיגע גיטער וואַקסן בא אַנאַנדער. און

גיך וואקסט אויך אויס דער פרידן, וואָס הערשט אין לאנד צווישן אירע בירגער. אזוי וואקסט מען אריין אין צענטן יאָרהונדערט, אין דער „גאָלדענער עפּאָכע“ פון די שפּאנישע אידן. און זאָל עמיצער פּרובען זי אנדערש שאצן? קיין איינציג יאָרהונדערט אין דער אידישער געשיכטע האָט ניט אויפגעוויזן אזא מאסע און אזוינע גרויסע שטערן אויפ׳ן אידישן הימל, ווי דאָס צענטע יאָר־הונדערט. און ניט בלויז אויף איין געביט. אידישע מיניסטאָרן און קעניגלאכע ראטגעבער, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאטן; מעדי־צינער, אסטראָלאָגן און אסטראָנאָמען (די ביידע וויסנשאפטלאכע צווייגן זענען געגאנגען צוזאמען); שפּראך־פאָרשער, ביבל־פאָרשער און גראמאטיקער; היסטאָריקער, פילאָזאָפן, פּאָעטן און מקובלים; גרויסע רבנים, גאונישע לומדים און סיסטעמאטיקער. ממש א צירונג, ניט בלויז פאר א לאנד, ניט בלויז פאר א פאָלק, נאָר פאר דער מענשהייט, וואָס האָט אזוינע געבוירען. יעדער נאָ־מען איז א ריכטונג. יעדע ריכטונג — עפּאָכע־מאכענד. יהודה הלוי און אבן גבירול אין דער פּאָעזיע; דער רמב״ם (משה בן מימון) און אבן גבירול אין דער פילאָזאָפיע; אברהם אבן־עזרא אין ביבל־פאָרשונג און ביבל־קריטיק, און אויך אין שפּראך־פאָר־שונג (שוין דאן, לויט דער פארגלייכונגס־מעטאָדע, צווישן אראביש, העברעאיש און סיריש); רבי שמואל הנגיד, יצחק אבן־גיאות און — א י ב ע ר זיי — דער רמב״ם אין סיסטעמאטיזירן דעם תלמוד, ארויסנעמען פון אים דעם תוך און אים צוגענגלאך מאכן די ברייטע אידישע שיכטן און אפילו לומדים, זיי זאָלן ניט דארפן אָפּגעבן אזוי פיל צייט אויף דורכצונעמען די גאנצע סכאָלאסטיק, וואָס וויקלט ארום די הלכות. דער רמב״ן (משה בן נחמן) אין דער קבלה; דער ראב״ד אין געשיכטע, דונש בן לברט און מנחם בן סרוק אין דער גראמאטיק. און נאָך צענדליגער און הונדערטער, וואָס יעדער פון זיי וואָלט אויף יעדן געביט געקאָנט א דור שפּייזן. אלץ איז געוועזן גרונדלייגענד, פונדאמענטאל, בארעכנט אויף עולמות. און אין צפון שפּאניען, וואו די קריסטן זענען שטארק געווען און די אראבישע שפּראך און קולטור איז ניט געווען פארשפּרייט, דאָרט

אנטוויקלט זיך א גלענצנדע העברעאישע פראָזע. א משנה־שפראך. זי ווערט אויך אָנגעווענדט אין צענטר־ און דרום־שפאניען, פון די, וואָס שרייבן לכתחילה זייערע ווערק אין דער העברעאישער שפראך.

און שטאָלץ זענען בא זיך די שפאנישע אידן גענן זייערע ברידער אין אנדערע לענדער. שטאָלץ מיט זייער גליק, שטאָלץ מיט זייער מאטעריעלער און גייסטיגער מאכט. גילט אָבער ניט אייביג די מאכט — ווייל ניט אייביג גילט דאָס גליק. מיט איין יאָרהונדערט שפעטער, און דער געבענשטער, שיינער באָדן הויבט זיך אָן צו וואקלען הינטער זייערע פיס. אין עצם הויבט זיך אָן די וואגלעניש ניט צוליב זיי. פארשיידענע רעליגיעזע רעכטונגען זענען פאראן אין מאכמערענטום. פאראן פריידענקער און פאראן אָרטאָדאָקסן. קומט עס צו קאמפן צווישן זיי ביידע. די פעסטע יסודות פונ'ם איינהייטלאכן קאָרדאָווער כאליפאט ווערן אלץ שוואַכער. דער כאליפאט הויבט אָן זיך צו ברעקלען. קומען פאר קאמפן צווישן שטאָט און שטאָט. און ווער עס זיגט אויך, ליידן דערביי אידן. זיגט גראנאדא איבער סעוויליען, ליידט די סעווילישע אידישע קהלה. לכתחילה ליידן זיי בלויז מאטעריעל. אָבער אז די אָרטאָדאָקסיע זיגט, ליידן שוין די אידן אויך געוויסנס־פארגוואלדיגונג. און אין 12טן יאָרהונדערט קומען אריבער פון צפון־אפריקע די פארווילדערטע אלמאָהאדן, נעמען איין דרום־ און צענטראל־שפאניען, און שטעלן די אידן אן אולטימאטום: מחמד אָדער גלות. שמד אָדער עמיגראציע. פיל שמד'ן זיך, פיל אנטלויפן קיין אפריקע, פיל ראטעווען זיך אויך קיין צפון־שפאניען, וואו קריסטן האָבן געבילדעט א מאכט; פיל ווערן אויסגעהרג'עט און פארקויפט פאר קנעכט אויף די פארשיידענע מערק און יארידים... מיט פיר הונדערט יאָר צוריק זענען געקומען אראבער פון צפון־אפריקע און האָבן געראטעוועט די אידן פון דער וועסטגאָטישער הערשאפט און ווירטשאפט; איצט זענען געקומען אראבער פון צפון־אפריקע, און אידן ראטעווען זיך צו די וועסטגאָטן פון דער אראבישער הערשאפט און ווירטשאפט.

אָבער די רעטונג איז ניט פיל ווערט געווען. שוין אין עלפטן

יאָרהונדערט, אז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאמפן אינ'ם קאָר־דאָווער כאליפאט, האָבן די קריסטן אין צפון אָנגעהויבן האָפן אויף רעוואנש. אין 12טן יאָרהונדערט פילן זיי זיך גענוג שטארק און זעלבסטשטענדיג, אז זיי זאָלן אָנהויבן פירן א זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק בנוגע זייערע אידן. א פּאָליטיק פון באגרעניצונגען, ער־נידערונגען, פארגוואלדיגונגען. זייער ערפינדעריש זענען זיי אפילו ניט. עס איז אויך דעמאָלט שוין כמעט מער ניט מעגליך צו ער־פינדן נייעס אויף דעם געביט. אָבער גרינדלאך דורכפירן די אלטע באגרעניצונגען געניגט אויך.

אין דרום־שפּאניען, אינ'ם גראנאדער כאליפאט, פון וואנען מ'האָט אין צווייטן פערטל פון דרייצנטן יאָרהונדערט ארויסגע־טריבן די אלמאָהאדן, איז עס אידן ווידער גוט געגאנגען. די אראַ־בער האָבן באנייט זייערע פריינטלאכע באציאונגען צו אידן. און ווידער גייט אָן די אלגעמיינע אנשטרענגונג צו שטארקן די אראַ־ביש־אידישע בירגערלאכע פרייהייט. אָבער אין די קריסטלאכע מלוכות, אין קאָרדאָווא, קאסטיליען און אראגאָניע, גייט עס פון שלעכטן צו ערגערן. פון ערגערן צום אומערטרעגלאכן. די קאטוי־לישע קירך, מיט'ן פּאפּסט בראש, הערן ניט אויף צו זוכן און זיך צו באמיען וועגן צופרידנשטעלן זייער בארימהארציגן גאָט. און דעם בארימהארציגן גאָט זייערן האָט באפרידיגט נאָר איין זאך — זיי האָבן עס געוואוסט אויף זיכער:

א געבראָטענער איד!

אויב דאָס איז נאָך דערווייל ניט מעגלאך אויסצופירן —

א געפּייניגטער איד!

און פּייניגן אידן, זיי פארפינסטערן די טעג מיט די יאָרן, זיי אומזיכער מאכן די לופט אפילו, וואָס זיי אטעמען, ארויסציען דאָס מינדסטע שטיקל בראָד פון אונטער זייערע פיס — דאָס איז געווען די איינציגע אויפגאבע פון דער קאטוילישער קירך בנוגע אונז אינ'ם דרייצענטן און פערצענטן יאָרהונדערט. זי שטעלט־אויף דעם פּרינ־ציפּ, אז „אידן ווערן בלויז געדולדעט אין די קריסטלאכע מלוכות“.

איז נעדרונגנען דערפון, אז מ׳דאַרף דעם אידן האַלטן אָפּגעשיידט פון דער עפנטליכקייט, פון פאָלק, דורך באַזונדערע סימנים אויף די קליידער, דורך באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע קוואַרטאַלן. און קיין צוטרוי טאָר מען צו זיי ניט האָבן. אין קיין פּרט ניט. ניט צו זייער בילדונג, ניט צו זייער קלוגשאַפט. דער קריסט טאָר זיך ניט לאָזן היילן פון א איד. דער איד טאָר זיך ניט לאָזן באַדינען פון א קריסט. דעם אידנס וואָג און מאָס, האַנדל און מלאכה טאָר מען אויך ניט לאָזן עקזיסטירן. עס וואָלט אידןווירקליך אומ־מעגליך געווען צו לעבן אויף דער וועלט, ווען די אַלע אויסגערעכנטע גזרות זאָלן געווען דורכגעפירט ווערן אין לעבן. אָבער אין רוב פאַלן איז דער „גוטער ווילן" פון דער קירך געבליבן אויפ׳ן פּאַפּיר. די מלכים אליין האָבן ניט געקאָנט אויסקומען אָן א אידישן דאָק־טאָר און אָן א אידישן פינאַנץ־מיניסטער. דאָס איז געווען נענוג, אז אידן זאָלן האָבן א מליץ־יושר, א שתדלן און א פּאַרטיידיגער געגן דעם קאַטוילישן, בלוט־דורשטיגן מאָנאַך, דעם שטאָטישן סוחר און בעל־מלאכה, און דעם פאַנאַטישן המון.

אין סוף 13טן און אָנהויב 14טן יאָרהונדערט האַלטן זיך נאָך אידן, ווי מ׳זאָגט, אויפ׳ן וואַסער. קאַסטיליען איז א אידישער צענטער. אידן פאַרנעמען מיניסטאָרן־שטעלעס. אידן פירן פּאָלי־טיק, אָבער אויך אינטריגעס. זיי נוצן אידן מיט דער רעכטער האַנט, און מיט דער לינקער ברענגען זיי שאָדן. אידן זאַמלען אָן גרויסע רייכטימער פון שטייערן־אָטקופּ. וואַקסט קנאה, חשדים, בלבולים קעגן די רייכע און קעגן זייער פאָלק. עס קומען־אויף משומדים־מוסרים, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אזוי פיל גיפט אין אונזערע באַציאונגען מיט די פעלקער, אז ער איז נאָך ביז איצט ניט אויסגעוועפּט. וואַקלט זיך די אידישע לאַגע פון קעניג צו קעניג, פון פּאַפּסט צו פּאַפּסט, און פון פּאַרטיי צו פּאַרטיי. זיי שטעלן אויך זייער וואָילשטאַנד אויף דער קאָרט. קריגן זיך פּאַר־טייען אָדער ברידער פאַר א טראָן, שטעלן זיך אידן אַקטיוו אויף דער זייט פונ׳ם בעסערן. זיגט ער — האָבן זיי געוואונען. פאַר־לירט ער — פאַרלירן אויך זיי. דער קאַמף צווישן די צוויי ברידער,

פעדראָ און הענריק פון קאַסטיליען, פאַר'ן טראָן (1355) האָט גע־קאָסט די אידן צוועלף טויזנט לעבנס פון פ ר י ד ל י כ ע איינ־וואוינער. דערצו א חורבן־פּאָגראָם. און פון דעם קאַמף־אָן, וואו דער אידישער ש ו נ א האָט מנצח געווען, הויבט זיך אָן די ענטגילטיגע ירידה פונ'ם שפּאַנישן אידנטום. הנם אויך ער, דער זינגער, דער אידישער שונא, האָט צוויי אידישע מיניסטאָרן, און איינער פון זיי איז שמואל אברבנאל.

עס גייט אוועק א סדרה באגרענצונגען, רעליגיעזע דיספּוטן — וואו דער איד מוז זיך היטן, ער זאָל חלילה ניט ארויסקומען קיין זינגער... — עס הויבט זיך אָן אן אמת'ער קריגס־צוג קעגן אידן. אין אים באטייליגן זיך דערהויפּט קאַטוילישע גלחים, אין גאָט'ס נאָמען, נאַטירלאַך. חדשים לאַנג האָט מען אָנגעפירט א העצע קעגן אידן. א ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע האָט מען געגרינדעט און שליחים זענען אומגעפּאָרן פון שטאָט צו שטאָט צו אָרגאַניזירן פּאָגראָמען. אין א משך פון דריטהאלבן חדשים האָט די פּאָגראָם־כוואַליע פאַרפלייצט גאַנץ שפּאַניען — געטראָגן פון בעלי־מלאכות, האַפן־ארבעטער און אידישע בעלי־חובות. די „סעווילייער שחיטה" איז באַקאַנט אין דער געשיכטע. דער לאָזונג: ט ו י ט אָ ד ע ר צ ל ם! טויזנטער און טויזנטער נעמען איין דעם טויט. אָבער פיל טויזנטער שטרעקן אויס די האַנט צום צלם אין דער האָפנונג: „ס'וועט זיך איבערדרייען", און ווידער וועלן מיר ווערן אידנגלייך. אָבער דאָס מאָל איז זיי געגאַנגען, ווי ס'גייט דער מענשן־טאָכטער, וואָס זאָגט: „היינט נאָר, איין קורצע שטונדע, וועל איך זינדיגן, נאָכדעם וועל איך ווידער זיין אזוי ערליך ווי געווען"... אָבער דאָס גילט ניט מער...

משומדים־מוסרים ברענגען דערצו, עס זאָל געשאַפן ווערן א באַזונדער אויפזיכט אויף די געטויפטע לפנים, וואָס ברענגט סוף כל סוף צו שאַפן (1420) די אינקוויזיציע ספּעציעל פאַר די מאַ־ראַנען. וואָרים פון אָנהויב פערצעהנטן יאָרהונדערט אָן האָבן שוין די רעגירונג און אפילו די פּריצים מורא צו שיצן אידן נעגן דער גייסטליכקייט. עס ווערן באַנייט אַלע באַגרעניצונגען, וואָס האָבן

ווען עס איז, וואו ס׳איז געגאָלטן פאר אידן. מען באמיט זיך זיי צו פאָלגן און רעאַליזירן. מען נעמט אָפּ בא אידן דאָס גאַנצע פאַר־מעגן זייערס, דאָס מאָל אפילו ערד־אייגנטום און מ׳לאָזט זיי נית עמיגרירן, כדי בא לית־ברירה, מיט׳ן שטריק אויפ׳ן האלז, זאָלן זיי אנערקענען די גרויסע ליבע פונ׳ם גויאישן גאָט. משומדים, ווי יהושע הלורקי, פּאַוועל פון בירגאָס און אַנדערע זענען באהילפיג מיט עצות. אין דער צייט האָבן זיך אויסגע׳שמד׳ט ביז 2 מ אָ ל הונדערט טויזנט נפשות.

דאָס לאַנד ווערט פאראָרימט. די מלוכה־קאַסע — רואינירט. אין האנדל און אינדוסטריע — אבלות׳דיגער שטילשטאַנד. די מלכים זענען אומצופרידן. די פּריצים אויפגערעגט. אָבער דער פּאַפּסט און זיין גאָט שיינען פון פרייד!

ז י י זענען באפרידיגט!

און אז ב א פ ר י ד י ג ט, גייט מען ווייטער אויפ׳ן זעלביגן וועג. קוקט מען זיך אום אויף אַלע זייטן. באמערקט מען, אז די אינקוויזיציע וועט ניט האָבן קיין ערפאָלג כל זמן אידן וועלן לעבן אין לאַנד לעגאַל. וואָרים די לעגאַלע אידן שיצן און שטיצן די ניט־לעגאַלע, די לפנים׳דיגע, די מאַראַנען. דאַרף מען פון די אידן פּטור ווערן. און פאראיינס — אויך שוין פון די רעשטלאַך אַראַבער, מיט זייער גראַנאַדער כאַליפאַט. ריין זאָל ווערן דער פּלאַץ! און זאָלן די הייליגע, געטליכע בליקן פון אויבן ניט גע־שטרויכלט ווערן אָן די זינדיגע, אומגלויביגע אונטן. הויבט מען אָן דעם קאַמף געגן די אַראַבער אין גראַנאַדער כאַליפאַט. און נאָכ־דעם ווי מ׳האָט דאָרט געזיגט, שרייבט דער קעניג פערדינאַנד פון קאַסטיליען אונטער דעם דעקרעט וועגן ארויסטרייבן אידן פון קאַס־טיליען, אַראַגאָניען און סעוויליען. ארויסטרייבן — און קיין שום ווערטזאַכן זאָלן זיי מיט זיך ניט ארויספירן.

אין 1492 קומט דער גירוש. אן ערך פון פּ ו פ צ י ג טויזנט אידן שמד׳ן זיך און בלייבן אין לאַנד. אן ערך פון ד ר י י מ אָ ל ה ו נ ד ע ר ט ט ו י ז נ ט אידן ווערן פארטריבן, אָרימע, באַ־רויבטע און באַ׳גזל׳טע. אין פארשידענע ריכטונגען, אין פארשי־

דענע וועלט־טיילן שפרייטן זיי זיך פאנאנדער. די גרויסע צאָל זייערע ווענדט זיך קיין פּאָרטוגאַל (100,000) און טערקיי (60,000). אין דער טערקיי הויבט זיך פאר די אידן אָן א ניי לעבן. דאָס אייגענע אויך אין האָלאנד. אָבער פון פּאָרטוגאַל האָט מען אויך אין גיכן די אידן ארויסגעטריבן.

אזוי האָט זיך אויסגעלאָזט די פופצן הונדערט־יעריגע אידישע געשיכטע אינ׳ם בעסטן פון אלע לענדער.

פיל אומשעצבארע גיטער האָבן די ארויסגעטריבענע איבער־געלאָזט נאָך זיך: פעלדער און וויינגערטנער אין דאָרף. הייזער און פּאַלאצן אין דער שטאָט. די צירונג פון פאָלק — אויף די בית־עלמינ׳ס. די נאָענטסטע פריינד — אין די קאזעמאטן פון דער אינקוויזיציע און זייערע גע׳שמד׳טע ברידער — אין זייערע פארבאָרגענע, אונטערערדישע היילן. איז אָבער דאָס אלץ, מיט דער צייט, מיט דורות, פארשוואונדן פון זכרון.

אָבער נאָך איינס האָבן אידן איבערגעלאָזט בא די טויערן פונ׳ם שיינעם, נאָר בלוט־געפלעקטן שפּאַניען:

איידער זיי האָבן דעם לעצטן שפּאַנישן שטויב אָפּגעווישט פון זייערע פיס, האָבן די ארויסגעטריבענע, מיט ספר־תורה׳ס אין די הענט, פייערליך געשוואָרן —

— קיינמאָל מער זיך ניט אומקערן אין דעם דאָזיגן בלוטיגן לאנד אריין!

און די דאָזיגע שבועה געדענקען אידן ביז׳ן היינטיגן טאָג!

רבי יהודא הלוי

רבי יהודה הלוי — דער גרעסטער און נאציאָנאל־סטער אידישער דיכטער, איז אויסגעוואקסן אין דער גאָלדענער אידיש־אַראַבישער תקופה אין שפּאַניען. ער איז אויך דער זעלבסט־שטענדיגסטער אידישער דענקער און פילאָזאָף פון יענער בליאונגס־צייט. ער איז אָבער פאר אונז ניט בלויז א גרויסע היסטאָרישע ערינערונג, נאָר א לעבעדיגער פאקט איז ער אונז אויך איצט. די אַן ערך אכט הונדערט יאָר, וואָס ליגן צווישן זיין צייט און אונזערער, האָבן אים ניט בלויז ניט דערווייטערט פון אונז, נאָר האָבן אים פעסט איינגעוואָרצלט אין נאציאָנאלן באַוואוסטזיין פון אידישן פאָלק. נאציאָנאלע ליידן און נאציאָנאלע האָפנונגען האָט ער אין זיינע גרויסע דיכטונגען אויסגעדריקט. און אין ליידן און אין האָפנונגען האָט אים דאָס פאָלק געדענקט. הונ־דערטער יאָרן לעבט ער בלויז אין די קינות, וואָס אידן קלאָגן יעדן תשעה באב אויפ'ן חורבן פון פאָלק ישראל און אויפ'ן חורבן פון ארץ ישראל. און מיט'ן וואוקס פון אונזער היסטאָריש־נאציאָנאלן באוואוסטזיין, מיט'ן וואוקס פון אונזער שטרעבן צו נאציאָנאלער זעלבסטשטענדיקייט אויף נאציאָנאַלן באָדן — שטייט דער גרוי־סער גייסט פון רבי יהודה הלוי לעבעדיג פאר אונז, און זיין גייסט באַנייט, דערפרישט און באפליגלט אונזער, אים ווייטן דור, ווי קיי־נער פון אונזערע נאָענטע דורות.

געבוירן איז ער אין טאָלעדאָ, צפון־שפּאַניען, אין יאָר 1080 אָדער 1086. לערנט ער דאָרט תלמוד אין דער ישיבה פון דעם בארימטן גאון יצחק אלפסי. און אז ער האָט אין די תלמודישע למודים דערגרייכט א הויכע מדרגה, שיקט אים דער פאָטער זיינער קיין קאָרדאָווא. דאָרט איז עס דער צענטער פון דער דעמאָלטיגער קולטור. דאָרט שטודירט ער וועלטליך וויסן און ווערט א פילזייטיג געבילדעטער און הויך־אנטוויקלטער מענש. ער איז א תלמודיסט,

א מעדיקער, אן אסטראָנאָם, א שפּראַך־פאָרשער, א פילאָזאָף און דער עיקר — א דיכטער.

איך זאָג „דער עיקר" — ווייל שוין צו דרייצן יאָר שרייבט ער לידער, וואָס רופן ארויס באוואונדערונג בא אזוינע בארימטע פּאָעטן ווי משה אבן־עזרא איז דאן שוין געווען. „פון קאסטיליען, שרייבט אבן־עזרא, גייט־אויף א ליכט, וואָס וועט די גאנצע וועלט בא־לייכטן". און ער האָט קיין טעות ניט געהאט.

נאָכ'ן ענדיגן זיין העכערן שטודיום קערט ער זיך אום צוריק קיין טאָלעדאָ. דאָ פארנעמט ער זיך מיט מעדיצינישער פּראקטיק, מיט ליטעראטור און מיט לעבן. ווארים אויך פון לעבן געניסט ער אינאיינעם מיט יונגעלייט זיין גלייכן, פון ניט־אידישער אָפּשטאמונג. און א שטארקן זכר פון דעם לעבן זיינעם האָט ער פאראייביגט אין זיין ליטעראטור. איר האָט דאָרט לידער, וואו ער באזינגט די נא־טור, די ליבע, פרויען און אויך לויב־און טרויער־לידער וועגן פאר־שיידענע פּריינט. פון שיר־השירים אָן האָט די אידישע שירה ניט געקענט אזוינע ליבע־לידער, ווי זיי געפינען זיך בא רבי יהודה הלוי, אָבער פון תהלים־אָן געפינט איר ניט אין אונזער ליטעראטור קיין לידער וואָס זאָלן זיין אזוי טיף דורכגעדרונגען מיט ליבע צו גאָט און צו אידן ווי בא רבי יהודה הלוי. און פאר אלץ האָט ער אזוינע בולט'ע ווערטער, אזוינע פּלאַסטישע אויסדרוקן, בליציגע פארגלייכונגען און מייסטערהאפטע שילדערונגס־קראפט. ער איז בטבע א ראָמאנטיקער, אן אידעאליסט. און א ליריקער לויט זיין טאלענט. און א געזונטער, נאָרמאלער טאלענט איז ער. זוכט ער הארמאָניע אין דער וועלט, אין דער געשיכטע, אינ'ם מענשלאכן דענקען. און אין צענטער פון דער וועלט, ווי אין צענטער פון דער געשיכטע, שטייט אים דאָס אידישע פאָלק. שוין אין זיינע ל י ב ע־לידער קלינגט א טרויעריגער נאציאָנאַלער טאָן. און מיט דער צייט ווערט אָט דער טאָן דער ג ר ו נ ט־טאָן פון זיין גאנצער דיכטונג. אפילו זיין גליקליכע היים שאפט א שווארץ־טרויער קלייד פאר זיין מוזע. ער זעט־צו די שטענדיגע קאמפן צווישן די קריסטן און מאכ־מעדאנער, די שטענדיגע רייסערייען צווישן די פארשידענע סעקטן

א י ן קריסטנטום, ווי אין מאכמעדאנענטום, און ווי יעדער קאמף טרעפט דעם אידן — און ער קומט צו דער איבערצייגונג, אז „ניטאָ קיין האפן ניט אין מערב, ניט אין מזרח, וואו מיר וואָלטן קאָנען רו געפינען. וועט מחמד מנצח זיין, אָדער אדום וועט געווינען די אויבערהאנט — מיין גורל איז איינער — ליידן". די ליידן ווערן אים געלינדערט נאָך דורכ'ן געפיל, אז „גאָט, דער קוואל פון ליכט און לעבן און גליק, געפינט זיך ניט א ו י ס ע ר אונז, נאָר אין אונז". דאָס דאָזיגע געפיל ברענגט אים צום העכסטן רעליגיעזן עקסטאז. זיין לעבן ווערט פארוועבט אין לעבן פון פאָלק. זיינע האָפנונגען, מיט די האָפנונגען פון פאָלק, און זיין טרייסט מיט דעם טרייסט פון פאָלק. די אמונה אין משיח'ן איז בא אים דער טייטש: אז אידן וועלן זיך אומקערן קיין ארץ־ישראל. און „ירושלים וועט ווירקליך געבויט ווערן, ווען אידן וועלן בענקען דערצו מיט דער העכסטער בענקשאפט, אזוי, אז אפילו אירע שטיינער און איר באָדן וועט זיי ליב זיין". און דאָס מ ו ז געשען און דאָס ו ו ע ט געשען — ניט קוקנדיג דערויף ווי לאנג און אין וואָסערע באדינגונגען אידן וועלן לעבן צווישן די פעלקער. „וואָרים דאָס אידישע פאָלק אין גלות איז דאָס אייגענע, וואָס דאָס תבואה־קערנדל אין דר'ערד. עס דוכט זיך, אז עס איז פארפוילט, צעפאלן יעדער עלעמענט אין אים באזונדער און זיך אויסגעמישט מיט די עלעמענטן וואָס ארום אים. אָבער אין אמת'ן פארמאָגט דאָס תבואה־קערנדל דעם כח איבערצואנדערשן די עלעמענטן, וואָס ער קומט אין בארירונג מיט זיי און זיי פאראיידלען און אויפהויבן צו ז י י ן מדרגה". דערפאר זענען אידן אייביג, ווי דער הימל און די ערד איז אייביג. אָבער די אייביקייט באקומט זין און מאכט, אויב זי ווערט געשטיצט אויף ארץ־ישראל. ארץ־ישראל איז אים דער צענטער פון אידישן לעבן און אידישן שאפן — און דאָס איז זי אויך פאר אים פערזענלאך. ארץ־ישראל איז אים דער צענטער פון דער וועלט. דער איינציגער פונקט, וואו די געטלאָכקייט האָט זיך אם העלסטן אנטפלעקט, וואו מענשן האָבן דערגרייכט די הויכע מדרגה פון נבואה. און אויך ער אליין דערגרייכט דעם

העכסטן פּאָעטישן פלוג זיינעם אין זיינע לידער וועגן ארץ־ישראל. זיין בענקען אהין איז טיף ווי דער תהום, הויך ווי די הימלען. א פּאָר מוסטערן:

ער זינגט (איבערזעצט פון ביאליק):

בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע,
בענקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, א ליבן גרוס באקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און ווייטע!
אין הארצן דורות־לאנג געוואָרימט, טראָגט אים
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדברות,
צו דיר אין שוים איין עלנד קינד דיינס, איינער
פון די וואָס זאפּן אָן, ווי טוי דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרערן
און שטאַרבן אין דער פרעמד פאַרליבטע און פאַרבענקטע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וואו נעמט מען פליגל? ! שטיקערווייז וואָלט איך מיין הארץ
ווייט, ווייט צווישן דיינע בערג פאַרטראָגן,
כ'וואָלט צוגעפאלן צו דיין ערד, כ'וואָלט אויסגעקושט
איר יעדן פוסטריט, יעדער שטיינדעלע באזונדער,
און אומגעוואנדערט וואָלט איך טאָג און נאכט
א נאקעטער, א באָרוויסער אויף דיינע חורבות,
כ'וואָלט מיט מיין שטעקן אויסגעמאָסטן אלע קברים,
מיט דיין נשמה־לופט זיך אָנגעאטעמט,
זיך איינגעוויקלט אין דיין זיסן שטויב,
און ביז צום בלינד־ווערן באוויינט דיין חורבן, ציון...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

כ'וויל זען, אַ, גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס ד א ר ף, וואָס מ ו ז אמאָל נאָך העל און ליכטיג

זיך אָנצינדן אויף ציון׳ס בלויען הימל,
באַנייען און באַפרישן זי מיט יוגנט...
גענוג. איין זיסן חלום לאָז מיך זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

דאָס שטענדיגע בענקען מאכט אים ענג דאָס לעבן אין טאָ־לעדאָ. ער ציט ארויס פון דאָרט און באזעצט זיך אין קאָרדאָוואַ — דער צענטער פון גרויסע אידישע געלערנטע. אָבער אויך דאָ בארואיגט ער זיך ניט. די הייסע ליבע און גלויבן אין גאָט, די טיפסטע איבערגעבנקייט צום אידישן פאָלק, רייסן ארויס פון זיין ברוסט אומשטערבלאַכע נאציאָנאַל־רעליגיעזע טענער. די אידישע פארגאנגנהייט איז אים דאָס גרעסטע וועלט־וואונדער. די אידישע געשיכטע, תורה — אלס פרוכט פון דער געשיכטע — שפּראַך, ארץ־ישראל, גלויבן, דאָס אַלץ איז אים איין גוס. דאָס אַלץ זענען די באשטאנד־טיילן פון זיין נאציאָנאַלער נשמה — ווייל דער מהות פון דער פאָלקס־נשמה, פון גאנצן אידנטום, די תורה און די נבואה — דאָס איז דאָס העכסטע, וואָס לעבנדיג אין זייער גייסט, קאָן אַ אידן גליקלאַך מאכן. אָבער דער נ י ט ־ איד קאָן אויף ז י י ן שטייגער גליקלאַך זיין. פאַר דעם נ י ט ־ אידן איז די עכטע פילאָזאָפיע אַ גליק — זי ברענגט אים צו דערקענען די געטלאַכע האַנט און די געטלאַכע פארנונפט אין דער וועלט. אָבער דער איד דאַרף ניט דאָס אַלץ דערגרייכן ערשט דורך דער פילאָזאָפיע. ער דערגרייכט דאָס אַלץ דורך דער אמונה, דורך דער תורה, דורכ׳ן שטיין ביים בארג סיני, דורך דער נבואה — די העכ־סטע מדרגה פון דערקענען איבערמענשליכעס, צו וועלכער מענשן זענען מסוגל. אָבער די נבואה איז מעגלאַך געווען בלויז בא א י ד ן — וואָס באשטייען פונ׳ם געטלאַכן אויסוואַל, וואָס ער האָט געוויילט די בעסטע פון דער מענשהייט, די בעסטע פון דור און דור, פון משפחה. און זי איז מעגלאַך געווען בלויז אין ארץ־ישראל — דער צענטער פונ׳ם מענשלאַכן ישוב, דער באָדן פון אַלע מענשלאַכע רעליגיאָנען. און זי איז מעגלאַך בלויז אין

ה ע ב ר ע א י ש — די שפראך, אין וועלכער גאָט האָט גערעדט מיט אָדם־הראשון און וועלכע האָט איר אייגנארטיגע גראמאטיק און אירע אייגענע שפראך־פאָרמען. דערפאר האלט ער עס פאר אן עולה פון די העברעאישע פאָעטן אין זיין צייט, וואָס באנוצן די אראבישע דיכטונגס־פאָרמען אנשטאט צו באנוצן די העברעאישע.

אָבער דאָס אלץ גייט שוין אריבער ווייט איבער די גרעניצן פון בלויזער ריכטונג. די דאָזיגע אָנגערירטע פראגן ווידמעט ער זיין לעבנס־ווערק, געשריבן אין אראביש און פון אנדערע איבער־געזעצט נאָכדעם אין העברעאיש. דאָס דאָזיגע ווערק הייסט „הכוזרי“, אָדער ווי אידן רופן דאָס „דער כוזרי“.

דאָס באקאנטע פראָבלעם וועגן פאראייניגן די תורה מיט דער חכמה, דעם גלויבן מיט דער פילאָזאָפיע, די אמונה מיט דער השכלה און ד. ג., וואָס האָט באשעפטיגט אזוי פיל גרויסע אידישע פילאָ־זאָפן פאר אים און נאָך אים, האלט ער פאר נאריש. פונקט ווי איינער וואָלט עס זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו פאראייניגן הימל און ערד, פייער און וואסער. ער אונטערשטרייכט דעם טיפן חילוק צווישן פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע, צווישן דענקען און פילן, איבערטראכטן און איבערלעבן, געדאנק און געמיט. און איבער־צייגט איז ער, אז זיי לאָזן זיך ניט פאראייניגן. און ווייל דער קוואל פון ריינעם גלויבן איז אין הארצן, ניט אין מוח, אין געפיל און ניט אין שכל, אין געמיט און ניט אין געדאנק, און ווייל דער קוואל פון פילאָזאָפיע איז אין מח, ניט אין הארצען; אין שכל, ניט אין געפיל; אין געדאנק, ניט אין געמיט, דערפאר לאָזן זיי זיך קיינמאָל ניט פארבינדן. און דערפאר זענען אומגערעכט די ניט־אידישע פילאָזאָפן און די אידישע פילאָזאָפן, וואָס גייען זיי נאָך, וועלכע מיינען, אז בלויז דער פילאָזאָף קאָן דערגרייכן צום אמת'ן גלויבן און אויפפאסן דעם גאָט־באגריף. פילאָזאָפיע און אמונה שטיצן ניט איינע די אנדערע, נאָר שוואכן־אָפּ איינע די אנדערע. און קיינמאָל האָט פאר אים ניט עקזיסטירט די פראַ־גע — וועמען קומט די בכורה: דעם שכל צי דעם געפיל? ווארים אים איז שטענדיג קלאָר געווען, אז דאָס געפיל טראָגט אין זיך

דעם מענשנס גליק, זעטיגט דעם מענשנס הונגער נאָך גייסטיגער רו. דער גלויבן נערט און זעטיגט דעם געפיל. „די פילאָזאָפיע פארמאָגט אָבער בלויז בליעכץ, אָבער ניט קיין פירות“. מיט וואָס־זשע קאָן זי דען זעטיגן דעם מענשן?

און ניט בלויז דער גאָט־באַגריף. אפילו באפעלן פון דער פארנונפט, פונ׳ם שכל האָבן מער קראפט און ווירקונג, אויב זיי זענען דורכגעוואָרימט מיט׳ן „באוואוסטזיין פון געפיל“—ס׳הייסט: ווען דאָס הארץ אנערקענט זיי. צי ווערט דען א מענש געשטארקט אין זיין גלויבן דורך פילאָזאָפישן פלפול? ברענגט דען די פילאָזאָפיע ארויס נ י י ע באווייזן פאר׳ן גלויבן, וואָס דאָס גלויבן אליין האָט ניט? די אלע פילאָזאָפישע ריידערייען און חקירות וועגן גלויבן דערמאנען אים נאָר „יענע מענשן, וואָס שרייבן גאנצע ביכער וועגן דער ט ע אָ ר י ע פון שירים שרייבן און פון פּאָעטישן שאפן. די ביכער שרייבן זיי מיט גרויס פּאטאָס, אין הויכע טענער און מיט זייער געניטער קענטשאפט. נאָר קיין פּאָעזיע איז דאָס ניט. אָבער דער אמת׳ער פּאָעט אינטערעסירט זיך ניט מיט קיין טעאָריעס. ער שאפט פון פולן הארצן ארויס, ווי זיין זשעני דיקטירט אים“. און דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט אין זיין געשיכטע איבערגעלעבט די געטליכע ענטפּלעקונג — ער האָט ניט נויטיג די פילאָזאָפישע חקירה כדי צו באגרייפן די געטליכקייט. ניט ל אָ ג י ש, נאָר פּסיכאָלאָגיש באגרייפט ער גאָט און זיינע אייגנשאפטן — צושטאנדן פון דער געטליכער אקטיוויטעט אין דער וועלט. און דערביי איז קיין חילוק ניט צווישן שכל און שכל, נשמה און נשמה. יעדער קאָן באגרייפן די העכסטע אמת׳ן לויט זיינע כחות. און יעדן שטייט־פאָר אומשטערבליכקייט. וואָרים וואו איז דען די מאָס, לויט וועלכער מ׳זאָל קאָנען באשטימען וויפיל וויסן א מענש האָט נויטיג כדי צו זיין אומשטערבליך?

פון דער זיכערסטער קוועלע האָט דער איד געשעפּט דאָס געניטע וויסן וואָס ער האָט צו טאָן, ווי זיך אויפצופירן, כדי גליקליך צו זיין, כדי אומשטערבליך צו זיין. און דאָס ווערט ערוואָרבן ניט דוקא דורך תעניתים און פּייניגונגען, נאָר אויך דורך עסן און

טרינקען און ניט־איבערטריבענעם פארגעניגן. לעבט ער אזוי, פירט ער זיך אויף אזוי, איז אויך אין גלות זיין עקזיסטענץ געזיכערט. ווארים ווי דאָס הארץ צווישן די אנדערע גלידער, אזוי איז דאָס אידישע פאָלק צווישן די איבריגע פעלקער. עס איז לייכטער מסוגל קראנק צו ווערן, אָבער מיט זיין נאטירליכער קראפט שטויסט עס אָפּ פון זיך אלץ וואָס אים איז געפערליך. ווי דאָס הארץ פילט און ליידט די קראנקהייטן פון אלע אנדערע גלידער, אזוי ליידט אויך דאָס אידישע פאָלק פון די אנדערע פעלקער, אויב עס וויל זיך גלייכן מיט זיי...

אָבער אויך דאָס פילאָזאָפירן באפרידיגט אים ניט. און אויך אין קאָרדאָווע ווערט אים ענג. קיין ארץ־ישראל בענקט ער. „מיין הארץ איז אין מזרח און איך בין אין סוף מערב“ — ווי־זשע קאָן מיר דאָס לעבן איינגיין? אן ערך זעכציג יאָר אלט באשליסט ער אריבערצופאָרן קיין ארץ־ישראל. קרוב צו 1141 פירט ער אויס זיין באשלוס. ער פארלאָזט זיין איינציגע טאָכטער מיט איר קינד, פארלאָזט זיינע פריינד און פארערער און לאָזט זיך אין וועג אריין. זיין רייזע דורך שפּאניען איז אן אמת'ע קעניגליכע טראיומף־רייזע. די גרעסטע ווי די קלענסטע אידישע קהלות, די פאָרשטייער ווי דאָס פאָלק מאכן אים א גרויסן קבלת־פּנים. און אויפ'ן שיף שוין צופלאקערט זיך ערשט רעכט זיין אומגעדולדיג בענקען צום לאנד פון די אידישע האָפנונגען. זיינע ים־לידער זענען קלאסיש ביז אויפ'ן היינטיגן טאָג. אין אידישער איבערזעצונג פארמאָגן מיר, לידער, זייער ווייניג פון זיי. א קורצער ביישפּיל בלויז:

כ'האָב פארגעסן אלע ליבסטע,
כ'האָב פארלאָזט מיין אייגן הויז;
כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן:
טראָג מיך, ים, צום מוטער'ס שויס.

— — — — — — — — — — — —

אָנגע'ברוגז'ט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —

פלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים
כוואַליעס-לייבן, כוואַליעס-שלאַנגען,
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום.

-אָט האָט זיך אַ מאָל געעפנט,
אָט שטייט-אויף אַ הויכער בארג —
פלאַטער, זעגל! בויג זיך, מאַסט-בוים!
דו, מיין הארץ, בלייבסט פעסט און שטארק.

האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל, מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד.

— — — — — — — — — — — —

ווי שאָף צעשפּרייט, די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגן זיך אין לייכטן דרימל.
עס ציטערן אין ים די שטערן —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימל?

צוויי ים'ען שלאָפן דאָ צוזאמען
צונויפגעלייגט, ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אינמיטן שלאָפט ניט:
מיין הארץ מיט זיינע נייע לידער.

(איבערז. ביאליק).

און אזוי זינגענדיג און בענקענדיג איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל. און די לעגענדע דערציילט: שטעלנדיג אַ פוס אויף

דעם הייליגן באָדן, וועלכן ער האָט אזוי געגאַרט צו זען, איז ער אריינגעקומען אין אַזאַ עקסטאַז, אז ער האָט צעריסן זיינע קליי־דער, אויף די קני איז ער געקראָכן איבער די שטיינער און געקלאָגט זיין אומשטערבליך קלאָג־ליד:

בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער־ציון?

א סאַראַצענער איז גראָד פאַרביי־געפאָרן רייטנדיג און געזען ווי א איד גייט־אויס פון ליבע צו זיין הייליג לאַנד, און מיט די פיס פון זיין פערד האָט ער אים צעטראָטן. רבי יהודה הלוי איז געבליבן טויט אויפ'ן אָרט.

און קיין מענש ווייסט ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען ביז אויפ'ן היינטיגן טאָג!

S. Rosenfeld
Jewish History
Part I